EREV

Eli Shechtman

•



NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-10498-1

D:\YIDDISH\TITLES\9780657104986T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.



MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center



The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

עלי שעכטמאַן / ערב

אַרויסגעגעבן
דורך דער א. בערניקער־פונדאַציע
פאַר יידישער ליטעראַטור

עלי שעכטמאַן

ערב

ראָמאַן

פינפטער און זעקסטער בוך

פאַרלאַג י.ל. פרץ ישראל
תל־אביב, תשל״ט — 1979

Eli Schechtman / E R E V

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv

י. ל. פרץ־פארלאג
רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

Printed in Israel, 1979
נדפס בישראל, תשל״ט

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א



פינפטער בוך

א

און הגם אונטערוועגנס האָבן זיי זיך דערוווּסט, די באָיאַרס, אַז שוין אויך דאָרטן וווּהין זיי פאָרן, ווו זיי ווילן אַ מקום־מיקלט געפינען, איז אַ שחיטה און אַ גרויסע געוועז, — דרײַ באַטקאַ־אַטאַמאַנען מיט אַ מאָל, דרײַ פרײַע זין פון דער פעט־ערדיקער, פון דער מוטער אוקראַיִנע, די נײַע קאָזאַקן־הײַדאַמאַקעס וואָלינעץ, סטרוק און זיראַ־זירקאָ האָבן פון די טיף האַרבסטיקע וועלדער, פון אַלע פיר זײַטן, מיט אַ ווילדן געפײַף און פײַער, אין מיטן דער נאַכט, אויף די אויסגעפּאַשעטע שוואַרצע פערד, אין שטעטל זיך אַרײַנגעריסן, געצונדן און געקוילעט, פאַרגוואַלדיקט מאַמעס און טעכטער, פאַרשוועכט אין די בתי־מדרשים הייליקייטן און צו פאַר טאָג צו, בײַם שטאַרק־ווינטיקן זונאויפגאַנג, געוואָרפן זקנים פונעם בריק אין טײַך אַרײַן, — דאָך האָבן די באָיאַרס ניט פאַרהאַלטן און ניט אָפּגעשטעלט זיך, געלאָפן ווײַטער מיט ווײַב און קינד פון זייערע אײַנגעזעסענע ערטער, ווײַל מ׳איז שוין בײַ זיך אין שטוב מיטן לעבן ניט זיכער; די היימישע פויערים, די שכנים, האָבן גענומען אָנפאַלן און הרגענען די דאָרפסייִדן, — אָקסן־הענדלערס און סטאָליאַרעס, מוכר־תּבואהניקעס און קאָוואַליעס, מילנערס און שאָרניקעס, טעפּערס און סטעלמאַכערס. — דערצו נאָך ליגן אויף די הינטערשטע צוויי פורן די הרוגים, וואָס דאַרפן צו קבר־ישׂראל געבראַכט ווערן. די רעדער זינקען ביז די קלעצלעך און די פערד שלאָגן זיך פון די כּוחות אַרויס, פון די אויגן רינען זיי טרערן און שלעפּן קוים די פיס פון דער געדיכטער בלאָטע... ווילן זיי, די באָיאַרס, אין איין אָרט זיך צונויפפאָרן און אַלע אין איינעם דאָרטן קעגן די רוצחים און בלוט־פאַרגיסערס אַרויסגיין, ווײַל דאָ, אין זייערע דערפער, ווו פון אונטער יעדער סטריכע קוקט אויף דײַן האָב־און־גוטס און אויף דײַן לעבן אַ ניט־גוטער, אַ ניט־פאַרגינעריש, אַ פאַראַט־קינאַהדיק בלוי אויג אַרויס, און ס׳צלמט זיך דאָרטן אַ געדיכט־באַוואַקסענער,

אַ ווײַס־האָריקער, אַ האַרטבערדיקער מלאך־המוות. — דאָ, צעשאָטענע איבער די דערפער און כוטערס, וועט מען אַליין ניט קאָנען בײַשטיין.

און אויפן וואָגן לעם די הרוגים זיצט סטיסיע מיט איר דערהרגעטן קינד — מ׳האָט עס פאַר די פיסלעך אָנגענומען, צעהוידעט און מיטן קעפּל אין וואַנט אַרײַן געשלאָגן. סטיסיע האַלט דאָס טויטע זעקס־יאָריקע קינד אויף די הענט, און אינעם ווײַסן לײַוונטענעם פאַרטעך פאַרוויקלט ליגן די צונויפגעקליבענע שוואַרץ־פאַרקוילטע ביינער פון איר מאַן, וואָס האָט זיך מיט אַ בענקל אין האַנט אויף די גזלנים געוואָרפן און מ׳האָט אים אַ מעסער אין רוקן אַרײַנגעשטאָכן... זי האָט דעם מאַן אירן, נחומקען, פון דער מומע ליבעס ברענענדיקער שטוב ניט געקאָנט אַרויסטראָגן און ער איז אין פלאַם־פײַער פאַרברענט געוואָרן.

און לעם איר, לעם סטיסיען, זיצט אויך דניאלקע דער מומע ליבעס — אַ געל־שווײַגנדיקער, די אויגן צוגעמאַכט, די קינבאַקן צוקן און די ליפּן פאַרקלעמט. — טאָקע צוליב אים האָט זי, סטיסיע, דעם גוססדיקן מאַן אויפן גליטשיק־ליימיקן פּאָל אין בלוט ליגן איבערגעלאָזט, און אים, דניאלקען, און דאָס טויטע קינד אירס אויף די הענט גענומען און דורכן קעלער פון פײַער אין דער נאַכט אַרויס.

טאָקע נאָר על־פּי נס האָט סטיסיע דניאלקעס לעבן געראַטעוועט. דאָס איז פאָרגעקומען ממש אין געציילטע רגעס בעת דער אַטאַמאַן האָט דעם זעקס־יאָריקן קינד, סטיסיעס יינגל, דעם רעוואָלווער אין הענטל אַרײַנגעלייגט, דעם קינדס הענטל מיטן רעוואָלווער אויף דער מאַמען, אויף סטיסיען, אָנגעשטעלט און דעם קינד געזאָגט און געלערנט:

— אָט דאָ, אויפן צינגל, אָט דאָ קוועטש אָן... הרגע זי, די מאַמע דײַנע, די זשידאָווקע... וועסטו זי הרגענען, וועסטו בלײַבן לעבן. וועל איך דיך צו זיך צונעמען און דו וועסט בײַ מיר אַ גוטער קריסט אויסוואַקסן... נו!

דאָ האָט די מומע ליבע מיט איר גוף סטיסיען פאַרשטעלט און צום אַטאַמאַן, צו אַנגעלן, צו דעם פרומען גוי מיט דער ברייטער האַרטער באָרד, שטיל און אַפילו רויִק, מיט איר טרויעריקן שמייכל, אָבער מיט אַ הייסער שׂינאה אין די אויגן, און מיט עפּעס אַ מין רחמנות אין קול געזאָגט:

— זאָל דאָס קינד שיסן אין מיר און ניט אין דער מאַמען... זאָל אַזאַ

שרעקלעך פֿאַרברעכן זיך ניט לייגן אויפֿן קינדס נשמה... ביי אים וועט זיין אַ פֿאַרשאָלטן לעבן! ווי איז צו איין, קריסטן, אַ בראָך צו איינער גאָט יעזוסן, וואָס כּדי צו זיין אַ „גוטער קריסט״ דאַרף אַ קינד טייטן זיין מוטער. איינער גלויבן איז אַ בלוטיקער און אַ מערדערישער.

האָט דער אַטאַמאַן אַנגעל דאָס קינד צו איינעם פֿון זיינע לייט אַ וואָרף געטאָן, די מומע ליבע פֿאַר די האָר פֿון שטוב אַרויסגעשלעפּט, אין זיין בריטשקע זי אַריינגעוואָרפֿן, געהייסן די שטוב פֿון אַלע פֿיר זייטן אונטער־צינדן, די טירן און פֿענצטער פֿאַרקלאַפּן, קיין לעבעדיקער זאָל פֿון דאָרטן ניט אַרויס, און אין דער נאַכט, און אין די וועלדער אַוועקגעיאָגט.

וווּהין די מומע ליבע, די טרייסטערין אין דער משפּחה, די שיינע און די שטאָלצע, מיטן גוטן טרויעריקן שמייכל אויפֿן עקשנותדיקן פּנים, מיטן שטענ־דיקן, אַפֿילו אין די שווערסטע שעהען, לעבנסדאָרשטיקן צאַפּל אין די קאַרע אויגן, נאָך אָן אַ סימן פֿון גרויקייט אין דעם געדיכטן גלאַנציק־שוואַרצן קאָפּ האָר, וווּהין זי, מיטן קלוגן וואָרט און ווערטל, אַזאַ הויכע סאָסנע — אַ פֿרייד געווען אויף איר צו קוקן, וווּהין מ׳האָט זי, די מומע ליבע, פֿאַרפֿירט און וואָס ס׳איז מיט איר דאָרט געשען, האָט קיינער פֿון די באַיאַרס קלאָר און אויף זיכער ניט געוווּסט. די דריי קאַוואַליעס, מאַטעס מיט זיינע צוויי זין, אויף די פֿערד, מיט די אייזערנע שטעקנס אין האַנט, האָבן אויף מאָרגן איבער אַלע נאָענטע און ווייטע וועגן — די סכּנה פֿאַרן לעבן איז גרויס געווען — איבער פֿעלד און וואַלד געזוכט און געפֿרעגט... נאָר איין פֿויערל, אַ פּאַסטעך ביים שייטער אין טאָל, האָט מיט האַלבע ווערטער געשטאַמלט:

— אַ זשידאָווקע?.. ווי לייט רעדן, האָט מען זי לעבעדיקערהייט אין וואַלד באַגראָבן...

— ווו? אין וועלכן אָרט? אין וועלכער זייט?

— ליודי נע קאַזאַלי... צע נע האָוואַרילי...*

און עפּעס מערער פֿונעם באַרוועסן פֿויערל, דעם פּאַסטעכל אין דער גרויער סוויטקע מיטן שטריקל אַרומגעבונדן, האָט מען זיך ניט געקאָנט דערוויסן. זענען די דריי באַיאַרס דעם גאַנצן טאָג איבער די סוף־האַרבסטיקע,

---

* מענטשן האָבן ניט גערעדט, דאָס האָט מען ניט געזאָגט.

ערב־ווינטערדיקע פּאַלעסיער וועלדער אַרומגעפּאַרן, נאָר דער מומע ליבעס קבר דאָרטן אין ערגעץ ניט געפונען.

קאָנען זיי נאָך אַלץ בשום־אופן ניט פאַרשטיין, די באַיאַרס, הייבן די אַקסלען און פרעגן איינער בײַם אַנדערן: וואָס הייסט עס? אַזוי פיל יאָרן ווי מ׳לעבט אין איינעם, מ׳קאָוועט פאַר זיי וועגענער און מ׳שמידט פאַר זיי אַקער־אײַזנס, מ׳נייט פאַר זייערע פערד כאָמוטן און שלייעס, מ׳בייגט אויס פאַר זיי רעדער און מ׳דרייט פאַר זיי שטריק. וואָס פאַר אַ שד איז פּלוצלינג אין זיי, אין די פּויערים, אַרײַן? אַזעלכע שטילע גוייִם געווען, צו זיך אויף „וועסיליעס" פאַרבעטן, דעם „באָך נאַ פּאָמאָשטש" אַנטקעגן געטראָגן; אין די ווינטערס אויף די לעזשאַנקעס געלעגן און ווי די בערן געדרעמלט. אין די זונטיקס, אומקערנדיק זיך פון קלויסטער, מיט סאַמאַהאָן זיך אָנגעטרונקען, אַ געזאַנג געפּעוועט, מיט די רימענע ווישקעס דאָס ווײַב געצלמט, דערנאָך צוריק אויפן אויוון זיך פאַרקליבן און דאָרטן אין דער וואַרעמקייט די ליולקע מיטן שטאַרקן סאַמאָסאַד תּמעוואַטע געזויגן.

די פּויערטעס האָבן גאַנצענע טעג אויף די קאַלאַוואַראָטקעס און ווערע־טענעס דעם לײַן און דעם קאָנאָפּליע־פּלאַקס, און די ניט־דערוואַשענע, געלב־לעכע וואָל געשפּינט. דרײַ מאָל אין טאָג די קי געמאָלקן, בײַ טאָג געפירט צו די קרענעצעס די פערד פּויען. און אַז ס׳האָט אַ שיינער טאָג אויף שטילע שנייען געטראָפן, האָט מען דאָס פּי פון די שטאַלן אין קושאַרעס אַרויס־געטריבן:

— זאָלן גאָטס באַשעפענישן די זײַטן זיך דערוואַרעמען.

אין די חגא־טעג האָט מען פון די קאָסטנס די ספּאָדניצעס אַרויסגענומען, די שטײַף־קראָכמאַליעטע העמדער אָנגעטאָן, די גאָמבעס מיט די בונט־פאַרביקע טערנאָווע שאַלכנס אונטערגעבונדן. די מאַנצבלען האָבן די שמוי־שענע יאַלעמס אויף די קעפּ אַרויפגעזעצט, די וועגענער מיט הרעטשענער שטרוי אויסגעבעט, מיט קאָלירנדיקע קילעמס פאַרשפּרייט, די פערדישע גריוועס מיט רויטע סטענגעס פאַרפלאָכטן און מ׳איז צום קלויסטער געפאָרן, די איקאָנעס דאָרטן מיטן אויסלייזער און מיט זײַן בתולה־מוטער געקושט, אויף די קני געשטאַנען און דעם שטערן אָן דעם שטיינערנעם דיל געקלאַפּט און דערנאָך, נאָכן פּראַווען און פרעפּלען אין קלויסטער, איז איין סוואַט

צום צווייטן, איין קום צום אַנדערן געפּאַרן טרינקען, אין די בערד זיך געקושט, מיט געזאַלצענע אוגערקעס פאַרביסן, מיט קוואַשעס זיך געקוויקט, ווידער געטרונקען — שטשאָב סליאַזי נע בולאָ*. געזונגען אויף צעריסן ווערן, פאַרבלאָנדזשעט מיט די פעט-נאַסע הענט צום שכנס ווײַב אין בוזעם אַרײַן, געלאַכט און געקוויטשעט, זיך געשלאָגן ביז צום בלוט גיסן...

אין די זומערס האָט דער גאַנצער קאַנט אין גרינס און אין צוויט און אין שווערער האַרעוואַניע גערוישט — קאָסעס שטאָלענע און גלאַנציקע האָבן אויף דער זון אין די תּבואה-פעלדער געפינקלט און געקלונגען. ווײַבער און קינדער האָבן די זאַנגען מיט האַבליעס צונויפגעשאַרט, אין סנאָפּעס ביז צו דער שקיעה געבונדן, און ביז האַלבער נאַכט האָבן אויף די לבנה-וועגן די הויכע, די לאַנגע דראַבינע-וועגענער, מיט די געבונדענע ווייצנס און קאָרנס געסקריפּעט, — מ׳האָט מיט געזאַנג און מיט פרייד דאָס גערעטעניש פון שווערער מי אין קלוניע אַרײַן געפירט.

— און אַצינדער, — רעדט מאַטעס דער קאָוואַל צו די זין, וואָס טרעטן מיט אים בײַ דער לעצטער פור איבער די שוין געדיכט-געוואָרענע בלאָטעס, — אַצינדער, קינדער, גייט ווײַטער איבער דער ערד אַ בלוטיקע כמאַרע. די ערד האָט נאָך ניט אַרײַנגענומען אין זיך דאָס בלוט וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אויף דער מלחמה, וועלף לעקן נאָך דאָס בלוט מיט אַ געוווי אין די באַלקעס... די ייִדן וואָס מ׳האָט אַרויסגעטריבן פון גאַליציע און בוקאָווינע וואָגלען נאָך אַרום און דאָ גייט שוין ווידער איבער אונדזערע קעפּ אַזאַ בלוטיקע כמאַרע.

און מאַטעס וואַרפט זײַן אויג אויף דער פור ווו ס׳זיצט זײַן טאָכטער, סטיסיע, מיטן געהרגעטן קינד אויף די הענט, ווו אין דעם ווײַסן פאַרטעך ליגן אײַנגעוויקלט די פאַרקוילטע ביינער פון איר מאַן, פון נחומקען, וואָס איז געווען אַ קאָוואַל אויף חידושים, און אויך אַ קענער און אַ וויסער געווען. אַפילו ייִדן למדנים פלעגן פון דער ווײַטנס צו אים קומען הערן ווי ער טײַטשט אַ בלאַט גמרא.

זי זיצט, סטיסיע, אַ פאַרגליווערט געוואָרענע. איר פּנים, וואָס די בלוטן

---

* קיין טרערן זאָלן ניט זײַן (אוקראַיִניש).

האָבן אין אים תּמיד געשפּילט און געקוועלט, איז שוואַרץ און פאַרוויסט. נאָר די אויגן בליאַסקען איר.

— איבער אונדז, קינדער, גייט שוין ווידער אַ בלוטיקע כמאַרע, — קאָן זיך מאַטעס ניט שטילן — ס׳ברענען אונדזערע הײַזער. אין די וועגענער פירן מיר אונדזערע געהרגעטע... אַ קלאָג צו דער וועלט! די שיינע און די האַרציקע מומע ליבע האָט מען באַגראָבן לעבעדיקערהייט ערגעץ אין די וועלדער. מיר ווייסן אַפילו ניט ווו איר געביין געפינט זיך. צו קבר־ישׂראל אַפילו ניט געקומען... קינדער מײַנע, קינדער, אַ בראָך צו אונדז און צו דער וועלט!

— טאַטע, -- זאָגט דער עלטערער זון, עזריאל, וואָס לויטן קלאַנג דערקענט מען זײַנעם אַן אויסגעקאָוועטן וואָגן אויף מײַלן ווײַט. — טאַטע, יצחק איז גערעכט, מ׳דאַרף תּיכּף געפינען אַ קוזניע און זיך שטעלן שמידן מעסערס.

— יאָ, מײַן זון, יאָ, אַוודאי איז ער, יצחק, גערעכט. אָבער וואָס קאָנען מיר אויפטאָן מיט אונדזערע מעסערס אַנטקעגן זייערע ביקסן און שווערדן? און וויפל זענען מיר און וויפל זענען זיי? וואָס האָבן מיר און וואָס האָבן זיי? זיי האָבן וווהין צו לויפן און ווו זיך צו באַהאַלטן. הינטער זיי שטייען דערפער, כוטערס, געדיכטע וועלדער. און וואָס האָבן מיר?

ב

און אַהין, אין דעם מיט בלוט פאַרגאָסענעם, אין דעם מיט קולות פון איבערגעטריקנטע גאָרגלען און אויסגעוויינטע אויגן, אין דעם האַלב חרוב־געוואָרענעם שטעטל, אַ באַרויבטס און באַגזלטס, אַ פאַרלוירנס און עלנטס, אויף קיין הילף פון ערגעץ ניט צו וואַרטן און צו האָפן, צווישן די סוף־האַרבסטיקע, טונקל־לײַכטנדיקע, מיט די ריחות פון פוילנדיקע בלעטער און קרײַטעכצער, צווישן די זומפּיקע און סכּנה־ווייענדיקע פּאָלעסיער וועלדער; אַהין, וווּ ס׳האָט נאָך געברענט און זיך גערייכערט, וווּ אָפּגעסמאַליעטע טירן האָבן אויפן ווינט געקלאַפּט און די צעברעקלט־פינקלענדיקע טאַפּליעס אויף דער ערד האָבן אין אויג אַרײַן געשניטן; אויף די שטרויענע און שינדל־דעכער, באַדעקטע מיט רעדנעס און לײַלעכער, האָבן ייִדן, אָנגעשפּאַרט אָן די קוימענס, מיט אַש־גרינע פּנימער, פאַרטראָגענע, די בערד אויף די ווינטן, די אויגן אין רויך, די הערצער אין תּפילה, געגאָסן די עמערס וואָסער וואָס ווײַב און קינדער האָבן פון טײַך געטראָגן, ווײַל אַלע קרענעצעס זענען שוין ליידיק און אויסגעשעפּט געוואָרן; אַהין, וווּ ס׳לעבן שוין פון פריִער, נאָך פאַרן קיסר, פון די דערפער אַרויסגעטריבענע, אַ סך פון דער משפּחה, — גבריאלס זין און אייניקלעך, און דער עיקר, דאָרטן לעבט דער אָנגעזעענסטער און חשובסטער, דער ניט געקריינטער נשׂיא פונעם דרײַצנטן שבט, יצחק באָיאַר, וואָס איז שוין אויף אַלע גזירה־פײַערן געפּרוווט געוואָרן, ער לעבט איצט, יצחק, איינער און אַליין, אַן אַלמן... פאַר אַ יאָרן, ווען ער איז מיטן „שטילן זומער”, מיט רבקהן, צו דער אָפּגעברענטער קרעטשמע צוגעפאָרן (מ׳האָט דעמאָלט געטראַכט אַז די שׂרפה איז אַ צופאַל, פּשוט אַן אומגליק אויסגעבראָכן, שקצימלעך האָבן זיך מיט שוועבעלעך געשפּילט) איז „דער שטילער זומער” פון וואָגן אַרויסגעקראָכן, אויף דער ערד געפאַלן און גענומען דעם אַש אַרום זיך צונויפשאַרן — זיי, יצחק מיט דער מומע־ליבע, האָבן

זי קוים פונעם אַש אויפגעהויבן און פון דאָרטן אַוועקגעפּירט. נאָך דעם האָט שוין „דער שטילער זומער״ לאַנג ניט געלעבט; אַהין, אין שטעטל אַרײַן, מיט פערד און וואָגן, בײַ די דראַבינעס די צוגעבונדענע בהמות וואָס רעווען פון מידקייט און הונגער, מיט די וויינענדיקע קינדער, שוין בײַם סוף פונעם טאָג, — די ערב־פּראָסטיקע, די נידעריק־שטייענדיקע זון, ווי צווישן הימל און ערד, בײַ די אָרומיקע שוואַרץ־בלויקייטן, פאַרנעמט זיך מיט אַ פלאַם־פײַערדיקייט אין די וועלדער אַרײַן — אַהין זענען די באַיאָרס מיט זייערע הרוגים אַרײַנגעפאָרן און שטיין געבליבן ווײַט פונעם בית־הקברות, ווײַל נענטער צופאָרן איז פּשוט אוממעגלעך געווען, מענטשן האָבן אַלע וועגן פאַרשטעלט: אַלט און יונג, ווער ס׳האָט נאָר געקאָנט פון שטוב אַרויס, פון בעט זיך אויפהייבן, איז אויף דער לוויה געגאַנגען, דעם לעצטן כּבוד אָפּגעבן דעם רב, דעם צוויי און אַכציק יאָריקן ר׳ יואלקן, וואָס איז בײַ נאַכט, טאַקע בײַ דער טשערנאָבילער קלויז, צו דעם לינדנבוים מיט אײַזערנע צוועכעס צוגעקלאַפּט געוואָרן. פונעם בוים האָט מען אים אַראָפּגענומען נאָך אַ לעבע־דיקן, אָבער צו זיך איז ער שוין מער ניט געקומען און מיט צוויי שעה צוריק איז ער נסתּלק געוואָרן.

פון צווישן דער עדה, די מלווים, וואָס זענען אַרום און אויפן בית־עולם געשטאַנען, האָט זיך קיין קול און קיין קרעכץ אַפילו פון קיינעם ניט געלאָזט הערן. די גרינע סאָסנעס האָבן אין דער שקיעה אויף די קאַלטע ווינטן געררוישט. בײַ די ייִדן איז דאָס לשון אָפּגענומען, דאָס קול פאַרפאַלן און די טרערן פון די אויגן אויסגעטריקנט געוואָרן. מ׳איז אין בהלה, אין הייסן טרויער און אין פאַרלאָרנקייט געשטאַנען: אַזוינס און אַזעלכעס האָט נאָך ביז איצטער ניט געטראָפן און ניט געהערט געוואָרן. נעמען אַ לעבעדיקן ייִדן, דערצו נאָך אַ רב, און אַזאַ זקן, מיט אַזאַ הייליקן הדרת־פּנים און אים צו דעם בוים מיט צוועכעס צוקלאַפּן — די פיס צו דעם שטאַם און די צעשפּרייטע הענט צו די צווײַגן...

איז מען דערצערנטע, דער עיקר דערשראָקענע, ביז צו די טיפענישן פון דער נשמה אויפגעטרייסלט געשטאַנען, און אַפילו ווען יאָסל דער חזן, מיט זײַן שטאַרקן און הילכיקן, מיט דעם טרערן־אָנגעפילטן קול, האָט אָנגע־הויבן דעם אל מלא רחמים, איז נאָך די פריִערדיקע, די מוראדיקע שטילקייט

ניט אויפגעריסן געוואָרן און איז נאָך אַלץ ווײַטער אַזוי שטיין געבליבן. ערשט ווען מ׳האָט אין די לײַלעכער געבראַכט צו טראָגן צוויי דערטרונקענע פון יענע ייִדן וואָס מ׳האָט פאַר טאָג אין טײַך אַרײַנגעוואָרפן, ערשט דעמאָלט ברעכט אויס אַ קלאָג־יללה און אַפילו מאַנצבלען הייבן אָן צו פאַלן אין חלשות.

די באַיאַרס, אַרײַנגעפּאַרן אין אַט דעם גרויסן בראָך, זעענדיק וואָס מיט דער שטאָט איז געשען און הערנדיק ווי דער אַטאַמאַן אַליין, דער יונגער און שיינער זיראַ־זירקאַ, דעם גראַף באַגושעווסקיס אַ ממזר־זון, — די פּרוכט פון דעם גראַפס אַ שגעון־תּאווה צו אַ פעטער פּויערטע, וואָס האָט איין מאָל פאַר נאַכט די טרעפּ בײַ אים געוואַשן — הערנדיק, ווי ער, דער זיראַ־זירקאַ, דער קעמפער פאַר אַ סאַמאָסטינער* מוטער־אוקראַיִנע, האָט בײַ נאַכט אין דער טשערנאָבילער קלויז געהוליעט: ספר־תּורות פאַרשוועכט און פאַר־אומרייניקט, דערנאָך דעם אַלטן רב צום בוים מיט צוועכעס צוגעקלאַפּט, און שפּעטער, שוין צום פאַר טאָג צו, צען ייִדן אין טלתים צום הילצערנעם בריק אַוועקגעפירט און זיי דאָרטן, בײַ דער וואַסערמיל, פון דער הייך אין טײַך אַרײַנגעוואָרפן... האָבן זיי, די באַיאַרס, שוין גאָר אויפגעטראָגענע און מיט צונויפגעקלעמטע ציין די רעווענדיקע בהמות מיט די בײַטשן גע־שטילט, בײַ די וועגענער געשטאַנען און מיט גרויס זאָרג צוגעקוקט ווי די זון זעצט זיך, ווי דער טאָג גייט אויס אין דער שקיעה, — אויף נאַכט וועט אַ פראָסט נעמען און בײַ אַזאַ ווינט קאָן אַ שניי אָנטראָגן, און דעמאָלט וועט מען ניט באַוויַזן די הרוגים זייערע נאָך הײַנט צו קבורה ברענגען.

נאָר דאָ איז צו זיי יצחק באַיאַר צוגעגאַנגען — אַן אויסגעגלײַכטער, דעם אויפגעהויבענעם קאָפּ ווי תּמיד אַ ביסעלע אויף אַ זײַט, ווי ער וואָלט צו עפּעס־וואָס אין דער ווײַט זיך צוגעהערט, די לאַנגע ווײַס־שמאָלע באָרד אין האַנט, פונעם ווינט פאַרנומען, און בײַ מאַטעסן און זײַנע זין וועגן דער מומע ליבע, פון זייער אַרומפאָרן איבערן וואַלד, פון זייער אַרומזוכן איבער די טײַכברעגן, זיך געוואָלט דערוויסן, און ווען זיי האָבן אים מיט קיין איין וואָרט ניט געענטפערט, האָט ער, דער אַלטער באַיאַר, ביידע הענט מיט די פויסטן אויפגעהויבן און ווי בײַ דער פאַרגייענדיקער זון געפרעגט:

* זעלבשטענדיקער (אוקראַיִניש).

— עד מתי? ביז וואַנען? איז שוין טאַקע באמת קיין סוף ניטאָ צו די אַכזריותן? איז שוין טאַקע באמת ניטאָ קיין סוף צו אונדזערע יסורים און צו אונדזערע נסיונות?

און שטייענדיק אַזוי מיט אויפגעהויבענע הענט קעגן דער שקיעה, אין זײַנע אויגן לויפן אַן טרערן, ווישט ער זיי ניט אויס, לאָזט זיי איבערן פּנים, איבער דער באָרד לויפן און אויף דער ערד אַראָפּפאַלן:

— לאָמיר ניט דערלאָזן אַז אונדזערע הערצער זאָלן צעבראָכן ווערן, איר הערט? מיר דאַרפן האָבן גאַנצע הערצער! — ער לאָזט די הענט אַראָפּ. — ניט מיר, איר הערט, נאָר זיי וועלן אין אונדזער בלוט אומקומען. אונדזער בלוט וועט זיי מאַכן פאַר חיות־רעות און זיי וועלן סוף־כּל־סוף איינער דעם צווייטן אויפפרעסן...

ער פאַרנעמט צוריק פּונעם ווינט די באָרד אין האַנט אַרײַן, אויף זײַן פּנים אַזאַ ווייטיק און טרויער, אַז אַפילו בעת ער האָט דעם „שטילן זומער" צו קבורה געבראַכט און דערנאָך אַליין געדאַרפט קדיש זאָגן — אַברהם, דער איינציקער לעבן־געבליבענער זון, איז דאָך צו די רויטע, צו די באָלשעוויקעס, צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער אַוועק — אַפילו דעמאָלט האָט מען אויף יצחקס פּנים אַזאַ צער ניט געזען.

— גייט, גייט, — זאָגט ער, — גייט נאָך דער מיטה. באַלד וועט מען אונדזערע קדושים צו זייער אייביקער רו ברענגען. אײַ, אײַ, רבונו־של־עולם, ווי אַזוי האָסטו דאָס געקאָנט צוקוקן ווי מ'הרגעט דײַנעם אַ ייִדן... אַזאַ פרייליכער ייִד געווען, ברוך דער סטעלמאַך. איך האָב אים אַ מאָל געפרעגט: וואָס איז דיר אַזוי גוט, ברוך? פון וואָס קוועלסטו דאָס שטענדיק אַזוי אַן? דו האָרעוועסט דאָך אַזוי שווער אויפן שטיקל ברויט... האָט ער מיך אַ פאַר־חידושטער אָנגעקוקט: וואָס הייסט? — האָט ער מיר געענטפערט, כ'בין דאָך אַ ייִד! איין ייִד צווישן אַ דאָרף מיט גויִים, ווי אַזוי זשע זאָל איך זיך ניט פרייען? כאָטש איין גוי אין דאָרף האָט אַזאַ שבת, אַזאַ פּסח, אַזאַ שבועות, אַזאַ סוכּות, אַזאַ שׂימחת־תּורה און אַזאַ חנוכּה? גייט, גייט נאָך דער מיטה!

נאָר דאָ, אַז מ'דאַרף די הרוגים פון וואָגן אויפהייבן, דאָ כאַפּט מען זיך, אַז זי, סטיסיע, וואָס איז די גאַנצע צײַט געזעסן מיטן טויטן קינד אויף די הענט, זי איז מיטן טויטן קינד ניטאָ. אײַנגעוויקלט אין פאַרטעך, ווי פריִער,

ליגן נחומקעס פאַרקוילטע ביינער, און זי, סטיסיע, מיטן טויטן קינד איז ניטאָ. און אויך ער, דניאלקע, דער מומע ליבעס יינגל, איז אויפן וואָגן ניטאָ.

נעמט איין באַיאַר בײַם צווייטן פרעגן. אויך די אָרום־שטייענדיקע, צו דער לוויה־געקומענע, קאָנען ניט ענטפערן: אַלעמענס אויגן זענען מיט טרערן פאַרלאָפן, די אויערן צום בית־עולם אָנגעשטעלט: דאָרטן זאָגט דעם רבס זון ר׳ יוחנצע, דער מגיד, מיט אַזאַ געוויין קדיש. און דערצו נאָך בײַ דער שקיעה־לעשן־זיך, רוישן אויפן ווינט שטאַרקער די טאָפּאָלן און די אָראָפּגעפּאָלענע בלעטער שלאָגן אין פּנים אַרײַן. דאָך דערמאָנט זיך עמעצער: אַ ווײַבל, אַ הויכע, אַ פּוללײַביקע, מיט אַ גרויסן קאָפּ אָפּגעדעקטע ליכטיקע האָר, די גרויסע אויגן האָבן איר משוגענערווײַז געבליאַסקעט, יאָ, יענע איז אַראָפּ פון אַ וואָגן מיט אַ קינד אויף די הענט און אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף איז אויך אַראָפּ פון וואָגן, ער איז איר נאָכגעגאַנגען און ביידע זענען זיי אַוועק אַהין, מיט דער זאַמדיקער גאַס. וואָס, זי האָט געטראָגן אויף די הענט איר געהרגעט קינד?

— וווהין זשע איז זי מיטן טויטן קינד געגאַנגען?

— צו וועמען און נאָך וואָס?

לויפט אָן אַ ייִד און דערציילט:

— זי האָט איר געהרגעט קינד אַרײַנגעטראָגן אין טשערנאָבילער קלויז, ס׳אַרײַנגעלייגט אין דעם אָרון־קודש און וויל פון דעם אייבערשטן אַז ער זאָל איר צוריק לעבעדיק מאַכן איר קינד... איר הערט? זי וועט זיך, זאָגט זי, אַזוי לאַנג פונעם אָרט ניט רירן, ביז איר געהרגעט קינד וועט אַליין ניט אַרויס פונעם אָרון־קודש.

— אַ ניט־געהערטע זאַך.

— חילול־השם.

— חבלי־משיח.

— חבלי־משיח, חילול־השם, — זאָגט דאָ יצחק באַיאַר אָן אויפגערעג־טער. — איר טוט בעסער אַ טראַכט וועגן דעם ווײַבל וואָס האָט אין איר פאַרטעך געבראַכט די פאַרקוילטע ביינער פון איר מאַן... דאָס איין־און־איינציקע קינד, וואָס איז אויף אַזאַ אַכזריותדיקן אופן דערהרגעט געוואָרן... חילול־השם? חילול־השם איז דעמאָלט אַז מ׳קוקט צו פונעם כּסא־הכּבוד

ווי מ׳הרגעט מענטשן, ווי מ׳קלאַפּט צו אַן אַלטן רב צום בוים, ווי מ׳וואַרפט יידן אין טליתים פונעם בריק אין וואַסער אַרײַן, ווי מ׳באַגראַבט לעבעדיקער־הייט אַזאַ שיינע און ריינע נשמה.

— ס׳איז כּפּרה.

— ער גלייבט ניט אין גאָט!

— ס׳א ליגן! ניט איך גלייב ניט, נאָר איר גלייבט ניט. דער וואָס גלייבט אין גאָט, דער קריגט זיך מיט אים, דער שלאָגט זיך מיט אים... יעקב אָבינו האָט זיך מיט אים געשלאָגן.

— גאָטס וועגן זענען פאַרהוילן.

— ס׳איז פאַר משיחס צײַטן.

— מיר ווערן געפּרוווט.

— גאָטס וועגן זענען פאַרהוילן? וועגן וואָס זענען פאַרפּלייצט מיט בלוט, זענען ניט קיין געטלעכע, געטלעכע וועגן דאַרפן זײַן קדושה, טהרה, פרייד און ליבשאַפט. חבלי־משיח? איך בין אײַך מוחל דעם משיח וואָס דאַרף קומען נאָר דורך טײַכן בלוט און דורך בערג מיטביינער... — דער גאַנצער גוף טרייסלט זיך אים, יצחקן, אונטערן אויסגעריבענעם פעלצל, וואָס איז מיט דער אַלטער קרײַקע אונטערגעבונדן. — מיר ווערן געפּרוווט? — פרעגט ער איבער מיט צאָרן. — מיר ווערן געפּרוווט? פּרוּווּן קאָן מען נאָר דעם יחיד, אָבער ניט קיין פאָלק... פּרוּווּן קאָן מען אַ שטאַרקן, אַ גרויסן מאַן... מ׳קאָן פּרוּווּן אַברהם אָבינו, איובן... דעם יחיד קאָן מען פּרוּווּן, אָבער ניט קיין רבים, ניט קיין פרויען און קינדער, און ניט מיט טויט און ניט מיט בלוט!..

ג

און די שקיעה איז צו איר סוף געגאַנגען, — זעלטן־ווען טרעפט זיך שוין אין שפּעטן האַרבסט, אין די זייער קליינע טעג, שוין נאָך אַלע אויסגעלאָשענע שײַטערפֿאַרבן פֿונעם בלעטערפֿאַל, שוין בײַם סאַמע ערבֿ־שניי־אויספֿאַלן, אין די נעפּל־גרויקייטן אַזאַ זונפֿאַרגאַנג: באַגילדטע בלויקייטן, כּמעט פֿריילינגדיקע, מיט אַ זיך־פֿאַרכלינייענדיקן פֿייגל־צוויטשער, האָבן פֿון די אַרומיקע נאַקעטע וועלדער זיך געהויבן, — און באַלד איז די נאַכט, און מיט אַ סך פֿינצטערניש, ביז צו די הימלען, צוגעפֿאַלן.

און די ווינטן טראָגן ווײַטער דאָס אַש פֿון די מיט טרערן דורכגעווייקטע תּחינות און טליתים, פֿון סלאַוווטער גמראות און תּפֿילין — ביטערע ריחות פֿון געברענטע לעדער און פֿעדערן; שיכּורע געזאַנגען פֿונעם נאָענטן דאָרף, פֿון מאַהילנע, וואָס פֿאַלן שווער, ווי בייזע אָנזאָגן אויף דער נשמה.

דורכגעקומענע מיט קעלט, מיט וויי און צער — אַ סך זענען אָן אַ דאַך פֿאַרבליבן, ווייסן נאָך ניט ווּהין דעם קאָפּ אויף נאַכט צושפּאַרן, די קינדער אַליין דאָרטן, אין אַכסניה איבערגעלאָזט — אָבער אַז ס'איז צום בית־עלמין וועגן דער באַיאָריכע דערגאַנגען, וועגן דעם דאָרפסווײַבל וואָס איז אין בית־מדרש מיטן געהרגעטן קינד אַרײַן און עס דאָרט אין אָרון־קודש אַרײַנגעלייגט, און שרײַט דאָרטן צו גאָט מיט בלוטיקע טרערן אַז ער זאָל איר דאָס קינד צוריק לעבעדיק מאַכן... האָבן זיך אַלע, און אַפֿילו חבֿרה־קדישא וואָס האָבן שוין די פֿאַרקוילטע ביינער, די אײַנגעוויקלטע אינעם פֿאַרטעך, אין קבֿר אַרײַנגעלייגט און געוואַרט מ'זאָל דאָס געהרגעטע קינד ברענגען, ס'זאָל צוזאַמען מיטן טאַטנס ביינער באַהאַלטן ווערן — אויך זיי, חבֿרה־קדישא, האָבן מיט די ברענענדיקע לאָמטערנס אין די הענט איבערגעלאָזט דעם אָפֿענעם קבֿר און צו דער טשערנאָבילער קלויז זיך געלאָזט לויפֿן, זען און הערן וואָס וועט מיטן ווײַבל און מיט איר געהרגעט קינד אין אָרון־קודש פֿאַרקומען און געשען.

און דאָרטן, אין דער טשערנאָבילער קלויז, ווו די נײַע הײַדאַמאַקעס, באַגדאַן כמעלניצקיס אייניקלעך, האָבן בײַ נאַכט געהוליעט, מיט נאַהײַקעס געשלאָגן זקנים אין טליתים וואָס האָבן בײַ די פלאַמען פײַער פון די ברע־נענדיקע הײַזער איבער די עין־יעקבס און משניותן זיך געוויגט; מיט די מעסערס פון אַ ספר־תּורה צלמים געשניטן, גמראות געריסן, אונטער די פיס געוואָרפן און אויף זיי פּריסיאַדקעס געטאַנצט און געזונגען:

היי, אי מי באַטקאָ אי טווי באַטקאָ
אָבאַ בולי קריפּאַקי,
פּאָסיאַ־אַ־דאַלי סערעד כאַטי
טאַי נאַקלאַלי יאַק ביקי...*

און פון כאַכעניש־געלעכטער שיִער ניט געפּלאַצט, און שיכּור געהירזשעט, און פון שפּאַס און פּאַטיעכע בײַ די זײַטן זיך געהאַלטן און דעם אַלטן רבֿ מיטן הדרת־פּנים, ר׳ יואלקען, וואָס איז אויף יענעם אָרט געשטאַנען ווי אַ מאָל פלעג שטיין, בײַם פאַרפאָרן אַהער, ר׳ מנחם־נחום טשערנאָבילער, דער מגיד און בעל־שם, זײַנע התלהבותדיק־האַרציקע דרשות דאָ האַלטן און אויך מופתים באַווײַזן... פון אָט דעם אָרט האָט מען אים, דעם רבֿ, ר׳ יואלקען, וואָס איז מיטן פּנים צום פענצטער געשטאַנען און מיטן אוממענטשלעכן טרויער צוגעקוקט ווי פײַערדיקע וויכערס, ווייגעשרייען טראָגן זיך צו די הימלען, און פאַרן שטעטל און פאַר זײַן עדה בײַם אייבערשטן רחמים געבעטן; אים האָט מען אין דרויסן אַרויסגעפירט און בײַ דער שײַן פון די פלאַמען פײַער צו דעם לינדנבוים מיט צוועכעס צוגעקלאַפּט און דערנאָך שוין יענע זקנים, אין די טליתים, צום טײַך אַוועקגעפירט און בײַם שטאַרק־ווינטיקן זונאויפגאַנג פון בריק אין וואַסער אַרײַנגעוואָרפן, — דאָרטן, אין דער טשערנאָבילער קלויז, שוין אַ צוגעראַמטער, די פאַרשוועכטע הייליקייטן אויפן בית־החיים באַהאַלטן; דאָרטן, בײַ די גרויסע ליכט וואָס זי, סטיסיע,

---

* היי, און מײַן טאַטע און דײַן טאַטע,
ביידע זענען לײַבאייגענע געווען,
האָבן זיי זיך אין מיטן שטוב אַוועקגעזעצט
און ווי די אָקסן אָנגעלייגט...
(אוקראַוניש)

האָט אַהער מיט זיך געבראַכט צו טראָגן פאַר די נשמות פון די אומגעבראַכטע באַיאַרס: פאַר איר מאַן, פאַר דער מומע ליבע און ברוכן דעם סטעלמאַך; פאַר איר קינד, פאַר זרחלען, אַ נאָמען נאָכן עלטער־זיידן, דעם אַריכת־ימימדיקן, צו הונדערט דרײַצן יאָר אַ צווייט מאָל בר־מיצווה געוואָרן, פאַר איר קינד האָט זי, סטיסיע, קיין ליכט ניט געשטעלט: איר זרחל דאַרף אַליין פון אָרון־קודש אַרויסגיין און זיך אַ וואָרף טאָן צו איר:

— מאַ — מו — ליאַ!

נאָכן געשריי אירן, בײַם אַרײַנלייגן דאָס קינד אין אָרון־קודש, צווישן די צוויי גאַנץ־געבליבענע ספר־תורות, שוין נאָך דגיאלקעס אָנצינדן די דרײַ גרויסע ליכט, צום שטענדער זיי צוגעשמאָלצן און אַליין אויף דער ערד זיך אַראָפּגעלאָזט און מיט ווערטער, ביז אַהער אין זײַן מויל ניט געווען, קיין מאָל נאָך פון קיינעם ניט געהערט זיי, ווי פון ערגעץ מיט אַ מאָל צו אים אָנגעקומען, מיט אַ מין גרויל ניט אויף אַ קול, נאָר מיטן האַרצן, זײַן אָנגעוויטיקטקייט גענומען אַרויסמורמלען; שוין נאָך יענעם געשריי, וואָס האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן נאָכן גאַנצן טאָג פאָרן איבערן האַרבסט־צעגריבלטן פעלדוועג מיטן געהרגעטן קינד אויף די הענט, מיט די פאָר פאַרקוילטעביינער, וואָס זענען איר פונעם מאַן געבליבן; נאָך יענעם געשריי וואָס האָט אַזוי אויפגערודערט, אויפגעטרייסלט און אויפגעשוידערט דאָס גאַנצע שטעטל, — מ׳איז אין קלויז און אין דרויסן, בײַ דער שײַן פון די לאָמטערנס, אויף דער שאַרפער קעלט, מיט אָפענע מײַלער געבליבן, ווי ניט נאָר פונעם דאָרפסווײַבל, נאָר אויך פון זיי אַלע האָט זיך נאָר וואָס דער גוואַלד־געשריי צום אָרון־קודש געטראָגן. און אויך מיט אַ באַהאַלטענער האָפענונג, אַפילו מיט אַ גרויסן גלויבן אין האַרצן, אַז דער געשריי וועט דערגיין און דערהערט ווערן, דער נס וועט געשען. ווײַל ער מוז דאָך, דער נס, קומען! נאָך דעם אַזוי פיל פאַרגאָסענעם בלוט, נאָך דעם וואָס מ׳האָט מיטן רב אָפּגעטאָן, נאָך דעם ווי מ׳האָט זקנים אין די טליתים אין וואַסער אַרײַנגעוואָרפן, נאָך דעם ווי אַ האַלב שטעטל איז מיטן פײַער אַוועק, מוז דאָך קומען פון הימל אַן ענטפער. — נאָך יענעם געשריי, איז זי שטיין געבליבן, סטיסיע, אַ שטילע, אַן אויסגעגלײַכטע, דעם קאָפּ אויפגעהויבן, ווי שוין ניט קיין חסד און טובה געבעטן, נאָר ווי אַ חוב געפאָדערט. זי האָט מיט די הענט

פאַרביידע טירלעך פון אָרון־קודש זיך אָנגענומען און געשטעלט זיך וואַרטן.

פון איר מיט אַ מאָל אַנטשוויגן ווערן, וואַקסט און מערט זיך ביי אַלעמען די אויפגערעגטקייט. דערצו נאָך גיט מען איבער:

— ביים קינד האָבן שוין אַ פּינטל געטאָן די ווִיעלעך...

— אוי, גרויסער גאָט אין הימל!

— ניט צוליב אונדז, נאָר צוליב דיר!

— זאָל די וועלט זען אַז מיר האָבן אַ גאָט!

— שווייַגט יידן, שווייַגט! דאָס ווייַבל איז נעבעך פון צרות ניט ביי אירע געדאַנקען... שווייַגט יידן! ס'איז חילול־השם. גייט, יידן, אַהיים!

און אַלע ווערן דאָ אַנטשוויגן און רוקן זיך אָפּ, ווייל אַלע דערקענען דאָ דעם מגיד, דעם זון פונעם אַלטן רב וואָס איז מיט אַזאַ שווערן טויט אומגעבראַכט געוואָרן; מ'דערקענט דעם מגידס קול, ס'רעדט צו זיי ר' יוחנצע, וואָס וועט פאַרנעמען דעם טאַטנס אָרט, דעם כסא־הרבנות:

— גייט יידן אַהיים! ס'איז חילול־השם. מיר'ן דאַרפן פאַסטן זיבן טעג. מיר, יידן, דאַרפן אויפנעמען יסורים און אומגליקן מיט דער זעלבער פרייד ווי מיר נעמען אויף ישועות פון דעם וואָס לעבט אייביק... מיר דאַרפן זיך קאָנען דערהייבן צו דער מדרגה פון צדיקים! גייט יידן אַהיים, ניטאָ וואָס צו שטיין דאָ אויפן בייזוווּנדער. חברה־קדישא, נעמט אַרויס דעם מת פון אָרון־קודש!

נאָר אַז אַלע, הגם אַ ביסל אָפּגערוקט פונעם מגיד, בלייבן דאָך מיט די אָפענע מייַלער ווייַטער שטיין אַרום סטיסיען, וואָס איז מיט אַ מאָל, נאָכן גרויסן געשריי, אַנטשוויגן געוואָרן און מיט ביידע הענט פאַר די טירלעך פונעם אָרון־קודש זיך אָנגענומען, פרעגט ער שוין, דער מגיד, דערשראָקן:

— וואָס, איר זענט זיך צונויפגעקומען אַהער, אינעם מקום־קדוש, צו פרווון דעם בורא־עולם, דעם בית־דין־של־מעלה, דעם מלך־מלכי־המלכים? האָ?

און אָט די לעצטע ווערטער ווערן געפרעגט דווקא ביי די באַיאַרס, וואָס זענען מיט ווייַב און קינדער פון די דערפער געלאָפן, זייערע הרוגים אַהער געבראַכט — ברוך ליגט נאָך אויפן וואָגן, נחומס ביינער ליגן אינעם אָפענעם קבר — זיי שטייען, די באַיאַרס, פון ביידע זייַטן אָרון־קודש, אין דער מיזרח־

וואַנט, פונעם וועג פאַרמאַטערטע און הונגעריקע, די בײַטשן אין די הענט, מיט שוואַרצע פּנימער, ס'זאָל דאָ מיט סטיסיען קיין שלעכטס ניט טרעפן און קיינער זאָל זי דאָ, חלילה, ניט פאַרשעמען.

— פאַר וואָס טאַקע ניט? — פרעגט איבער סטיסיעס פאָטער, מאַטעס דער קאָוואַל, וואָס פירט ניט אָפּ דאָס אויג פונעם געהרגעטן אייניקל וואָס ליגט אין אָרון־קודש מיט אַן אָפן מײַלעכל פול מיט פאַרבאַקן בלוט. — וואָס דען? גאָט דאַרף שוין גאָר קיין מאָל ניט אָפּגעבן קיין דין־וחשבון?

— וויפל קאָן מען נאָך וואַרטן און גלייבן אויף צוזאָגעכצן?

— וויפל בלוט אונדזערס און וויפל טרערן דאַרף ער עס נאָך האָבן, דער אייבערשטער, אַז ער זאָל אַראָפּברענגען משיחן?

— האַ? — פרעגט שוין דער מגיד ר' יוחנצע (נאָכן ברענגען צו קבורה דעם פאָטער זײַנעם, דעם רב, האַלטן אים צוויי ייִדן אונטער, ווײַל ער שטייט שוין ניט אויף די פיס). אַ דערשטוינט־און־דערציטערטער, מיט אַ דערוואָרגן קול, אַ הייזעריקס, אַ פײַפנדיקס, אַ פאַרחלשטס, פרעגט ער בײַם הויכן באָיאַר, וואָס האַלט אין האַנט די לאַנגע ווײַס־שמאָלע באָרד, — האַ? איר ווילט דאָ האָבן אַן אצבע־אלקים? איר ווילט דאָ פּרוּוון דעם אין־סוף? איר ווילט דאָ פּרוּוון דעם כּביכול?

— יאָ, — ענטפערט אים יצחק באָיאַר, דער גרויסער בעל־נסיון, דער ביז גאָר אויפגערעגטער און צעווייטיקטער, דער אויפגעבראַכט און אויפגע־טראָגענער. אויך זײַן קול וואַרגט זיך פון טרויער, אָבער אויך מיט גאַל און אָרויסרוף. — יאָ, פאַר וואָס טאַקע ניט? איין מאָל מעגן מיר אים דאָך אויך אַ פּרוּוו טאָן? ער פּרוּווט אונדז שוין פון נאָך מתן־תורה אָן. שוין טויזנטער יאָרן ווי ער פּרוּווט אונדז. איין מאָל ווילן מיר אים, דעם גרויסן גאָט אונדזערן, דעם גרויסן בעל־השגחה, דעם דערבאַרעמדיקן פאָטער, דעם טאַטן זיסן... איין מאָל ווילן מיר אים אַ פּרוּוו טאָן! שוין אַזוי פיל דורות, שוין טויזנטער יאָרן ווי מיר לאָזן זיך שעכטן פאַר זײַן הייליקן נאָמען, מיר גייען אין די טויזנטער, גאַנצע קהילות, מיט ווײַב און קינדער אויף קידוש־השם... נו, און ער? מיר ווילן אַז ניט איר, מגיד, זאָלט פאַר אים רעדן. איר פאַרשיט אונדז מיט פּסוקים, מיט פּרשיות, מיט גאַנצע גמראות. זאָל ע ר אַליין רעדן, זאָל ע ר זיך באַווײַזן! זאָלן אַלע גויים פון דער וועלט אים דערזען און דערהערן!

מיר גייען אָפּ פאַר זײַן הייליקן נאָמען מיט בלוט און מיט אַלע מיתה־משונות. ס׳איז שוין גאָר ניטאָ אַזאַ טויט מיט וועלכן מ׳זאָל אונדז ניט אומברענגען. מיט פײַער און מיט וואַסער, מיטן מעסער און מיטן אָבוך. מיט דער ביקס און מיט דער קאָסע, מ׳קלאַפּט אונדז צו לעבעדיקערהייט מיט צוועכעס צו די ביימער, מ׳באַגראָבט אונדז לעבעדיקערהייט אין דער ערד. מיר ווייסן שוין אַפילו ניט ווו ס׳זענען די קברים פון אונדזערע נאָענטסטע און פון אונדזערע טײַערסטע. אויב מיר גייען אויף קידוש־השם, פאַר וואָס זשע גייט ער ניט אויף קידוש־העם? האָ? פאַר וואָס גייט ער ניט אויף קידוש־העם?

און יצחק באָיאַר בלײַבט ווידער שטיין שטיל, די לאַנגע באָרד אין דער לינקער האַנט אַרײַנגענומען. דאָ, אין דער מיט אַ מאָל ווידער געשטעלטער טויטער שטילקייט, בײַ די דרײַ ברענענדיקע ליכט, וואָס וואַרפן אַ העלע שײַן אויף סטיסיען, אויף אירע צוויי הענט אָנגענומענע פאַר די טירלעך פון אָרון־קודש, אויף איר אָפּגעדעקטן, גאָלדקאָליריקן קאָפּ האָר, אויף איר פּנים וואָס ס׳איז שווער אויף אים צו קוקן, אַ פאַרשטיינט־געוואָרנס, נאָר אין דעם משונהדיקן, ניט־ערדישן בליאַסק פון אירע גרויסע אויגן זעט מען ווי ס׳ברויזט און ווי ס׳קאָכט אין איר, דאָ, נאָך יצחקס רייד, שפּרינגט ער אויף, דניאלקע, פון דער ערד, און לויפט צו צום מגיד מיט אַ ביטער געוויין:

— ווו איז זי, מײַן מאַמע? ווו איז דער קבר פון מײַן מאַמען?.. איך הער ווי מײַן מאַמע שרײַט און רופט מיך... פירט מיך צו דער מאַמען!.. ווײַזט מיר דעם וועג צו איר!

ד

און מיט אַ מאָל הייבן אים אָן די טרערן צו לויפן שטיל, און באַלד ווערן זיי אים גאָר פון די אויגן אויסגעטריקנט, ווײַל ער דערזעט, דניאלקע, ווי דער ייִד אין דעם גרויסן פוטערנעם שטרײַמל, אונטער וועלכן ס'הענגען אַראָפּ צוויי לאַנג־געדרייטע פּאות, אַ ברייט־געדיכטע און אויך זייער אַ לאַנגע באָרד, ווי אָט דער ייִד צו וועמען יצחק האָט מיט אַזאַ אויפגערעגטקייט און מיט אַזוי פיל האַרץ גערעדט, און בײַ וועמען ער, דניאלקע, האָט געפרעגט ווו איז דער מאַמעס קבר, און בײַ אים געבעטן: פירט מיך צו דער מאַמען, ווײַזט מיר דעם וועג צו איר... און געוואָלט אים דערציילן, אַז דער מאַמעס קול הערט ער גוט און זייער קלאָר און דאָס קול איז בײַ איר אַזאַ ווי דעמאָלט, ווי בעתן לויפן צו דער ברענענדיקער קרעטשמע — פאַרגעדענק דניאלקע, האָט זי צו אים גערעדט, פאַרגעדענק די נאַכט פון אָט דער שׂרפה. ניט קיין שטוב ברענט דאָ, נאָר אַ לעבן פון דורות ייִדן. ס'טאָר ניט אַוועקגיין מיטן פײַער! פאַרגעדענק, דניאלקע, מײַנע רייד, דעם מיין וועסטו שפעטער, אַז דו וועסט אונטערוואַקסן, פאַרשטיין — דער מאַמעס קול הערט ער גוט, ער ווייסט נאָר ניט פון וואַנען דאָס קול אירס גייט, אין אַוועלכער זײַט ער זאָל זיך ניט אויסדרייען און וווהין ער זאָל דעם אויער זײַנעם ניט אָנשטעלן, פון דאָרטן און פון יענער זײַט גייט דער מאַמעס קול... און נאָך האָט ער, דניאלקע, אים געוואָלט אָט דעם ייִדן דערציילן, אַז ביז אַהער צו האָט ער פון צײַט־צו־צײַט אין די נעכט, באַזונדערש פאַר טאָג, אויך געהערט אַ קול פון דאָרטן, פון דער מלחמה, פונעם שלאַכטפעלד, פון זײַן שווער־פאַרווונדיקטן טאַטן, וואָס האָט בײַ דער גסיסה גערופן: מ־שי־ח!.. ד־ני־אל־קע!.. און אַז פון איצט אָן הערט ער, און שוין ניט בײַ נאַכט, נאָר שוין אין מיטן טאָג, צוויי קולות: דער מאַמעס פון דער נאָענט, פון ערגעץ דאָ, פון די וועלדער,

און דעם טאַטנס פון ערגעץ זייער ווײַט... אָבער ער האָט עס שוין ניט געזאָגט, ווײַל דער צו וועמען ער האָט גערעדט, איז אין חלשות געפאַלן און מ׳האָט אים אויף די הענט פון קלויז אַרויסגעטראָגן.

בלײַבט ער שוין, דניאלקע, גאָר פאַרלוירן און אין דער טונקלקייט, ווו ס׳שטייען אַ סך מענטשן און אָטעמען שווער, און פון עמעצן רײַסט זיך אַ געוויין און עטלעכע ייִדן, ווי זיי וואָלטן אויפן ברעג פון אַן אָפּגרונט געשטאַ־נען, רופן:

— חברה־קדישא, נעמט אַרויס דעם מת פון אָרון־קודש!

— נעמט אַרויס!

— מ׳טאָר דאָס ניט דערלאָזן!

— תחית־המתים וועט זײַן בײַ ביאת־המשיח...

פון דרויסן טראָגט מיט רויך, אין דער נאַכט הוליעט דער ווינט. אינעם נאָענטן דאָרף, אין מאַהילנע, שפּילן כּלי־זמר. ערגעץ קרייען די ערשטע הענער, און ער, דער צוועלף־יאָריקער דניאלקע, דערפילט דאָ, צום ערשטן מאָל, די איינזאַמקייט און יענע עלנטקייט וואָס וועט אים שוין באַגלייטן און נאָכגיין ווי זײַן שאָטן אויף אַלע וועגן פון לעבן.

אַרויפגעשאַרט העכער דאָס היטל, וואָס אַ ייִד האָט אים פאַר דער חוצפּה צו אַוועקשטעלן זיך מיט טענות פאַרן מגיד איבער די אויגן אַראָפּגערוקט, אונטערגעהויבן דעם ברייטן און לאַנגן אויף אים בורנעס, קערט ער זיך אום צוריק אויף זײַן פריִערדיק אָרט, זעצט זיך ווידער אויף דער ערד, אונטערן שטענדער אויף וועלכן די דרײַ ליכט ברענען און באַלויכטן סטיסיעס צוויי הענט, אײַנגעקלאַמערט אין די טירלעך פון אָרון־קודש, איר פּנים וואָס הייבט שוין אָן אויסגעקרימט צו ווערן, באַזונדערש אירע בליאַסקענדיקע אויגן און אויף דעם קינדס געל פּנימל וואָס הייבט שוין אָן צו שוואַרצן זיך... און פון איבער זײַן קאָפּ, פון די דרײַ אויבן ברענענדיקע יום־כּיפּור־ליכט, גייט אויף אים אַ פּחד: עפּעס קומט דאָ פאַר ביז גאָר שרעקלעכס...

פון אָט דעם פּחד וואָס גייט אויף אים פון די דרײַ ליכט, באַפאַלט אים אַ קעלט. וויקלט ער זיך אין דעם בורנעסל וואָס סטיסיע האָט אויף אים אַרויפ־געוואָרפן שוין אין דער לעצטער רגע, בײַם אַרויסלויפן מיט אים און מיטן געהרגעטן זרחלען אויף די הענט דורכן קעלער, פון דער מיט פלאַמען אַרומ־

געכאַפּטער שטוב, — די טאַפּליעס פּלאַצן, די ווײַסע קאַץ שפּרינגט דורכן פֿײַער אין דרויסן, דער הונט יאָגט מיט אַ ווילדן געוווי אַרום דער ברענענ־דיקער שטוב און ווען ער דערזעט אים, דניאלקען, פֿון קעלער אויפֿן גאָרטן אַרויסגיין, טוט ער זיך צו אים אַ וואָרף און נעמט אים די הענט קושן... און באַלד מיט פֿריַערדיקן געוווי אין וואַלד אַרײַן אַוועקגעיאָגט; האָט ער אויך, דניאלקע, געוואָלט זיך לאָזן נאָכן הונט לויפֿן, דעריאָגן די פֿור אויף וועלכער די גויִים האָבן די מאַמע אַוועקגעפֿירט... נאָר סטיסיע האָט אים צוגעשפּאַרט מיטן פּנים צו איר טויטן קינד און ניט געלאָזט פֿון דער ערד זיך אויפֿהייבן.

— חברה־קדישא, נעמט אַרויס דעם מת פֿון אָרון־קודש!

— וואָס שטייט איר, וואָס?

— דער רוח־הטומאה, די סיטרא־אחרא האָט זיך אַהער אַרײַנגעכאַפּט.

— ייִדן, איבער אונדזערע קעפּ ברענט דער גיהנום־פֿײַער. ס'איז נאָך ערגער פֿון אַ פּאָגראָם.

— דאָס ווײַבל איז דאָך ניט בײַ אירע געדאַנקען... טוט אַ קוק אויף אירע אויגן.

— אָט די באַיאַרס גלייבן ניט אין גאָט.

— נו, אָט דאָס שוין דײַקע ניט, — רוקט זיך אַרויס מאַטעס דער קאָוואַל, — מײַן טאָכטער איז בײַ אַלע געדאַנקען. און פּונקט פֿאַרקערט, ניט מיר, נאָר איר גלייבט ניט אין גאָט. וואָלטן מיר ניט געגלייבט אין גאָט, וואָלטן מיר דאָך דאָ ניט געשטאַנען אין געהאַקטע ווונדן מיט אונדזערע מתים און געוואַרט אַז דער אייבערשטער זאָל אונדז, און דער גאַנצער וועלט, זײַן כּוח באַווײַזן...

און דאָ טוט ער, יצחק באָיאַר, אַ שפּאַן־צו, שטעלט זיך הינטער סטיסיעס פּלייצעס און איבער אירע אַקסל נעמט ער זיך אויך אָן מיט בײדע הענט פֿאַר די טירלעך פֿון אָרון־קודש; אין פּנים בײַט זיך אים די מראה, די אויגן אָט געעפֿנט ברייט און אויפֿגעריסן און אָט פֿאַרמאַכט און פֿאַרשלאָסן, די גע־דיכטע ווילד־צעוואַקסענע ברעמען גייען אים אָט ווײַט אויפֿן שטערן אַרויף און אָט פֿאַלן זיי און ווערן איבער די אויגן אָנגערוקט; און מיט אַ קול ווי ער וואָלט צו עמעצן אין ווײַטן פֿעלד אַרײַן גערעדט, אָנגעהויבן:

— רבונו־של־עולם, דאָ שטייען פאַר דיר ייִדן מיט פאַרבלוטיקטע נשמות. נאָך אַ שחיטה. ניט נאָר באו מים עד נפש, נאָר טײַכן בלוט דערגייען אונדז שוין ביזקל דעם האַלדז. מלך מלכי המלכים, ביז וואַנען און וויפל בלוט אונדזערס דאַרפסטו נאָך האָבן? אל עליון, מיט וואָס זענען מיר זינדיקער פון אַלע פעלקער אויף דער ערד? טאָמע אין הימל, ווו איז די מאָס פון דײַן גערעכטיקייט? מיט וועלכן שנור מעסטו די זינד פון פעלקער? זאָג אונדז, גרויסער גאָט אין הימל, וואָס איז דער שׂכל און וואָס איז דער זינען פון דעם וואָס אונדזער בלוט גיסט זיך ווי וואַסער, פון דור צו דור, פון לאַנד צו לאַנד... עפּעס אַ זינען דאַרף עס דאָך האָבן פאַר אונדז און פאַר דער וועלט. וואָס ווילסטו אויפטאָן מיטן בלוט פון אונדזערע קינדער? פאַר וואָס גייען מיר יאָ אויף קידוש־השם און פאַר וואָס גייסטו ניט אויף קידוש־העם? פאַר וואָס?.. אונדז קאָסט דער קידוש־השם טײַכן בלוט און דיר דאַרף דאָך דער קידוש־העם גאָרנישט ניט קאָסטן! דו וואָלסט דאָך נאָר דערפון דערהויבן און געהייליקט געוואָרן. פאַר וואָס, פרעג איך דיך, האָ? ענטפער! אָט שטייט פאַר דיר, רבון כּל העולמים, אַ ייִדישע טאָכטער וואָס האָט פונעם אַש אַרויסגעשאַרט דעם מאַנס עטלעכע שוואַרצע ביינער און זיי געבראַכט אין איר פאַרטעך פאַרן קבר. און איר געהרגעט קינד האָט זי אַוועקגעלייגט פאַר דיר און זי שטייט אין ברענענדיקע יסורים און וואַרט אויף דײַן גערעכטיקייט. דו ביסט דאָך אַן אל־מלא־רחמים, אַן אל־מלא־צדק... דעם מאַן אירן, נחומען, וועסטו דאָך שטעלן צום מישפּט אין זײַן ערדישן גוף! די פאַר שוואַרצע ביי־נער וועסטו דאָך פאַרן בית־דין־של־מעלה ניט אַוועקשטעלן... דו וועסט דאָך דאַרטן, אויף יענער וועלט, איידער דו וועסט אים ברענגען צום מישפּט, דאַרפן נאָך אַ מאָל באַשאַפן... דאָרטן, אין די אייבערשטע וועלטן, וועסטו דאָך עס יאָ קאָנען טאָן, טאָ פאַר וואָס דאָרטן, אין די ווײַטע וועלטן יאָ, און דאָ, אויף דער ערד, ווו מיר גייען פאַר דײַן הייליקן נאָמען אויף קידוש־השם, פאַר וואָס קאָנסטו עס דאָ ניט טאָן?! און דאָס קינד איז דאָך נאָך אַ גאַנצס, אָנגעטאָן אין זײַן ערדישן גוף, די גויִים האָבן דעם נאָר צעקלאַפּט דאָס קעפּל אין דער וואַנט...

אַפילו די וואָס האָבן פריִער געררופן חברה־קדישא אַרויסצונעמען דעם מת פון אָרון־קודש, אויך די שווײַגן; אין די אָפענע טירן פײַפט דער ווינט,

אין דרויסן, אין דער שײַן פון די לאַמטערנס דרייען זיך די ערשטע שנייעלעך, אַלע שטייען אַרומגעכאַפּט מיט אַ ציטערניש.

— טאַטע־זיסער, אַבי־יתומים, — וואַרפט יצחק באַיאַר אין אָרון־קודש אַרײַן ווערטער שווערע, וואָס גייען אים מיט אַ קרעכץ פון האַרץ אַרויס, — אָט זיצט פאַר דיר אויף דער ערד, אונטערן שטענדער, אונטער די דרײַ ברענענדיקע נשמה־ליכט, נאָך אַ גרעסערער בעל־יסורים פון איובן... אָבער יענער איז דאָך שוין געווען אין די יאָרן, יענער האָט דאָך שוין געהאַט פאַרזוכט פון עשירות און פון כּבוד, געהאַט ווײַבער מיט קינדער, און דער, גאָטעניו, וואָס? דער, דניאל בן ליבע־לאה, איז דאָך נאָך אַ קינד, אָט דאַרף אים ערשט ווערן צוועלף יאָר... איז דיר קאַרג געווען, אל־חנון, וואָס זײַן טאַטע, שמריה, געווען דײַנער אַזאַ געטרײַער קנעכט, איז געפאַלן אויף דער מלחמה, פאַרן טויט מיטן לעצטן אָטעם צו דיר געשרי:ען... האָסטו נאָך צוגענומען בײַם קינד אויך די מאַמע זײַנע! אַזאַ ריינע און אַזאַ ליכטיקע נשמה האָבן דײַנע גויִים לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין דער ערד! צוליב וואָס האָסטו דאָרטן, אין מידבר, בײַם באַרג סיני, אַזוי געשטורעמט און געבליצט: לא תּרצח! דאָרטן, אין מידבר, האָט מען ניט נאָר געהערט, נאָר געזען דײַן קול... וכל העם רואים את הקולות. נו און דאָ, ניט אין מידבר? זאָל מען דערזען דײַן קול! מ׳זאָגט אונדז אַז מיר קאָנען ניט פאַרשטיין און ניט באַנעמען דײַנע וועגן. פאַר וואָס קאָנען מיר ניט? אין דײַן הייליקער תּורה שטייט דאָך געשריבן: ויברא אלהים את האדם בצלמו בצלם אלהים...

און ער בלײַבט שטיין, דער ייִד, און נעמט זיך וויגן. און ס׳הערט זיך נאָר ווי ער דערשטיקט אין זיך אַ קלאָגגעוויין. און אויך זי, סטיסיע, מיטן אויסגעקרימט געוואָרענעם פּנים, ווי זי וואָלט צווישן פײַערן געשטאַנען, אויך זי וויגט זיך מיט אים, מיט יצחקן, און די טירלעך פון אָרון־קודש, פאַר וועלכע ביידע האַלטן זיך אָנגענומען, פאַרמאַכן זיך ביז האַלב און עפענען זיך באַלד צוריק ברייט פונאַנדער. און שוין ניט נאָר זיי ביידע, נאָר אַלע אַרום וויגן זיך. ער איינער, דניאלקע, אויף דער ערד, בלײַבט ווײַטער אַזוי פאַרגליווערט זיצן און די נאַכט מיט די דרײַ ברענענדיקע ליכט און מיט אַלץ וואָס ס׳קומט דאָ פאַר גייט אים שוין אויפן גאַנצן לעבן, דורך די מיט טרערן פאַרלאָפענע אויגן, אין האַרצן אַרײַן. און פּלוצעם שטעלן זיך די טירלעך פון אָרון־קודש

אַפּ, און מ׳דערהערט ווי דער ייִד מיט דער שמאָלער ווײַסער באָרד הייבט אָן צו זאָגן מיט אַ ניגון און מיט אַזאַ טרויער ווי ער וואָלט זיך דאָ געשיידט מיט אַלע האָפענונגען פון זײַן לעבן:

— אמת ואמונה כל זאת וקים עלינו, כי הוא ד׳ ואין זולתו, ואנחנו ישראל עמו. הפודנו מיד מלכים, מלכנו הגואלנו מכף כל העריצים, האל הנפרע לנו מצרינו, והמשלם גמול לכל אויבי נפשנו, העושה גדולות עד אין חקר ונפלאות עד אין מספר... ברוך אתה ד׳, מגן אברהם... אתה גבור לעולם אדני, מחיה מתים...

און אַן אויפגעצאָרנטער, אַלע ביינער קראַכן אין אים, לאָזט ער אָפּ די טירלעך פון אָרון־קודש און לייגט די הענט אַרויף אויף אירע אַקסלען:

— קום, סטיסיע, קום... נסים זענען פאָרגעקומען דאָרטן, אינעם חומש... דאָרטן איז יעדער בלעטל אָנגעשפּיקעוועט מיט נסים... דאָרטן האָט דער־וואָס־לעבט־אייביק אָנגעשיקט אויף פרעהן צען מכּות, דאָרטן האָט זײַן־ליבער־נאָמען געשפּאָלטן דעם ים־סוף, דאָרטן האָט דער גאָט פון אַברהם, פון יצחק און פון יעקב אַראָפּגעשיקט מן פונעם הימל, דאָרטן האָט זיך פון אַ שטיין געגאָסן וואַסער, אַלץ דאָרטן. און אַלץ אַ מאָל. דאָ הייסט מען אונדז: בדמייך חיי! ניין, רבונו־של־עולם, גענוג, מוחל! אַ פאַרבלוטיקטער וועל איך פאַר דיר קיין קדוש! קדוש! קדוש! ניט טאַנצן... די פיס מײַנע הייבן זיך שוין מער ניט! קיין קרבן־תּמיד וועלן מיר פאַר דײַן רישעותדיקער וועלט ניט זײַן!.. קום, סטיסיע, נעם דאָס קינד און מירן גיין עס ברענגען צו קבר־ישׂראל. נחומס ביינער ליגן דאָך אינעם אָפענעם קבר... ברוך ליגט נאָך אויפן וואָגן. ס׳הייבט אָן שיטן אַ שניי. קום, סטיסיע, מיר וועלן מקבר זײַן די הרוגים און דערנאָך וועלן מיר אַלע גיין אין שעפּטלס קוזניע קאָוועןמעסערס. לאַנגע מעסערס... ניט באַהבה, ניט מיט ליבשאַפט דאַרפן מיר טראָגן אונדזערע יסורים, נאָר מיט שׂינאה... אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר צאָן, בלוט פאַר בלוט... די גויִים האָבן דרך־ארץ נאָר פאַר מגושמדיקן כּוח! פון אונדזער קידוש־השם קוואַליען זיי נאָר אָן, די גויִים!.. אַזוי פירט ער דאָך, דער ד׳ צבאות, זײַן וועלט!

און מיט אַ מאָל דערהערט זיך פון צווישן עולם אַ שופר־בלאָזן — אַ תּקיעה־גדולה און אַ שברים און אַ תּרועה — דער שוחט און דער בעל־תּוקע

פונעם גרויסן בית־מדרש, פונעם „מאָוער”, ר׳ חיים־אַהרן, וואָס זײַן ברודער, דוד־הערשן, האָבן די גויים פאַר טאָג אינעם טלית פונעם בריק אין טײַך אַרײַנגעוואָרפן און צו פאַר נאַכט איז ער מיטן וואַסער, אינעם טלית, צום ברעג פאַרטראָגן געוואָרן, ער, חיים־אַהרן דער שוחט, וואָס האָט פאַר דער קבורה בײַם ברודער די בלאָ־שוואַרצע האַנט גענומען און אַ תקיעת־כּף געגעבן, אַז ער גיט אים אָפּ, דעם קדוש, אַלע מיצוות פון ביז אַהער און אויך אַלע מיצוות וואָס ער וועט נאָך האָבן ביזן סוף פון זײַן לעבן, ער, חיים־אַהרן, האָט זיך אָוועקגעשטעלט בלאָזן שופר.

און דערנאָך, אַז ער האָט שוין שופר אָפּגעבלאָזן, שוין נאָכן פאַרטרײַבן דעם שׂטן־המשחית, די קליפּה, רײַסט ער זיך פון צווישן דעם שוין ביז גאָר מבולבלן עולם און פון צווישן דער מוראדיק־פײַנלעכער שטילקייט אַרויס און מיט אַ געשריי:

— ועל כולם אלהי סליחות...

לויפט ער צו און פאַרלעשט די דרײַ ברענענדיקע ליכט אויפן שטענדער. שטעלט זיך אַ בהלהדיקע פינצטערניש און אַפילו אַ סך פון די באַיאַרס לאָזן זיך פון קלויז אַרויס לויפן.

ה

און זי, סטיסיע, — די נאַכט נעמט אין די שפּעטע שעהען אַרײַנגיין, די ווינטן טרײַבן איבער דער האַרטער ערד פאַרגעלטע פעדערן פון אויפ־געשניטענע קישנס, דעם זילבער־גרינלעכן, הײַיאָר פאַרשפּעטיקטן שניי, די טונקל־רויטלעכע שײַן פון אַן אָפּגעדעקטן שטערן, די ריחות פון געברענטן קימל און קליי, די געזאַנגען פון נאָענטן שיכּורן דאָרף — זי הערט אָבער ניט, סטיסיע, קיינעם און גאָרנישט; די קברות־ייִדן מיט די ברענענדיקע לאַמ־טערנס ווילן דאָס קינד פון אָרון־קודש אַרויסנעמען, אין שוואַרצן געוואַנט אַרײַנלייגן און אויפן הייליקן־אָרט אַוועקטראָגן, נאָר זי רירט זיך פון אָרט ניט. ביידע הענט נאָך אַלץ אין די טירלעך אײַנגעקלאַמערט און נאָך אַלץ מיט התלהבות, טאַקע מיט לײַב און לעבן, מיט דער גאַנצער פאַרגלייבטקייט פון אַ פרוי און פון אַ מאַמע, וואָס ליבע איז בײַ איר ריין און הייליק, שטייט זי ווײַטער, שוין נאָך די ליכט אויסלעשן, ווי צוגעבונדן, ווי צוגעזאָטן און ווי באַהעפט געוואָרן מיטן אָרון־קודש, ווײַל נאָך דאָרטן, אין וועג מיטן טויטן קינד אויף די הענט, מיטן מאַנס ביינער אײַנגעוויקלט אין פאַרטעך, שוין דאָרטן גוט מיטן שׂכל, און דער עיקר מיטן האַרצן באַנומען וואָס פאַר אַ בראָך און וואָס פאַר אַ חורבן ס'איז פאַרן לעצטן מעת־לעת אין איר לעבן פאָרגעקומען, און זי ווייסט גוט, סטיסיע, אַז פון דאַנען, פונעם אָרון־קודש, איז שוין קיין וועג פאַר איר ווײַטער ניטאָ: דאָרטן, ערגעץ־ווײַטער, וואַרט אויף איר אַן עלנטקייט אָן אַ ברעקעלע פײַער... דאָרטן, ערגעץ־ווײַטער, וועט דאָס וויכטיקסטע, דער תּוך, דער תּמצית, דער זינען פון איר לעבן, אין אַ פינצטערניש אַרײַן: דער מאַרך פון אירע ביינער און די ערד פון אירע בלוטן וועלן אויסגעטריקנט ווערן און שוין קיין קיום ניט האָבן.

— פאַר וואָס איז מיר געקומען אַזאַ חורבן אין מײַן לעבן? — רעדט זי אָן ווערטער, אָבער מיט אַזאַ געשריי פונעם האַרצן, אַז אַלע וועלטן קאָנען

זי דערהערן. — פאַר העלפן דעם טאַטן מיטן גרויסן האַמער, פון פאַר טאָג ביז פאַר נאַכט, אויפצוהאָדעווען די צען קינדער, די עשׂרת־הדיברות, ווי עקיבא רופט זיי, — איך וויל נאָר וויסן פאַר וואָס? איז דען פאַראַן אויף מײַן לעבן כאָטש אַ בלוטסטראָפן?

די הייס־טרוקענע, די גרויסע אויגן אירע, ווי כמעט בײַ אַלע באַיאָרס טעכטער, פֿײַערן איר אין אָרון־קודש אַרײַן:

— פאַר וועלכע זינד מײַנע האָסטו דערהרגעט מײַן זרחלען, דערשטאָכן און פאַרברענט מײַן נחומען? און פאַר וואָס האָסטו יענעם, שׂימחהן, מיט דרענגלעך דערהרגעט? דו האָסט כאָטש געזען ווי ס׳איז אים גערונען דאָס בלוט פונעם אַרויסגעשלאָגענעם אויג?!..

און ניט קיין קלאַנג און ניט קיין ריר מיט אַן אבר, ווי זי וואָלט מיט די אויסגעצויגענע הענט, אָנגעכאַפּט פאַר די טירלעך פון אָרון־קודש, פאַרקילט, פאַרגליווערט און פאַרשטיינט געוואָרן: ווען די הענט צעעפענען זיך איר, פאַלט זי ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים אין וואַלד.

די זיך־וויגנדיקע און אונטערשפּרינגענדיקע פאַררייכערטע שײַן פון די קברנישע לאַמטערנס וואָס פון אונטן, ווי פון דער ערד אַרויס, מיטן ביטער־טשאַדענדיקן ריח פון טריפנדיקן געלן חלב, לויפט איר איבערן שוואַרצן מאַנטל, פאַרקריכט דורך דער אַראָפּגערוקטער פאַטשיילע אויף איר אָפּגעדעקטן גאַלדיק־בלאָנדן קאָפּ האָר; און דער עיקר גייט אָט די זיך־וויגנדיקע, אָט די פאַררייכערט־געלע שײַן אַ מין וויסטן טאַנץ אויף סטיסיעס פאַרשוואַרצטן פנים.

שטייט מען אַרום איר אין אָט דער פאַרפלאָנטערטער טונקלעניש און קיינער הערט ניט, אַחוץ זיי צווייען, דער אַלטער יצחק און דער צוועלף־יאָריקער דניאלקע, ווי אַלע בלוטן שרײַען אין איר.

— פאַר וועלכע זינד, פרעג איך דיך, — פֿײַערט זי ווײַטער און אַן ווערטער אין אָרון־קודש אַרײַן. — פאַר וואָס האָסטו אַרויסגעריסן די זון פון מײַנע אויגן און אויסגעלאָשן פאַר מיר די וועלט? די מומע ליבע איז אומגעקומען אין גרויסע יסורים, אָבער אירע יסורים האָבן שוין אַ סוף... און איך וועל זיך דאָ אַרומדרייען אויף דער ערד מיט ווײַסע אויגן, מיט דער פינצטערניש אין די אויגן... און פאַר וואָס? פּרווו אָפּלעבן מיט אַ מאַן וואָס

צעבײַסט דיר אַלע נאַכט נאָר די בריסטן... יאָ, גבריאל איז מיר דענסטמאָל געווען שטאַרק צום האַרצן. ער איז ווי קראַפּעווע אויסגעוואַקסן אין מײַן ליידיקן האַרץ... איך האָב ליב געהאַט זײַן ליבשאַפט צו מיר. זײַן ליבשאַפט צו מיר האָב איך געפילט אַלע מאָל ווען ער פלעג דורכגיין פאַרבײַ מיר. ער, דער גבר, פלעג זיך אָנהייבן צו וואַקלען, ווי די פיס וואָלטן זיך אים גענומען אונטערברעכן. שטראָפסטו מיך נאָר פאַר אַ זינדיקן געדאַנק? און אפשר גאָר פאַר יענער פסחדיקער נאַכט ווען גבריאל האָט פון מיר אַראָפּ־געריסן די מלבושים? אין יענער נאַכט האָט ער עס געטאָן ניט פון ליבע צו מיר און אַפילו ניט פון תאווה צו מיר. ער האָט עס געטאָן פון צאַרן וואָס זײַן זון האָט ניט געקאָנט איבערלאָזן קיין קינד. גבריאל האָט אין יענער נאַכט געוואָלט אויפשטעלן מיט מיר אַ דור נאָך שׂימחהן. שׂימחהס נאָמען זאָל ניט פאַרפאַלן גיין. און איך בין זיך מודה, אַז טאַקע דערפאַר וואָס ער איז אויף מיר אָנגעפאַלן דעמאָלט ניט מחמת ליבע צו מיר, נאָר מחמת צאַרן פאַר זײַן שׂימחהן, האָב איך אים טאַקע דערפאַר דעמאָלט אָפּגעשטויסן... קומט מיר טאַקע, אַז דו זאָלסט בײַ מיר דערפאַר אַרויסרײַסן די זון פון די אויגן? און וואָס וואָלסטו שוין געטאָן מיט מיר, און וואָס פאַר אַ שטראָף וואָלסטו שוין דעמאָלט פאַר מיר צוגעטראַכט ווען איך גיי טאַקע אַוועק צו גבריאלן? ווען ער בלײַבט דאָך לעבן, ווען ער פאַלט ניט מיט דער האַק אין דער האַנט? וואָלט איך דאָך אויף געוויס צו אים אַוועקגעגאַנגען. אַז אַלע זענען זיך פון אים צעלאָפן, וואָלט איך אים דאָך דאַרטן, אינעם פאַרוויסטן הויף, איינעם אַליין ניט איבערגעלאָזט... וואָס וואָלט מיר שוין דענסטמאָל, פאַר אַזאַ זינד געקומען?

און זי זוכט אין זיך און נישטערט נאָך זינד, פון זינט אויף די פיס זיך געשטעלט און געדענקט זיך, אָבער קאָן זיי ניט געפינען. זי, אָט־די שיינע און געזונטע דאָרפס־און וואַלד־מויד, וואָס פלעגט דאָס ווילדסטע פערד אונטערקאָווען, זי מיט אירע קאָכיקע בלוטן, וואָס האָבן זי צו ברעכן ווענט און אײַזערנע פלויטן געקאָנט דערפירן, זי האָט קיין מאָל קיין איין טראָט ניט געמאַכט פונעם גלײַכן וועג. זי האָט מיטן גאַנצן האַרצן, שוין אַפילו נאָך איר אומגליק מיט שׂימחהן, שוין אויך נאָך גבריאלס טויט, געגלייבט און געוואַרט אויף איר אמתן באַשערטן, טאַקע אויף דער גרויסער און געבענטש־

טער ליבע, ווו דאָס לײַב ווערט נשמה און די נשמה ווערט לײַב... און זי האָט אים טאַקע, נחומען, אין איינעם אַ הייסן זומערטאָג, פאַרנדיק פון דער גרויסער חתונה — ווען וואָלט מיט ביילען האָבן צוויי טעכטער מיט אַ מאָל אויסגעגעבן, אין איין טאָג צוויי חופות געשטעלט — בײַם סאַמע וועג, אונטער דער פאַרשטויבטער סאָסנע געטראָפן אים ליגן, ווי ער וואָלט אויף איר דאָ געוואַרט.

און נאָך אַלץ אָן אַ וואָרט און אָן אַ ריר מיט אָן אבר, נאָר מיטן ווילד־צאַרנדיקן בליאַסק אין די אויגן, קוקט זי אויף איר געהרגעט קינד וואָס ליגט אין אָרון־קודש צווישן די צוויי ספר־תורות, מיט די צונויפגעבויגענע פיסלעך, — דאָס פּנימל הייבט אים שוין אָן צו שוואַרצן זיך, ווי ס'וואָלט אָנגעהויבן צו באַדעקט ווערן מיט רויך פון די קברנישע לאָמטערנס, — הייבט איר פּנים אָן צו ווערן אויסגעקרימט ווי בעת איר גיין מיט זרחלען צו־קינד. אָבער דעמאָלט נאָר אין אָנהייב געשריִען, און דערנאָך שוין אַלע דרײַ מעת־לעת די איבערגעטריקנטע ליפּן ביז בלוט געביסן; די מומע ליבע מיט דער מאַמען האָבן אויפן דריטן טאָג דעם בויך מיט אַ לאַנגן האַנטעך איר איבערגעבונדן און פון ביידע זײַטן בעט פאַר די עקן צו זיך געצויגן... אָבער דעמאָלט, אין יענע ווייטיקן, איז דאָך אַזאַ פרייד געווען; דעמאָלט איז דאָך סוף־כּל־סוף, נאָך אַזוי פיל יאָרן האָפן און וואַרטן, דער גרויסער סוד, דער גליקלעך־ווייטיקדיקער סוד פון געווינען פאַר איר אַנטפּלעקט געוואָרן; אין יענע ווייטיקן איז דאָך רושם און התפּעלות געווען; און יענע ווייטיקן זענען דאָך אינעם לײַב אָבער ניט אין דער נשמה געווען; פון יענעם צער איז דאָך אַ קינד, אַ נײַ לעבן געגאַנגען.

— און איצטער? — נעמט זי טרייסלען די טירלעך פון אָרון־קודש און דער בליאַסק אין די אויגן לעשט זיך איר — גאָט! — רײַסט זיך ווידער אַ ביטער געשריי פון איר אַרויס — גאָט! קער מיר אום מײַן קינד!.. מיט די ביינער פון מײַן מאַן וועל איך שוין יאַקאַש לעבן...

און דאָ, אַז סטיסיעס מאַמע, ראַסיע־זלאַטע — פון איר פײַערדיקן קאָפּ האָר איז שוין נאָר דאָס אַש פאַרבליבן, זי איז שוין ניט אַזוי הויך און שוין ניט אַזוי ברייט; מאַטעס האָט שוין אויף איר מער רחמנות ווי מורא — אַז זי נעמט ווײַנען דער טאָכטער אויפן אַקסל:

— סטיסעניו, לאָז נעמען דאָס קינד... אין דרויסן הייבט אָן גיין אַ שניי, ס׳וועט דאָך פאַרשאָטן ווערן דער קבר ווי ס׳ליגן נחומס ביינער... טאָכטער, האָב אויף זיך און אויף אונדז רחמנות! — דאָ וואַרפט זי, סטיסיע, פון זיך מיט אַ מאָל אָפּ די טירלעך פון אָרון־קודש און נעמט מיטביידע הענט צו פאַרשאַרן פון זרחלס אויגן די האָר און זי טוט עס מיט עפּעס אַ מין משונהדיקן געלעכטער: מיט אַ געלעכטער פון אַ פרוי ביי וועמען די לעצטע און די איינציקע האָפענונג איז צעבראָכן געוואָרן און ס׳איז שוין ניט געבליבן מיט וואָס און פאַר וועמען ווײַטער צו לעבן.

דאָ, אַז אַלע דערהערן אָט דעם פאַרצווייפלטן, אָט דעם ביז צום טויט דערשטיקטן געלעכטער אירן און ווערן צונויפגעדריקט און צונויפגעבויגן, דאָ גלײַכט ער זיך אויס, יצחק באַיאַר, גייט אָפּ פון דניאלקען וואָס זיצט נאָך אַלץ אויף דער ערד אונטערן שטענדער און לויפט צו צום יונגן־מאַן, צו דעם אַרויסגעטריבענעם בעת דער מלחמה פון גאַליציע, צו ליפּע זאַק, וואָס יצחק האָט אים מיט דעם טראַגעדיקן ווײַב צו זיך אין שטוב אַרײַנ־גענומען — דער „שטילער זומער" איז אַרום זיי אַרומגעגאַנגען — און מ׳האָט זיי מיט אַלע כּוחות און מעגלעכקייטן געהאָלפן, און אַז דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, האָט מען דעם ברית געפּראַוועט און ער אַליין, יצחק, איז סנדק געווען. און שפּעטער, אין אַ האַלב יאָר אַרום, איז אַ ווײַבל געקומען און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זי איז דעם ליפּע זאַקס ווײַב, מיט אים אונטער דער חופּה געשטאַנען, און אַז ער האָט זי אין וועג ביי נאַכט איבערגעלאָזט און אַליין מיט אַ פרעמדער אַנטלאָפן געוואָרן.

— דו, — פרעגט יצחק אַ ביז גאָר דערשראָקענער ביי אָט דעם ליפּען, — דו ביסט אויך אַהער צו געקומען? דו, וואָס דו האָסט געקאָנט אין אַן עת־צרה ביי אַזאַ פאַלקסאומגליק, בעת ייִדן זענען ווי גראַז אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע הײַזער, מ׳איז אויסגעגאַנגען אויף די וועגן, דו ביסט דעמאָלט אַנטלאָפן געוואָרן פון דײַן ווײַב מיט אַן אַנדערער. ביי אַזאַ פאַלקסאומגליק ביסטו געווען פאַרנומען מיט זיך! דו, אַזאַ פאַרדאָרבענער, מיט אַזאַ גוייִשן יושר, מיט אַזאַ טרייפענעם ביין, דו ביסט אויך געקומען אַהער? — און יצחק באַיאַר נעמט אים אָן פאַרן קאָלנער און וואַרפט אים פון קלויז אַרויס. אַלע ביינער קראַכן אים אונטערן פעלצל. — האַ, ער איז אויך אַהער צו געקומען! ער האָט דאָך

מיט זײַן האַרץ קיין מאָל קיין שטרוי ניט איבערגעבראָכן... קום, סטיסיע, — גייט ער צו און לייגט איר ווידער אַרויף זײַנע הענט אויף די אַקסלען וואָס טרייסלען זיך נאָך אַלץ אינעם גרויליק־צוגעשטיקטן געלעכטער, — קום, ווײַל אויף אונדזער פֿײַערדיקן אומגליק ווילן זיך מנוולים וואַרעמען די הענט. קום, סטיסיע, אונדזערע ליכט האָט מען אויסגעלאָשן, דער מגיד האָט געזאָגט אַז מיר האָבן טמא געמאַכט דעם אָרון־קודש, די צוויי ספֿר־תּורות. אָ, גיין! אין אָרון־קודש ליגט אַ קינד אַ קדוש! דאָס געהרגעטע קינד איז הייליקער פֿון הונדערטער ספֿר־תּורות. ספֿר־תּורות קאָן מען שרײַבן נײַע. סטיסיע, שטיל אײַן דײַן געלעכטער! דו הערסט? מ׳שיסט, די ערד ציטערט. ווער גייט אַהער? רויטע? פּעטליוראָווצעס? באַנדעס? אפֿשר גייט דאָרטן מײַן אַברהם? קום, סטיסיע, מיר׳ן ברענגען אונדזערע קדושים צו זייער אייביקער רו.

אָבער סטיסיע האָט פּלוצעם דאָס קינד פֿון אָרון־קודש אַרויסגענומען, צוגעפֿאַלן מיט איר מויל צו זײַן מײַלעכל און גענומען אין אים מיט אָט יענעם ביזן טויט צוגעשטיקטן געלעכטער אַרײַנאָטעמען. ערגעץ ווײַט רײַסן זיך האַרמאַטן־קוילן, די ערד ציטערט אַלע מאָל אויף; אין די ערב־ווינטערדיקע שוואַרצע הימלען ברענען יום־טובדיקע גרין־רויטלעכע גרויסע שטערן, און איבער דער ערד לויפֿן זילבערנע שטויבן. קיינעמס רייד דערגייען ניט צו איר. זי אָטעמט שוין ניט אַרײַן אינעם קינדס מײַלעכל, נאָר דעם קאָפּ צום נאַקן פֿאַרוואָרפֿן און לאַכט אויף אַ קול, ווי צו עמעצן אַהין, איבערן דאַך, איבער יענע יום־טובדיק אויסגעשטערנטע הימלען. אין אָט דעם געלעכטער אירן איז שוין ניט נאָר יִיאוש, נאָר שוין אויך גאַליקער ביטול פֿון אַ פֿרוי וואָס איז מיט אַזאַ האָפֿענונג און גלויבן געקומען און איז פֿאַרפֿירט און אָפּגענאַרט געוואָרן. וווהין און צו וועמען קאָן זי שוין מיט איר געהרגעט קינד ווײַטער גיין? עס אָפּגעבן די באַגרעבערס, מ׳זאָל עס אין דער ערד אַרײַנלייגן און אַליין בלײַבן דאָ, אויף דער ערד, און אַרומגיין מיט ווײַסע אויגן?..

ו

און אויך דעמאָלטן, טאַקע אין יענע טעג — דער ווינטער איז שוין מיט פרעסט און זאַווייעס איבער אַלע וועגן געלאָפן, די ערד איז שוין גאָר מיט הורבעס בלינד־שוואַרצער שׂינאה, מיט גאַל־פאַרסמטער קינאה, מיט קאַלט־ניכטערער רציחה און מיט ביטול־פאַרביסענער הפקרות פול געוואָרן: אַ זון האָט די האַק אויפן פאָטער, און די טאָכטער האָט די האַנט אויף דער מוטער אויפגעהויבן; אַ שוועסטער האָט פאַר מאַרקסן איבערגעשניטן בײַ נאַכט דעם ברודער מיט אַ מעסער דעם גאָרגל. אומעטום און אַלץ איז צעשנורט־אויפגעבונדן און פרײַ געוואָרן, אַלע צאַמען אומגעוואָרפן און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, מיט אַ פאַרשײַט־פאַרגעניגנדיקער דערקוויקעניש, מיט אַ מין רייצנדיק־זיסער באַגײַסטערונג זיך אויפגעשלאָסן און אויפגעבראָכן, מיט עפּעס אַ מין ווילד־פריידיקן נײַגער איבער חרפּה און בושה געטראָטן — בפרהסיה זיך אָפּגעגנאַקעט־און־אָפּגעדעקט.

איבערן גרויסן לאַנד ווו די זון פאַרגייט כּמעט ניט, ווו די ערד איז מיט אַל־דאָס־גוטס איבערגעפולט, די וועלדער אויף ניט דורכצוגיין און ניט אויסצומעסטן, מיט פייגל און מיט חיות פול, די פולוואַסערדיקע טײַכן שוויבלען אוןווימלען מיט פיש; די פעלדער, ווינטער מיט שניי און זומער מיט רעגן, ווײַט־רחבותדיקע, מיטן אויג ניט אַרומצוכאַפּן; די סעדער אין טוייִקן בלי, די געדיכט־גראָזיקע טאָלעקעס מיט פעטער מילך געבענטשט; און איבער אָט דעם לאַנד איז אַ וואָלפישער הונגער געשטאַנען. זעלטן־ווען און זעלטן־ווו האָבן אין די שטעט רויכן פון די קוימענס אין די ווײַסע פרעסט אַרײַן געשלאָגן. דורך די פאָרטקעס פון די ניט־פאַרפרוירענע פענצטער זענען שיטער־גרויע רייכלעך געקראָכן — מ׳האָט די אײַזן־ און בלעך־אײַוועלעך מיט שטובמעבל און מיט גאָלד־געליישטע, אין לעדער־געבונדענע ביכער געהייצט: שרײַבערס און דענקערס פון גאָר דער וועלט, אויף אַלע שפּראַכן, האָבן דענסטמאָל באמת דאָס לעבן פון אַ מענטשן דערוואַרעמט.

און אויף די שליאַכן פֿאָרן ניט קיין פֿורן, און אויף די רעלסן גייען ניט קיין באַנען, און אויב אַ צוג גייט שוין יאָ אַ מאָל אין וועג אַרויס, ווייסט מען ניט ווען און וווהין ער וועט אָנקומען. די משׂא־וואַגאָנען — אָן ליכט און וואַרעמקייט, מיט רעשטלעך פֿאַרשטויבטע ריחות פֿון תּבֿואה און קוילן, בוימל און כּודאַבע־מיסט, אָנגעשטופּט און אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן פֿון אַלע שטאַנדן און גראַדן, אָנגעבונדן און באַלאָדן מיט זעק און קוישן, אויפֿגערייצטע און אויפֿגעבראַכטע, זידן פֿון רציחה, גרייט יעדער רגע וואַרפֿן זיך איינער אויפֿן אַנדערן צו דורס־זײַן, טרעטן אויף יענעמס גוף און נשמה.

און מ׳פֿאָרט אויף די פֿאַרשנייטע וואַגאָנדעכער, אויף די אָפֿענע פּלאַט־פֿאָרמעס, אויף די בופֿערס און טרעפּלעך — דער פֿראָסט אין לײַב, די פֿעלד־ווינטן אין פּנים און דער פּחד אין די אויגן: אָפּט יאָגן פֿון די וועלדער אַרויס, מיט שיסערײַ און בהלה־טומל, פּויערים אויף ניט־געזאָטלטע פֿערד, אין שוואַרצע פּעלצן, די שמוישענע יאַלעמס איבער די אויגן, שטעלן אָפּ און באַפֿאַלן דעם צוג, רויבן וואָס אונטער דער האַנט קומט, שלעפּן פֿון די זעק און פֿון די ווײַבערשע בוזעמס, ברעכן די פֿינגער אויס בײַם אַראָפּנעמען די רינגען און רײַסן מיטן פֿלייש די אויערינגלעך אַראָפּ. און אַז מ׳טרעפֿט אָן אויף אַ ייִדן, דאָ טוט מען אים שוין גאָר אויס ביזן העמד, מ׳שלאָגט אים מכּות־רצח און מ׳וואַרפֿט אים פֿון וואַגאָן אויף דער ערד, אין וואַלד, ער זאָל דאָרטן אויפֿן פֿראָסט אין שרעקלעכע יסורים אויסגיין.

אָט דעמאָלט, טאַקע אין יענע טעג, אַז קיין אַנדער וועג און ברירה איז פֿאַר דער טאָכטער פֿון שמריהן, וואָס האָט געלעבט מיטן ווינטשפֿינגערל אין לינקן אויג, געגלייבט אַז אין איינעם אַ טאָג וועט די גאולה קומען, אַז ער וועט ערגעץ אויף די יריד־וועגן משיחן באַגעגענען... אַז פֿאַר איר, פֿאַר שמריהס טאָכטער, פֿאַר שיפֿרהן, איז שוין קיין אַנדער אויסוועג ניט געווען, אַלע חלומות אין איר לעבן זענען אומגעפֿאַלן און ווער ס׳וויל קאָן אויף זיי, אויף אירע אויסגעווייטיקט און אויסגעבלוטיקטע חלומות, אַ שפּײַ טאָן, זיי אָפּן לעסטערן, אויסשפּעטן און לצנות טרײַבן... אָט דעמאָלט האָט זי גענומען צו דער מאַמען פֿאָרן און צו יענעם וואַלדשטיבל זיך דערקלײַבן.

צום סוף אָבער, נאָך אַזוי פֿיל מאַטערנישן, פֿון שליטן אויף שליטן, דורך אַזעלכע פֿרעסט און שנייען, דערקליבן זיך אַהין, האָט זי די מאַמע דאָרטן

ניט געטראָפן און אויך פון דער שטוב איז קיין סימן ניט געבליבן — אַ הורבע שנײי מיט טרוקן־גרינע נאָדלען, אָנגעטרייסלט פון די אַרומיקע סאָסנעס, זילבערט זיך אויף דער זון, און אין דער ווינטערדיקער שטילקייט פון וואַלד הילכט ביז גאָר אָפּ דאָס אויסקלאַפּן פונעם פּיקהעלץ, פון אָט דעם גרויסן וואַלד־רופא, איבער די ליכטיק־באַגילדטע סאָסנעשטאַמען, זי איז געשטאַנען דאָרטן לאַנג, שיפרה, אַ פאַרטראַכטע און דער ווינט האָט איר פון די אָנגע־שנייטע יאָדלעס געטריבן אין פּנים אַרײַן אַ ראָזעוון שטויב.

פון דאָרף האָבן זיך צו די פּיאָלעט־קאַלטע הימלען געהויבן ווײַסע זײַלן רויך. האָט זי זיך אַהין, צום דאָרף געלאָזט גיין. געוואָלט דאָרטן זיך עפּעס־וואָס דערוויסן, האָט איר אָבער קיינער דאָרטן קיין ענטפער ניט געגעבן און אַפילו אויף איר די אויגן ניט אויפגעהויבן. פון אָט דעם עקשנות־וויסטן שווײַגן איז איר געווען צו פאַרשטיין: מיט דער מאַמע האָט גאָר אַ גרויסער אומגליק געטראָפן. אויך פון יצחק באַיאַרס שטוב, פון דער אַלטער ירושה־קרעטשמע, איז פאַרבליבן נאָר איין וואַנט — די דרומדיקע, וואָס שטאַרצט אַ שוואַרץ־פאַרקוילטע פון די שנייען אַרויס. אַחוץ אָט די צוויי אָפּגעברענטע ייִדישע הײַזער, האָט מען אין דאָרף קיין סימנים פון שׂרפה ניט געזען. די כאַטעס — ביז צו די פענצטער מיט וואַלדבלעטער פאַרהאַטעט — האָבן צו די האַלבטאָגיק־ווינטערדיקע הימלען מיט פעטע רויכן געשלאָגן: ס'איז ערב נײַיאָר, פאַר ניטל־חגא געווען — און פון אונטער די סטריכעס האָט געטראָגן מיט געקנאָבלטס און געבראָטנס, מיט גערייכערטע פליישן, בלוטווורשטן, געפעפערטע דריליעס, מיט סאַמאַהאָן און מיט סיווּכע.

האָט זי געוואָלט צום שטעטל זיך דערקלײַבן — דאָס מוז זי טאָן, זי מוז דאָ בײַקומען אַלע שוועריקייטן און שוין צום לעצטן מאָל איר מיין און פאַרטראַכט ביזן סוף דערפירן — אפשר וועט זי פאָרט דאָרטן די מאַמע אָדער אַפילו יצחקן געפינען, צי אויף עמעצן פון אירע ברידער און שוועסטער זיך אָנטרעפן. הגם ניט זי געדענקט זיי און ניט זיי געדענקען שוין זי: אַזוי פיל יאָרן פון דער היים, און אַזוי ווײַט געווען. דעם קלענסטן פון די ברידער האָט זי שוין אַפילו אין די אויגן ניט געזען. יענער, דניאל, ווי מ'האָט איר דערציילט, איז געבוירן געוואָרן בעת די מאַמע איז פון טורמע אַרויס, ערגעץ בײַם וועג, הינטער אַ סקירדע שטרוי.

אָבער אַהין איז זי ניט דערפֿאָרן. אונטערוועגנס, בײַ דער באַנסטאַנציע, דערהערט: שוין אַ מעת־לעת ווי דאָרטן, אין שטעטל, פֿון דער באַן־קאָליִע ווײַט און ווי אין וואַלד אַרײַן פֿאַרוואָרפֿן, דאָרטן הוליעט דעם גלחס טאָכטער מיט איר באַנדע, מיט איר „קורין סמערטי“, די אַטאַמאַנשע מאַרוסיאַ, וואָס האָט פֿאַרענדיקט די פּרויען־גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. ס׳זענען שוין דאָרטן ווידער געהרגעטע און פֿאַרוווּנדיקטע פֿאַראַן, יונגע מיידלעך ווערן דאָרטן פֿאַר די אויגן פֿון די אַטאַמאַנעס פֿאַרגוואַלדיקט.

ניין, אַהין קאָן זי ניט און טאָר ניט פֿאָרן. אַ פּנים אַז דער גורל אַליין האָט זיך איר אויף דעם וועג צו דער מאַמע געשטעלט. פֿאַרהאַלטן זיך דאָ לענגער, קאָן זי שוין מער ניט. זי פֿילט ווי איר לעצטע שעה נעמט קלאַפּן. און דאָ וועט באַלד אָפּגיין אַ צוג אין שטאָט אַרײַן — דאָס שוואַרץ־גלאַנציקע לאָקאָמאָטיוול פֿײַפֿט פֿון יִיאוש, ס׳גלייבט ניט אַז ס׳וועט קאָנען אָט די שווער־אָנגעלאָדענע וואַגאָנען פֿון אָרט אַפֿילו רירן: פֿולע מיט קײַלעכדיקע סאָסנע־ און בערעזע־קלעצער, וואָס שמעקן נאָך מיט זומערדיקן וואַלד, און פֿון אויבן, אויף די קלעצער, מענטשן מיט זעק — ניטאָ שוין ווּהין אַ נאָדל צו פֿאַלן. און מ׳גייט נאָך אַלץ מיט די קני און עלנבויגנס און מ׳שפּאַרט זיך נאָך אַלץ און מ׳קריכט מיט געוויין און מיט גוואַלדן. און ווי אַזוי זאָל זי, שיפֿרה, אַהין אַרײַנקריכן און זיך אַהין אַרײַנברענגען? ניטאָ שוין בײַ איר אויף דעם קיין כּוח און דער עיקר, אין איר מצב איז דאָך אַ גרויסע סכּנה אין אַזאַ געדרענג אַרײַנקומען און צווישן אַזאַ ווילדקייט אַרײַנפֿאַלן.

גייט זי מיט איר קלומיקל צום מאַשיניסט, וואָס שטייט אין טיר און הינטער אים פֿלאַקערט דער קעסל־אויוון. און דער פֿײַער דערמאָנט אָן אַ שטוב, אַ טיש מיט ברויט, מיט אַ זודיקן סאַמאָוואַר און אויך אָן אַ בעט מיט קישן צוקאָפּנס. און דער פֿײַער אין קעסל־אויוון איז פֿאַר איר ווײַט און שלאָגט זיך אָפּ מיט סקוליענדיקער בענקשאַפֿט אין אירע אויגן. און זי בלײַבט שטיין פֿאַרן מאַשיניסט און קוקט צו אים אַרויף מיט אירע גרויסע אויגן, וואָס בעטן אָן אַ קול ער זאָל זי אויפֿן פֿאַראַוואָזל אַרויפֿנעמען און איר דאָרטן בײַם פֿײַער אַ ווינקעלע געבן.

האָט ער אירע אויגן דערזען — אויגן פֿון אַ פֿרוי וואָס האָט שוין איר מזל פֿאַרשפּילט און אַלצדינג אין לעבן פֿאַרלוירן; די פּיס אירע וואָס מיט שמאַטעס

אַרומגעוויקלט און מיט צונויפגעקניפּטע שטריקלעך אַרומגעבונדן, און דער עיקר דעם הויכן בויך אירן באַטראַכט און זיך אויף איר מרחם געווען.

און שפּעטער האָט אויך ער, דער מאַשיניסט, וואָס גייט שוין מיט די יאָרן אין גרויקייט אַרײַן — אַז דער אַטאַמאַן אַנגעל מיט זײַנע טויטברענגערס איז דעם צוג באַפֿאַלן, פֿון זייערע הענט זי אַרויסגענומען; מ׳האָט שוין בײַ איר אַן אויערינגל מיטן פֿלייש אַרויסגעריסן — אויפֿן וועג וואָס פֿירט אין שטאָט אַרײַן זי אַרויפֿגעפֿירט, איר אַ שטיקל ברויט אין האַנט אַרײַן געגעבן און דערקלערט ווו זי וועט דאַרפֿן דעם טײַך אַריבערגיין און ווי אַזוי פֿון דאָרטן צום קימפּעט־שפּיטאָל זיך דערקלײַבן.

דערנאָך, אַרויס מיטן לעבן פֿון רוצחישע הענט, מיטן פֿאַרבלוטיקט־צעריסענעם אויער, שאַרט זי די פֿיס, די אַרומגעבונדענע מיט די שמאַטעס, בײַ דער זײַט פֿון וועג איבער די שנייען — הערט זיך צו און וואַרט ס׳זאָל אַ שליטן אָניאָגן און זי אונטערפֿירן. די געבורטווייען נעמען איר שוין אַרומגיין איבערן גאַנצן לײַב און די וואַסערן האַלטן איר אין אָפּגיין — אָט באַלד וועט זי אָנהייבן גיין־צו־קינד דאָ, אין מיטן וועלט, אויפֿן שניי, בײַם ערב־נאַכט ווערן: די זון איז שוין כּמעט דעם באַוואַלדיקטן באַרג אַריבער, פֿאַרבליבן פֿון איר נאָר אַ דין־אויסגעבויגן ריפּטל — אַ פּראַסטיק־פֿײַערדיקס, אַזאַ וואָס שאַטנט אָפּ פֿון די נאַקעט־ברוינע צווײַגן עפּעס אַ ווײַט־פֿרעמדע, אַ זייער אומהיימלעכע שײַן אויף די אַרומיקע בלאָווקייטן און פֿאַרגייט מיט אַ ביטערער קעלט אין די אויגן אַרײַן.

זי וויל, שיפֿרה, איינס: דערגיין צום קימפּעט־שפּיטאָל און געפֿינען דאָרטן צווישן די פֿיר ווענט אַן אָרט אויף צו אַוועקלייגן זיך, — דער בויך ווערט איר אַלץ שווערער און שווערער, ציט זי ממש צו דער ערד און פֿון ווייטיק וועט זי באַלד אָנהייבן צו וויען אין דעם פֿינצטער־ווערנדיקן פֿעלד, ווו פֿון אונטער די יאָדלעקוסטעס קריכן גרינלעך־פֿאַרבלויטע שאָטנס און די בערעזעס נעמען קלערער לײַכטן אין דער נאַכט. די לעצטע נאַכט פֿון יאָר... און די לעצטע נאַכט פֿון איר לעבן. און דאָ דערפֿילט זי ווידער, און ניט נאָר זי דערפֿילט, נאָר זי ווייס שוין אויף זיכער, און שוין אָן שום ספֿק, און שוין אָן אַ ברעקל האָפֿענונג אַז זי וועט שטאַרבן אין קימפּעט. זי זעט אַפֿילו ווי דער

טויט, טאַקע באַלד ווי דאָס קינד וועט געבוירן ווערן און י ע נ ע וועט פון איר דאָס קינד צונעמען... — אויך י ע נ ע וואָס וועט בײַ איר דאָס קינד צונעמען זעט זי בולט. טאַקע באַלד נאָכן געבוירן דאָס קינד, זעט זי ווי דער טויט רײַסט איר אויף די צוגעמאַכטע אויגן און גייט מיט אַ כאָרכלענדיקן פײַף צו איר אין הייסן לײַב אַרײַן.

באַדאַרפט געווען — טראַכט זי — דעמאָלט פאָלגן דעם אַלטן דאָקטער וואָס האָט זי נאָך אין דעם ערשטן חודש פון איר מעוברתדיקייט געוואָרנט. האָט זי אָבער צו יענעמס רייד ניט געוואָלט זיך צוהערן, הגם גוט געוווּסט, אַז די באַיאַרס טעכטער זענען שווער־האָבערינס, ווי זיי וואָלטן פאַר זייער לעבנסדאָרשטיקייט, פאַר זייער להוטקייט און שיכּרותדיקער תּאווהדיקייט באַשטראָפט געוואָרן. אין אירע יאָרן, בײַ זעקס און דרײַסיק, און דערצו נאָך אַן ערשטלינג!.. און ווען? אין איר בלײַבן אַליין, אין איר עלנטקייט, און נאָך אַזעלכע יסורים און נאָך אַזוי פיל געפּטרטע כּוחות. און צוליב וואָס דאַרף זי נאָך די ווײַטערדיקע פּײַנען און ליידן איבערטראָגן און אויסשטיין? כּדי באַלד טאַקע, נאָכן האָבן דאָס קינד און נאָכן אָפּגעבן עס א י ר, דער פרעמדער... פון דער וועלט אַוועקגיין? קיין נאָענטע האַנט וועט איר די אויגן ניט צומאַכן און קיין נאָענטער מענטש וועט זי צום גרוב ניט באַגלייטן. אין יענעם אָוונט, אַז זי איז צו־און־פון דעם דאָקטער געגאַנגען, האָט זי דאָך דער מאַן באַגלייט און פרילינגדיקע וואַסערן האָבן דעמאָלט איבער די גאַסן פון סאַמאַרע, פון צווישן די נאָך נאַקעטע סעדער אַרויס, געריזלט — געטראָגן אין זייער צאַרטן רוישן דעם אייביקן געזאַנג פון בלי און יונגשאַפט. און ניט געקוקט אויף דער זיך־ברעקלענדיקער און אומרויִקער צײַט, איז איר אַ שטילע פרייד אין האַרצן אַרײַן. די פרייד פון די פרילינגדיקע וואַסערן האָט זי פון איר מאַמען געירשנט.

און דאָס קינד, דעם זון — אויף קיין האָר ניט געצווייפלט אַז זי וועט אַ ייִנגל געבוירן — האָט זי דאָך געוואָלט פאַר אים, צוליבן מאַן האָבן. איר גרעסטע מתּנה, ריזיקירנדיק דערבײַ מיטן לעבן, געוואָלט אים פאַר זײַן ליבע צו איר און פאַר זײַן טיפער מענטשלעכקייט שענקען. און אויך פאַר זיך אַליין, אויף דער עלטער, פריידיקע זאָרגן האָבן און צרות פון קינדער טראָגן. און דער עיקר, מיטן קינד האָבן, געוואָלט דעם מאַן שטאַרקער צו זיך

צובינדן, — די שיינקייט אירע האַלט דאָך שוין בײַם פאַרגיין און די רײַפע יאָרן פאַלן אין האַרבסט אַרײַן.

האָט מען דעם מאַן אירן, דעם גענעראַל, דעם לעצטן צווײַג פון אַן אַלטן רוסישן אַדלשטאַם, אין איינעם אַ פאַרטאָג, שוין באַלד זיבן חדשים, בײַ דער וואָלגע צעשאָסן... טאַקע זיי אַליין, די חברים זײַנע, האָבן אים צום טויט פאַרמישפּט: ניט געקאָנט אים זײַן אַריבערגיין צו די באָלשעוויקעס מוחל זײַן, הגם ער האָט זיי אויפן געריכט אַזוי קלאָר און מיט אַזוי פיל וויסן און חכמה דערקלערט: די מאָנאַרכיע, די אַמאָליקע אידעע אַז מאָסקווע האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון ביזאַנץ, אַז מאָסקווע איז דאָס דריטע רוים, אַז צוויי רוימישע אימפּעריעס זענען געפאַלן און דאָס דריטע רוים, מאָסקווע, וועט שוין שטיין אייביק, — אָט צו יענער פּראַוואָסלאַווגע־משיחישער אידעע איז שוין געקומען אַ סוף... דער צאַריזם — האָט ער זיי דערקלערט — דער רוסישער פּראַוואָסלאַוונער קלויסטער האָט שוין מער און ווײַטער ניט געקאָנט פאַרהיטן און פאַרהאַלטן די רוסישע אימפּעריע פון צעפאַלן ווערן. יענע גאַנצע אידעע וועגן מאָסקווע ווי וועגן דעם דריטן און אייביקן רוים, ליגט שוין אין שטויב. רוסלאַנד האָט שוין פון לאַנג באַדאַרפט האָבן אַ נײַע אידעע, וואָס זאָל געבן רוסלאַנד די מעגלעכקייט און די קראַפט צו פאַרהיטן און צו באַשיצן איר גאַנצקייט און איר ניט־צעטיילבאַרקייט. און ניט נאָר פאַרהיטן איר גאַנצקייט, נאָר אויך אויף ווײַטער קאָנען אויסברייטערן אירע ערדן און איר ווירקונג אויף דער וועלט. אָבער דער צאַריזם מיט דער פּראַוואָסלאַוויע האָט שוין אויף דעם קיין כּוח ניט געהאַט. רוסלאַנד האָט זיך גענייטיקט אין אַ מאָנאַרכיע פון אַ נײַעם שניט. און ס׳זענען געקומען די באָלשעוויקעס מיט זייער מערבדיקן מאַרקסיזם. אויך די פּראַוואָסלאַוויע איז ניט אויסגעוואַקסן אויף דער ערד בײַם דניעפּער, אין דער אַלטער קיִעווער „רוס״. וולאַדימיר מאָנאָמאַך האָט דאָס קריסטנטום פון ביזאַנץ געבראַכט קיין רוסלאַנד און מיט דער צײַט איז פּראַוואָסלאַוויע געוואָרן אַ ריין רוסישער גלויבן. דער נײַער וולאַדימיר מאָנאָמאַך, וולאַדימיר לענין, בײַט שוין דעם מאַרקסיזם... ער האָט שוין דעם מאַרקסיזם אַריבערגעפירט פון פּעטראָגראַד קיין מאָסקווע, אין קרעמל אַרײַן, ווו ס׳איז געזעסן איוואַן דער גרויזאַמער... נאָר זיי, די באָל־שעוויקעס, מיט זייער נײַער אָרטאָדאָקסאַלער קאָמוניסטישער רעליגיע, וועלן

פאַרהיטן מאָסקווע ווי דאָס דריטע רוים. די קאָמוניסטישע מאָסקווע וועט טראָגן ווײַטער די גרויסע רוסיש־משיחישע אידעע... מאָסקווע וועט גרינדן אַ נײַע קאָמוניסטישע קירך און פאַרשפרייטן איר ווירקונג אויף דער וועלט. דאָס קלינגט ניט פאַר אײַערע אויערן? נישקשה, מיט דער צײַט וועט עס קלינגען. די רוסישע קאָמוניסטן וועלן מיט פײַער און שווערד, ווי דער איסלאַם, פאַרשפרייטן זייער לערע. רוסלאַנד וועט ווערן די אויסלייזערין און די פירערין פון אַלע אירע שכנישע לענדער, דער עיקר פון אַלע סלאַווישע לענדער און שפּעטער פון דער גאַנצער וועלט. מיר זענען געווען מאָנאַרכיסטן ניט פון ליבע צום קיסר, נאָר פון ליבע צו רוסלאַנד. איצט דאַרפן מיר דער־שטיקן אונדזער שינאה צום באָלשעוויזם אין נאָמען פון דער ליבע צו רוס־לאַנד. דער קאָמוניזם וועט מיט דער צײַט ווערן אין רוסלאַנד אַ מיסטעריע, אַ מלוכה־קולט. אין אָט דער גאָטלאָזער מיסטעריע וועלן אָנטייל נעמען פעל־קער... אין נאָמען פון רוסלאַנד דאַרפן מיר גיין מיט דער נײַער מאָנאַרכיע! — זיי האָבן אים אָבער ניט פאַרשטאַנען, די חברים זײַנע, און האָבן אים פאַר־מישפּט צום טויט.

פאַר טאָג האָט מען אים צעשאָסן.

און זי האָט אים דאָרטן, דעם מאַן, בײַ דער וואָלגע, אײנע אַליין, — מיט די הענט דעם זאַמד און דערנאָך די ערד מיט אַ ברעטל געגראָבן, און אים, מיטן צעשאָסענעם קאָפּ, אַ באָרוועסן, אין גרוב אַרײַנגעקײַקלט. ער איז מיטן פּנים אַראָפּ דאָרטן געבליבן ליגן. זי האָט שוין קיין כוח ניט געהאַט צו אויסדרייען אים און מיטן פּנים אַרויף אַוועקלייגן. און לאַנג איז זי בײַ זײַן אָפענעם קבר געזעסן, צוליב עפּעס געוואַרט אַז די זון זאָל אויפגיין, און אַז זי האָט זיך דערוואַרט — די זון איז פון טײַך אַ וואַרעם־פאַרבלוטיקטע אויפגעגאַנגען, האָט זי מיט אַ געשריי גענומען אויפן מאַן ערד וואַרפן... און די גרוב פאַרשאָטן און מיט דער ערד אויסגעגלײַכט. זי וואָלט שוין איצט זײַן קבר ניט געקאָנט געפינען.

און אַ כעס און אַ גרימצאָרן און אַ שרעקלעך ביטערער פאַרדראָס גייט איר מיטן פראָסט אין האַרצן אַרײַן — אַלע אירע באַגערן און שטרעבונגען, אַלע אירע עקשנותן און כוחות, איר גאַנץ לעבן איז מיט אַ מאָל אין יענער גרוב מיטן פּנים אַראָפּ געפאַלן. ניט נאָר אים, נאָר אויך זיך, דער עיקר טאַקע

זיך אַליין, האָט זי דאָרטן, בײַ דער וואָלגע, באַגראָבן. זי איז דאָך דאָרטן בײַ איר אייגענער קבורה בײַגעווען.

און אַלץ קאָכט און בונטעוועט זיך אין איר. און די גרויסע שוואַרצע אויגן אירע, וואָס האָבן געזוכט די פרייד און דעם תּענוג אין לעבן — אויף קיין נסים־ונפלאות, ווי דער טאַטע אירער, ניט אַרויסגעקוקט און ניט פאַר־לאָזט זיך. ניט געגלייבט אין קיין גאָט און ניט אין קיין שׂטן. אָט די גרויסע שוואַרצע אויגן ווערן איר וואָס ווײַטער אַלץ מער מיט אַנרחמנותדיקייט און מיט שׂינאה צו אַלץ און אַלעמען, צו דער גאַנצער וועלט אָנגעפּילט. דער עיקר צו זיך אַליין.

און אַז זי איז דעם פאַרפרוירענעם דניעפּער אַריבער, אויפן באַרג זיך אויפגעהויבן און דעם אָמאָליקן אפרת־שפּיטאָל בײַ דער פולער לבנה דערזען, איז זי געגאַנגען אַהין, ווי צו אַ ניט אויסמײַדנדיקן גורל און ווי צו אַן אָרט, וואָס האָט פאַר איר גאָר אַן אַרײַנגאַנג...

ז

און אַז זי איז שוין איבערן אָנגעשנייטן פּאַרק געגאַנגען, די געבורט־ווייען האָבן זי שוין כּמעט ניט אָפּגעלאָזן, די ווייטיקן אין די לענדן ווערן אומברחמנותדיקער, ס׳וואַרפט זי פון קעלט אין היץ און פון הייסן אין קאַלטן שווייס אַרײַן; די וואַסערן זענען איר שוין פון לאַנג אָפּגעגאַנגען, זי קאָן דאָך יעדער רגע אָנהייבן גיין־צו־קינד דאָ אויפן פראָסט, אין די שנייען... און פון דעסטוועגן שטעלט זי זיך אָפּ און נעמט זיך אײַנהערן און ממש מיט אַלע אברים צו די גוואַלד־געשרייען וואָס טראָגן זיך פון דער שטאָט; אויך דאָרטן גייט אַ שחיטה — מ׳קוילעט שוין ניט נאָר די „בייליסעס" וואָס דאַרפן קריסטלעך בלוט אין די מצות, נאָר מ׳שנײַדט שוין אויך ייִדן וואָס ווילן פאַרשפּרייטן ק אָ מ ו נ ע ס, מ׳הרגעט זיי, די זיידעס פון מאַרקסן, די טאַטעס פון די טראָצקיס און די אייניקלעך פון די סווערדלאָווס... און ס׳דאַכט זיך איר, שיפרהן, אַז זי הערט פון דאָרטן גיין דער מאַמעס קול, אַזאַ צאָרנדיקס אָבער דערבײַ אַזאַ טרויעריק־פאַרוווּנדערטס; דער מאַמעס קול, וואָס רופט צו הילף פאַר יענעם, פאַר אַנדערע — אירע צרות און יסורים האָט זי תּמיד געטראָגן אין זיך, אין דער שטיל, פאַר קיינעם ניט אַרויסגעוויזן און פאַר קיינעם ניט אַרויסגעשטעלט. — וואָלט זי, שיפרה, נאָר כּוח געהאַט און וואָלט זי נאָר ניט געווען אין אַזאַ מצב, וואָלט זי אַוודאי אַהין געלאָפן צו דער מאַמען און זי פון רוצחישע הענט אַרויסגעריסן... און דאָך, — זי וואָלט עס מורא געהאַט מודה צו זײַן פאַר זיך אַליין, — ברענגען איר אָט די אין דער נאַכט אומבאַהאָלפענע און שוידערלעך־ייִאושדיקע קולות עפּעס אַ מין פאַרלײַכטערונג, אַ דערמוטיקונג און דער עיקר, אַ באַרעכטיקונג. זיי, אָט־די גוואַלד־געשרייען, וואָס רופן עמעצן קומען צו הילף און קיין רעטונג קומט ניט פון ערגעץ, גראָד אָט־די גוואַלד־געשרייען זענען פאַר איר ווי אַן אָנזאָג ניט נאָר פון איר אייגענעם, נאָר פון איר קינדס גורל. און זי ווערט דאָ מיט

אַ מאָל נאָך מער אויפגערודערט און נאָך מער פֿאַרביטערט: אין דער גאָרער וועלט האָט זי דאָך קיינעם ניט וואָס זאָל אירע ליידן און איר בראָך מיטפילן. גראָד זי, די מאַמע אירע, איז דאָך פון איר די סאַמע ווײַטסטע געוואָרן, אַפילו איין מאָל, דורך אַ בריוול, אָנגעזאָגט: פֿון דאָרטן וווהין שיפרה איז פֿאַר־גאַנגען, איז שוין צו איר, צו דער מאַמען, קיין וועג אויף צוריק ניטאָ. — און פֿאַר וואָס, פֿאַר וועלכע זינד? ווײַל איך האָב געוואָלט זײַן אַ מענטש צווישן מענטשן און ניט קיין ייִד צווישן גויים?

און מיט שטאַרקן ווייטיק אין די לענדן נעמט זי אויף גיך בלעטערן איר לעבן, זוכן דאָרט שלעכטע טריט און פֿאַלשע גענג. — אָבער זי קאָן זיי ניט געפינען. איין מאָל נאָר, פון זינט זי איז פון דער היים און דערנאָך שוין בכלל פון ייִדן אַוועק, איז זי צו אַ שוואַכקייט און צו אַ געפֿאַלנקייט געקומען: טאַקע אין אָט דעם פֿאַרק האָט זי אַ מאָל, אין יענעם פֿאַרטאָג, פֿאַר איוועץ וואָס איז אויף דער פֿאַרשנייטער באַנק געזעסן און צופוסנס איז איר דניאלס געמעל געשטאַנען: „די רויטע בהמה מיטן אָפּגעבראָכענעם האָרן”, וואָס רעוועט דורך די שטאַכעטן אין דעם פֿרי־פֿרילינגדיקן פעלד אַרײַן... זי, שיפרה, איז דענסטמאָל פֿאַר איוועץ אויף די קני אין שניי געפֿאַלן און געבעטן געבן אַלעקסאַנדערן דעם גט... אָט יענער פרימאָרגן גייט איר נאָך ווי אַ שוואַרצער שאָטן דאָס גאַנצע לעבן. אָבער צו אַלעקסאַנדער לאַנדען האָט זי דעמאָלט געמוזט וואָס גיכער דערגיין — די צײַט האָט זיך פֿאַר איר אָפּגע־שטעלט און איר גורל איז אויך געלייגט געוואָרן אויף דער וואָגשאָל. און זי בלײַבט נאָך עטלעכע רגעס שטיין און הערט זיך נאָך אַלץ אײַן אין די גוואַלד־געשרייען, וואָס זענען פֿאַר איר ווי אַן אָנזאָג צו דערגיין איר וועג, אָן שום וואַקלענישן, ביזן סוף. און דערנאָך ווײַטער, מיט אַ פֿאַרביטערט עקשנות, צום שפּיטאָל גענומען גיין, און ווי נאָר זיך אַהין דערקליבן און דעם ערשטן וואָס אין אַ ווײַסן כאַלאַט בײַם אַרײַנגאַנג אָנגעטראָפן, געבעטן אים וואָס גיכער צום בראָכשטול זי ברענגען.

און שוין דאָרטן, אין דער גרויסער טונקעלער פּאַלאַטע, — ערגעץ ווײַט פלעמלט אַ לאַמטערן, ווי לעם אַ פֿאַרוואָרפענער אַכסניה; ערגעץ ווײַט וויינען נײַ־געבוירענע, און פֿונעם אַרום גייען איבלדיקע ריחות; ניט ווײַט פון איר שרײַט אַ געווינערין אויף קולי־קולות, שעלט דעם מאַן און זידלט אים מיט

די געפּעפּערטסטע ווערטער — ליגנדיק דאָרטן אַ פאַרוואָגלטע, אין דער גרויער פּינצטערניש, ווי אויפן דנאָ פון דער וועלט, אויפן האַרבאַטן טאַפּ־טשאַן וואָס מיט דער קאַלטער צעראַטע פאַרשפּרייט און אין צוקאָפּנס אַ געבערגלט־האַרטער אָנלען; אַרום איר ניט נאָר געווינערינס, נאָר אויך קראַנקע אויף פּלעקטיפוס, וואָס שרײַען און רופן מיט געוויין און קללות, נאָר קיינער גייט ניט צו און קיינער רופט זיך ניט אָפּ; מ׳האַלט אין איין אַרויסטראָגן יענע, די אויף אייביק אַנטשוויגן־געוואָרענע, און אויף זייערע באַפרײַטע ערטער טראָגט מען אַרײַן די קראַנקע וואָס וואַלגערן זיך אין די קאָרידאָרן אויף דער הוילער ערד, ווו פון די אַרײַנגאַנג־טירן יאָגן אומברח־מנוחדיקע קעלטן און יענע גוואַלד־געשרייען — דאָרטן האָט זי ערשט דערפילט, שיפרה, וואָס ס׳הייסט אַליין און אין עלנטקייט בלײַבן.

דערצו נאָך עפּעס איינע, ווי אַ שוואַרץ געשפּענסט, אָנהאַלטנדיק זיך מיט ביידע הענט פאַר דער וואַנט, — געשלאָגן, אַ פּנים, מיט נאַכטבלינדקייט, — באַוועגט זיך הין־און־הער, און מיט אַ גלחותדיקער שטים פּרעפּלט זי: און ס׳איז געזאָגט געוואָרן, אַז נאָכן ווײַסן פערד וועט אַרויסגיין אַן אַנדער פערד, אַ ר ו י ט פערד... און דער וואָס וועט אויפן ר ו י ט ן פערד זיצן, דעם וועט געגעבן ווערן צוצונעמען דעם שלום פון דער ערד... און דערנאָך וועט אַרויס אַ ש װ אַ ר ץ פערד, און דער וואָס וועט זיצן אויף אים וועט האָבן אין זײַן האַנט אַ וואָגשאָל אויף צו וועגן די זינד פון די וואָס האָבן געבעטן און געהאָפּט אויפן ר ו י ט ן פערד... איצט שרײַען זיי, די ייִדן! וואָרעם ס׳איז דאָך געזאָגט געוואָרן, אַז נאָכן דריטן, דעם שוואַרצן, וועט אויך אַראָפּקומען דאָס פערטע, דאָס געלבלעכע פערד... און דער וואָס זיצט אויפן געלבלעכן פערד איז דער נאָמען זײַנער ט ו י ט. און ס׳איז אים געגעבן געוואָרן די שליטה צו טייטן מיט דער שווערד און מיט הונגער און דורך ווילדע חיות פון דער ערד... אָבער דאָס איז ערשט דער אָנהייב! אַ פאָלק וועט זיך אויפהייבן קעגן אַ פאָלק און אַ מלוכה קעגן אַ מלוכה און גרויסע ערדציטערנישן וועלן אין פאַרשיידענע ערטער פאַרקומען... און דאָס אַלץ איז ערשט דער אָנהייב פון די ווייען! שרײַט, ייִדן, שרײַט! ווײַל איר האָט געבעטן און געהאָפּט אויפן ר ו י ט ן פערד און נאָך אים האָט שוין געמוזט קומען דאָס ש װ אַ ר צ ע און דאָס ג ע ל ב ל ע כ ע פערד, וואָס

דער וואָס זיצט אויף אים איז זײַן נאָמען טויט! — און בײַ דעם געשפּענסט מיט דער גלחותדיקער שטים רײַסן זיך מיט אַ מאָל אָפּ די הענט פון דער וואַנט, טוט זיך פלוצעם אַ וואַלגער און פאַלט אין איר קרענק, אין דער פאַלעניש אַרײַן. זי ווערט צונויפגעדרייט, דער קאָפּ קלאַפּט זיך איר אָן דער ערד און אַ שוים שלאָגט איר פון מויל אַרויס.

און צו דעם אַלעמען, אין אָט דער הקדש־צעמישטקייט, האַלב־ליגנדיק, אויפן האָרבאַטן טאַפּטשאַנדל, אינעם בײַקענעם קורצן כאַלאַטל וואָס מ׳האָט איר בײַם איבערטאָן געגעבן, פילט זי זיך אַזוי ווי זי וואָלט אַהער מיט אַ געגנבעט לעבן אַרײַן. זי האָט שוין אַפילו ניט איר נאָמען. בײַם פאַרשרײַבן ווער און פון וואַנען זי איז, האָט זי זיך ניט מיט אירן, נאָר מיט אַ פרעמדן, מיט אַ ציגײַנערשן נאָמען אָנגערופן: מאַריצאַ מאַקלאַש, די טאָכטער פון דאַנילאָן, פונעם טאַבאָר וואָס שטייט אין וואַלד, ווײַט פון דער שטאָט, ווו מ׳לעבט אין אויפגעשטעלטע געצעלטן. דער פראָסט קומט אָבער אַהין צו ניט אַרײַן — מ׳הייצט מיט יאָדלע־קאָרטשעס, אַזאַ געשמאַקער פײַער...

און דאָס אַלץ האָט פאַרשריבן, אָנגעבויגן איבערן אײַזערנעם טישל, בײַ דער שײַן פון קאַנעצל, דער אַלטער פּראָפעסאָר אפרת, — ס׳איז אים צו דערקענען, הגם ער איז שוין גאָר אַ טיפער זקן. ער האָט אויפגעהויבן אויף איר די אויגן — נאָך זייער לעבעדיקע, אָבער רויִקע, אַפילו גלײַכגילטיקע, שוין אָן קינאה; אויגן פול מיט פּיקחות, וואָס האָבן שוין אַלץ געזען און מ׳קאָן זיי שוין מיט גאָרנישט ניט פאַרחידושן. אויך אין זײַן קול, ניט געקוקט וואָס אַרום טוט זיך, איז קיין ציטער ניט געווען. אָבער דאָך איז אין זײַנע אײַנגעפאַלענע בלאָווע באַקן, ריין אויסגעגאָלטע, מיט רויטלעכע פלעקן, באַזונדערש אין די אַראָפּהענגענדיקע ווינקלען מויל, געווען צו זען אַ גרויסע זאָרג און טרויעריקייט ווי פון אַ נאָר וואָס איבערגעלעבטער צרה, אָדער ערב אַזאַ אומגליק וואָס מ׳באַדאַרף ערשט איבערטראָגן און אַרויס מיטן לעבן.

פון שרעק פאַר זײַן קוק אויף איר — ער קאָן דאָך זי דערקענען, אַזוי אָפט צו אים אין שטוב מיט אַלעקסאַנדערן און אויך אַליין אַהין אַרײַנגעגאַנ־גען, אָנגעהויבן אויף אַ קול דערציילן, ווי אַזוי און מיט אַוועלכע שוועריקייטן זי איז אַהער צו פוס געגאַנגען, ווי אין וועג איז דאָס פערד געפאַלן און די מאַמע איז דאָרטן אונטערוועגנס לעבן געפאַלענעם פערד בײַם שליטן פאַר־

בליבן. האַ, דער צעריסענער אויער? אַ באַנדיט האָט בײַ איר אויפֿן וועג אַרויסגעריסן דאָס אוירינגל מיטן פֿלייש, געוואָלט אויך דאָס צווייטע אַרויס־רײַסן, נאָר זי האָט אים דערוויזן אַז די אוירינגלעך אירע זענען ניט קיין טײַערע, פֿון פֿאַלשן זילבער, פֿאַרשוואַרצטע, האָט ער פֿון כּעס זי אין שנייַ אומגעוואָרפֿן און דאָס אַרויסגעריסענע אוירינגל אין פֿעלד אַרײַן פֿאַרוואָרפֿן. האָט זי עס דערנאָך לאַנג געזוכט און עס ניט געקאָנט געפֿינען.

— וואָס האָסטו עס באַדאַרפֿט זוכן? האָסטו אים, הייסט עס, אָפּגענאַרט?

— גאָט באַהיט. כ׳האָב אים דעם ריינעם אמת געזאָגט.

— וואָס זשע איז געווען צו זוכן, אַזעלכע קאָן מען קויפֿן שפּאָט־ביליק אין אַלע קליי טלעך.

— יאָ, מ׳קאָן זיי קריגן. אָבער אָט די אוירינגלעך זענען מיר אַן אָנדענק, אַ גרויסע מתּנה פֿון מײַן טאַטן...

און דערציילן דערציילט זי עס שוין ניט אַזוי פֿון וועלן אָפּוועגדן דעם פּראָפֿעסאָר — יענער האָט שוין אָן איר פֿאַרגעסן און איז פֿאַרנומען מיט אַנדערע קראַנקע וואָס ווערן אונטער די הענט אַרײַנגעפֿירט, אָדער אויף טראָגבעטלעך אַרײַנגעטראָגן — נאָר זי דערציילט עס, און שוין מיט אַ זייער אויפֿגערעגט און ממש ציטערנדיק קול, פֿאַר יענער געווינערין וואָס איז נאָר וואָס אַרײַן, אין די גוטע שטיוול, אין דעם ראַמאַנאָווער פּעלץ, ווי גראָד אויף איר האָט שיפֿרה געוואַרט און די גאַנצע צײַט אַרויסגעקוקט... זי רעדט צו איר, צו דער יונגער און שיינער פֿויערטע, וואָס באַטראַכט אויך פֿון קאָפּ ביז די פֿיס די ציגײַנערטע און הערט זיך צו זייער אָנגעשטרענגט צו אירע רייד, און פֿרעגט זיך נאָך און וויל וויסן, ווי ס׳וואָלט אויך איר, אָט דער פֿויערטע, אין לעבן געגאַנגען, ווו און אין וועלכן וואַלד דער ציגײַנערשער טאַבאָר געפֿינט זיך און ווי לאַנג וועט ער זיך דאָרטן פֿאַרהאַלטן?

וויל זי איר נאָך אַ מאָל, אָט דער פֿויערטע, וואָס אויך בײַ איר ווערט שוין דאָס פּנים פֿון די געבורטווייען אויסגעקרימט, וועגן דעם ציגײַנערשן טאַבאָר אין וואַלד און וועגן דעם געפֿאַלענעם פֿערד אין וועג דערציילן, נאָר זי, מאַריצאַ־שיפֿרה, קאָן שוין מער ניט רעדן, ווײַל די ווייטיקן אין די לענדן ווערן אויף ניט איבערצוטראָגן, און זי בעט מ׳זאָל זי וואָס גיכער אַוועקלייגן.

ח

און הגם די וואַסערן זענען איר נאָך אין וועג אָפּגעגאַנגען און די ווייען לאָזן זי כמעט ניט אָפּ, קאָן זי נאָך אַלץ ניט האָבן — די באַיאַרס טעכטער זענען שווער־האָבעדינס... דער ווייטיק אין די לענדן איז טאַקע ביז צו משוגע ווערן, אָבער נאָך, אַ פּנים, ניט אַזאַ און נאָך ניט יענער פון וועלכן דאָס קינד ווערט געבוירן. אויף איר קול רופט זיך קיינער ניט אָפּ — ס'פאַלט ווי אַ שטיין אין אַ טיפן ברונעם אַרײַן. בײַסט זי די אָנגעשוואָלענע, שוין אַזוי אויך צעביסענע ליפּן און ציט נאָך ענגער צונויף די דינע ברעמען און פּאָכעט מיט די לאַנגע ווײַעס איבער אירע הייסע אויגן, ווי געוואָלט אויסלעשן, אָדער לכל־הפּחות שטילן דעם פֿײַער וואָס שלאָגט פון זיי אַרויס. זי פילט ווי דער סוף אירער גייט און דערנענטערט זיך. זי ספקט אויף קיין רגע ניט, אַז די לעצטע שעה אירע שלאָגט — אין קימפּעט וועט זי שטאַרבן. און נאָך הײַנט פאַר טאָג וועט זי טאַקע אונטער יענע בליציקע שנייען, וואָס זי האָט ערשט ניט לאַנג איבער זיי געטראָטן, באַגראָבן ווערן. אויף אייביק. דער טויט איז דאָך שוין אויף אייביק. זאָל זי אָנהייבן צו רופן איוועץ? בײַ איר אַרײַנגיין אַהער האָט זי געזען איוועץ מיט רמזן דורכלויפן פאַרבײַ אַהין, צו יענעם פליגל, וווהין מ'טראָגט די שווער־פאַרווונדיקטע אינעם פּאָגראָם. זאָל זי, איווע, קומען און איין רגעלע שטיין דאָ, לעבן איר בעט, נעמען איר האַנט... זי קאָן דאָך שוין מער ניט פאַרטראָגן און איבערטראָגן אַזאַ עלנטקייט.

נאָר זי רופט זי ניט, איוועץ, — צו ווײַט זענען זיך זייערע וועגן צעגאַנגען. קיין שום בלוט־קרובישאַפט, קיין שום משפּחהדיקייט קאָן זיי שוין ניט דערנענטערן. אויף זיך אומקערן צוריק, דאַרף מען האָבן נאָך אַ לעבן. און זי וויל גאָר ניט, שיפרה, זיך אומקערן צוריק אַהין... און זי נעמט זיך ווידער צוהערן צו די גוואַלד־געשרייען, וואָס גייען פון דער נאַכט, און נאָך מיט שטאַרקערער אָנגעשטרענגטקייט, און נאָך מיט גרעסערער אינעווייניקסטער

ציטערניש, ווי אין אָט די געשרייען וואָלט זיך געפונען די ענדגילטיקע באַרעכטיקונג און די באַווייליקונג אויף דעם וואָס זי קלײַבט זיך אָפּטאָן שוין דאָ, בײַם סוף פון איר לעבן. און די צאָרנדיק־אומבאַהאָלפענע קולות אין שטאָט ווערן ניט געשטילט און ניט געלינדערט — זיי קומען פון הינטער די פאַרשנייטע סעדער און פאַרלבנהטע פאַרקן. די צווײַגן בייגן זיך פונעם געדיכטן פרירטוי און שפּיגלען זיך אין די אַרויסגעשטעלטע פאַרגלאָזטע איקאָנעס פון ישו דעם משיח און פון זײַן מוטער, דער הייליקער בתולה, מרים; זיי גייען, די קינדער־געשרייען, פון צווישן די גאָלד־באַדעקטע קלויס־טערס און סאָבאָרן — גריכיש־פּראַוואָסלאַווישע, רוימיש־קאַטוילישע, לוטע־ראַניש־פּראָטעסטאַנטישע; זיי קומען, די ביטערע ווײ־און ווינד־געשרייען, פון די פאַרגוואַלדיקטע מאַמעס און טעכטער, פון הינטער די מאָנאַסטירן מיט זייערע באַרעמהאַרציקע ברידער און גאָטס כלות...

אײַנהערנדיק זיך אין אָט די בײַנאַכטיקע קולות, אין וועלכע ס'הערט זיך אַזאַ אומבאַהאָלפנקייט און פאַרלוירנקייט, און דערפאַר טאַקע ווערט פון אָט די געשרייען נאָך שרעקלעכער און ייִאושדיקער, קומט איר דאָ אויפן געדאַנק אַרויף: אפשר באמת ניט באַדאַרפט געווען קווענקלען און וואַקלען זיך אין וועג, און טאַקע אין וואַלד אַרײַן אַראָפּקערעווען און אונטער אַ בערעזע — אָט די ליבשאַפט צום בערעזע־בוים האָט זי פון איר מאַן, פון אַלעקסייען, גענומען — און אין די שנייען, אויפן פראָסט איבערקומען, און אין איינעם מיטן געוווּנענעם קינד דאָרטן אומקומען.

אָבער אויך דאָ, אויפן האָרבאַטן טאַפּטשאַנדל, דעם קאָפּ מיט די צעשאָ־טענע האָר אויפן געבערגלטן אָנלען פון ווייטיק פאַרוואָרפן, טרײַבט זי פון זיך, ווי דאָרט אין וועג, אָט דעם געדאַנק אָפּ: דאָס וואָלט דאָך געווען פשוט רציחה, זי וואָלט דאָך מיט די אייגענע הענט איר ווײַטערדיק לעבן אומגע־בראַכט. דורך איר קינד וועט זי לעבן אין די קומענדיקע דורות...

און זי גייט ווידער אַרײַן אין יענע געשרייען וואָס טראָגן זיך צו דער וועלט פון די אויפגעבראָכענע פענצטער. גאַנצע גאַסן, איינע נאָך דער אַנדערער און אַלע אין איינעם, אָן איבעררײַס און אָפּשטעל, שוין מיט די לעצטע כּוחות, אויף אַלע קולות פון דער ערד, טראָגן זיך צו די גריך־פראָסטיקע, צו די תהומיק־שוואַרצע הימלען, וואָס שפּריצן מיט בלוי־פײַער־

דיקע פונקען, און זיי פאַלן פון דאָרטן צוריק, די קולות, הייזעריקע, פאַר־שטיקטע, ריינע און געהייליקטע, פון די ווינטערדיק־אויסגעשטערנטע הייכן אין דעם ווילד־חיישן געבריל, אין דעם הפקר־פּיַפּנדיקן געלעכטער און ווערן צעטראָטן אין די שנייען וואָס שמעקן מיט וואָרעם בלוט און געברענטע פעדערן; באַזונדערש שרײַען דאָרטן, אַרום דעם גרויסן סלאַווישן דניעפּער־טײַך, די אַראָפּ־באַרגיקע ענג־קרומלעכע גאַסן און געסלעך, שוין אויסגע־מאַטערטע פון פריערדיקע תּעניתים און תּפילות, מיט זייערע לעצטע גסיסה־קולות דעם אייביקן ייִאוש־בטחונדיקן שמע־ישׂראל!..

און ווידער דערזעט זי זיי, יענע חולה־נופלדיקע הענט, ווי זיי קריכן מיט די צעשפּרייטע פינגער איבער דער וואַנט און דערהערט ווידער יענץ גלחות־דיק קול וואָס פּרעפּלט: און ס'איז אײַך דאָך געזאָגט געוואָרן אַז נאָכן רויטן פערד וועט קומען דאָס שוואַרצע און נאָכן שוואַרצן דאָס געלבלעכע פערד, און דער וואָס וועט זיצן אויף אים, אויפן געלבלעכן פערד, וועט זײַן נאָמען הייסן טויט... שרײַט ייִדן, שרײַט, איר האָט דאָך געבעטן און געהאָפט אויפן רויטן פערד — און מיט אַ מאָל פאַרלירט זי, שיפרה, די משוגענע הענט אויף דער וואַנט, דעם קלויסטערשן פּרעפּל, אַפילו אויך די שחיטה־געשרייען, און דערזעט שוין נאָר דעם אַלטן פּראָפעסאָר אפרת, אַ באַלויכטענעם פונעם פײַער וואָס גייט פונעם אָפענעם טירל — ער הייצט בײַ דער טיר דאָס אײַזערנע אייוועלע, די „בורזשויקע״, מיט קנײַלעכדיקע קורצע קלעצלעך אָנגעהאַקטע פון די ביימער, וואָס ער האָט דאָ אַ מאָל מיט די אייגענע הענט געפלאַנצט... און זי נעמט רופן:

— מאַמע, איווע, ווו זענט איר?

— פּראָפעסאָר, קומט גיכער, העלפט מיר!

זי קלאַמערט זיך מיט די הענט אָן די שאַרסטקע ראַנדן פון טאַפּטשאַנדל, אַזוי אַז די פינגער וועלן איר באַלד איבערגעבראָכן ווערן. ס'קאַרטשעט און ס'דרייט זי אײַן אין ווייען, זי איז אין גאַנצן אין אַ קאַלטן שווייס. עמעצער דריקט איר און פרעסט איר דעם בויך, מ'הייסט איר שטאַרקער זיך אָנ־שטרענגען, פּלײַסן און אָנטאָן זיך אַ נויט, ניט אָפּלאָזן זיך און גלייבן אין די אייגענע כּוחות. זי גייט־צו־קינד, זי גייט צום טויט. דער טויט איז שוין אויף אייביק. דאַכט זיך, אַז לעם איר בעט איז נאָר וואָס דער פּראָפעסאָר

געשטאַנען. און באַלד דערזעט זי איבער זיך אָנגעבויגן און דערקענט יענע פּויערטע צוליב וועלכער זי, מאַריצאַ־שיפרה, האָט אירע אויסטראַכטענישן וועגן דעם ציגײַנער־טאַבאָר אין וואַלד דערציילט. יענע פּויערטע העלפט איר צו־קינד־גיין. און דאָס וווּנדערט זי ניט. און נאָך ווייניקער חידושט זי, וואָס אָט די פּויערטע קושט זי און וויינט איר אויפן אויער:

— בײַ מיר, האַלובאָטשקאַ, איז ווידער אַ טויטס געבוירן געוואָרן, אַ פאַרשאָלטענע בין איך. שוין דאָס דריטע פאַלט אַרויס אָן לעבן... פּראָקליאַטאַ יאַ, פּראָקליאַטאַ!* אָן אַ לעבעדיק קינד וועט מען מיך פון הויף אַרויסטרײַבן. ווער וויל עס זייען אויף אַן ערד וואָס גיט ניט קיין גערעטעניש? שרײַ, מאַריצאַ, שרײַ, אַ געווינערין דאַרף שרײַען. נו, שטשע טראָכי, נאָך אַ ביסעלע, שטרענג זיך אָן, מאַריצאַ. אָך טי גאָספּאָדי מי, אָך דו גאָט מײַנער, הייליקע מאַריאַ, העלף איר. טײַבעלע, מאַריצאַ, ווי שווער דו גייסט־צו־קינד!

און אין שטאָט, פאַרן פאַרלאָזן זי, הוליען פאַרשיכּורטע פון בראָנפן און הפקרות די נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע חיילות פון דער אוקראַאינישער „די־רעקטאָריע", וואָס בראָש פון איר שטייען אַלטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, סאָ־ציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, אַזעלכע ווי דער שרײַבער וויניטשענקאָ און ווי דער פאָלקסלערער, איצט שוין דער הויפּט־אַטאַמאַן, דער באַטקאָ פּעטליוראַ...

— אין די שטיינערנע הײַזער, הינטער די אַרויסגעשטעלטע איקאָנעס, באַ־געגנט מען דעם פּראַוואָסלאַוונעם נײַיאָר בײַ געדעקטע און געגרייטע טישן, בײַ אָנגעצונדענע פאַרביקע ליכט, בײַ די גלאַנץ־אויסגעצירטע יאָדלע־ביימלעך, וואָס זייערע נאָדלען דאַרפן דערמאָנען אָן דעם דאָרנדיקן וועג פון גאָטס זון וועלכער האָט אויף זיך דעם קרייץ דעם שווערן געטראָגן און דערמיט, מיט זײַנע יסורים, די וועלט פון זינד אויסגעקויפט און אויסגעלייזט. פון אָנהייב דאָרטן שטיל, אײַנגעהאַלטן, אויפגערעגט־דערשראָקן, אָבער וואָס מער מיט אַ כּוס און וואָס ווײַטער מיט אַ ווינטשעוואַניע, אַלץ האָפערדיק־פריילעכער ווערט מען, מ'לאָזט זיך וווילגיין פאַרן נצחון פון די ווײַסע, פאַר דער מפּלה פון דער יודאַ־באָלשעוויסטישער הערשאַפט, פאַר די רומפּולע זין פון דער פרײַער אוקראַאינע... מ'קושט זיך אין די בערד, און שוין איבער־

---

* אַ פאַרשאָלטענע בין איך, אַ פאַרשאָלטענע (אוקראַאיניש).

געטרונקענע און איבערגעפרעסענע, ברעכט מען מיט דער גרינער גאַל איינער דעם אַנדערן אויפן אַקסל און גלחים, די גרויסע בריות אויף טרינקען, וואַלגערן זיך שוין אונטער די טישן. און יענע, די אָנגעלאָפענע אַהער, די אַנטלאָפענע פון די רויטע, די הורטאָווע סוחרים און פאַבריקאַנטן, פּריצים און באַנקירן, גראַפן און פירשטן מיט זייערע שווערוואָגיקע ווײַבער און לײַכטע טעכטער, נעמען אין אײַלעניש צונויף, וואַרפן און פאַרשטופן די טײַערע פוטערס און פערסישע טעפעכער, די גאָלדן און אַנטיקן אין די קופערטן און לאָזן זיך אין בהלה און אין אימה פאַר די באָלשעוויקעס, וואָס שטייען שוין בײַ דער שטאָט, צו לויפן ווײַטער, קיין קרים, זיך אַרויפכאַפּן דאָרטן אויף אַ שיף און זיך דערקלײַבן צו די ברעגן פון טערקײַ און פון דאָרטן נאָך ווײַטער...

— טײַבעלע מײַנס, מאַריצאַ, שווײַג ניט, שרײַ! גיב זיך ניט אונטער. נעם צונויף אַלע כוחות. דו מוזט מ י ר דאָס קינד געבוירן. מײַנס איז געבוירן געוואָרן אַ טויטס. שוין דאָס דריטע קינד פאַלט בײַ מיר אַרויס אָן לעבן. סערדענקאָ, דער מאַן וועט מיך אין שטוב ניט אַרײַנלאָזן, פון הויף פאַרטרײַבן. מענטשן וועלן מיך ווי אַ פאַרשאָלטענע פאַרבײַגיין. די שטוב איז אַ רײַכע און די שטאַלן פול מיט קי, מיט פערד און שאָף. זעכציק דעסיאַטין אַקערערד, און וואַלד און לעוואַדעס. דו גיב מיר נאָר דאָס קינד אַ לעבעדיקס, ס'וועט דעם גאָרנישט ניט פעלן און דאָס גאַנצע גוטס וועט ער איינער אַליין ירשענען. אָט אַזוי, סערדענקאָ, בײַ מיר וועסטו דאָס קינד געבוירן. סערדענקאָ, דו ביסט דאָך ניט קיין ציגײַנערטע. שרײַ, טויב מײַנע, שרײַ!

און די לעצטע נאַכט פונעם אַלטן יאָר פאַרגייט און די ערשטע נאַכט פונעם נײַעם יאָר גייט אויף איבער גאַנץ אוקראַינע — איבער אירע וועלדער, פעלדער און סטעפּעס — אין טרערן און אין אומבאַהאָלפן־צאָרנדיקע גוואַלד־און־וויי, אין הילף־רופנדיקע קולי־קולות. ס'הוליען ווידער די הײַדאַמאַקעס אין די ברייטע שאַראַוואַרעס — מאַלינאָווע, ווי פאַרבאַקן בלוט; אין די ענגע זשופּאַנעס — גרויע, ווי שטויב אין אַ טרוקענעם זומער; זיי הוליען, די פרײַע קאָזאַקן, די אייניקלעך פון כמעלניצקי, פון גאָנטאַ און זשעלעזניאַק, וואָס האָבן אויסגעקוילעט הונדערטער יידישע קהילות, קינדער צעריסן אויף צווייען, געקוילעט זיי אין שויס פון דער מוטער, בײַ טראָגדיקע פרויען דאָס

לײַב אויפגעשניטן, לעבעדיקע קעץ אַהין אַרײַנגעלייגט, דעם בויך פֿאַרנייט און די הענט אָפּגעהאַקט, מ׳זאָל די לעבעדיקע קעץ פֿונעם לײַב ניט קאָנען אַרויסרײַסן...

אין יענער נאַכט הוליען זיי, די הײַדאַמאַקעס, אין די שוואַרצע באַשליקן, די קאַראַקולנע יאַלמעס אויף אַ זײַט, די ווײַסע היטשקעס האָר איבער די פֿאַרלאָפֿן־צעבויטעטע אויגן. שוין ניט כמעלניצקיס און גאָנטאַס, נאָר שוין וויניטשענקאָס און פּעטליוראַס הײַדאַמאַקעס... זיי ווייסן, אַז די אַלע נײַע אַטאַמאַנעס און באַטקאָס: די סימאָסענקאָס און זעלעניס, די טיוטיוניקס און זיראַ־זירקאָס, די סאַראָקעס און מאַכנאָס, די אָסקילקאָס און מאַרוסיעס — אַז אויך זיי, ווי די זיידעס זייערע, וועלן פֿאַר קוילען יידן באַזונגען און ווי נאַציאָנאַלע העלדן פֿאַראייביקט ווערן אין די פֿאָלקסלידער, ווי ס׳איז באַזונגען און פֿאַראייביקט געוואָרן שוואַטשקאָ, דער רוצח וואָס האָט אַ מאָל אויסגע־שניטן אַלט און יונג פֿון דער שטאָט פֿאַסטאָוו:

דאָ כאָדיט שוואַטשקאָ דאָ פּאָ כוואָסטאָווי,
אָאָ או זשאָוטיך טשאָבאָטיאַך,
אוי, וויווישאָו זשידיוו, אוי, וויווישאָו ליאַכיוו,
דאָ נאָ פּאַנסקיך וואָראָטאַך.*

און ניט נאָר דאָס אוקראַיִנישע פֿאָלקסליד האָט באַזונגען דעם גזלן, נאָר אויך דער אוקראַיִנישער דיכטער, דאָס שײַנדל פֿון דער אוקראַיִנישער פּאָעזיע, טאַראַס שעווטשענקאָ, אין זײַן „קאָבזאַר", האָט געלויבט און גערימט דעם הײַדאַמאַקישן מערדער שוואַטשקאָן, באַזונגען און געשעפּט נחת פֿון דעם, וואָס:

דאָ סכיד סאָנציאָ או כוואָסטאָווי,
כלאָפּיאַטאַ גוליאַלי...

* און ס׳גייט אַזוי זיך שוואַטשקאָ און שפּאַצירט זיך איבער פֿאַסטאָוו
און שפּאַצירט זיך איבער פֿאַסטאָוו אין די שטיוועלעך די געלע,
אַך, האָט ער געהאַנגען זיי די זשידעס און די ליאַכן
אַך, האָט ער געהאַנגען זיי אויף די טויערן די פּאַנסקע (אוקראַיִניש).

ער האָט אָנגעקוועלט און איז באַגײַסטערט געוואָרן, דער אוקראַ:נישער דיכטער, דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַט, וואָס די יאַטן, די כלאָפּצעס, האָבן אין פּאַסטאָוו געהוליעט ביז די זון איז אויפגעגאַנגען און אויסגעקוילעט דאָרטן אַזוי פיל זשידעס און ליאַכן, „אַז די פעלדער זענען רויט געוואָרן פון בלוט...״

און זיי הוליען ווידער די שוואַטשקאָס אין יענער נײַיאָר־נאַכט, וואָס אין באַגילדטער לבנה־ליכט, אין גרינלעכן פינקל פון שטערן, אין ווילדן געפּילדער פון קראָען אַרויסגעטריבענע פון זייער באַהעלטעניש, אין קלאַנגען פון צעשאָטענעם קלאַוויר וואָס איז פון פּראָפעסאָר אפּרתעס וווינונג, פונעם דריטן שטאָק, צוזאַמען מיט זײַן אייניקל, מיט דער צוועלף־יאָריקער אַניוטאַ דורכן אויפגעבראָכענעם פענצטער אין דרויסן אַרויסגעוואָרפן געוואָרן... זיי הוליען, וויניטשענקאָס און פּעטליוראַס הײַדאַמאַקעס. צו זייערע רציחות איז גאָר קיין גרענעץ און קיין אָפּשטעל ניטאָ: אַז זי, יעלענאַ אפּרת, האָט פון זייערע הענט זיך אַרויסגעריסן און געלאָזט זיך צו דער אַרויסגעוואָרפּע־נער טאָכטער לויפן, האָט מען זי אויף די טרעפּ געכאַפּט, אַ ברוסט איר דאָרטן אָפּגעשניטן און אַרויסגייענדיק פון שטוב דאָס הייסע בלוט פונעם מעסער אינעם שניי אָפּגעווישט.

ט

און אין יענער נאַכט, אין שפּיטאָל, אינעם געווירבל, קאָפּ־איבער־קאָפּ, מ׳טראָגט שוין אַפילו די געשטאָרבענע ניט אַרויס, זיי בלײַבן צווישן די לעבעדיקע אָפּט אויף איין בעטל ליגן, און יענע, די לעבעדיקע, אין דער היץ פֿאַרטראָגענע, בעטן הילף בײַ די מתים — כאָטש דערלאַנגען אַ ביסל וואַסער. דאָרטן גייט זי, שיפֿרה, אַזוי שווער צו־קינד, און זי פֿאַרלירט שוין אַלע מאָל די וועלט אַרום זיך און ווייסט שוין ניט ווו זי געפֿינט זיך און וואָס מיט איר קומט דאָ פֿאָר; מיט די אײַנגעפֿאַלן געוואָרענע אויגן קוקט זי אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט — פֿון די שׂרפֿות אַ שטאַרק באַלויכטענע, ווי עמעצער וואָלט איר דאָרטן, שוין צום לעצטן מאָל פֿאַרן אַוועקגיין פֿון דער וועלט, נאָך אַ מאָל באַוויזן שטיקער פֿון איר לעבן, באַזונדערש פֿון אירע קינדער־יאָרן, פֿון יענע וואָס זי איז פֿון זיי געלאָפֿן און אַלץ ווײַטער און ווײַטער און קיין מאָל ניט געוואָלט זיך אָפּשטעלן און אַהין, אין אירע קינדער־יאָרן, כאָטש אויף אַ רגע אַרײַנבליקן און עפּעס אין זיי גוטס און שיינס דערזען. און איצטער האָט זי שוין גאָר געוואָלט, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, מיט זיי אַ סוף מאַכן. זי דערזעט זיך דאָרטן, אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער ליכטיקער וואַנט, נאָך גאָר אַ קינד, ווי זי טרעט אַרויף מיטן רעכטן פֿיסל אויף דער רעדנע מיט וועלכער ס׳איז איבערגעדעקט דער טשוהון זודיק וואַסער וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן צו פֿאַרפֿאַרען דאָס גרעט אין „זשלוקטאָ״. — געוואָלט אויספּרווון צי די רעדנע וועט זי אויפֿהאַלטן, ווי שוין דעמאָלט געוואָלט זען אויף וועלכע אײַנשטעלענישן קאָן זי גיין... האָט אָבער די רעדנע, דער שטיק גראָבער לײַוונט, זי ניט אויפֿגעהאַלטן און זי איז מיט דעם פֿוס אין זודיקן וואַסער אַרײַן, — בײַם אויסטאָן איר דאָס שיכל, האָט מען אין איינעם מיט דעם זאָק אַראָפּגעצויגן אויך די הויט... און באַלד דערזעט זי זיך — אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט — אויף

דער קאַנאַפּע ליגן, איבער איר קאָפּ דער שוואַרצער זייגער וואָס מ׳קאָן זיך ניט דערוואַרטן אויף זײַנעם אַ קלונג. אין שטוב שטייט דער שווערער ריח פון די אויסגעהאַנגענע רויע פעלעכלעך וואָס דער טאַטע שינדט אַראָפּ פון די פּגירה־שעפּעלעך וועלכע ער ברענגט פון די יאַרידן, שיט זיי פאַרהאַרטע־וועטע פונעם זאַק אונטערן אויוון אַרויס, זיי זאָלן דאָרטן פון זייער געפרוירנ־קייט אָפּגיין. די אָפּגעשונדענע שעפּעלעך וואַרפט ער הינטער דער שטוב, אויפן גאָרטן, און די הינט פונעם גאַנצן דאָרף האָבן זיך אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט געריסן איבער זיי און אַזוי ווילד געוויעט, אַז דער טאַטע אירער פלעג ווי אַ שמירה, איבערקערן אַ שוך בײַ דער קיכטיר, און דערנאָך אויסלעשן דאָס לעמפּל, זיך אויף דער לעזשאַנקע אַוועקזעצן און נעמען תּהילים־זאָגן און מיט אַזאַ קול, אַז ס׳האָט זיך איר געוואָלט דעם קאָפּ אין דער וואַנט צעקלאַפּן...

און באַלד טאַקע אויף דער זעלבער אַנטקעגנאיבערדיקער שטיק ווײַסער וואַנט, נאָר אַ ביסל העכער, שטעלט זיך פּלוצעם יענער גרויסער יאַריאַריד, אונטער דער הייסער פּרילינגדיקער זון, צווישן די צעגרינטע פעלדער און צעבליטע סעדער; פון די וועגענער, אַרומגעשטעקט מיט גרינע צווײַגן, גייט דער האַנדל מיט געבונדענע שרײַענדיקע גענדז און הינער; ס׳רעווען קעלבער און ס׳הירזשען לאָשיקעס, אַ שאַרמאַנקע שפּילט און דער פּאָפּוגײַ אויפן קעס־טעלע טרעפט־מזלות, דרעמלט אויף דער זון און ס׳חלומט זיך אים זײַן הייס לאַנד... און די בלינדע בעטלערס, די „סטאַרצעס״, דרייען די קרעכצנדיקע לירעס און זינגען דאָס אייביקע ליד פון אומרעכט, פון מענטשלעכער עלנט־קייט און געפאַלנקייט. די מאַמע פירט זי פאַרן הענטל פונעם אָפּגעזאָגטן אָרט צום טאַטן. ס׳קלינגען די קלויסטערס און די זעגן און די קאָסעס אין די זאַליאַזנע קלייטן — אין די אויגן בליאַסקען שפּיגלען, בײַטשן קרעלן, בראָש־קעס, אוירינגלעך און פּילקאָליריקע סטענגעס. די מאַמע קויפט איר אַ בייגל און אַ רויט צוקער־הענדל אויף אַ שטעקעלע.

און דאָ ווערט מיט אַ מאָל די אַנטקעגנאיבערדיקע וואַנט נאָך ליכטיקער און נאָך העלער, שוין מיט אַ רויט־פײַערדיקן אָפּגלאַנץ, און זי דערזעט אים, דעם טאַטן אירן, שטיין אָנגעשפּאַרט אין אַ דראַבינע פון וואָגן, ווי ער וואָלט שוין געוווּסט אַז מ׳האָט זי, שיפרהן, פון איר שטעלע אָפּגעזאָגט און ער וואַרט

אויף איר, און ווי נאָר זי דערזעט, אַזוי האָט ער דעם פוס צווישן די ספּיצעס פון דער ראָד אַרײַנגעשטעלט, אַרויסגעשלעפּט אַ צווײַגל, זי אַ שלעפּ געטאָן צו זיך, אַרויפגעוואָרפן אויף די קני, און איר, דעם דרײַצן־יאָריקן מיידל, דאָס לײַב פאַרהוילט און גענומען זי שמײַסן... דער בייגל פאַרקײַקלט זיך ערגעץ אונטערן וואָגן, דאָס צוקער־העגדל בלײַבט שטיין אויפן שטעקעלע אַרײַנ־געשטעלט אין דער ערד און אירע צעפלאָכטענע צעפּ פאַרקערן דעם זאַמד, מיט די נעגל פוןביידע הענט גראָבט זי גיך־גיך ווי זי וואָלט זיך וועלן באַגראָבן אַ לעבעדיקע. און דאָ, גראָבנדיק די ערד, זענען איר אין האַנט די ביליקע ציגײַנערשע פאַלקעלעך אַרײַנגעפאַלן...

— מאַריצאַ, האָלובקאַ, דאָליאַ מאָיאַ* — טרייסלט זי פאַר די אַקסל יענע פויערטע וואָס האָט דאָס דריטע קינד אַ טויטס געהאַט. — מאַריצאַ, סערדענקאָ, הער מיך! — פון אויפרעגונג שפּרינגען איר די קינבאַקן און ס׳ציטערן איר, דער פויערטע, די ווײַס געוואָרענע ליפּן. זי האַלט זיך אַליין קוים אויף די פיס, נאָר זי שטייט איבער איר אָנגעבויגן, דריקט און פּרעסט איר, שיפרהן, דעם בויך און בעט זיך בײַ איר מיט כּעס און מיט יִאוש און מיט טרערן אין די אויגן. — מאַריצאַ, דאָליאַ מאָיאַ, שטאַרב ניט, האָב מיר פריִער דאָס קינד... ניין, שוואַרצברעמיקע מײַנע, ניין, שוואַרצאויגיקע מײַנע, כ׳וועל דיך ניט לאָזן שטאַרבן ביז דו וועסט מיר דאָס קינד ניט האָבן. גורל מײַנער, לבנה ליכטיקע, דו ביסט דאָך ניט קיין ציגײַנערין, דאָס האָב איך פונעם ערשטן בליק געזען. און דײַן לײַב, סערדענקאָ, האַלובאָשקאַ, איז דאָך ווײַס ווי גאָטס טאָג. אָט טאַק, דאָליאַ מאָיאַ, אָט אַזוי. שטרענג זיך אָן נאָך אַ ביסעלע. האָב מ י ר דאָס קינד און שטאַרב זיך. נו, סערדענקאָ!..

און זי, די שוואַרצאויגיקע און שוואַרצברעמיקע, די סערדענקאָ, קאָר־טשעט זיך אין די לעצטע ווייען, שוין אויפן ראַנד פון אומקום, שוין אין מין היגערפלעט, און דאָך, און פאָרט, כאַפּט זי אויף דער פויערטעס רייד און נאָך שאַרפער און נאָך שנײַדנדיקער דערגייען צו איר יענע צאָרנדיק־אומבאַ־האָלפענע שחיטה־גוואַלדן אין דער נאַכט, וואָס פאַרמערן, פאַרגרעסערן און דערנענטערן זיך... און פאַר די אויגן אירע, אײַנגעפאַלן־ברענענדיקע, ווי ליכט

* מאַריצאַ, טײַבעלע, גורל מײַנער (אוקראַיִניש).

פֿאַרן אויסגעלאָשן ווערן, זעט זי זיך איבער דער ווײַסער וואַנט אין יענעם מיטזומערדיקן סוף־טאָג, דעם אָנגעגליטן, מיט דעם האַרבסטמאַנטל אויפֿן הוילן לײַב צום טראַמוויי לויפֿן. און אין טראַמוויי קוקן אַלע אויף איר ווי אויף אַ חסר־דעה, ווי אויף אַ ווילדער וואָס בלאָנדזשעט איבער פֿרעמדע וועלטן: אין אַזאַ היץ, אין אַזאַ שוויצעניש און דאָ נאָך מיט אַ מאַנטל אויף זיך. און זי האָט מורא, ציטערט ממש, טאָמער רײַסט מען אין אָט דער ענגשאַפֿט די קנעפּ פֿון מאַנטל אָפּ, און זי בלײַבט פֿאַר אַלעמען אַ נאַקעטע שטיין. זי פֿאָרט דאָך צום בחור וואָס איז אין איר פֿאַרליבט און האָט געוואָלט איבער איר דאָס לעבן זיך נעמען.

זי קוקט אויף דער וואַנט שוין מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן און זעט זיך אַרײַנקומען אין יענער בוידעם־קאַמער — אַ שמאָלע, אַ לאַנגע, די פֿערטע וואַנט זעט מען ניט, אַ מין קאָרידאָר וואָס פֿירט פֿון לעבן אַרויס. און טאַקע דאָרטן, צום סוף פֿון קאָרידאָר, זעט מען ווי פֿון אַ באַלקן הענגט אַראָפּ אַ שטיקל שטריק, אַן אָפּגעשניטענע, דאָס האָט מען אים פֿון דער שטריק אַראָפּגענומען... אומעטום וואַלגערן זיך ביכער, פֿאַרשריבענע גרויע פּאַסן פּאַפּיר. אין אַ ווינקל, אויף דער ערד, ליגט אַ געלעגער. ער זיצט בײַם פֿענצטערל און שרײַבט עפּעס, — אַ צעפּאַטלטער, אַ פֿאַרוואַקסענער, — ס'שלאָגט אויף אים דער פֿלאַם פֿון דער זיך־זעצנדיקער זון. וואַרפֿט זי פֿון זיך דעם מאַנטל אַראָפּ און בלײַבט פֿאַר אים שטיין אַ נאַקעטע:

— הײַנטיקע נאַכט בין איך דײַנע.

און די וואַנט ווערט פֿאַר איר מיט אַ מאָל ליידיק, אין די אויגן ווערט איר פּוסט, אין לײַב גרינג און זי הייבט אָן פֿון ערגעץ צו פֿאַלן אין אַ נידערניש וואָס האָט גאָר קיין סוף און קיין דנאָ ניט — מ'קאָן אַהין צו פֿאַלן אָן אָפּשטעל און אָן אויפֿהער טעג, חדשים און יאָרן. אויך יענע ביטער־אומבאַהאָלפֿענע, יענע עלנטע גאָרגל־געשרייען, טרוקענע, הייזעריקע, שוין ניט קיין ערדישע, ווי איר קול אין יענעם פֿאַרטאָג, אין יענער בוידעם־קאַמער, ווען זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און אים אויפֿן געלעגער ניט געפֿונען און איר בליק אַהין געוואָרפֿן און דערזען אים דאָרטן, אין סוף קאָרידאָר, אונטערן באַלקן הענגען... אָט־די אַלע קולות פֿאַלן מיט איר אַהין, אין דער אייביקער טיפֿעניש אַרײַן. און דאָך, פֿאַלנדיק אַהין, בלײַבט זי, ווי פֿון עמעצן אין חלל

פאַרהאַלטן, און הערט זיך צו מיט פרייד און נאָך מיט אַ גרעסערן טרויער ווי די פויערטע רעדט צו איר שוין אָן כּעס, אָבער שוין ביז גאָר אָן אויפ־געטרייסלטע:

— מאַריצאַ, שטערן מײַנער ליכטיקער, דו האָסט געבוירן. אַ ווײַסלײַ־ביקער, אַ העלהאָריקער. געלויבט ביסטו יעזוס־גאָט פאַר אָט דער געבענטש־טער נאַכט, געלויבט ביסטו הייליקע מאַריאַ! — זי צלמט איבער שיפרהן. — שטערן מײַנער ליכטיקער, דו האָסט מיר מײַן לעבן געראַטעוועט, — און זי וויקלט דאָס שרײַענדיקע נײַ־געבוירענע קינד אין לײַוונט און הערט זיך צו ווי ס'שטאַרקן זיך די שיסערײַען, ווי די האַרמאַטן־קנאַלן און די סנאַריאַדן־אויפרײַסן טרייסלען די ווענט און אין די קלינגענדיקע שויבן גייען אויף שׂרפות. — מייבוט קראַסני אידוט, די רויטע גייען. — מיט ציטערנדיקע הענט לייגט זי דאָס קינד צו זיך אונטערן קאָפּטל, אין בוזעם אַרײַן, צלמט נאָך אַ מאָל איבער שיפרהן און הערט זיך צו צו איר שווערן אָטעמען, ווי זי וואָלט באַקלערט, די פויערטע, וואָס ווײַטער מיט דער פאַרשטעלטער ציגײַנערין טאָן: וואַרטן ביז זי וועט אַליין אויסגיין, אָדער איר אַ ביסעלע צוהעלפן... אָבער דאָ, ווי אומגעריכט, הגם מ'האָט אין יעדער רגע געקאָנט אויף דעם וואַרטן, ווערט דער אָרום פאַרהילכט און פאַרטויבט און מיט פאַרבלענדנדיקן בליאַסק אויף בלינד צו ווערן, ווערט ממש אין אָן אויגנבליק דער ווינקל מיט אַ האַלבן פענצטער אָראָפּגעטראָגן און די נײַיאָר־נאַכט, די מיטווינטערדיקע, מיט די נידעריקע הימלען, פאַרשאָטענע מיט בליציק־גרויסע שטערן, מיטן זילבערדיקן פרירטוויזקן פראָסט, מיט די סקריפּענדיקע שנייען, מיטן געקנאַל און געקראַך, פאַלט מיט אַ מאָל צווישן די געווינעריגס, צו די טיפוס־קראַנקע אין פאַלאַטע אַרײַן. די ווײַסע ערד הייבט זיך צו די שוואַרצע הימלען, די הילצערנע פאַרשטאָט־הײַזער גייען אויף אין פלאַמען, ס'פאַלן ברענענדיקע טויבן. פאַרבײַ דער אָראָפּגעטראָגענער שטיק וואַנט יאָגן אין גאַלאָפּ אָנגעזאָטלטע פערד אָן רײַטערס, צווישן די פאַרהאַרטעוועטע הורבעס שניי קרייצן זיך מיט פאַרביסן־פאַרביטערטן געקלאַנג שווערדן, ס'שיטן זיך פונקען און ס'פאַלן מענטשן... פעטליורישע אַטאַמאַנען און באַט־קאָס, אויסגעניכטערטע און מיט טויטשרעק אָרומגעכאַפּטע, וואַרפן די ביקסן אין די קרענעצעס אַרײַן, שלעפּן און וואַרפן אַרויס פון די אָנגעשוואָלענע

און אויפגעלאָפּענע שאַראַוואַרעס דאָס אָנגעגאָזלטע ייִדישע האָב־און־גוטס — נאָך פֿײַכט פֿון בלוט און טרערן. פֿון דער סטעליע הענגען אַראָפּ באַלקנס, די קראַנקע שפּרינגען פֿון די בעטן אַרויס.

און זי, די פֿויערטע, אײַנגעבויגן אין דרײַען, אין אָט דער בהלה און מהומה, לאָזט זיך מיט שיפּרהס קינד פֿון שפּיטאָל אַרויס אַ גליקלעכע לויפֿן.

און דערנאָך, שוין נאָכן אָפּגעבן יענער פּויערטע דאָס קינד, שוין נאָכן אַריבערטראָגן זי פון יענער פּאַלאַטע, וווּהין דער סנאַריאַד האָט געטראָפן און אַ ווינקל פונעם בנין אַראָפּגעטראָגן, — די הפקר־צעווילדעוועטע, די ווונדערלעך־פאַרלבנהטע נײַיאָר־נאַכט וואַרגט זיך מיט שוואַרצע רויכן פון שׂרפות, מיט מאַרך פון צעשפּאָלטענע קעפּ, מיט קלאַנגען פון „אינטערנאַציאָנאַל״ און פון פּיבערדיק־צעוויגטע קלויסטער־גלאָקן, — ליגט זי דאָרטן, שיפרה, אין אָפּעראַציע־זאַל, מיט איר דערשטיקטן געשריי אין גאָרגל און דאָך מיט אַ נצחונדיקן שמוך אויף די ווײַס־געשוואָלענע ליפּן: זי איז זיך פּאָרט בײַגעקומען, איבער זיך געקאָנט אַריבערטרעטן, דעם וועג אירן ביזן סוף דערגאַנגען...

דער אָפּעראַציע־זאַל איז איבערגעפּולט מיט פאַרוווּנדטע, צעממיתטע און צעמזיקטע ייִדן — אַלט און יונג, מיט קינדער פון די וויגעלעך — פונעם פּאָגראָם וואָס גייט שוין אין שטאָט דעם דריטן טאָג. אויפן אָפּעריר־טיש, אונטער צוויי נאַכטלאָמפּן, ליגט דער האַלב־נאַקעטער, דער מיט מעסערס צעשטאָכענער בעל־עגלה, דער אַלטער גרײַז־גרויער אַשמדאַי, וואָס האָט מיטן האָרטשיק פונעם וואָגן, רײַטנדיק אויף זײַן אויסגעדאַרטן בולאַנעם פערד, געשניטן אויף רעכטס און אויף לינקס, געטריבן די אַנגעלאָפענע פון די דערפער, וואָס האָבן געגזלט און געטראָגן פון די ייִדישע הײַזער אין די שליטנס אַרײַן, און שוין איינוועגס האָבן זיי, די פּויערים, געהאַלפן כאַפּן און איבערגעבן צו די אַטאַמאַנען און באַטקאָס, צו די קעמפער פאַר דער זעלבשטענדיקער מוטער אוקראַינע, די פאַרוווּנדטע ייִדן: די בעל־עגלות און קצבים, די שמידן און סטאָליערס וואָס האָבן מיט די האָרטשיקעס און פרענטעס אײַזן, מיט די געציילטע ביקסן און רעוואָלווערן געוואָלט פאַרשטעלן דעם וועג און באַשיצן די ייִדישע גאַס־און־געסל פון די רוצחים, קעגן דעם

שטאַטישן ערב־רב, קעגן דעם דאָרפישן המון־עם; קעגן אָט די סטײַעס האָט מען נאָך געקאָנט זיך קעגנשטעלן, פאַרהאַלטן און זיי צעטרײַבן. אָבער דאָ, קעגן באַוואָפנטע, צעיושעטע און אָפּטרעטנדיקע חיילות? און אַז זיי, אָט די געכאַפּטע, אָט די שווער־פאַרווונדיקטע ייִדן פון דער אַליינשויץ, פון דער „סאַמאָאָכראַנע״, פלעגן צו די פּעטליוראַווצעס אַרײַנפאַלן, האָט מען זיי הענט און פיס געבונדן, די מײַלער פאַרשטאָפּט, אָבער ניט אויסגעטאָן, פון זיי גאָרנישט ניט אַראָפּגענומען, אַפילו די בעסטע שטיוול ניט אַראָפּגעצויגן, די זייגערס פון די קאָמזוילן ניט אַרויסגעריסן; דאָ איז שוין אַלץ פון פרומ־קייט, לשם־שמים, פאַרן צלם געטאָן געוואָרן. מ׳האָט זיי, די שווער־פאַר־ווונדטע ייִדן, אויף אַ דרינזשעלע־שליטן, ווי קלעצער אין שורות געלייגט, איין שורה אויף דער צווייטער, צום דניעפּער געפירט און דאָרטן, צלמענדיק זיך, אין דער שמאָל־אויסגעהאַקטער פּאָלאָנקע, מיטן קאָפּ אַראָפּ, אונטערן אײַז, אין וואַסער אַרײַן געוואָרפן.

און דאָרטן, בײַם אָפּעריר־טיש, ווו די צוויי דאָקטוירים, איווע און רמז, זענען מיטן אַשמדאַי געווען פאַרנומען — אויף זײַן לײַב איז קיין לעבעדיק אָרט ניט פאַרבליבן און דערצו איז ניטאָ שוין קיין ברעקל און קיין טראָפּן רפואה אויף צו שטילן און צו פאַרגרינגערן אים די ווייטיקן, אָבער קיין קול פונעם אַלטן ייִדן הערט מען ניט.

— שרײַט, ר׳ לייזער, — בעט זיך בײַ אים איווע. — שרײַט, שרײַט אויס דעם ווייטיק!

— האָדי נו, — פאַרקוועטשט ער שטאַרקער די אויגן, רוקט אַראָפּ נידעריקער די ברעמען, ווי זיי וואָלטן באַדאַרפט פון נאָך אַ גרעסערן ווייטיק אים פאַרהיטן און הייבט זיך אונטער אויף די עלנבויגנס. — האָדי נו. פאַר וועמען, צו וועמען שרײַען? פאַר אײַך? האָדי נו... איר הערט אַזוי אויך מײַן געשריי. און וואָס?

— איליאַ איליטש, — ווענדט זי זיך מיט כעס צום דאָקטער רמז — איר הערט? איר פאָרט אויף די קאָנגרעסן, איר האָלט דאָרטן הייסע רעדעס, אַלע רעדן דאָרטן מיט פײַער, מיט פלאַם.

ווײַל ער איר ענטפערן, נאָר זי, שוין אַן אויסגעשעפּטע, קאָן שוין מיטן שׂכל־הישר דעם דאָקטער רמזעס רייד ניט אויפנעמען — זיי דערגייען שוין

צו איר ניט, זיי פֿאַלן אויף איר איצט, אָט די אַלע רייד זײַנע, ווי אַ רעגן אויף אַ בלעכענעם דאַך. זי געדענקט נאָך גוט יענעם אָוונט, נאָכן פֿאַרלאָזן די לאַנדעס, ווען זי איז פֿאַרטראָגן געוואָרן צו די אפּרתעס. אַרום איר יום־טובדיקע ליכט, קווייטן און די אויסגעפּוצטע און אויסגעצירטע ווײַבער וואָס מײַדן זי אויס און וואַרפֿן אויף איר ביטול־בליקן.

און זי, איוועז, איז ניט נאָר אָן אַ דאַך איבערן לעבן, נאָר שוין אויך אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, ניטאָ אויף דער גרויסער ערד וווּהין זיך אַהינצוטאָן — אין דער היים איז קיין וועלט ניטאָ און אין דער וועלט איז קיין היים ניטאָ, און אַן עלנט, אַ פּאַרווייעט־פּראָס־טיקער, גייט איר איבערן רוקנביין אַרום. און מיט אַ מאָל דערזעט זי אים, וואָס איז איר יאָרן נאָכגעגאַנגען, צו אירע פּיס געפֿאַלן, דעם דאָקטער רמז פֿון אַ זײַטיקער טיר אַרויסגיין, דערפֿרייט זי זיך און שטרעקט צו אים ביידע הענט אויס. און ער בלײַבט דאָ אַ פֿאַרלוירענער שטיין און אירע הענט פֿאַרבלײַבן אין דער לופֿטן. דאָס האָט געדויערט ממש געציילטע רגעס. אָבער פֿאַר איר איז עס גענוג געווען. אָט די פּאָר סעקונדעס האָבן זי דעמאָלט, אין יענעם אָוונט, אַ וואָרף געטאָן צו אַדריאַנען, וואָס איז אַזוי ענלעך געווען אויף דניאלן.

זי קאָן ניט הערן מער יענע וואָס שיטן מיט גילדענע רענדלעך, פֿינקלענ־דיקע אויף צו פֿאַרבלענדן און האַרטע אויף צו צעברעכן די ציין; ס'שלאָגן איר צום האַרצן די שיינע רייד פֿון די געשליפֿענע און געטאָקטע צינגער, פֿון די וואָרטקלײַבער און אונטערקלײַבער. ניט קיין ווערטער, נאָר מעשׂים דאַרפֿן קומען! זי קאָן שוין מער ניט איבערטראָגן אָט די מענטשלעכע ליידן, אָט דעם גרויסן פֿאָלקסאומגליק, וואָס גראָד איצט, נאָך דער אויסגעוואָרטער און אויסגעטרוימטער רעוואָלוציע, וואָס האָט באַדאַרפֿט אויף ייִדן די ישועה ברענגען, האָט זיך אינעם רישעות־לאַנד, אינעם ווילדלאַנד, גאָרנישט ניט געביטן און גאָר אַ נײַע און נאָך אַ גרעסערע כוואַליע שׂינאה און אַכזריות גייט איבערן ייִדישן פֿאָלק.

דאָ, בײַם פֿאַרנייען די ווּנדן אויפֿן אַלטן אַשמדאַי, וואָס איז איר נאָענט און אייגן ווי איר טאַטע, ווי יצחק, ווי די מומע ליבע, ווי דער וואַלד, ווי אין די סעדער דער טוי וואָס גיסט אָן די פּירות מיט זאַפֿט און מיט טעם;

ער, דער אַשמדאַי, האָט דאָך אויפגעהאָדעוועט איר ברודער, עקיבאַן. ווו איז ער איצטער עקיבא, וואָס איז פון זײַן כּישוף־וועגעלע אַראָפּגעפּאַלן, ניט פאַרפאָרן אַהין, צו יענעם לאַנד פון די גאָלדענע פּאַוועס? ער האָט אַפילו זײַן פידל פאַרוואָרפן — פאַר טרויער קאָן מען נאָך קומען מיט אַ ניגון, אָבער פאַר בלוט? — און גענומען אַ ביקס אין האַנט אַרײַן. ער איז דאָך אין שטאָט איינער פון די אָנפירערס פון דער אַליינשוץ. ווו איז ער איצטער, איר ברודער און איר חבר? איז ער אויך אַ פאַרוווּנדעטער צו די הײַדאַמאַקעס אַרײַנגעפאַלן און זיי האָבן אים געבונדענערהייט אונטערן אײַז, אין דניעפּער אַרײַנגעוואָרפן? דאָס האָט ער דאָך, דער אַשמדאַי, זי דעמאָלט געפירט איבער יענעם ערב־ווינטערדיקן וואַלד אויף קבר־אָבות פון איר ליבע, צו דניאלן, וואָס האָט איר דאָרטן, לעם דער אַלטער קרעטשמע, אונטער דעם ברייט־צעצווײַגטן באַרנבוים ווידער, און שוין צום לעצטן מאָל, געזאָגט: כ'האָב געמיינט אַז דו וועסט זײַן דאָס שיינע ליד פון מײַן לעבן. — ניין, זי איז פאַר קיינעם קיין ליד ניט געוואָרן. און אַ פרוי וואָס ווערט ניט קיין ליד אין עמעצנס נשמה, איז ווי דער ווינט אין סטעפּ, טראָגט וואָלקנס שטויב. און פאַר אים, פאַרן דאָקטער רמז, איז זי דאָך גאָר געוואָרן אַ ביטערע קללה. איבער איר איז דאָך בײַ אים ניטאָ קיין לעבן מיט יעלענען. זי איז אַפילו ערשט ניט לאַנג געקומען, יעלענאַ, איר גרויסהאַלטערײַ און פרויען־גאווה געבראָכן, און שטיל געבעטן:

— פאָרט אַוועק פון דאַנען. זאָל ער אײַך כאָטש פאַר די אויגן ניט זען. כ'בעט עס אײַך טאָן צוליבן קינד... אַגיוטאַ האָט אים זייער ליב.

דאָ, אַז אויף דעם אַשמדאַיס זיך קאָרטשענדיקן גוף שלאָגן דורך די פענצטער שוואַרצע שׂרפה־פלאַמען און זי הערט אין די גוואַלד־געשרייען בײַם דניעפּער אויך יענע געשרייען פון רואַן, ווו מ'שלעפּט יידן אין קלויסטער אַרײַן און די וואָס ווילן זיך ניט שמדן ווערן אויפן אָרט אומגעבראַכט. זי הערט, איווע, אין אָט די געשרייען דאָ, בײַם דניעפּער־טײַך, אויך יענע געשרייען בײַם רײַן־טײַך, ווו קריסטוסעס קריגסלײַט ריכטן אָפּ זייער סעודה... אין די געשרייען דאָ, בײַם דניעפּער, הערט זי די קולות פון וואָרמס און שפּײַער, ווו יידן האָבן זיך אַליין דאָס לעבן גענומען און מאַמעס האָבן זייערע קינדער געטייט. זי הערט, איווע, אין די געשרייען דאָ, בײַם דניעפּער, די קולות

פון מײַנץ און קעלן, ווו מ'וואַרפט זיך מיטן געשריי שמע־ישׂראל אין רײַן אַרײַן. און אין אירע אויערן שרײַען די ייִדן פון נעמיראָוו און פון אומאַן... און דאָ, ווען פון די דרײַ מעת־לעת ניט אָפּגיין פונעם אָפּעריר־טיש בריִען און שטעכן איר די שפּיץ־פינגער פון די פיס אויף מער ניט אויסצוהאַלטן: זי לאָזט זיך שוין אָפּילו אַז דער דאָקטער רמז זאָל זי אויפן בענקל אָוועקזעצן — ער וועט שוין אַליין מיטן אַשמדאַי פאַרענדיקן; דאָ, ווען זי זיצט אַזוי מיט די אַראָפּהענגענדיקע הענט, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן און פילט ווי די שוואַרצע שׂרפה־פלאַמען שלאָגן איר אין די פאַרמאַכטע אויגן אַרײַן, דאָ קומט ער אַרײַן דער זקן, דער פּראָפעסאָר אפרת, און מיט יענער רויִקייט פון אַ מענטשן וואָס האָט אַ גרויס לעבן אָפּגעלעבט, די וועלט אויסגעוועזן, אין אַלע אירע פינף טיילן, שוין אַלץ געזען און באַדאַכט און דורכגעטראַכט, יסורימדיקע נסיונות דורכגעגאַנגען, געוואָלט אָפּילו אַ מאָל אין לעבן זיך אַרײַנמישן, דאָרטן איבעראַנדערשן, איבערשטעלן, אומוואַלגערן, ירושה־קייטן רײַסן, אויפן מיסט זיי אַרויסוואַרפן און אויף ס'נײַ אַלצדינג אויפבויען און באַלײַכטן; מיט קיין כּבוד ניט געקאָנט זיך אָנזעטיקן, וויפל געהאַט, אַלץ ווינציק געווען, געוואָלט אַז זײַן נאָמען זאָל אומעטום און שטענדיק קלינגען, נאָר שוין אויף דער עלטער, שוין אַרײַנגייענדיק אין די טיפע יאָרן, זיך געלערנט און נאָך אַ סך צײַט און גרויסער מי זיך אויסגעלערנט אויפנעמען אַלצדינג קאַלט און מיטן שׂכל, גאָרנישט ניט צולאָזן צום האַרצן און ווי די נאַטור, ווי אָט די גרויסע וועלט־קינסטלערין, צוקוקן מיט גלײַכגילט ווי אירע וווּנדערלעכע שאַפונגען ווערן רויִנירט און חרוב; דאָ איז ער, דער אַלטער פּראָפעסאָר אפרת, צום אָפּעריר־טיש צוגעקומען און ווי צו קיינעם און ווי אין דער וועלט אַרײַן זייער רויִק, ווי אַ שליח, געזאָגט:

— זיי זענען שוין בײדע ניטאָ — ניט יעלענאַ און ניט אַניוטאַ.

פון זײַנע ווערטער ווערט איווע ווי געליימט, קאָן אַפּילו די אויגן ניט עפענען — און ער, דער דאָקטער רמז, בלײַבט ווי פריִער איבערן אַשמדאַי אָנגעבויגן, הייבט אויף נאָר דאָס פּנים, אַ משונה ווײַס, און זײַנע אויגן, פון אונטער די פּענסנע, רויטע, ווי זשוראַווינעס אויף שניי. און דער אַלטער אפרת, מיט דער פריִערדיקער רויִקייט רעדט ווײַטער:

— בײדע האָבן געשפּילט אין פיר הענט אויפן קלאַוויר. געוויס מאָצאַרטס

רעקוויעם, זי האָט דאָך אַלע פּאַר נאַכט געשפּילט דעם רעקוויעם. האָבן זיך אַרײַנגעריסן הײַדאַמאַקעס. אַגיוטען האָבן זיי אַרײַנגעלייגט אין דעם געעפֿנטן קלאַוויר. דאָס דעקל צוגעקלאַפּט און דורכן באַלקאָן אין דרויסן אַרויסגעוואָרפֿן. און יעלענען האָט מען אויך געפֿונען אַ טויטע. אויף די טרעפּ. מיט אַן אָפּגעשניטענער ברוסט. דער גורל פֿונעם מענטשן וויגט זיך שוין מיט אים אין וויגעלע. די וועלט־טראַגעדיע ווערט געשפּילט פֿון יחידים. — און פּלוצעם, און מיט אַ מאָל, ווענדט ער זיך צו איווען: — דאָרטן ליגט זי, סאָפֿיאַ סאַוועליעוונאַ. זי האָט זיך דאָ פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ ציגײַנערטע.

— וועלכע סאָפֿיאַ סאַוועליעוונאַ?

— אַלעקסאַנדער לאַנדעס צווייטע פֿרוי. זי איז דאַכט זיך אײַערע אַ קרובה?

דערהערט שיפֿרהס נאָמען, טוט זי זיך אַ הייב אויף פֿונעם בענקל, פֿילט שוין ניט די ברי̇עניש און שטעכעניש אין די פֿינגער פֿון די פֿיס, ווערט שוין ביז גאָר אויפֿגערעגט, ווי זי וואָלט מיט אַלע אברים דערשפּירט אַז ערשט איצט קומט דער גרויסער אומגליק — זי וועט שפּעטער ניט קאָנען דערקלערן פֿאַר וואָס — נאָך ניט וויסנדיק גאָרנישט וואָס מיט שיפֿרהן איז דאָ געשען, איז זי אַזוי אויפֿגערודערט און אויך אויפֿגעבראַכט געוואָרן.

ניט בײַ דער שײַן פֿון די צוויי נאַפֿטלאָמפּן פֿון אונטער דער סטעליע, וואָס פֿאַלט אין דער נעפּלדיקער גרינלעכקייט אַרײַן, ווו אַלע פּנימער ווערן צונויפֿגעגאָסן און אָפּגעמעקט, מ׳זעט דאָ נאָר, אין דער טונקלעניש, משונה־לאַנגע נאַקעטע הענט וואָס וויגן זיך מיט קללות אין דער געדיכט־איבלדיקער לופֿט — נאָר בײַ דעם בלוט־רויטן שאָטן וואָס שלאָגט דורך די פֿענצטער אויך אַהער צו, צום בעטל, האָט זי שיפֿרהן דערזען. פֿון אָט דעם בלוט־רויטן שאָטן קוקן אויף איר יענע גרויסע אויגן, איר פֿעטער שמריהס אייביק־בטחונדיקע און די אייביק־יי̇אושדיקע אויגן.

דערזען דאָ שיפֿרהן וואָס האָט איר אַ מאָל, טאַקע אין אָט דעם פּאַרק, שטייענדיק פֿאַר איר אויף די קני אין שניי געזאָגט: „מיר וועלן זיך ביידע אין לעבן אָפּנאַרן״, און אירע רייד זענען דאָך מקוים געוואָרן — דעם פּראָפֿעסאָרס אייניקל, דער אַדריאַן־דניאל, איז דאָ איר גרויסער בראָך אויפֿן גאַנצן לעבן געוואָרן, שוין קיין מאָל דעם בראָך ניט געקאָנט פֿאַרריכטן און

פאַרגלעטן. יענער האָט זי, איוועץ, אויפן גאַנצן לעבן ווי אָפּגעסמט. דערזען דאָ שיפּרהן, נאָך ניט וויסנדיק אַפילו ווי אַזוי און מיט אַוועלכער קרענק זי איז אַהער צו פאַרטראָגן געוואָרן און צוליב וואָס האָט זי גאָר באַדאַרפט פאַר אַ ציגײַנערטע זיך פאַרשטעלן? נאָר דער רוקן האָט זיך איר, איוועץ, ווי בײַ יצחק באָיאַר פאַרן אָנקומען פון אַ נײַעם גזר, אײַנגעבויגן און זי איז פאַר שיפּרהס בעטל וואָס אויפן סאַמע דורכגאַנג, ווי פאַר אַן אָנזאָג פון אַ שרעקלעכן נײַעם אומגליק שטיין געבליבן. גראָד מיט איר, מיט דער מומע ליבעס טאָכטער, ווי מיט אים, מיט איר פעטער אַבושן, ניט געוואָלט און מורא געהאַט די לעצטע יאָרן צו טרעפן זיך. ביידע, סײַ אַבוש און סײַ שיפּרה, הגם איינער פון ליבשאַפט און די צווייטע פון שׂינאה, זענען זיי ביידע שוואַרצזעערס און אומקום־אָנזאָגערס.

דאָס לעצטע מאָל זיך געטראָפן מיט איר אין יענע טעג ווען מ׳האָט ייִדן ווי פאַררעטערס און שפּיאָנען פון גאַליציע, ליטע און בוקאָווינע געטריבן און געיאָגט, זייערע הײַזער געבראָכן און געצונדן, אויף די ביימער, בײַ די וועגן, זענען ווײַסבערדיקע ייִדן אין טלית־קטנס, באַרוועסע, געהאַנגען... אָט אין יענע טעג ווען שמריה איז אויף דער מלחמה געשיקט געוואָרן, און דאָרטן דערזען זי, שיפּרהן — ער איז אויף דער וואָך מיט דער ביקס געשטאַנען — ווי אַזוי זײַן טאָכטער, אין אַזאַ גזירה־צײַט, טאַנצט אין דער קאָמענדאַטור מיט די פאַרביסענע שׂונאי־ישׂראל, איז ער אַ דערציטערטער אַהין מיט דער ביקס אין האַנט אַרײַנגעפאַלן, זיך אין טאַנצנדיקן ראָד אַרײַנגעריסן און פאַר דער טאָכטער מיט זײַנע גרויסע אויגן, פולע מיט טרערן, שטיין געבליבן. האָט דער מאַן, דער גענעראַל, זי געפרעגט:

— קאָנסטו דעם סאָלדאַט?

האָט זי די אַקסל פון חידוש אויפגעהויבן, דעם טאַטן אין די אויגן מיט אַ ניט גוטן שמייכל אַרײַנגעקוקט און געענטפערט:

— ניין!

און שפּעטער, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, שוין נאָך שמריהס אומקומען, איז זי פּלוצעם, שיפּרה, — און לויט דער פאַמיליע פון איר איצטיקן מאַן, דעם גענעראַל, שוין טרובעצקאַיאַ סאָפּיאַ סאַוועליעוונאַ, — אויף אַן אויטאָ־מאָביל צוגעפאָרן צום לאַזאַרעט ווו זי, איווע, האָט געאַרבעט און אַברהם,

יצחקס זון, איז שוין אַ שווער־פֿאַרווונדעטער געלעגן; אַן אויסגעפּוצטע אין די טײַערסטע פּוטערס זיך אַרײַנגעשטעלט — אַ געזונטע, אַ שיינע, בלוט און מילך, אין די אויגן פֿאַרריסנקייט און שאָדנפֿרייד — פֿרי׳ער גענומען טיילן די פֿאַרווונדיקטע סאָלדאַטן זיסוואַרגן און טיכעלעך, פּאַפּיר און בלײַשטיפֿטן, מאַכאָרקע און ליולקע־טאַביק, און אייניקע מאָנענישן און פֿאַרלאַנגען אויס־געהערט, אַפֿילו צו זיך אין בלאָקנאָט זיי אַרײַנגעשריבן, דערבײַ אויך מיט איר, מיט איוועזן, ווי מיטן דאָקטער, מיט עטלעכע ווערטער זיך איבער־געוואָרפֿן — געפֿרעגט אין וואָס דער לאַזאַרעט נייטיקט זיך; אָבער אויף קיין ענטפֿער ניט געוואַרט און באַלד אויף גיך, ווי מיט אַ מאָל אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די אַלע אָנשטעלן און פֿאַרשפּילן, צו אַברהמס בעטל צוגעגאַנגען, זיך אויפֿן ראַנד צוגעזעצט און מיט אַ ניט־געשטילטן נײַגער גענומען וועגן איר טאַטנס טויט אויספֿרעגן און איבערפֿרעגן. און ווען אַברהם האָט איר וועגן שמריהס גסיסה אויפֿן שלאַכטפֿעלד דערציילט און ווי ער האָט די גאַנצע צײַט געשרי׳ען: משיח... ליבע... דניאלקע... שיפֿרה — האָט זי, ווי אַ באַרו׳קטע, זיך גלײַך אויפֿגעהויבן, אונטערן קישן אַ פּעקעלע אונטערגעלייגט און געבעטן, אַז ער, אַברהם, ווען זיך אַהיים אומקערן, זאָל ער איר מאַמען איבערגעבן: זי וויל פֿאַר איר אין שטאָט קויפֿן אַ שטוב און העלפֿן די קינדער אַרויספֿירן אין לעבן. און צו איוועזן, ווי אויך צוליב דעם איז זי אַהער געקומען, מיט איר ברוסטיקער און ווייכער שטים געזאָגט:

— זאָלן די ברידערלעך און שוועסטערלעך וואַקסן ווי מענטשן צווישן מענטשן און ניט ווי ייִדן צווישן גויים.

און דאָ, דערזעענדיק זי, שיפֿרהן, בײַ דעם בלוט־רויטן שאָטן פֿון די שׂרפֿות, בײַ די נאָך ניט געשטילטע געשרייען, וואָס גייען פֿון הינטער די בערג, בײַם דניעפּער, קאָן זי אָבער מיט איר שאַרפֿער ראיה און כּוח־הדמיון ניט אויפֿכאַפּן, וואָס אַזוינס האַלט זי עס, שיפֿרה, בײַ זיך אויף דער ברוסט מיט ביידע הענט אַרומגענומען. נאָר פֿון די אַרומיקע בעטלעך הערט זי:

— דאָקטער, דאָס האָט זי אַזוי אַרומגענומען דאָס טויטע קינד.

— מ׳קאָן עס גאָר פֿון אירע הענט ניט אַרויסנעמען.

— און ווער קאָן דאָ קאַווירן אַז ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ טויטס?

— וואָס זשע, איר ווילט זאָגן אַז זי האָט עס אַליין דערשטיקט?

— איך וויל גאָרנישט ניט זאָגן. אָבער טראַכטן...

— ניין, וואָלט זי עס אַליין דערשטיקט, וואָלט זי עס גלײַך אָפּגעגעבן.

— געוויס, געוויס. פון אַזאַ זינד וויל מען וואָס גיכער אַנטלויפן.

פון אָט די רייד ווערט שוין פאַר איוועץ קלאָר וואָס מיט שיפרהן האָט געטראָפן און אין וואָס פאַר אַ מצב זי געפינט זיך: זי איז אַהער פאַרוואָרפן געוואָרן אַ טראַגעדיקע, שוין אָן דעם גענעראַל, איינע אַליין, פאַרשטעלט זיך פאַר אַ ציגײַנערטע, אונטער אַ פרעמדן נאָמען, און געבוירן דאָ דאָס טויטע קינד. ווערט זי אַרומגעכאַפּט מיט גרויס רחמנות צו דער מומע ליבעס טאָכטער און זי דערזעט פאַר זיך די מומע ליבע, די הויכע, די שיינע, וואָס איז פול מיט פרייליגגדיקער צאַרטקייט און כוח, וואָס אין אירע אויגן שפּילט אַזוי פיל קינדערשע פרייד, וואָס קאָן גובר זײַן אַלע ווייטיקן און געפינען אויך אַ טרייסט פאַר אַנדערע, און וואָס פאַר אַ גזר ס'זאָל ניט קומען, ווערט זי ניט אײַנגעבויגן און צו דער ערד ניט געפאַלן, אַלע צרות ווערן בײַ איר באַשײַנט מיטן שמייכל פון ליבע און גלויבן אינעם לעבן, הגם אין אָט דעם שמייכל איז פאַראַן אַזאַ גרויסער טרויער און זי וויינט אין דער שטיל, אַז דאָס האַרץ זאָל אין טרערן ניט דערטרונקען ווערן...

וויל זי בײַ שיפרהן צונעמען דאָס טויטע קינד, אָבער יענע לאָזט פון זיך דאָס קינד ניט אָפּנעמען. שיפרהס דפק קלאַפּט מיט איבעררײַסן, און ווי פון ערגעץ ווײַט, ווי פון אַן אַנדער, שוין פון אַ ווײַטער און אַ ניט־היגער וועלט. זי שטאַרבט, שיפרה. און אויך פון דעם וואָס דער מומע ליבעס טאָכטער שטאַרבט פאַר אירע, איוועס, אויגן און זי קאָן איר דאָ מיט גאָרנישט ניט העלפן, און דער עיקר פון איר שטאַרבן מיטן אַרומגענומענעם טויטן קינד אויפן האַרצן, ווערט איר שוין, איוועץ, אויף ניט אויסצוהאַלטן.

— שיפרה, — בייגט זי זיך אָן צו איר — דו דערקענסט מיך?

— יאָ... כ'האָב אײַך גערופן...

— גיב מיר אָפּ דאָס קינד!

— מײַן קינד האָב איך שוין אָפּגעגעבן... שוין אָפּ־גע־געבן...

— ניין, שיפרה, דײַן קינד איז בײַ דיר.

— אָט דאָס טויטע קינד... איז ניט מײַנס... ניט מײַנס... מײַן קינד... דאָס לעבעדיקע... האָב איך אָפּ־גע־געבן דער מוטער... פונעם טויטן קינד...

— שיפרה, — פֿאַלט זי צו צו איר אַ דערציטערטע. — שיפרה, צוליב וואָס האָסטו דאָס געטאָן?

— איך שטאַרב דאָך... איך האָב געוווּסט... אַז איך וועל שטאַרבן...

— וואָלט דײַן מאַמע צוגענומען דאָס קינד. איך, איך וואָלט צוגענומען דײַן קינד.

— איר הערט... די גוואַלדן?..

— זיי ווערן שוין שטילער. די רויטע גייען אַרײַן אין שטאָט. נאָר וואָס האָט עס צו טאָן מיטן קינד?

— איך וויל ניט... דו הערסט מיך?.. איך... וויל... ניט... אַז מײַן קינד... מײַנע אייניקלעך... זאָל מען הרגענען... וואַרפֿן אין פֿײַער אַרײַן... איך בין... מײַן וועג... דערגאַנגען... ביזן סוף...

יא

און דערנאָך, שוין נאָכן טרעפן זיך מיט דער מומע ליבעס טאָכטער, וואָס איז אַהער פאַרוואָגלט און פאַרוואָרפן געוואָרן, געהאַט דאָ און אָפּגעגעבן אין אָט דער שחיטה־ און שׂרפה־נאַכט איר לעבעדיק קינד דער פויערטע, ווײַל זי וויל ניט, שיפרה, אַז מ׳זאָל אויך אירע קינדער און אייניקלעך אין פײַער אַרײַן וואַרפן; שוין נאָכן שיקן די באַרעמהאַרציקע שוועסטער צו שיפרהן, וואָס שטאַרבט מיט דער גרינער שׂינאה אין די מיט אַ מאָל שמאָלגעוואָרענע אויגן, מיט דעם פרעמדן, מיט דעם אַרומגענומענעם טויטן קינד אויפן האַרצן. און דערצו נאָך זעט זי, איווע, שוין די גאַנצע צײַט, ווי יעלענאַ לויפט טויטערהייט צו איר קינד, וואָס איז מיטן קלאַוויר אויף דער פאַרפרוירענער ערד אַרויסגעוואָרפן געוואָרן — און זי ווייסט גוט, איווע, זי געפינט זיך דאָך בײַ אַלע קלאָרע געדאַנקען, אַז טויטערהייט לויפט מען ניט, מ׳קאָן ניט לויפן, אָבער זי זעט פאָרט ווי יעלענאַ, אַ פאַרגאָסענע מיט בלוט, לויפט פון די טרעפּ מיט אויסגעצויגענע הענט, און זי ווערט שוין גאָר אויפגעציטערט און אַ הייסע קלאָג מיט אַ ביטערן צאָרן נעמט איר צום האַרצן אונטערגיין און זי בלײַבט שטיין ווי אַ פאַרשאָלטענע פאַר די שׂרפה־פלאַמען וואָס שלאָגן אין אָט דער נײַיאָר־נאַכט פון די ייִדישע גאַסן און געסלעך בײַם דניעפּער, און זי הייבט אָן אין אַ ייִאוש אַרײַנפאַלן: און אפשר, — טוט איר אַ שניט דער ווייטאָגדיק־שרעקלעכער געדאַנק, וואָס איז איר אַלע יאָרן ווײַט און פרעמד און דערווידער געווען, — און אפשר איז זי, שיפרה, גערעכט; אָפּגעבן אונדזערע קינדער און אַ סוף זאָל עס נעמען! לויפט זי צום טיש ווו ס׳ליגט נאָך דער אַשמדאַי אין די ווינדן אַ פאַרשטומטער, ס׳צוקן אים נאָר די קינבאַקן און שליסט שטאַרקער די אויגן צו; זײַן פּנים, בײַ דער שײַן פון די שׂרפות, אַ הייס־רויטס, ווי די קאָרע פון אַן אַלטער סאָסנע בײַם אויפגיין פון דער זון, אָט בײַ אים, בײַ דעם ייִדן וויל זי איצט, איווע, אַן

אַנשפּאַר און אַ טרייסט געפינען. דאָס האָט ער דאָך איר פריִער געזאָגט:

— גייט ניט אַוועק פון מיר.

און ווען זי האָט אים באַרויִקט:

— דער דאָקטאָר רמז טוט עס בעסער פון מיר —

האָט ער צו איר דעם קאָפּ אויסגעדרייט און אַפילו אַן אויג געעפנט:

— האָדי נו, אונטער אײַערע הענט איז עפּעס דער ווייטיק ספּאָקאָינער...

אויך איר איז לעם אים רויִקער, הגם דער צער ווערט לעם אים גרעסער און שווערער, אָבער אין אָט דעם צער איז אַ זינען, אַ ליכט, אַ גלויבן פאָראָן. בײַ דעם אַשמדאַי, בײַ אָט דעם יידן, הערט זי ווי דאָס לעבן רוישט אין זײַנע ביינער, ווי זי פלעגט הערן אָט דעם רויש בײַ יצחק באַיאַר, בײַ דער מומע ליבע. בײַ יענע רוישן נאָך אין די ביינער אויך די וועלדער. ווי נאָר ס׳וועט אויף די וועגן שטילער ווערן, וועט זי אַהין, אין די וועלדער, צו די אַלטע באַיאַרס פאָרן. מיט דער מומע ליבע דעם פרילינג באַגעגענען, פון טאָג צו טאָג וועט גרעסער ווערן אויף דער ערד דאָס ליכט, די וואַרעמקייט אין האַרצן און די שיינקייט פון דער וועלט אין די אויגן. אין די נעכט וועלן זי ווי אַ מאָל נעמען וועקן הייסע שאַרכן אין דער נשמה. זי וועט אַרומגיין מיט דער מומע ליבע אַ באַרוועסע איבערן גאָרטן, אָננעמען אונטער די וויִעס זון און זיך צוהערן ווי די בינען אַרום בינשטאָק רוישן און זיצן מיט יצחקן אין סאָד. דײַנע שוואַרצע אויגן ווערן פון די בלויקייטן אין די הימלען, דאַכט זיך, אויך בלוי און דו פאַרגייסט זיך אויף דאָרטן, אונטער אָט די הימלען, ווי די לאַרך אין אַ פאַרשיכורטן געזאַנג, און הערן די רייד די פון יצחקס גרויס און קלוג האַרץ. אָבער אויפן וועג צום טיש, צום אַשמדאַי, ווו געוואָלט אַן אָנשפּאַר געפינען, קומט איר אַנטקעגן דער אַלטער פּראָפעסאָר אפרת, און מיט אַ מין טענה זאָגט ער:

— קאָלעגע, איך וואַרט דאָך אויף אײַך!

קוקט זי אים פאַרחידושט אָן: פון וואַנען האָט זי געקאָנט וויסן אַז ער וואַרט אויף איר, און צוליב וואָס וואַרט ער, און וואָס וויל ער פון איר? זיי קאָנען זיך דאָך קיין מאָל ניט צונויפריידן און זיך ניט אויסגלײַכן — אַחוץ אין מעדיצין־ענינים. דאָ איז זײַן וואַרט פאַר אים הייליק. כּסדר בײַביידן ווײַטע און קעגנאיבערדיקע געדאַנקען. מ׳קריגט זיך אָפּט אַזוי, אַז

איינער הערט שוין ניט דעם אַנדערן. אָבער שוין בײַ איר ערשטער באַגעגעניש מיט אים, אויף יענעם אָוונט פֿון זײַן זיבעציק־יאָריקן געבוירן־טאָג, פֿילט זי, איווע, ווי עפּעס בינדט זי מיט אים, און אַפֿילו שוין נאָך איר בראָך מיט זײַן אייניקל, מיט אַדריאַנען — ווען דעם איז בײַ זיי קיין מאָל אַפֿילו קיין רייד ניט געווען — גייט ער, דער אַלטער אפרת, פֿון איר לעבן ניט אַרויס. פֿאַרקערט, וואָס ווײַטער מיט יאָרן, אַלץ טיפֿער טרעט ער אין איר לעבן אַרײַן.

און ווי תמיד, בײַ יעדער באַגעגעניש מיט אים אויג־אויף־אויג, וואַרט זי מיט מורא, אַז אָט באַלד וועט יענער „עפּעס״ קומען, זי אָפּבינדן פֿון אים, פֿונעם פּראָפֿעסאָר, און זי וועט אָנהייבן אין־ערגעץ־ווו צו פֿאַלן...

און דאָך גייט זי נאָך אים, וויל ווען יענעם „עפּעס״ ניט טראַכטן, ווײַל ער געפֿינט זיך דאָך, דער פּראָפֿעסאָר, אין אַזאַ שווערן מצב: די איינציקע טאָכטער, יעלענאַ, און דאָס אייניקל, אַגיוטאַ, ביידע זענען הײַנטיקע נאַכט אומגעקומען. גראָד אין זײַן רויִקייט ליגט דער גרויסער טרויער פֿונעם טאַטן און פֿונעם זיידן. און דער טרויער פֿונעם זיידן איז אפֿשר נאָך גרעסער פֿונעם טאַטנס טרויער. זי האָט דאָך טאַקע באַדאַרפֿט פֿאַרשטיין, איווע, אַז מ׳טאָר אים אַליין ניט איבערלאָזן, אַז זײַן רויִקייט קומט פֿון אַ טיפֿן יִאוש, ס׳איז די רויִקייט פֿון אַ זעלבסטמערדער.

און זי גייט נאָך אים איבערן קאַלטן קאָרידאָר, ווו מ׳הייבט אויף פֿון דער ערד די קראַנקע. ס׳האָבן זיך שוין אומגעקערט די דרײַ דאָקטוירים און די צוויי אַקושערקעס און אויך ער, דער אוקראַיִנישער דאָקטער פּאַנאַס פּאָטאַפּענקאָ, מיט די אַראָפּהענגענדיקע זאַפּאָראָזשער וואָנצעס, יענער וואָס האָט געהאַלטן פֿאַר די באַפֿרײַער פֿון דער לײַבלעכער אוקראַיִנע די פֿינצטערע, די שׂינאת־המנדיקע רעדע, אויך ער האָט זיך באַוויזן. די רויטע זענען דאָך שוין אין שטאָט. און ער וועט געוויס קומען צו איר, אָט דער דאָקטער פּאַנאַס פּאָטאַפּענקאָ, און וועט איר זאָגן, אַפֿילו ניט קיין פֿינטל טאָן מיט קיין אויג, אַז ער איז גאָר ניט קיין אַנטיסעמיט, אַז צווישן זײַנע בעסטע פֿרײַנד זענען אויך יִדן פֿאַראַן, למשל... — די קראַנקע רופֿן און שרײַען און ס׳איז קיין רפֿואה ניטאָ אויף צו העלפֿן און צו פֿאַרגרינגערן זיי די ווייטיקן. יעדער איינער ראַנגלט זיך דאָ, אויפֿן שאַרף פֿון מעסער, מיט

זײַן גזר און גורל; און פֿון די קעלערן אַרויף טראָגט מען די אויף אייביק שוין שטיל־געבליבענע און באַרויִקטע. מיט די קברנים שאַפֿט זיך דאָרטן איר פֿעטער אַבוש. זײַן טרוקן און יונג קול גייט פֿונעם קעלערשטוב:

— נעמט אים און טראָגט אים! זאָל ער גיין אין עולם האמת אַרײַן און מקרב זײַן מיט זיך דעם קץ. זאָל ער דערציילן דאָרטן וואָס מ׳טוט דאָ מיט ייִדן. נעמט אים! טראָגט אים! וואָס מער הרוגים אַלץ גיכער וועט אויפֿגעבויט ווערן ירושלים! — איר פֿעטערס קול, דער עיקר זײַנע רייד, בייגן זי ממש אײַן און אַ פֿראָסט נעמט איר גיין איבערן גאַנצן גוף.

און זי גייט, איווע, נאָכן פּראָפֿעסאָר, שוין נאָך די קנאַפּע דרײַ מעת־לעתן אָפּשטיין בײַם אָפּעראַציע־טיש איבער די צעשלאָגענע ייִדן; שוין נאָך דער באַגעגעניש מיט שיפֿרהן, וואָס האָט זי אַזוי אויפֿגעשווידערט און אויפֿגע־טרייסלט, און דערצו נאָך האָט איר נאָר וואָס פֿון דאָרטן, פֿון קעלערשטוב, פֿון וואַנען מ׳טראָגט די מתים, איר פֿעטער אַבוש, דער חריף, מיט זײַנע רייד: וואָס מער הרוגים אַלץ גיכער וועט אויפֿגעבויט ווערן ירושלים — שוין גאָר אַרײַנגעוואָרפֿן אַ פֿאַרשאָלטענעם שטיין אין דער טיפֿעניש פֿון איר נשמה. אַרויסנעמען אָט דעם שטיין פֿון דאָרטן וועט איר אָנקומען מיט גרויסע שוועריקייטן, און זי ווייסט אַפֿילו ניט צי זי וועט אויף דעם גאָר כּוח האָבן.

און זי גייט נאָכן פּראָפֿעסאָר ווי נאָכן לעצטן פּסק־דין שוין אויך אויף איר אייגענעם לעבן. און זי וויל גאָר איצטער ניט אַרײַנגיין אַהין, אין איר אייגענעם לעבן. אויך דאָרטן איז אַ תּוהו־ובוהו, אויך דאָרטן ווייסט זי שוין ניט ווו ס׳איז דער אָנהייב און ווו ס׳איז דער סוף, און ווינטן וויִען אין איר לעבן, און קיין איין לעבעדיק נפֿש איז דאָרטן ניטאָ — די טאָכטער, טאַמאַראַ, דאָס איינציקע פֿײגעלע, דערוויַיטערט זיך אַלץ ווײַטער און ווײַטער, ס׳האַלט שוין בײַם פֿאַרגיין. דאָרטן אין איר לעבן: אַ בית־עולם, געשפּענסטן און ווילדע חלומות גייען פֿון דאָרטן.

און זי גייט, איווע, נאָכן אַלטן פּראָפֿעסאָר אפֿרת, ווי נאָכן לעצטן פּסק־דין שוין אויך איבער איר אייגענעם לעבן. זי קאָן זיך ניט אָפּשטעלן, ווי זי וואָלט פֿון עמעצן געיאָגט און געטריבן געוואָרן, און ס׳איז שוין ניט אין איר ווילן און אין איר בחירה צו פֿאַרהאַלטן זיך און פֿון אָט דעם וועג אַראָפּקערעווען, הגם זי ווייסט שוין גוט, אַז דער אַלטער אפֿרת וויל מיט איר רעדן דאָרטן,

בײַ זיך אין קאַבינעט, צום ערשטן מאָל װעגן זײַן אײניקל, װעגן אַדריאַנען, װאָס לעבט ערגעץ אין אינדיע, צװישן בערג, אױפגעבױט פאַר זיך אַ צװײ־שטאָקיק הױז, אַרומגערינגלט מיט הונדערט־יאָריקע צעדערבײמער, און מאָלט דאָרטן אױסטערלישע בילדער, כמעט נאָר מיט צװײ פאַרבן: רױט און שװאַרץ...

און זי גײט נאָך אים, אָבער שױן אָן אױסגעגלײַכטע, שױן מיט יענעם עקשנותדיקן און פעסטן טראָט פון אַ באַיאַר, װאָס װעט ניט מוחל זײַן און קײן מאָל ניט שענקען קײן מלשינות און מסירה, פאַרקױפטקײט און פּחדנות; דער עיקר זענען איר מיאוס און עקלדיק פּחדנים. יענע װאָס ציטערן פאַרן אײגענעם פעלכל און טראָגן אונטער און שרײַבן אונטער און באַדינען און פאַרקױפן דאָס הײליקסטע. און שפּעטער שטעלן זײ זיך אַרױס, אָט די פּחדנים, פאַר געליטענע און פאַר געיאָגטע און פאַר אַנוסים.

נײן, װאָס דער אַלטער אפרת זאָל דאָרטן ניט זאָגן און ניט אױסמאָלן, װעט אַפילו איצט, נאָך אַזױ פיל יאָרן, נאָך דעם װאָס ס'איז אױף דער זשענעװער אַזערע פאָרגעקומען, קײן פאַרגעבונג און קײן תּשובה ניט זײַן. יענער, אַדריאַן, איז אױך אַ שטײן אױפן דנאָ פון איר נשמה — זי װעט אים קײן מאָל פון דאָרטן ניט קאָנען אַרױסנעמען. װיפל שטײנער — פרעגט זי זיך אַלײן, — דאַרפן זיך נאָך אָנקלײַבן אין מײַן נשמה, אַז ס'זאָל מיך נעמען אַראָפּציִען אין תּהום אַרײַן?

זי אײַלט זיך ניט אָניאָגן דעם פּראָפעסאָר, װאָס מיט יאָרן װערט ער דאַכט זיך העכער און שװערלײַביקער. ס'קריכן אים נאָך אַלץ, װי אַ מאָל, פון די אַרבל אַרױס די װײַסע האַרטע מאַנקעטן, אמת, שױן שטאַרק פאַר־געלטע; אינעם אַלטן קאָלנער — פונעם פרעסן אַ צוגעסמאַליעטער, מיטן װײַסן און אױך פאַרגעלטן שניפּס; זי שפּאַנט נאָך זײַן שאָטן, — אױך אַ געלער און מיט גלײַכע זיך ניט אײַנבײגנדיקע פיס. זײַן שאָטן, װאָלט זי געמעגט שװערן, זעט זי אָפּט אַרומגײן איבערן קאָרידאָר אַלײן, אָן דעם זקן... ער פירט זי צו זיך אין קאַבינעט אַרײַן, װוּ אױפן טיש ברענען צװײ ליכט און אַ הײסער סאַמאָװאַר זינגט אױס עפּעס אַ װאַרעמע בענקשאַפט אין אָט דער אַרום־פּראָסטיקער און מוראדיקער נאַכט.

— קאָלעגע, אַנטשולדיקט, אַחוץ טײ האָב איך מער גאָרנישט ניט.

אָבער אין אַזאַ נאַכט, אַז ס׳ווערן חרוב גאַנצע וועלטן, איז אַ גלאָז הייסע טיי אויך עפּעס ווערט. פאַר די הײַדאַמאַקעס, די פּעטליוראַווצעס, וואָס דער „האָפּאַק" און די „אָפּ מאָ גרעטשאַניקי" איז די איינציקע מוזיק פון זייערע נשמות... אַוודאי האָט זיי מאָצאַרטס מוזיק אויפגערייצט, ווי אַ רויטער לײַוונט רייצט אויף אַן אָקס. און זיי האָבן אַרויסגעוואָרפן דעם קלאַוויר צוזאַמען מיטן קינד.

אין זײַן קול די פריערדיקע רויִקייט וואָס שרעקט און וווּנדערט. אויך אין זײַן פּנים בײַט זיך ניט די מראה, ס׳טוט קיין אָדערל בײַ די שלייפן ניט אַ ציטער. אמת, די בלויקייט אין זײַנע אויגן ווערט געדיכטער און גייט אַריבער אין אַ שוואַרצקייט. אָט די שוואַרצקייט דערמאָנט איר אַדריאַנס אויגן. ער רוקט איר צו דאָס גלאָז טיי, דעם סאַכאַרין אויפן כינעזישן שאָלעכל, און פרעגט זי שוין אויף דײַטש:

— וועלכען וואָכענטאָג האָבען וויר הויטע? יאָ, יאָ... סילוועסטעראַבענד. נוייאַרסווינטשע... Nil admirari — גאַרנישט דאַרף ניט וווּנדערן. האָט אײַער קרובה געבוירן אַ טויט קינד?

— ניין, אַ לעבעדיקס. נאָר זי האָט עס אָפּגעגעבן אַ פּויערטע, וואָס האָט געבוירן אַ טויט קינד.

— האָט זי עס געטאָן פון אויסגאַנגלאָזיקייט? טאַקע ניט געהאַט וווהין מיטן קינד זיך אַהינצוטאָן?

— ניין, ניט דערפאַר. זי וויל ניט, האָט זי מיר געזאָגט, אַז איר קינד זאָל מען וואַרפן לעבעדיקערהייט אויפן פײַער.

— קאָלעגע, מיר איז שווער צו רעדן מיט אײַך וועגן דעם.

— פאַר וואָס?

— ווײַל דאָרטן ווו איך זע אַ טיף מענטשלעכע טראַגעדיע, דאָרטן זעט איר אַ יידישע, אַ טיף נאַציאָנאַלע טראַגעדיע. דאָס וואָס אַ מאַמע דאַרף אָפּגעבן איר קינד אַ פּויערטע, אַז מ׳זאָל עס לעבעדיקערהייט ניט וואַרפן אויפן פײַער, דאָס איז פאַר מיר גיכער אַן אַלמענטשלעכע טראַגעדיע. אַ גרויסע אַלמענטשלעכע טראַגעדיע.

— אָבער פּראָפעסאָר, — שרײַט כמעט איווע אויס; פון אירע הענט פאַלט אַרויס דאָס גלאָז, ווערט צעבראָכן און די טיי ווערט צעגאָסן איבערן

טיש. — אָבער פּראָפעסאָר, די אַזוי גערופענע אַלמענטשלעכע טראַגעדיע איז דאָך אַן אַבסטראַקטע, אַ שאָטן, אײַער שאָטן, אַ גענאַרערײַ! די ענגלענדער, די פראַנצויזן, די אַמעריקאַנער, די דײַטשן און איטאַליענער, די ציוויליזירטע וועלט, די אייראָפּעישע קולטור, אַלע זיצן איצט אין די וואַרעמע הײַזער, בײַ די פלאַקערנדיקע קאַמינען און באַגעגענען דאָס נײַע יאָר מיט ווײַנען און געזאַנגען. און דאָ גייט שוין דעם דריטן טאָג אַן אומברחמנותדיקע שחיטה. שוין דרײַ מעת־לעת שפּאַלטן די יידישע וויגעשרייען די הימלען, פון די בערג לויפט דאָס יידישע בלוט אין דניעפּער אַרײַן. די שנייען זענען שוין רויט געוואָרן...

— אָוודאי איז עס, קאָלעגע, שרעקלעך. אויך יעלענעס און אַניוטעס בלוט לויפט דאָרטן אין דניעפּער אַרײַן... אָבער גראָד אין דעם, אין אָט די שוידערלעכע יידישע פּאָגראָמען, זע איך די גרויסע אַלמענטשלעכע טראַגעדיע.

— און איר וועט מיר באַלד זאָגן, אַז די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז ווי אַ באַרגיקע לאַנדשאַפט, אַז כּדי אַריבערצוגיין פון איין הייכקייט אויף דער צווייטער דאַרף מען פריִער אַראָפּגיין פונעם באַרג אויף וועלכן מען איז מיט גרויסע שוועריקייטן אַרויף.

— אָט אַזוי, קאָלעגע, גייט זי, די מענטשהייט. אָט אַזוי איז איר גע־בערגיקער וועג. אָפט ווערט דער באַרג־אַראָפּ באַדעקט מיט ביינער. אויף אָט דעם באַרג־אַראָפּ קומען אום גאַנצע פעלקער. און פעלקער מיט גרויסע ציוויליזאַציעס און קולטורן — אַשור, בבל, גריכנלאַנד, רוים... כ׳רעד שוין ניט פון די צענדליקער פעלקער וואָס זייערע נעמען זענען שוין פון לאַנג פאַרגעסן געוואָרן.

טוט זי זיך אַ הייב אויף פונעם בענקל:

— באַרעכטיקט איר עס?

— די געשיכטע פרעגט בײַ קיינעם ניט קיין עצות און קומט צו מיר אויך ניט אויף קאָנסולטאַציע. די געשיכטע האָט זיך איר אומברחמנותדיקן אײַזערנעם גאַנג. אָפט מאָל איז עס דער גאַנג פון אַ גולם. מ׳קאָן עס אָפילו מיטן שׂכל ניט באַנעמען און ניט דערקלערן.

— אָבער פּראָפעסאָר, — בייגט זי זיך אָן צו אים איבערן טיש און פרעגט

שטיל ווי ס׳וואָלט איר אָטעם פאַרפעלט. — אָבער אָט דער גולם טרעט דאָך ניט אַזוי איבער קיין שום אַנדער פאָלק.

— פאַר וואָס מיינט איר אַזוי, — באַוויזט זיך אין זײַנע הענט אַ פּעשל קאָרטן און ער נעמט זיך צעלייגן אַ פּאַסיאַנס אויפן נאַסן, מיט טיי פאַרגאָסענעם טיש. — איר זעט די וועלט נאָר דורך ייִדן. נעמט די אַרמענער! אין פאַרלויף פון יאָרן, איר הערט, קאָלעגע, יאָרן, פונעם סוף נײַנצנטן יאָרהונדערט ביז צו אונדזערע טעג; איינס פון די עלטסטע און קולטורעלסטע פעלקער אין דער וועלט, האָט איבערגעלעבט איינע פון די שוידערלעכסטע טראַגעדיעס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אין אָט די יאָרן, וואָס דערמאָנען די צײַטן פון דזשינגיס־כאַן, — איר הערט, קאָלעגע, — האָבן די טערקן — אָנגעהויבן האָט דער סולטאַן און פאַרענדיקט האָבן שוין די יונג־טערקן...

— די פּראָגרעסיווע, די רעוואָלוציאָנערן? — רעדט זי שוין קוים אַרויס.

— שוין די, וואָס זענען אַרויף אויף אײַער באַרג, אויף די הייכן?

— Nil admirari, קאָלעגע, גאָרניט דאַרף ניט וווּנדערן! — טראָגט ער אַריבער דעם צענטל לעקעך אויפן ייִנגל פּיק און עפּנט אויף אַ מלך צלם. — אין אָט די יאָרן, איר הערט, אין פאַרלויף פון יאָרן, האָבן די טערקן אויסגעקוילעט און פאַרברענט דרײַ מיליאָן אַרמענער. דרײַ מיליאָן.

— פּראָפעסאָר, און די אַרמענער זענען דאָך קריסטן, זיי גלייבן אין יעזוסן ווי עס גלייבן אין אים די ענגלענדער, די פראַנצויזן, די איטאַליענער, און די אַמעריקאַנער.

— יאָ, קאָלעגע, זיי האָבן איין רעליגיע. האָבן זיך די אַרמענער געווענדט און געשריִען צו דער קריסטלעכער וועלט, צו אַלע מלוכות: די טערקן האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אומצוברענגען און צו פאַרטיליקן די אַרמענישע נאַציע.

— נו, פּראָפעסאָר, איז דען עמעצער זיי געקומען צו הילף?

— ניין. — לייגט ער ווײַטער די קאָרט אויף יענער און פון איין אָרט אויפן צווייטן, מאַנעווורירט און קאָמבינירט מיט זיי, און לויט די פינגער איז צו זען דעם פּראָפעסאָרס צופרידנקייט: די קאָרטן פאַלן זיך צונויף, דער פּאַסיאַנס קומט אַרויס. — די שחיטות זענען דאָך געווען שרעקלעכע.

די אַרמענער האָט מען געבונדן הענט און פיס, זיי געלייגט אויף דער ערד אין רייען, דערנאָך אויף זיי אַרויפגעוואָרפן צווײַגן און זיי לעבעדיקערהייט פאַרברענט. די טערקן האָבן געקוילעט אַלט און יונג, פאַרגוואַלדיקט פרויען און קינדער, חרוב געמאַכט שטעט און דערפער. מ'האָט זיי אומגעבראַכט אויף אַן אכזריותדיקן אופן אין די קלויסטערס, אויף די בערג, אין די טאָלן, אין די וועלדער...

— פראָפעסאָר — שלאָגט זי אים איבער און כאַפּט זיך אָן מיטביידע הענט פאַרן טיש, ווי זי וואָלט מיט אַ מאָל דערזען יענעם אָפּגרונט צו וועלכן דער זקן פירט זי. — פון אײַער „באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ" ווערט דאָך שוין גאָר פינצטער און שוואַרץ... די יונג־טערקן, די פּראָגרעסיווע, די רעוואָ־לוציאָנערן, וואָס זענען די ערשטע אויף אײַער „באַרג" אַרויף, האָבן דאָך גאָר מיט מערער ברען און מיט מערער פלײַס און מיט גרעסערער ווילדקייט געשניטן די אַרמענער ווי דאָס האָבן געטאָן די סולטאָן־לײַט, וועלכע האָבן זיך געפונען „אין טאָל"!

דער זקן ענטפערט ניט און לייגט אַוועק די לעצטע קאָרט — דער פּאַסיאַנס איז אַרויס: די קאָרטן זענען זיך לויט די קאָלירן צונויפגעפאַלן און זיך צונויפגעגאַנגען. די אויגן ווערן אים אָבער מיט אַ מאָל פאַרמאַכט ווי די רויט־רויכיקע שׂרפה־פלאַמען וואָלטן אים אָנגעהויבן צו שטערן. די פינגער נעמען אים לויפן איבערן טיש, ווי איבער קלאַווישן פון אַ קלאַוויר — ער פאַרנייגט אָפּילו דעם גרויסן קאָפּ ווי זיך צוגעהערט צו קלאַנגען וואָס קומען פון ערגעץ, פון אַן אַנדער וועלט אַן. זי, איווע, הערט אָבער ווי הינטערן פענצטער, ניט ווײַט דאָ, בײַ אַ פאַרוויייעטער סאָסנע, שרײַט צו די פלעמלדיק־גרינע שטערן אין די שוואַרצע הימלען, אַ פאַרווונדט פערד, ווי אין יענער נאַכט ווען זי האָט מיטן קינד, מיט טאַמאַרעלען, דאָס פירשטאַקיק־ווײַסע מויערל, די לאַנדעס, פאַרלאָזט.

פלוצעם הייבט ער זיך אויף, דער פּראָפעסאָר, און גייט שווער, מיט אַ טופּענדיק־הילכיקן טראָט אין יענעם ווינקל אַרײַן וווהין ס'דערגייט ניט דער אָפּשײַן פון די שׂרפות און בלײַבט דאָרטן מיטן פּנים צו דער וואַנט שטיין. און דער סאַמאָוואַר בלײַבט אויך אויפן טיש שטיל, ווי אויך ער האָט שוין אויסגעזונגען זײַן ווינטערדיקע בענקשאַפט און טוליעט זיך צו דער אייגענער

ביסל וואַרעמקייט, וואָס שמעקט מיט טײַך, מיט ווערבע און מיט אָטאַווע־גראָזן.

קאָן זי ניט פאַרשטיין, איווע, צוליב וואָס האָט דער פּראָפעסאָר באַדאַרפט אַהין, אין דער פינצטערניש, אין ווינקל אַרײַן, און דערצו נאָך מיטן פּנים אין דער וואַנט זיך אַוועקשטעלן... קלײַבט ער זיך ניט, דער אַלטער אַפּיקורס, דער גרויסער אָפּלייקענער און צווייפלער, דער אייביקער חסרונות־זוכער און ווידערשפּעניקער, וויל ער ניט איצט, דער כּופר־בעיקר, אין אָט דער שווידערלעכער נאַכט אין וועלכער ער האָט זיי ביידע, די טאָכטער מיטן אייניקל, אויף אַזאַ מין אופן פאַרלאָרן, וויל ער ניט דאָרטן, אין דעם שוואַרצן ווינקל, קיינער זאָל ניט זען, נאָר פאַר זיך אַליין, תּפילה טאָן און מיט אַ ווידוי צום גאָט פון זײַנע אָבות זיך אומקערן? איר, איוועז, ווילט זיך איצט אַזוי בלײַבן אַליין און ווי די מומע ליבע, פאַר הימל און ערד, אויפן גאָרטן, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים, זיך אויסוויינען, אַז דאָס האַרץ זאָל אין טרערן ניט דערטרונקען ווערן. נאָר דאָ דערזעט זי — גאָר ניט באַמערקט ווען און ווי אַזוי ס'איז אַהער געקומען — אָ בילד אין אַ באַגילדט רעמל בײַ די צוויי לײַכטער שטיין: אַ מאַנספאַרשוין מיט אַ באָרד, באמת אַ שיינער, טאַקע אַ שטיק ווונדער פון דער נאַטור; דעם קאָפּ אין ווײַסן אַרומגעוויקלט, דער גוף אין אַ מין שוואַרצער טאָגע ביז צו דער ערד, מיט אַ הויכן שטעקן אין דער האַנט, שטייט פאַר דער טיר פון אַ געגלאָזטער ווערענדע, ווי אויף עמעצן געוואַרט און אַרויסגעקוקט. האָט זי תּיכּף, טאַקע לויט די אויגן וואָס האָבן אויף איר פּונעם בילד צווישן די ליכט געקוקט, גלײַך דערקענט אים, אַדריאַנען... און אַ הייס־ברי־ענדיקער ציטער, אָבער אויך פול מיט יי'אוש און צאָרן, איז איר איבערן לײַב אַדורך. מאַכט זי אַ פּאָר טריט צום פּראָפעסאָר און נעמט וואַרטן אַז אָט־אָט וועט יענער אָנהייבן צו רעדן וועגן זײַן אייניקל, וועגן אַדריאַנען, וואָס לעבט שוין באַלד דרײַצן יאָר ערגעץ דאָרטן, בײַ די הימאַלײַער בערג.

נאָר דער אַלטער אפרת שווײַגט און שטייט דאָרטן אינעם פינצטערן, כּמעט שוואַרצן ווינקל, ווי אײַנגעגראָבן, ווי אַ מצבה. די מאַנקעטן ווײַסן זיך אים נאָך פון דאָרטן אַרויס און דערמאָנען איר אַז דער פּראָפעסאָר איז אַ לעבעדיקער און ווען ער זאָל וועלן קאָן ער זיך באַוועגן. און זי שטעלט נאָך

אַ פּאָר טריט און בלײַבט באַלד אויך הינטער זײַנע פּלייצעס, אין יענעם שוואַרצן ווינקל, פֿאַרגליווערט און אָן אָטעם שטיין. ערשט דאָ דערזעט זי, אַז די שׂרפֿה־פֿלאַמען דערגייען יאָ אַהער צו: אויף איין בעטל ליגן זיי דאָ ביידע.

— פּראָפֿעסאָר, — רעדט זי קוים אַרויס. — דאָס זענען ז י י.

ער ענטפֿערט איר ניט. אָבער זי ווייסט שוין: דאָ, אויפֿן שמאָלן בעטל ליגן די ביידע אומגעבראַכטע — זײַן טאָכטער יעלענאַ און זײַן אייניקל אַניוטאַ.

— פּראָפֿעסאָר...

— גיסט מיר אָן, כ׳בעט אײַך, אַ גלאָז טיי! — און נעמט צו איר רעדן ווײַטער און אַלץ מיטן פֿריִערדיקן, מיט יענעם רויִקן, מיטן ניט געאײַלטן, מיטן אָפּגעוווּיגענעם און אָפּגעמאָסטענעם קול, וואָס האָט זי אויך פֿריִער אַזוי געשראָקן און איצט ווייסט זי פּשוט ניט פֿון אָט דעם קול, וואָס גייט פֿון יענעם ווינקל וווּ ס׳ליגן די צוויי טײַערסטע זײַנע, וווהין פֿון צער און פֿון ווייטיק זיך אַהינטאָן. — און איר ווייסט, קאָלעגע, — רעדט ער צו איר מיט יענעם קול און דאָס גלאָז שפּרינגט אויף דער שאָל אין איר זיך־טרייסלענדיקער האַנט. — איר ווייסט וואָס די דײַטשן האָבן דאָ, אויף אוקראַיִנע, געטאָן מיט די פּויערים? ווילהעלם דעם צווייטנס זעלנער האָבן צוגענומען פֿון די דערפֿער דאָס ברויט, דאָס פֿי, די לעצטע הון. זיי האָבן פֿון די פֿעלדער אַראָפּגענומען דעם אייבערשטן שיכט שוואַרצע ערד און אַרויסגעפֿירט קיין דײַטשלאַנד. און יענע דערפֿער וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט האָט מען אין שפּעטן האַרבסט, ס׳איז שוין שניי געפֿאַלן, פֿאַרטריבן אַלט און יונג, פֿרויען מיט זייגקינדער אויף די הענט אין טײַך אַרײַן, געהאַלטן זיי דאָרטן אונטער די ביקסן ביזן האַלדז אין קאַלטן וואַסער, אַלטע־לײַט, פֿרויען און קינדער זענען פֿון די פֿיס געפֿאַלן און דערטרונקען געוואָרן...

— פּראָפֿעסאָר, — שטעלט זי אַוועק דאָס אָנגעגאָסענע גלאָז טיי אויפֿן טיש, לעם אַדריאַנס בילד. — און דאָס טוען דאָך לעסינגס און שילערס, קאַנטס און העגעלס, געטעס און בעטהאָווענס אייניקלעך! ווילט איר זאָגן, אַז לית־דין ולית־דיין?

— און אין דער צײַט, — רעדט ווײַטער דער אַלטער אפֿרת — ווען אַ

דאָרף מיט מענטשן איז געשטאַנען אין פרירנדיקן טײַך, האָבן די דײַטשן גערויבט און געצונדן די שטרויענע כאַטעס.

— צוליב וואָס, — לויפט זי צו אים צו, — צוליב וואָס, פּראָפעסאָר, דערציילט איר עס מיר? ווילט איר מיר זאָגן, אַז ווי באַלד ס׳ברענט אַזוי דאָס נאַסע האָלץ... אַז דאָס ייִדישע פאָלק, דאָס סאַמע עלנטסטע אויף דער ערד, דאָס פאָלק פון די עשׂרת־הדיברות, פון דער עטישער לערע פון די נביאים, אַז דאָס פאָלק איז פאַרמישפּט אויף שווערע ליידן און אונטערגאַנג, אַז דאָס ייִדישע פאָלק האָט נאָר איין וועג, דעם איינציקן וועג וואָס איר האָט אים איבערגעלאָזט, דעם וועג פון אַסימילאַציע?

— שוין צו שפּעט!

— וואָס, וואָס איז צו שפּעט?

— צו אַסימילירן זיך. די צײַטן ווען ייִדן האָבן געקאָנט זיך אַסימילירן זענען שוין פון לאַנג פאַרבײַ און אַריבער. אַלע צײַטן...

— פּראָפעסאָר, — שלאָגט זי אים איבער מיט פאַרביטערונג און ביז גאָר אַ באַליידיקטע. — פאַר וואָס האָבן גראָד ייִדן, דאָס פאָלק וואָס האָט געגעבן דער וועלט דעם מאָנאָטעיִזם, די עשׂרת־הדיברות, די נביאים, פאַר וואָס, פּראָפעסאָר, האָבן גראָד מיר באַדאַרפט באַגיין נאַציאָנאַלן זעלבסט־מאָרד?

— אַלע צײַטן פון אַסימילירן זיך, — לאָזט ער אירע רייד פאַרבײַ און רעדט אַלץ מיט יענעם קול — האָבן די ייִדן שוין דורכגעלאָזט. שוין צו שפּעט! ייִדן האָבן געקאָנט אַסימילירן זיך אין די געצן־דינערישע צײַטן. יענע פעלקער, די געצן־דינערישע, וואָלטן ייִדן אין זיך אַרײַנגענומען. האָבן אָבער די פאַנאַטישע חשמונאים זיך געשטעלט אויפן וועג. און וואָס האָט עס געגעבן? אַ רגע זעלבשטענדיקייט? ניט די פּרושים, נאָר די צדוקים האָבן געוויזן דעם ריכטיקן און דעם קלוגן וועג. מצדה איז געווען דער ווילדער שפּרונג פונעם באַרג אינעם אייביקן פײַער אַרײַן.

— פּראָפעסאָר, די חשמונאים, מצדה... — און זי קאָן ווײַטער ניט רעדן. אַ ביטערע קעלט גייט אויף איר ניט פונעם פראָסטיקן פאַרטאָג, אַפילו ניט פון דער פאַרשנייטער סאָסנע, ווו ס׳שרײַט דאָס פאַרוווּנדטע פערד, נאָר פון דאַנען, פון פינצטערן ווינקל, ווו דער זקן שטייט איבער די צוויי טויטע גופים.

— די קריסטלעכע קירך, — רעדט ער ווײַטער, אָבער שוין מיט אַ זיך לעשנדיק קול — האָט אויך געוואָלט אָפּשמדן די ייִדן, זיי צעשטויבן צווישן די קריסטלעכע פֿעלקער. איצט וועט שוין דער שמד ניט העלפֿן! ייִדן מעגן זיך אָנטאָן ווי דאָנער קאָזאַקן, וועט עס זיי שוין אויך ניט העלפֿן. פֿאַר ייִדן איז פֿאַרבליבן דער שרעקלעכער און דער ווילדער ב ד מ י ך ה י י! קאַלעגע, קאַלעגע, גיט מיר אַ גלאָז וואַסער, אַ דאַנק!

נאָך אַלץ מיטן פּנים צו דער וואַנט, טרינקט ער פּאַוואָלינקע אויס, קערט איר אום, דורכן לינקן אַקסל, דאָס ליידיקע גלאָז און שטעלט זיך מיט אַ מאָל אויף די קני בײַם בעטל, לייגט ביידע הענט אויף די צוויי איבערגעדעקטע מתים אַרויף און בלײַבט אַזוי לאַנג שטיין. דערנאָך הייבט ער זיך שווער אויף, שטעלט זיך אויף די פֿיס, טרייסלט אָפּ דעם שטויב פֿון די קני און גייט מאָדנע וואַקלענדיק זיך און שאַרנדיק איבערן דיל צום טיש. ניט נאָר זײַן פּנים נאָר נאָך מער זײַנע אויגן, זענען פּשוט ניט צו דערקענען. שוין פֿונעם ערשטן בליק אויף אים, ספּקט זי שוין אַפֿילו ניט, איווע, אַז דער פּראָפֿעסאָר אפרת, שטייענדיק דאָרטן אינעם פֿינצטערן ווינקל און רעדנדיק מיט איר מיט יענעם רויִקן קול, האָט בעת־מעשׂה אײַנגענומען סם און זי, דער דאָקטער, דער קאָלעגע, האָט אים נאָך געגעבן וואַסער צו פֿאַרטרינקען. וויל זי לויפֿן ברענגען הילף, האָט זי אָבער דער זקן אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פֿאַר איר כאַלאַט:

— אַדריאַן וואַרט נאָך אַלץ אויף אײַך. ער איז אַ גרויסער קינסטלער! און די וועגן פֿון גרויסע שאַפֿערס קאָן מען ניט מעסטן מיטן וואַכעדיקן אַרשין. פֿאַרט צו אים! ער וואַרט נאָך אַלץ אויף אײַך...

— קיין מאָל ניט! — ציטערט זי אין גאַנצן און אין די אויגן שטעלן זיך איר טרערן — קיין מאָל ניט! פֿאַר מסירה איז ניטאָ און ס'קאָן ניט זײַן קיין באַרעכטיקונג. פֿאַר אַ קינסטלער אַ מסורגיק קאָן אַוודאי און אַוודאי קיין פֿאַרגעבונג ניט זײַן. אַלצדינג, אַלצדינג וואָלט איך אים מוחל געווען — זי רײַסט זיך פֿון זײַנע הענט אַרויס און לויפֿט ברענגען דעם דאָקטער רמז, יענער זאָל איר העלפֿן דעם פֿאַרסמטן זקן אָפּראַטעווען. נאָר ווען זיי לויפֿן אַהער שפּעטער אַרײַן, טרעפֿן זיי שוין דעם פּראָפֿעסאָר אפרת אויפֿן דיל אַ טויטן, און טאַקע אין יענעם פֿינצטערן ווינקל, וווּ אויפֿן בעטל ליגן די צוויי

הרוגים, די טאַטער זײַנע יעלענאַ און דאָס אייניקל אַניוטאַ, וואָס האָבן פאַר נאַכט,ביידע, אין פיר הענט, מאָצאַרטס רעקוויעם געשפּילט. און אויפן טיש געפינען זיי אויך אַ שטיק גרוי פּאַקפּאַפּיר מיט עטלעכע ווערטער, פרי:ער אין העברעיִש: רעות שבעה נפשי. ביגון כחי כלה. — מיט ליידן איז זאַט געוואָרן מײַן נשמה. אין טרויער איז מײַן קראַפט אויסגעשעפּט געוואָרן.

און דערנאָך אין רוסיש, און שוין גאָר מיט אַ זיך טרייסלענדיקער האַנט געפירט: אין אַזאַ וועלט איז אַ חרפּה צו לעבן און צו רופן זיך מענטש...

יב

און דאָרטן, אין שטעטל, אין דעם האַלב חרוב־געוואָרענעם, צווישן די ערב־ווינטערדיקע פּאַלעסיער וועלדער, וואָס ווייען מיט סכּנה און מיט מחיה־שאַרפע ריחות פון וואַסערן ערב־פאַרפרוירן ווערן, מיט איבערגעטריקנטע קרײַטעכצער און מיט דעמבנבלעטער; ווּ צווישן די שפּעט אויפגייענדיקע קאַיאָרן און די פּרי צופאַלנדיקע נעכט בלאָזן זיך פון די נעפּלען אַרויס די נאַקעטע בערעזעס און ס׳שוואַרצט זיך געדיכטער די אויפגעאַקערט־גלאַנציקע ערד; ווּ אין אַ שעה פון שײַן לויפן איבער די שיפּועים דורכזיכטיק־גרינגע פֿײַערלעך פון די אויפגייענדיקע ווינטערווייצן און ווי הענגלען פאַרקילטע טראָפּנס שקיעה פלאַמען אַראָפּ און וויגן זיך אויפן ווינט די ראַבינע־ און קאַלינע־טרויבן; ווּ פון די קופּער־ברוינע שווערע וואַלדרויז־יאַגעדעס וואָס לײַכטן זיך אין די אויסגעלאָשענע קוסטעס, הערט זיך שוין אין דעם פריילעכן ניגון פון די בלויערלעך די שרעק פאַר די אָנקומענדיקע זאַווייעס און לאַנגע שנייפאַלן — דאָרטן, שוין נאָך יענער האַלבער נאַכט אין דער טשערנאָבילער קלויז, בײַם אָרון־קודש, ווּהין סטיסיע האָט צווישן די צוויי גאַנץ געבליבענע ספר־תּורות איר געהרגעט קינד אַרײַנגעלייגט, שוין שפּעטער, שוין נאָך דעם ווי דער שוחט, חיים־אַהרן, האָט נאָכן שופר־בלאָזן די דרײַ ליכט אויפן שטענדער אויסגעלאָשן און זי, סטיסיע, שוין נאָר בײַ דער פאַררייכערט־רויטלעכער שײַן פון די קברנימשע לאַמטערנס, האָט דעם קאָפּ צום נאַקן פאַרוואָרפן און פון איר אויסגעצויגענעם האַלדז, ווי אויף דער עקדה געלעגן, איז אַהין, איבערן דאַך, אַריבער יענע פאַרווינטערטע הימלען, אַ פאַרביסן־גאַליקער, אַ ייִאוש־פאַרביטערטער געלעכטער־געשריי געגאַנגען; אַלעמען האָט אַ קדחת־קעלט אַרומגענומען און קיינער האָט ניט געוווּסט מיט אַוועלכע רייד און מיטלען פון אָט דעם מצב זי אַרויספירן און ווי אַזוי דאָס טויטע קינד פון אירע הענט אַרויסנעמען... דאָ האָט זיך פון דער ערד, פון אונטערן

שטענדער, דניאלקע אויפגעהויבן און כּמעט אַן אַ קול, קוים וואָס מ׳וואָלט אים אין אַ שטילן אַרום דערהערט, געזאָגט צו איר:

— מערער קאָן איך שוין ניט פֿאַרטראָגן!

און צו אַלעמענס שטוינען און נשתּומם ווערן האָט זי אים דערהערט און איר געלעכטער־געשריי האָט אָנגעהויבן צו פֿאַלן, שטילער ווערן און אויסגיין. עטלעכע רגעס איז זי נאָך אַזוי מיטן אויסגעצויגענעם האַלדז אַ פֿאַרשטומטע געשטאַנען — מ׳האָט נאָך געקאָנט הערן ווי אַלע אירע ביינער קנאַקן ווי טרוקענע צווייַגן אויפֿן פֿייַער, דערנאָך האַסטיק און מיט שטאָלץ דעם קאָפּ אויסגעגלייַכט און מ׳האָט פֿאַרן לעצטן מעת־לעת איר קול דערהערט:

— יאָ, יאָ, לאָמיר גיין. איך דאַרף גיין! די נאַכט שטייט ניט. ניטע, דניאלקע, ניטע, נאָך ניט פֿאַר דייַנע כּוחות צו טראָגן מתים.

— טאָ גיט אָפּ זיי.

— זיי? — פֿירט זי מיט די צוגעלאָשענע אויגן איבער די באַגרעבער, וואָס שטייען מיט די לאָמטערנס אין די הענט און וואַרטן. — זיי? ניין! פֿאַר זיי איז קבֿורה שוין אַן אַרבעט... אַ פּרנסה!

און זי גיט זיי ניט, די קבֿרנים, דאָס קינד אירס, וואָס האָט באַדאַרפֿט האָבן אַריכת־ימים ווי איר עלטער־זיידע זרחל: בייַ הונדערט דרייַצן יאָר נאָך אַ מאָל בר־מיצווה געוואָרן, ביז צו דער לעצטער רגע געווען דער בעל־יועץ אין דער משפּחה, אַלע שׂימחות באַשיינט, דורות באַיאַרס צו דער חופּה געפֿירט און אויף אַלע בריתן געווען דער סנדק; צו יענעמס לוויה איז מען געקומען כּמעט אויסגעפּוצטע. מ׳האָט אים, דעם משפּחה־זיידע, געטראָגן איבער די פּרי־פּרילינגדיקע פֿאָלעסיער וועלדער מיט גאווה און גדלות. און איר זרחלען האָט מען ניט געלאָזן אויסלעבן זייַנע לאַנגע שיינע הונדערט דרייַצן יאָר. מ׳האָט אים ניט געגעבן אויפֿצושטעלן נייַע דורות און פֿירן זיי צו דער חופּה. מ׳האָט אים, איר קינד, אויף אַזאַ רוצחישן אופֿן אומגעבראַכט. איר גרויסן חלום האָט מען צעשטערט און חרובֿ געמאַכט. אַ טויט קינד און פֿאַר־קוילטע ביינער איז פֿון איר חלום געבליבן.

און זי גיט זיי ניט, די קבֿרנים, דאָס קינד אירס און גייט אַליין מיט דעם פֿון דער טשערנאָבילער קלויז אַרויס און טראָגט עס מיט דער זאַמדיקער גאַס צוריק צום פֿעלד, ווו ס׳וואַרטן דאָרטן אויף אים אין דער אָפֿענער גרובֿ

די ביינער פון זײַן טאַטן — אײַנגעוויקלטע אין איר לײַוונטענעם פאַר־טעך. זי טראָגט אין דער נאַכט איר קינד — די שײַן פון אירע אויגן, דאָס קול און דעם ניגון פון איר לעבן — צו די עטלעכע פאַרקוילטע ביינער פון איר מאַן, צו נחומקען, וואָס זי האָט אַ מאָל טאַקע געטראָפן דאָרטן אויפן פאַרוואָרפענעם וואַלדוועג אַ צעממיתטן און אַ פאַרווייעטן מיט זאַמד אונטער דער יאָדלע ליגן.

איר פאָרן דעמאָלט מיט יענעם פאַרוואָרפענעם וועג איז געווען אַ גרויסע אײַנשטעלעניש. ס'האָט זי ניט נאָר אין אַ זײַט און ווײַט פון איר דאָרף און פון איר היים פאַרפירט, נאָר דאָרטן, אין יענעם ווינקל, בײַ די באַליאַרקער זומפּן, איז דער וואַלד פול געווען מיט יענע, וואָס האָבן אויף דער מלחמה ניט געוואָלט גיין און זייערע קעפּ ניט געוואָלט לייגן פאַר ניקאָלײַ דעם בלוטיקן. די מענטשן דאָרטן, אין די וואַלדהיילן, אַרויסגעריסענע פון זייער לעבן, זענען בייז און ביז גאָר פאַרביטערט געוואָרן און צווישן זיי האָבן זיך שוין אויך אַרײַנגעכאַפּט יענע לײַט, וואָס לעבן פון אָנפאַלן און גזלה, און בלײַבן בײַ דעם אויך ניט שטיין. אַפילו פּאָליציי האָט די באַליאַרקער זומפּן אויסגעמיטן און פאַרבײַגעפאָרן.

און דערצו איז שוין צום סוף טאָג געווען, — די זון, די גרויסע האָרע־פּאַשניצע פון דער וועלט, שוין אַ מידע, האָט געהאַלטן בײַם זעצן זיך; דער גאַנצער אָרום איז אין אַ הייס־גרויליקער שטילקייט געשטאַנען, אַפילו די רעדער אינעם שיטעווודיקן זאַמד האָבן זיך געקײַקלט אָן אַ מינדסטן קלאַנג; דער שפּאַק, דער טונקל־גרויער אָגער מיט די ווײַסע עפּל, האָט געוואָרפן פון צווישן די גרין־געפּאַרבטע אויסגעבויגענע דישלען די אומרויק־דינע פּיס אין דער לופטן, ווי ער וואָלט געשווומען איבערן אָנגעגליטן וועג; שוין וואָכן ווי קיין טראָפּן רעגן איז ניט געפאַלן. דער טוי, די ברכה פון די נעכט, האָט זיך אָפּגעטאָן פון דער ערד. אויף די פעלדער, פאַרזייטע מיטן לעצטן ביסן פון מויל, געשפּאַנט אין אַקער זקנים, ווײַבער און קינדער, — די מאַנצ־בילן זענען אויף דער מלחמה פאַרטריבן געוואָרן — אויף אָט די פעלדער האָט געגוסט די גרינקייט, ס'האָבן געגעלט און געקוואַרט די זאַנגען; אויף די טאָלעקעס האָבן די בהמות ביז בלוט זיך צעריבן די ליפּן און גערע־וועט מיט רויט־אָנגעגאָסענע אויגן; די וואָסערן זענען אַוועק ווײַט פון די

ברעגן, דער סאָלאָווײ האָט געשוויגן, נאָר די פּרעש האָבן געקוואַקעט אין דער וואַרעמער סליאָטע.

אין יענעם סוף טאָג, די פּײַערדיקע ראָד קויקלט זיך פון די הימלבערג צו די וועלדער אַראָפּ, אין דער הייס־גרויליקער שטילקייט, אַליין צווישן די פאַרטריקנטע פעלדער, גייט איר איבערן האַרצן אַ האַרטער טרויער, וואָס דראָפּעט איר ביז בלוט די נשמה און איינצײַטיק, נאָך די דרײַ טעג טאַנצן אויף דער חתונה, רוישן אין איר אַלע בלוטן — אַחוץ דער מומע ליבע האָט קיינער פון די באַיאַרס ניט געטאַנצט מערער און שענער און שטאַרקער פון איר, פון סטיסיען; אין יעדער „שער" און אין יעדער „פריילעכס" איז זי ווי אין אַ רוישיקן טײַך פון פרייד אַרײַן. און פּלוצעם, ווי זי וואָלט אַ קול פון וואַלד דערהערט, אויף אַ רגע פאַרקילט געוואָרן, נאָר גלײַך אַ לײַכטן, טאָקע קוים־קוים אַ צי געגעבן פאַר דער רעכטער ווישקע, האָט אויך אויף דעם שפּאָק די פּעל, די טונקל־גרויע מיט די ווײַסע עפּל, אַ ציטער געטאָן, אָבער באַלד דעם מיין און דעם ווילן אירן דערפילט, אַ קאָסע געגעבן מיטן לענגלעכן קלוגן אויג, פונעם פעלדוועג אין וואַלד אַרײַן און מיט יענעם פאַרוואָרפן־געפערלעכן, שוין פאַרוואַקסענעם וועגל שטיל, מיט אָנגעשטעלטע אויערן, טראָט בײַ טראָט געגומען גיין.

און הגם זי האָט געוווסט, סטיסיע, אַז פון הינטער די הויכע סאָסנע־שטאַמען, וואָס שווענקען זייערע גרינע קעפּ אין דער שקיעה, קוקן שוין אויף איר יענע, וואָס באַהאַלטן זיך דאָ אויס פון אַ פרעמד אויג, דערווײַל זענען זיי נאָך דאָרטן געפּלעפּט און פאַרחידושט: אַ פרוי זאָל אַהער איינע אַליין און צו נאַכט־צו אַרײַנפאָרן; באַלד וועט אָבער זייער פאַרוווּנדערונג פאַר־בײַגיין און זיי וועלן צום וועג אַרויסלויפן און דעם שפּאַק פאַרן צײַמל אָנכאַפּן... אַוודאי איז עס געווען אַ גרויס אײַנשטעלעניש און אַ ווילדקייט צו פאָרן אַהער. דערצו נאָך, רעדט מען, אַז אין אָט דעם ווינקל וואַלד באַהאַלט זיך אויס דעם מילנערס זון, אַלעס לעוואַדאַ, וואָס פאָרן אַוועקגיין אויף דער מלחמה האָט ער מיט דעם סטאַראָסטעס טאָכטער, מיט דער שיינער קאַטע־רינאַ, חתונה געהאַט און שפּעטער, אַז מ'האָט אים, אַלעסן, אַ קאַליקע פון דער מלחמה געבראַכט, אין דער אויסגעצייטער העמד, די הענט צונויפגעלייגט אויפן האַרצן, אַן אויסגעוואַשענעם און צוגעקעמטן, אונטער די איקאָנעס

אַוועקגעלייגט; די ערשטע טעג, אין די אָוונטן, האָט נאָך דער פֿאָטער פֿאַר די איקאָנעס אויף די קני זיך געשטעלט און פֿרום און לאַנג זיך געצלמט; אויך זי, קאַטערינאַ, — פֿאַר דער צײַט נאָך געזונטער און שענער געוואָרן — איז פֿון מאָל צו מאָל אַרײַנגעקומען און דעם קאַליקע מיט עפּעס וואָס געהאָלפֿן. דערנאָך איז ער שוין, אָלעס, אונטער די איקאָנעס, אונטער דער ברענענדיקער לאַמפּאַדע, אַליין געלעגן און נאָר די מוטער, אַן אײַנגעפֿאַלענע און אײַנגעדאַרטע, מיט רויטע אויגן, פֿלעג לעבן זון, מיטן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ שווײַגנדיקע זיצן.

נאָר אין איינער אַ נאַכט, אין דער צערוישט־האַרבסטיקער, אין דער פֿינצטער־פֿינצטערער, מיט די קאָסע רעגנס, האָט זיך דער קאַליקע צו דער מיל דערקליבן, געטראָפֿן דאָרטן קאַטערינען מיט זײַן טאַטן אונטער איין פּעלץ שלאָפֿן און זיי ביידן מיט דער האַק דערהרגעט. ער באַרויבט קיינעם ניט, דער קאַליקע. ער הרגעט נאָר גרויבערדיקע מענער און יונגע פֿרויען.

און דאָך, הגם זי האָט עס גוט געוווּסט און די סכּנה קלאָר פֿאַר זיך געזען, מיט גרויס אומרו דורכגענומען געוואָרן, געאָטעמט שווער מיט די זיס־ביטערע טמין־ און פֿאָלין־ריחות; מיט אַ מין שרעק זיך צוגעהערט ווי אין דער הייס־שקיעהדיקער וואַלד־שטילקייט לאָזט זיך פֿון מאָל צו מאָל הערן דער אויסגעבענקט־צאַרטער פֿײַף פֿון דער איוואָלגע, וואָס האָט שוין בײַם געזעגענען זיך מיט איר נעסט אין דער הייך, מיטן וואַלד, און מעגלעך שוין גאָר מיטן לעבן, ווײַל ווער ווייסט צי אירע פֿליגל וועלן זי דערטראָגן צוריק אַהין, צי זי וועט ערגעץ ווו אויפֿן וועג ניט אַראָפּפֿאַלן און אפֿשר שוין גאָר דאָרטן, אויפֿן ברעג פֿון איר אַלטער היים, אומקומען. און שוין גאָר מיט אַ פֿאַרטײַעטן פּחד געקוקט ווי אויף דער אויסגעברענטער לאָנקע, צווישן די פּאַר־געלט־ווײַסע גראָזן, אויף אַ בערגעלע זאַמד, בליט אַן אייך־און־איינציק קווייטעלע און מיט אַזאַ בונטזאַפּטיקן צוויט... און אויפֿן פֿערד האָט נאָך ניט אויפֿגעהערט די פֿעל צו ציטערן — די ווײַסלעכע עפּל יאָגן אים איבערן שוואַרץ־געוואָרענעם רוקן, די אָנגעשפּיצט־ראָזלעכע אויערן באַוועגן זיך נאָך אָנגעשטרענגטער — און שטעלט איבער די פֿיס נאָך געהיטער; זי קאָן נאָך, סטיסיע, דורך דער לאָנקע, אַרום דעם וווּנדער־בלײַענדיקן קווייטל, פֿאַרקערעווען און צוריק פֿון וואַלד אַרויספֿאָרן. נאָר זי פֿאַרלייגט די ווישקעס אויפֿן

פליגל פון שאַראַבאַן און לאָזט דעם אָגער ווײַטער אַזוי גיין איבערן וועג, וואָס פאַלט שוין אין טונקלקייט אַרײַן, ווי זי וואָלט איר ווײַטערדיקן גורל איבערגעגעבן צו גאָטס באַשעפעניש, צום שפּאַק, וואָס איז מיט כּוח און פאַרשטאַנד געבענטשט. — ער האָט זי שוין איין מאָל פון אַ טויט־געפערלעכן אָרט אַרויסגעפירט. זײַנע אָנגעשפּיצטע אויערן, דאָס ציטערן פון דער פעל, דאָס איבערשטעלן אַזוי געהיט די פיס, באַווײַזט, אַז דער שפּאַק ווייסט וווהין ער איז מיט איר אַרײַנגעפאָרן.

און אויב די סכּנה וועט שוין פון הינטער די יאָדלעס אַרויס, וועט זי דעמאָלט דעם אָגער פון די האָלאָבליעס אויסשפּאַנען, דעם וואָגן וואַרפן, זיך רײַטנדיק אַרויסכאַפּן און ער וועט זי שוין פון וואַלד אַרויסטראָגן. דער פערד איז דאָך אויך אומגעריכט צו איר געקומען. פּלוצעם גייט אַ מיליטערישע טייל פונעם פראָנט דורכן דאָרף. ניט אָפּגעשטעלט זיך און אַפילו צו די קרעניצעס נאָך וואַסער ניט געלאָפן, נאָר מיט אַ מאָל האָט איינער אַ צע־קאַליעטשעט־פאַרווונדיקט פערד, הויט און ביינער, די אויגן פאַרקיסנעט, אויפן הינטערשטן פוס האַלט זיך שוין קוים די קאָפּעטע, אין הויף אַרײַנ־געשלעפּט, און פון שטאָל די קאַשטאַנקע, די צוויי־יאָריקע קאָרע לאָשיצע אַרויסגעפירט און אויף איר אַוועקגעריטן. ניט דער טאַטע, ניט די ברידער האָבן געוואָלט מיט דער פּגירה צו טאָן האָבן — אַזאַ פירט מען שוין אין וואָגן צום פעלשינדער, אָדער מ'פירט עס אַרויס אין וואַלד פאַר די וועלף; נאָר זי, סטיסיע, האָט גענומען דעם פערד אַרומגיין, מיט אַלערליי שמירעכצן שמירן, געוואַשן און געריייניקט, אויף די פעטסטע פּאַשע־וויהאַנען געהאַלטן, מיט האָבער און גערשטן אונטערגעפּיטערט, און דער אָגער האָט אין אַ האַלב יאָר אַרום אויפן פערטן פוס זיך געשטעלט, מיט לײַב זיך אָנגענומען, אַ פײַער אין די אויגן באַקומען, די פעל אין איר קאַליר אַרײַן — טונקל־גרוי אין ווײַסע עפּל; זי האָט דעם אָגער דעם נאָמען שפּאַק געגעבן און ער איז איר געטרײַ און איבערגעגעבן געוואָרן, פאַרשטייט איר יעדער תּנועה, איר יעדער קער און ווענד. זי קאָן זיך אויף איר שפּאַק פאַרלאָזן — ער וועט מיט די ציינער און אויף די הינטערשטע פיס זיך שטעלן און מיט די קאָפּעטעס אויף אירע אָנפאַלער גיין.

פון ערגעץ דאָרטן ווו די זון — ס'האָבן שוין אין איר אָפּגעבושעוועט

אַלע פֿײַערן, שוין אַ געשטילטע, אַן אָנגעהאָרעוועטע — זעצט זיך צווישן די ביימער אויף דער ערד, וואָס עטעמט שווער פֿון היץ און פֿון דאָרשט; פֿון דאָרטן גייט מיט אַ נאָכקול איבערן גאַנץ וואַלד, שוין צום צווייטן מאָל, אַ שאַרף־אָפּגעהאַקטער פֿײַף, ווי צו עמעצן אַ רוף און אַ וואָרענונג! נאָר זי פֿאָרט ווײַטער, סטיסיע, ווײַל זי גלייבט מיטן גאַנצן האַרצן, מיט דער גאַנצער נשמה, ווי נאָר אַ באָיאַר קאָן גלייבן: ביזן סוף, ביזן דנאָ, ביזן לעצטן טראָפּן בלוט — אָן אַ שאָטן און אָן אַ וואַקל, זי גלייבט אינעם חלום, וואָס זי האָט געזען נעכטן פֿאַר טאָג, ווי נאָר דעם קאָפּ אויפֿן קישן אַוועקגעלייגט. און ס׳איז דאָך קיין חלום ניט געווען: זי איז נאָך פֿונעם טאַנצן און פֿון די אויסגעטרונקענע, ניט געציילטע, קעלישיקלעך בראַנפֿן ניט אָפּגעקילט געוואָרן; נאָך מיט אָפּענע אויגן צום אָפּענעם פֿענצטער געלעגן — איבערן שפּיץ טאָפּאָל האָט גענומען שאַריִען; דאָ האָט זי אים, דעם עלטער־זיידן דערזען און באַלד זײַן קול אין איר אויער דערהערט. ס׳האָט גערעדט צו איר דער לעבעדיקער, דער הונדערט דרײַצן יאָריקער זרחל באָיאַר. ער האָט איר געהייסן פֿאָרן צו די באָליאַרקער זומפּן, וווּ ס׳איז בײַ אים אַ מאָל אײַנגעזונקען געוואָרן פֿערד־און־וואָגן... זי זאָל פֿאָרן צו יענעם ווינקל וואַלד און קיין מורא ניט האָבן. גאָט וועט זײַן מיט איר. דאָרטן בײַ די באָליאַרקער זומפּן וועט זי בײַם וועג אַ צעבראָכענעם קריגל געפֿינען. טאָ זאָל זי צונויפֿנעמען די שערבלעך, זיי צונויפֿשטעלן און וואַרטן ביז דער קריגל וועט זיך אָנהייבן אָנפֿילן מיט לויטערן האָניק... — האָט זי זיך תּיכּף אויפֿגעהויבן, קיינעם קיין וואָרט ניט געזאָגט, דעם שפּאַק אײַנגעשפּאַנט און פֿון דער חתונה צו די באָליאַרקער זומפּן אַוועקגעפֿאָרן.

און טאַקע בײַ די באָליאַרקער זומפּן, וואָס ווייען מיט פֿוילנדיק־געווירצטע, מיט יוירנדיק־שיכּורע ריחות, שוין בײַ דער זיך־לעשנדיקער שקיעה, האָט דער שפּאַק זיך אָפּגעשטעלט, שטיל אַ הירזשע געטאָן, ווי איר צו וויסן געגעבן: ווײַטער איז שוין קיין וועג ניטאָ: איז זי פֿון וואָגן אַראָפּ און באַלד אַ כריפּען דערהערט; זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער יאָדלע און דערזען אַ מענטשן האַלב אין זאַמד ליגן. דער מענטש האָט געכריפּעט אַקוראַט ווי שׂימחה בשעת מ׳האָט יענעם אויפֿן וואָגן אַהיים געבראַכט. דער מענטש איז געווען שווער צעשלאָגן. מ׳האָט אים אַהער אַ צעממיתטן בײַם וועג אײַן

זאַמד אַוועקגעלייגט — אָדער ער וועט דאָ אויסגיין, אָדער עמעצער וועט אים פון דאַנען צונעמען, הגם קיינער האָט ניט געקאָנט גלייבן, אַז עמעצער זאָל דאָ אַפילו בײַ טאָג דורכפאָרן.

דער מענטש אונטער דער יאָדלע, ניט ווײַט פון די אַלטע און טרוכלע בערעזע־פּניאָקעס, אַרומגעוואַקסענע מיט קוסטעס, ווו ס׳קאָנען זיך אויך גיפטיקע שלענג טרעפן, איז אויפן רוקן געלעגן, די באָרוועסע פיס אויסגע־צויגן, אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, די פאָרדאָרט־הויטיקע שוואַרצע קני און עלנ־בויגנס אין דרויסן, דער געדיכט־האָריקער קאָפּ ביז די אויערן אין זאַמד, דעם פּנים ניט צו זען, נאָר אין די צוויי אויגן־שפּעלטלעך, פונעם שטויב אַרויס, לעשן זיך די לעצטע ברעקלעך שקיעה, וואָס דערשלאָגן זיך נאָך אַהער דורך די גרין־נאָדלדיקע קרוינען. האָט זי אירע שיך אין וואָגן אַרײַנגעוואָרפן, אויף די שפּיץ פינגער זיך לעבן אים צוגעזעצט און זײַן קאָפּ אויף איר האַנט פונעם זאַמד אונטערגעהויבן:

— ווי רופט מען אײַך?

די אויגן־שפּעלטלעך האָבן אָנגעהויבן בײַ אים ברייטער ווערן, ווי געוואָלט פאַרשטיין, וואָס מ׳רעדט צו אים, אָדער ווי געוואָלט דעם אמתן נאָמען זײַנעם זיך דערמאָנען. דערווײַל האָבן ווידער צוויי שאַרף־אָפּגעהאַקטע פײַפן פון קעגנאיבערדיקע ווינקלען זיך צו איר דערטראָגן, האָט זי אויף זיי אָפּגעענטפערט, סטיסיע, מיט אַן אומרויִקן קלאַקאָטשע פון אַ וואַלדשנעפּ אין בין־השמשותדיקן הימל, און נאָך אַ מאָל בײַ אים געפרעגט:

— ווי רופט מען אײַך?

ענדלעך האָט זי דערהערט:

— נאָום...

— נחום?

און דאָ דערפילט זי ווי זײַן קאָפּ אויף איר האַנט טוט אַ שאָקל אויף יאָ.

— איר וועט קאָנען זיך אויפהייבן?

זײַנע אויגן האָבן נאָך ברייטער זיך אויף איר צעעפנט און זי האָט אין זיי דערזען דעם פאַרנאַכטיקן שאָטן פון דער ערד. פון טײַך האָבן זיך וועסלע־פּליעסקן דערהערט — צוויי שיפלעך זענען פונעם געדיכטן אָטשערעט אַרויס. האָט זי שוין מער בײַ אים ניט געפרעגט און שוין אויך מער ניט געטראַכט

וואָס און ווי אַזוי ווײַטער צו טאָן: זײַן רעכטע האַנט אַרום איר האַלדז פאַר־וואָרפן, מיט איר לינקער בײַ די לענדן אים אַרומגעכאַפּט, פון דער ערד אים אויפגעהויבן און גענומען מיט אים צו דעם וואַסער אַראָפּנידערן. דאָ האָט פּלוצלינג אַ שפּאַרבער — ס'איז אים גרינג לויטן עק און לויטןברייטן פּאַך פון די פליגל צו דערקענען — אין די ראָרן זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי אַרײַנ־געפאַלן אַהין, און באַלד פון דאָרטן אין די נעגל אַרויסגעטראָגן אַן ענטעלע; האָט די מוטער, די קאַטשקע, זיך אויך פונעם ראָר אַ וואָרף געטאָן אין דער לופטן אויפן שפּאַרבער, און דאָס קינד אירס פון זײַנע נעגל אַרויסגעשלאָגן. דאָס ענטעלע איז אָבער שוין מיט צעשפּרייט־רויטע פליגעלעך אויף אַ קוסט געבליבן ליגן. די מוטער האָט זיך אַ פּאָר מאָל מיט אַ געשריי איבערן הימל דורכגעדרייט און צוריק אין אַטשערעט אַרײַן. בײַ סטיסיען האָבן זיך פון דעם שיִער די פיס ניט אונטערגעבראָכן, הגם גוט געוווּסט, אַז אין וואַלד איז קיין רחמנות ניטאָ: אַ מאַרדער קאָן אין אַ ווינטערדיקן טאָג אָנפאַלן אויף אַ וועווריקל, וואָס שלאָפט אין זײַן וואַרעמער נעסט, עס אויפעסן און אַליין אויף יענעמס אָרט אינעם דופלאָ פונעם אַלטן בוים זיך שלאָפן באַלייגן.

דער שפּאַק האָט צו איר ווידער אַ מאָל אַ שטילן הירזשע געטאָן, אַפילו זיך פון אָרט מיט דער בריטשקע גערירט, ווי געוואָלט זי פאַרהאַלטן און ניט לאָזן גיין אַהין, ווו אויפן קעגנאיבערדיקן ברעג טײַך, מיט די וועגטקעס אין די הענט שטייען מענטשן, ווי טונקעלע ווערבעס, בײַ די שטיל־גייענדיקע, בײַ די נידעריקע וואַסערן. אָבער זי מוז אים דאָך אַרויספירן פון דאַנען, פון אָט די זאַמדן, פון אָט דעם הייס־רייכערנדיקן אַרום, ווו מ'קאָן אים שפּעטער, בײַם צופאַלן פון דער נאַכט, אויף די זומפּן אַ וואָרף טאָן, ער זאָל דאָרטן אין אַנגסטן, אָן אויסוועג און האָפענונג, אַ דערשלאָגן־פאַרייִאוש־טער, פון די גרינע בלאָטעס אײַנגעזויגן ווערן. און זי מוז אים דאָך אויך פריִער דעם גומען און דעם לײַב זײַנעם מיט וואַסער דערקוויקן, אים צו־זיך ברענגען, ווײַל אין אַזאַ פאַרחלשטן צושטאַנד וועט ער ווײַט ניט פאַרפאָרן.

זי באַמערקט גאָר ניט ווי די שקיעה ווערט גיך אויסגעלאָשן — אין די תמוז־טעג געדויערט זי דאָך כּמעט ביז האַלבער נאַכט — די בערעזעס טונקלען זיך און די קרוינען נעמען רוישן: טאַקע פון דאָרטן, ווזהין די זון איז אַראָפּ, הייבן אָן גיין כמאַרעס. איבערן טײַך, אָגרירנדיק מיט די פליגל

דאָס וואַסער, טראָגן זיך ווי צעמישטע די ברעגשוואַלבן, און אויף אַ לינדנצווײַג קרעכצן פון הייסע האָניק־ריחות די וואַלדטויבן.

אַ פֿײַערדיקער בליץ שנײַדט אָפּ אַ שטיק פונעם הימל און עמעצער דונערט דאָרט אין די הייכן פון ווייטיק. איבער די אויסגעקרימטע ברעגן, פון יענער זײַט די געדיכטע ראָרן, ברענען שוין כוואָראָסט־שײַטערס און ס׳ווייעט מיט רויכיקער זשיוויצע. יענע צוויי שיפלעך, די „טשאָוונעס" — פון דעמבנשטאַם אויסגעהאַקט און אויסגעדליבעט, פאַרהאַלטן זיך אין מיטן טײַך און רופן זיך איבער, ווי די טעטרע־הענער אין די קאַיאָרן, מיט יענע, וואָס שטייען אין דעם רויטן אָפּשײַן פון די שײַטערס אויפן אַנטקעגנאיבערדיקן ברעג מיט ווענטקעס אין די הענט — פאַר אַ רעגן גייען גוט די קאָרעשן און העכטן אויפן ערדוואָרעם.

און באַלד טיילט זיך איין שיפל אָפּ און נעמט זיך דערנענטערן צום אָרט ווו זי, סטיסיע, ביז האַלב מיטן אָנטאָן אין וואַסער, וואַשט און מינטערט דעם צעשלאָגן־פאַרחלשטן; דאָס צווייטע שיפל האַלט זיך פון דער ווײַטנס און פּאַטשט מיט דער וועסלע איבערן טײַך. און די בליצן ווערן געשלענגלטער און שאַרפער, שנײַדן זיך ממש ביז די טיפסטע טיפן אין די הימלען אַרײַן און פון די דונערן בייגן די סאָסנעס די קעפּ אײַן און רוישן אויף די ווינטן, וואָס טרײַבן די כמאַרעס נידעריק איבערן וואַלד — אָט וועט אַ גאָס טאָן אַ שלאַקסרעגן: ס׳פאַלן שוין די ערשטע שווער־געבענטשטע טראָפּנס, צוגעזאַלצענע, ווי די וואָלקנס וואָלטן אַהער פונעם ווײַטן ים פאַריאָגט געוואָרן.

דאָס שיפל איז שוין לעם איר אויפן ברעג און מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. זי הייבט ניט אויף דעם קאָפּ — פאַר אירע אויגן וויגט זיך איר לעבן, איר גורל, ווי די לויפנדיקע שאָטנס פון די כוואָראָסט־פלאַמען איבערן אויפגעברויזטן טײַך. און באַלד דערהערט זי — מ׳זינגט:

אוי, לעטילאַ זאָזולענקאַ פּאָנאַד מאָרע וו׳גײַ
טאָ פּוסטילאַ סיווע פּירצע או טיכי דונײַ*...

---

* אוי, געפלויגן די קוקאַווע איז איבערן ים צו דעם וועלדל
און פאַרלוירן אַ גרוי פעדערל אינעם שטילן דונײַ... (פון אוקראַאיניש).

און נאָכן אָפּבליצן און אָפּדונערן, קומט ווידער און אויך מיט אַ ניגון:

— דאָברי וועטשיר טאָבי, דיווטשינאָ מאָיאָ ליובאָ, — אַ גוטן־אָוונט דיר מיידל מײַנע, ליבע.

— דאָברי וועטשיר טאָבי, כאַזיאַין ליסאָ... — ענטפערט זי. — אַ גוטן־אָוונט דיר, בעל־הבית פון וואַלד.

— איך בין אַלעס לעוואַדאָ... געהערט?

— אַ יאָק זשע. דײַן נאָמען, ווי דער שטערן, לויכט ווײַט.

— ביסט געקומען אַהער, אין אָוונט פאַרן רעגן, הערן מײַן וואַלדליד?

— איך בין געקומען אַהער ראַטעווען דעם מענטשן. פאַר וואָס האָט איר אים אַזוי געשלאָגן? ער האָט האָט דען אײַך שלעכטס געטאָן?

— ווער ביסטו און פון וואַנען? ביסטו אַ פּראַוואָסלאַוונע?

— ניין. אַ זשידאָווקע בין איך. פון ווערבינקע. דעם קאַוואַלס טאָכטער.

— און אַ מאַן אויף דער מלחמה האָסטו?

— ניין.

— ווּ איז דײַן מאַן?

— כ'האָב ניט קיין מאַן.

— און פון וואַנען קאָנסטו אים?

— איך קאָן אים ניט.

— ווער זשע האָט דיר דאָרטן אין ווערבינקע דערציילט וועגן אים?

— אַ חלום האָט זיך מיר געחלומט און אַ קול האָב איך אין חלום געהערט: פאָר אַהין צו די באַליאַרקער זומפּן...

— און דו האָסט געגלייבט דעם חלום?

— געגלייבט מיטן גאַנצן האַרצן.

— און דו ביסט געפאָרן הונדערט ווערסט צו די באַליאַרקער בלאָטעס?

— געפאָרן אַהער הונדערט ווערסט צו די באַליאַרקער בלאָטעס און אים געפונען דאָ אין זאַמד אונטער דער יאָדלע.

און אַרום איר וויגן זיך שוין אויפן אויפגעכוואַליעטן טײַך דרײַ שיפלעך, וואָס וואַרטן אויפן קאַליקעס וואָרט. און דער, וואָס איז פריִער ווײַט געווען און מיט דער וועסלע איבערן וואַסער געשפּילט, זאָגט צום קאַליקע, וואָס פון שיפל שטעקט אים אַרויס נאָר דער קאָפּ:

— באַטקאָ לעוואַדאַ, וואָס רעדסטו מיט איר אַזוי פּיל? זי וועט דיר דערציילן, אַז אַדלערס זייגן ציגן.

— וווּהין, באַטקאָ, זי פּירן, גלײַך אַהין... צי פּריִער אין קורין אַרײַן?

— באַטקאָ, וואָס שווײַגסטו? אַרכיפּ מאַיע ראַציו... — ער רעדט צו דער זאַך אַרכיפּ.

— אָ זשידאָוואָטשקאָ טאָ האַרנאַ טאָ גלאַטקאָ... — און די זשידאָווקע איז אַ שיינע און אַ גלאַטע.

— ניטשעהאָ נע סקאַזשעש, דאַראַדנאַ זשינקאָ... — ניטאָ וואָס צו זאָגן, אַ געראָטענע פרוי.

— נו, באַטקאָ, וואָס שווײַגסטו? דו הערסט ווי דער רעגן קלאַפּט שוין איבער די בלעטער? טשויעש, באַטקאָ!

קיין פּנימער זעט ניט סטיסיע. הייסע שווערע טראָפּנס באַשלאָגן זי. זי וואָלט ניט געקאָנט זאָגן צי דאָס זענען טראָפּנס רעגן, צי טראָפּנס טויט־שוויים. דער קאַליקע שווײַגט. פון די זיך לעשנדיקע שײַטערס אויפן אַנטקעגנ־איבערדיקן ברעג שיטן זיך פונקען אין וואַסער אַרײַן.

— באַטקאָ, טשויעש? דו הערסט?

— וווּהין זי פירן? זאָג?

— אין ערגעץ ניט. נע טשעפּײַטע! זאָל זי אים נעמען און פאָרן.

— באַטקאָ!

— ציט! צע מאַיאָ וואָליאָ!.. שטיל! דאָס איז מײַן ווילן!

— באַטקאָ, כאָט קאָניאָ דײַ... גיב אונדז כאָטש איר פערד.

— אי קאָניאָ נע דאַם, אויך דעם פערד וועל איך אײַך ניט געבן. זאָל זי נעמען איר חלום און אים טראָגן! זי איז אָדער אַ משוגענע, אָדער אַ הייליקע. זאָל זי גיין פון דאַנען מיט איר ווילדן חלום. נעם אים און גיי... גיכער!

יג

און זי האָט ניט אָפּגעגעבן די באַיאַריכע, סטיסיע, איר קינד די באַגרעבערס און אַליין מיט דעם פֿון דער טשערנאָבילער קלויז אַרויס און געטראָגן עס מיט דער זאַמד־גאַס צוריק אַהין, צום הייליקן אָרט, ווו ס׳וואַרטן אויף איר דאָרטן די עטלעכע פֿאַרקוילטע ביינער פֿון זײַן טאַטן, פֿון איר מאַן, פֿון איר גרויסן חלום, וואָס ליגט אין דעם אָפּענעם קבר אײַנגעוויקלט אין דעם ווײַסן פֿאַרטעך און הייבט אָן פֿאַרווייעט צו ווערן מיט שניי.

איבערן שטעטל קלאַפּן און קלינגען שוין אין שעפּטלס קוזניע די האַמערס: מ׳שמידט אויף די קאָוואַדלעס לאַנגע שפּיזן און קורצע מעסערס און פֿון אַלע פֿיר זײַטן ברענען שײַטערס — מ׳שטייט שוין דאָרטן מיט ביקסן אין די הענט. און ווײַט ערגעץ רײַסן זיך סנאַריאַדן — ציטערט דאָ די ערד. און אין נאָענטן דאָרף, אין מאָהילני, הוליען נאָך די באַנדיטן מיט זייער באַטקאָ־אַטאַמאַן, מיט זיראַ־זירקאָ.

די דרײַ פֿאַררייכערט־קבֿרנימשע לאַמטערנס און די שיבֿעה־ליכט פֿון די פֿענצטער אַרויס און אויך די פֿײַערן פֿון די שײַטערס, וואָס וואָרענען פֿון אַ נײַער סכּנה, טראָגן זיך נאָר אַדורך מיט די ווינטן, כאַפּן אויף אַ רגע אַרויס אַ שטיק שוואַרצן וועג, פֿאַרשלאָגן און פֿאַרבלענדן די אויגן און דערמאָנען איר, סטיסיען, אין יענע שײַטערס, וואָס האָבן געפֿלאַקערט לענג־אויס דעם טײַך בײַ די באָליאַרקער זומפּן און באַלויכטן דאָס שיפֿל מיטן קאַליקע, מיט אַלעסן, בײַם אויפֿגעכוואַליעטן ברעג, ווו זי איז געשטאַנען מיטן אַנטאָן ביז האַלב אין וואַסער און געמינטערט דעם צעממיתטן נחומען. פֿון אָט דעם נאַכטיקן שײַן־פֿלאַנטער איז זי שוין איין מאָל שיִער ניט אומגעפֿאַלן. דניאלקע מיט יצחקן האָבן זי בײַ צײַטנס אונטערגעהאַלטן. בײַם געהרגעטן קינד איז דערבײַ פֿון פּיסל אַ שטיוועלע אַראָפּגעפֿאַלן. האָט זי געוואַרט ביז מ׳האָט דאָס שטיוועלע אָנגעטאָן און ווײַטער עס צום פֿעלד געטראָגן.

און די לוויה, הגם ס׳איז שוין אין די שפּעטע שעהען פון דער נאַכט, די צווייטע העגער וועלן באַלד קרייען, ווערט דאָך ניט קלענער און אַלע וואָס זענען פריִער אין דער טשערנאָבילער קלויז און אַרום אָרון־קודש געשטאַנען און אויפן גרויסן נס פון הימל געוואַרט, גייען אַלע מיט איר צום בית־עלמין; אַוודאי, וואָלטן דאָרטן די עטלעכע פאַרקוילטע ביינער ניט געלעגן אין דעם אָפענעם קבר, וואָלט מען דאָס קינד איבער נאַכט אַוועק־געלייגט אין טהרה־שטיבל. דערצו נאָך לויפט איבער דער ערד אַ ווײַסער שטויב און ס׳קאָן צעשפּילן און צעבושעווען זיך אַזאַ זאַווייע, אַז די גרוב זאָל פאַרשאָטן ווערן. ניט ווײַט פונעם הייליקן אָרט, נעמט יצחק איבער בײַ סטיסיען דאָס טויטע קינד:

— די טירלעך פון אָרון־קודש זענען פאַרבליבן אָפן?

— דאָרט איז פּוסט, ר׳ יצחק. ניטאָ דאָרטן וואָס צו פאַרמאַכן.

— אַ טיר, וואָס מ׳קאָן ניט פאַרמאַכן, טאָר מען ניט עפענען!

— וואָס מיינט איר דערמיט?

ער ענטפערט ניט, דער דערצאָרנט־אויפגעטרייסלטער אַלטער באַיאַר, שפּאַנט נאָך די דרײַ לאַמטערנס, וואָס די קברנים פאַרשטעלן פונעם ווינט מיט די פּאָלעס. ער האָט שוין אַ מאָל אַזוי געטראָגן איבערן בית־עולם זײַן אייניקל — חרותעס קינד... ער גייט צווישן די קברים־שטיבלעך, פאַרבײַ דעם קבר פון זײַן טאָכטער, פון רחלען, וואָס איז נאָך אין יענע טעג, בעת די צאַרישע פּאָגראָמען, געקוילעט געוואָרן אויפן שוועל פון איר שטוב; פאַרבײַ דער שטיינערנער מצבה פון זײַן בכור, פון דניאל, וואָס האָט מיט איילפאַרבן אויף לײַוונט געוואָלט באַשאַפן נאָך אַ וועלט, זײַן אייגענע וועלט, און ער איז צעבראָכן געוואָרן און געפאַלן; פאַרבײַ דעם דעמבענעם שטיבל פונעם „שטילן זומער״... און דאָ, אין די ווינטן, דערהערט ער פּלוצעם איר קול פון דאָרטן, פון אונטער דעם שטיבל אַרויס: „גאַטעניו, איך קלאָג זיך דען חלילה, איך פרעג נאָר, פאַר וואָס קומט עס אונדז?״ מיט אָט די ווערטער איז זי דאָך, רבקה, „דער שטילער זומער״, אַוועק פון דער וועלט.

ער נעמט שפּאַנען גיכער נאָך די דרײַ לאַמטערנס מיטן געהרגעטן קינד אויף די הענט. ער ווייסט שוין, יצחק באַיאַר, בײַם אַרויסגיין פון דער טשער־נאָבילער קלויז האָט אים עמעצער געזאָגט, אַז זײַן זון האָט מען אויף אַ פור

געבראַכט צו פירן אַ שווער פאַרוווּנדיקטן. ווידער? שוין דאָס דריטע מאָל... איצטער שוין פון דאָ־הי, פון די וועלדער, פון די פאַרטיזאַנער. און אויך אַלע אייניקלעך זענען אַוועק צו די באַלשעוויקעס. וואָס טראָגן זיי די „גרויסע” פאַר ייִדן? — דער שניי ווייעט שוין ניט נאָר איבער דער ערד, נאָר שוין אויך פון אויבן. די זאַווייע שטאַרקט זיך. און פאַר וואָס האָט מען אים, אַברהמען, פאַרפירט ניט צו זיך אַהיים, נאָר גאָר אַהין צו, צו וועלוול ביילעס?

און צום ווײַטערדיקן שטוינען פון אַלעמען, האָט מען אויך פאַר דער קבורה, פון סטיסיען קיין קול ניט געהערט. זי האָט נאָר, אָן ווערטער, ניט געלאָזט יצחקן איבערגעבן דאָס קינד די באַגראָבערס, אַליין אין קבר אַראָפּ, פון זײַנע הענט דאָס קינד גענומען און פאַוואָלינקע און זייער געהיט לעם איר ווײַסן פאַרטעך מיט די פאַרקוילטע ביינער אַוועקגעלייגט. געבליבן אַ פאָר מינוט שטיין איבער זיי אָנגעבויגן, דערנאָך זיך שווער אויסגעגלײַכט און געגומען פון קבר אַרויסקריכן. און דאָ האָט מען דערהערט דניאלקעס קול:

— נעמט, נעמט, לייגט אויך אַרײַן מײַן מאַמעס בורנעסל... זאָל כאָטש דאָ בלײַבן פון איר אַ סליד... איך וויל האָבן וווּהין צו קומען, דאָ וועט אויך זײַן איר קבר!

האָט סטיסיע בײַ קיינעם קיין דינים ניט געפרעגט, דער מומע ליבעס בורנעסל גענומען, צוגעדעקט מיט דעם איר קינד, און שוין מער זיך אויף אַ רגע דאָרטן ניט פאַרהאַלטן. פון קבר אַרויס, אויסגעטאָן פון זיך דעם לײַביק, אָנגעטאָן דניאלקען, פאַר דער האַנט גענומען און פון בית־עולם צו וועלוול ביילעס הויף אים אַוועקגעפירט. ניט געוואַרט אַפילו ביז מ׳וועט דעם קבר פאַרשיטן, ביז עמעצער וועט דאָרטן אינעם ערשטן שניי, אויפן פראָסט, איבערן פרישן בערגל ערד, אָנהייבן צו זאָגן דעם יתגדל ויתקדש... ניין, נאָכן אָפּשטיין דאָרטן מיט אַזאַ גלויבן און ציטער, מיט אַזאַ האָפענונג און פאַרגליווערטקייט, אין דער טשערנאָבילער קלויז בײַם אָפענעם אָרון־קודש, ווו איר געהרגעט קינד איז געלעגן צווישן די צוויי גאַנץ־געבליבענע ספר־תורות... אַ מאָל איז ער געווען אַ באַשאָפער פון וועלטן, אַ מאָל איז ער געווען אַ גאָט פון לעבן. הײַנט איז ער אַ גאָט פון טויט.

זי דאַרף ניט דעם יתגדל ויתקדש...

און דערצו נאָך, נעמענדיק פון דניאלקעס הענט דער מומע ליבעס בורנעסל און דערפילנדיק ווי פונעם ייִנגל שלאָגט אַ היץ, ווי ס'טרייסלט אים, האָט זי אים געוואָלט וואָס גיכער אין אַ וואַרעמער שטוב פאַרפירן, אויף אַ געלעגער אָוועקלייגן און דאָס האַרץ אים אונטערלענען — שוין באַלד אַ מעת־לעת אין מויל ניט געהאַט. און דער עיקר, ווי נאָר ער וועט אײַנשלאָפן, וועט זי שוין קאָנען זיך לאָזן גלײַך אַ ה י ן, און דאָרט וועט זי שוין איר צווייטע, — די סאַמע וויכטיקסטע שליחות פון איר לעבן — אויספירן און אויספילן.

און זי פירט אים, דניאלקען, צו דער נאָענטסטער שטוב, און מיטן קירצסטן וועג, צו גבריאלס צוויי זין, צו אירע אַמאָליקע שוואָגערס, צו וועלוולען און נפתלין, וואָס האָבן דאָ ניט ווײַט פונעם הייליקן אָרט, איבערן שליאַך, זוי אויסערן שטעטל, אויפגעשטעלט, נאָכן פאַרטריבן ווערן פונעם דאָרף, אַ גרויסן הויף, אַקוראַט אַזאַ ווי בײַ דעם טאַטן זייערן אויפן כוטאָר: מיט שטאַלן, אַמבאַרן, קושאַרעס און פירן ווײַטער דעם ברייטן האַנדל מיט פּי, לײַן, קאַנאָפּליעס, וואָלד און שוין אויך מיט רויכוואַרג, וואָל, שאָפּן־ און רינדן־פעל. דער דריטער ברודער, זײַנוול, האָט נאָכן טאַטנס טויט, נאָך יענעמס פאַלן מיט דער האַק אין דער האַנט, אָנגענומען בײַם ברוגעם מיט די דרײַ אַלכעס אַ טאַרבעלע ערד און איז מיט ווײַב און קינדער אַוועק קיין אַמעריקע, ערגעץ אויף יענעם אינדזל, בײַם ניאַגאַראַ־טײַך, וואָס מרדכי־עמנואל נח האָט אַ מאָל אָפּגעקויפט און געוואָלט גרינדן אַן „אַנטרינונג־היים" פאַר אַלע געפּלאָגטע און געיאָגטע ייִדן... ס'איז דאָרטן אַפילו געלייגט געוואָרן אַ גרונטשטיין פאַר אַ קרוינשטאָט בײַ אַ פײַערלעכער צערעמאָניע: ס'האָבן געשאָסן קאַנאָנען, און קריסטלעכע גײַסטלעכע האָבן דערבײַ אָנטייל גענומען און אויך אַמעריקאַנער אינדיאַנער, וואָס מרדכי־עמנואל נח האָט זיי געהאַלטן פאַר די פאַרלוירענע צען שבטים פון ישׂראל... דאָרטן האָט זיך זײַנוול באַיאַר אויף ערד באַזעצט, אַ שטוב מיט די אייגענע הענט געבויט, דאָס פעלד גע־אַקערט און געשניטן — אַ פאַרמער געוואָרן. דערנאָך מיט פּי גענומען האַנדלען און שפּעטער שוין אָנגעהויבן צו בויען הײַזער, — נתעשר געוואָרן. עוסקט זיך בצרכי־ציבור, זאָרגט שטאַרק פאַר ייִדישקייט, איז מנדב אויף

ישיבות, שטעלט זיך שיין בײַם רבינס הויף, שיקט פֿאַר ארץ־ישראל; די קינדער זײַנע, זײַנוולס, — דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן. די אייניקלעך פֿאַר־שטייען שוין קיין ייִדיש וואָרט ניט, מ׳דערציילט זיי אויף ענגליש וועגן די פֿאָלעסיער וועלדער, וועגן דעם עלטער־זיידן.

אויך אַהער אין שטוב איז ניט אַרײַנצוגיין: אומגעוואָרפֿן און אָנגעוואָרפֿן. ס׳וואַלגערט זיך אונטער די פֿיס אַלצדינג וואָס ס׳איז אין קעשענע, אין דער פֿאַזוכע ניט אַרײַן, אין זאַק ניט געקאָנט אַרײַנשטופּן און צום זאָטל צובינדן, האָט מען געשניטן, געריסן, געהאַקט, צעזעצט, צעשלאָגן און צעפּיצלט. אויך דאָ, אין אָט דעם הויף פֿון די באַיאַרס, איז אָן איבערקערעניש: די שטאַלן האָבן געברענט, די ביימער אין סאָד ביז צו די וואָרצלען פֿאַרקוילט, אין מיטן הויף ליגן צוויי דערשטאָכענע אָקסן מיט אויפֿגעלאָפֿענע בײַכער און דער דערשאָסענער וואָלפֿהונט ליגט מיט די פֿאַדערשטע לאַפּעס איבערן דעכל פֿון דער בודע פֿאַרוואָרפֿן. די נאַכט ווערט ליכטיקער — די ערד הייבט אָן צו באַדעקט ווערן מיט שניי.

זי האָט אים, דעם שווײַגנדיקן, דעם קראַנק געוואָרענעם, דניאלקען, אַרומגענומען פֿאַר די אַקסלען און פֿילט ווי ער טוליעט צו איר אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער זײַן קאָפּ. אַוודאי וואָלט זי אים באַדאַרפֿט פֿירן ניט אַהער, נאָר צו מלכהן. דאָרטן וואָלט אים געווען בעסער און היימישער. דאָרטן וואָלט פֿון אים מלכה איר אויג ניט אָפּגעטאָן, אים דערוואָרעמט און אויסגעפּילנע־וועט. איר שטוב איז נאָך ניט אויסגעליידיקט און דער הונגער שטייט נאָך ניט בײַ איר שוועל: דער פֿויער קאָן ווינטער אָן אַ היטל ניט גיין און מוז ברענגען דעם קירזשנער, הערש־לייבן, אַ מעסטל קאַרטאָפֿל, אַ טאָפּ מעל, אַ קוואָרט בוימל, אָבער זי דאַרף, סטיסיע, גיין אַהער, צו גבריאלס זין, ווו זי קאָן האָבן אַ גרויסע און שטאַרקע האָפֿענונג אויף דעם שווער־פֿאַרווונדיקטן אַברהם, אויף יצחקס זון, וואָס האָט געוויס געבראַכט מיט זיך פֿון וואַלד, פֿון די פּאַרטיזאַנער, געווער. און אויב אָט די אָ האָפֿענונג אירע וועט אויך אײַנ־געבראָכן ווערן, דעמאָלט וועט זי שוין דאָ אין אַלטן אַלמער זוכן יענעם שטאָלענעם מעסער מיטן געשניצטן הענטל פֿון העלפֿאַנטביין, וואָס גבריאל פֿלעג טראָגן אינעם אויסגעצירטן שיידל אַרויספֿאַרנדיק פֿון הויף. און אויב זי וועט יענעם שטאָלענעם מעסער אויך ניט געפֿינען, וועט איר קיין אַנדער

וועג ניט בלײַבן, ווי גיין אין שעפּטלס קוזניע און אַליין אויסשמידן פֿאַר זיך אַ קורצן מעסער.

און זי פֿירט אים דורכן אָפּגעסמאַליעטן סאָד מיט אַ פּאַרטײַעט און פֿאַרקלעמט האַרץ: זײַן מאַמע האָט מיט זיך, מיט איר לײַב און לעבן, געראַטעוועט זי, סטיסיען, און אַליין אומגעקומען מיט אַזאַ שווערן טויט. דאַרף זי, סטיסיע, פֿאַר דניאלקען אַ מאַמע ווערן. אָפּגעבן אים איר לעבן. פֿון זײַן לויפֿן צוריק מיט עטלעכע טעג, אין מיטן דער נאַכט פֿון איר שטוב, האָט זי ניט געוואָלט טראַכטן. זי האָט אויף דעם נאָר געהויבן די אַקסלען. פֿאַרגעדענקט האָט זי נאָר וואָס נחומקע פֿלעג אויף דניאלקען זאָגן: בײַ די באָיאַרס וואַקסט אַ שיינער בוים, אַ יש... — און זי דאַרף אָט דעם שיינעם בוים העלפֿן אויסוואַקסן, און ניט געבן אים פֿאַרטריקנט ווערן. זי וועט עס אָבער ניט קאָנען טאָן. איר לעבן האָט שוין גאָר אַן אַנדער שליחות.

און זי הערט זיך צו ווי די האַמערס קלאַפּן איבער די קאָוואַדלעס אין שעפּטלס קוזניע און ווי די פֿאַרקוילטע ביימער ברעכן זיך אין סאָד, און אויך מיט אַ קלאַנג, אויף די שנייִקע ווינטן. די שײַטערס פֿון אַלע פֿיר זײַטן פֿלאַקערן און שאַרעס פֿלאַמען צינדן די נידעריקע גרויע הימלען. דעם קבר האָט מען שוין מסתּמא פֿאַרשאָטן. אויפֿן פֿרישן בערגל ערד פֿאַלט יצחקס קדיש אין ערשטן שניי אַרײַן. וויפֿל ווערסט איז אַהין, צום דאַרף? אַ ווערסט פֿיר. די צווייטע העננער קרייען. האַלבע נאַכט. גוט וואָס די זאַווייע צעשפּילט זיך ניט און בײַ די ווינטן פֿאַלן די כּוחות.

און די שטוב דאָרטן, בײַ וועלוול ביילעס, איז פֿול מיט מענטשן, קאָפּ־אויף־קאָפּ און אַלע רעדן מיט די פֿאַרבײַלט־אָנגעגאָסענע הענט, און ניט נאָר די יונגע, אויך זיי, די ווײַסבערדיקע, שלאָגן איבער איינער דעם צווייטן, פֿאַלן אין יענעמס רייד אַרײַן. ס'זידט דאָ מיט כּעס און צאָרן. מ'וואָלט זיי מיט גאָרנישט ניט געקאָנט שטילן און טרייסטן, ווײַל פֿון טרייסטווערטער וואַקסט נאָך מער דער טרויער און פֿון אַ צעבראָכן האַרץ שיטן זיי זיך סײַ ווי סײַ גיך אַרויס. זי כאַפּט אָבער באַלד אויף פֿון וואָס ס'קאָכט זיך דאָ אַזוי: די יונגע ווילן שוין גיין און אָנפֿאַלן אויפֿן דאָרף ווו ס'הוליען די זיראַ־זירקאָווצעס, און די עלטערע, די באָיאַרטע, פֿרעגן: מיט וואָס וועט איר גיין, מיט די זעקס ביקסן און מיט די פֿיר גראַנאַטעס? דאָס איז אפֿשר געצנוג

דאָ, אויף אָנצושרעקן און אָװעקצוטרײַבן. און אויף װעמעס הענט װעט דאָ בלײַבן דאָס האַלב־חרובֿע שטעטל, אויף די זקנים און אַלמנות ? — דער לאָמפּ אונטער דער סטעליע װיגט זיך אין אַ באַזילבערטן װאָלקן רויך פֿון ייִאוש און גלויבן. אונטער די פּיס טײַעט דער שניי, װאָס האָט אין זיך דעם ריח פֿון די ערשטע פֿרייִאָריקע װאַסערן.

אין די אויגן װאַרפֿט זיך איר, סטיסיען, די אויסגעבונדענע רויטע באַנדן אויף די פּעלצלעך און די אויסגעשניטענע און צו די היטלען צוגענייטע פֿינפֿשפּיציקע שטערן ; אויבן אָן, בײַם טיש, אַ פֿאַרװאַקסענער, די באָרד אַ לאַנגע און אויך אַ שמאָלע, װי בײַ זײַן טאַטן, בײַ יצחקן, נעמט רעדן אַברהם באַיאַר, װאָס מ׳האָט אים געבראַכט פֿון װאָלד צו פֿירן אַ שװער פֿאַרװונדיקטן. שוין דאָס דריטע מאָל. פֿריִער, צוריק מיט יאָרן, האָט מען אים געבראַכט פֿון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, דעמאָלט איז ער געשפּרונגען אויף די מיליצעס אינעם קורץ־פֿאַרדאַרטן שינעל, אַ האַלב־באָרװעסער, הויט און ביין — אַ שאָטן מיט האַלב־־פֿאַרמאַכטע אויגן, מיט אַ צעקאָטשמעטער באָרד, מיט װײַס־איבערגעטריקנטע ליפּן, אַ פֿאַרשטויבטער געשפּענסט מיט אַ קאָקאַרדע אויפֿן שמויסענעם יאָלעם ; און אויפֿן װעג צו טאַטע־מאַמע, װאָס האָבן שוין געזאָגט גאַנץ פֿרי און פֿאַר נאַכט נאָך אים קדיש, איז ער אַרײַנגעשפּרונגען שוין נאָכן פּאָגראָם אין שטעטל, װוּ ס׳האָט געלעבט זײַן שװעסטער און זי געטראָפֿן דאָרטן אויף דער שװעל שוין אַ טויטע ליגן.

און מיט יאָרן שפּעטער, שוין ניט פֿונעם װײַטן מיזרח, נאָר שוין פֿון דאַנען, פֿון דער גרויסער װעלט־שׂרפֿה, אויך אַ שװער־פֿאַרװונדטער, האָט ער זיך געשלעפּט װידער אויף די מיליצעס דורך שטעט און שטעטלעך, צע־שטערטע און װיסט־געװאָרענע, דורך אַש און רויך און אומעטום האָבן גע־װאַנדלט און געװאָגלט ייִדן, קינד־און־קייט, אין די טויזנטער, אַרויסגעטרי־בענע פֿון זייערע דורות־אײַנגעזעסענע היימען, געגנעכטיקט בײַ די טײַכן, אין די טיפֿע טאָלן. און אָפֿט האָט ער געטראָפֿן אויף אַ געדיכט־פֿאַרשטויבטן בוים אַן אויפֿגעהאַנגענעם ייִדן — דעם שפּיאָן, דעם שולדיקן אין די אַלע מילי־טערישע מפּלות — אַ ייִדן מיט אַ װײַסער באָרד, מיט נאַקעטע װײַסע פּיס, אין דעם לאַנגן טלית־קטן. פֿלעג ער, אַברהם באַיאַר, שוין בײַ אַזאַ בוים זיך פֿאַרהאַלטן און בײַ דער נאַכט, מיט מסירת־נפֿש דעם הרוג־מלכות פֿון

דער תּליה אַרויסנעמען און אים מיט ערד צודעקן. דערנאָך ווײַטער גע־שפּרונגען מיט די מיליצעס איבער די פעלדוועגן ווו ס׳האָבן זיך געשלעפּט פורלעך מיט מתים — געפאַלענע און אויסגעגאַנגענע אויפן וועג, צום נאָ־ענטסטן בית־עולם. נאָך די עגלות, איבערגעדעקטע מיט שוואַרצנס, זענען זקנים געגאַנגען — הויפּנס ביינער מיט ברענענדיקע אויגן, די פּנימער צום הימל, אויף אַ קול תּהלים געזאָגט און מיט די זיך־טרייסלענדיקע שטעקנס אָנגעטאַפּט די ערד אונטער די פיס.

אויבן אָן, בײַם טיש, מיט דער לאַנגער און שמאָלער באָרד, ווי בײַ זײַן טאַטן יצחקן, נאָר אַ פּעך־שוואַרצע, נעמט רעדן אַברהם באַיאַר מיט התפּעלות, מיט אַ מין ניט־ערדישן פײַער, ווי ער וואָלט געפינען דאָס אייביקע, וואָס דור־דורות יידן פאַר אים האָבן דורך אַזוי פיל גזירות און ליידן געזוכט:

— אַלע פעלקער ווערן פון איצט אָן, נאָכן נצחון פון דער סאָציאַליסטי־שער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אָנהייבן לעבן ווי ברידער, ווי איין משפּחה. אַלע פעלקער פון דער געוועזענער צאַרישער אימפּעריע...

— שיין... — שלאָגט אים עמעצער איבער. — דער לייב וועט זיך שוין אָנהייבן פּאַשען מיטן שעפעלע.

— הלוואי, יידן, קרעפּלעך עסן.

— אַ לייב בלײַבט אָבער אַ לייב. קנאָבל האָט תּמיד איינעם און דעם זעלבן ריח.

— שלאָגט אים ניט איבער, — הייבט זיך אויף וועלוול באַיאַר, וואָס הייסט שוין דאָ אין שטעטל ר׳ זאב־וואָלף און באַמיט זיך מיט אַלע כּוחות צו פירן זיך און צו נאָכמאַכן אַלע תּנועות פון זײַן טאַטן, גבריאלן. — לאָזט אים רעדן, ער איז דאָך שוין די וולאַסט, דער רעווקאָם.

— די טשעקאַ צעשיסט דאָך הונדערטער מענטשן אין איין נאַכט.

— קאָנטררעוואָלוציאָנערן צעשיסט מען.

— זיי צעשיסן אַ יידן פאַר אַ האַלבן פונט זאַלץ.

— די רעוואָלוציע דאַרף זיך באַשיצן.

— אַוודאי, אַוודאי, — גיט צו ר׳ זאב־וואָלף באַיאַר. — דער אָקס פאַרהיט זײַן פעל מיט די הערנער. אָבער נאָך וואָס דאַרפן קריכן אַהין צו יידן?

— וווהין אַהין צו?

— וווהין, וווהין? אין טשעקאַ מיין איך, ווו מע הרגעט מענטשן ניט נאָר פאַר אַ האַלבן פונט זאַלץ, נאָר פאַר דעם, וואָס מע וויל ניט דאַוונען פונעם נײַעם סידור, ווי מײַן טאַטע, עליו־השלום, פלעג זאָגן.

— ניט קיין ייִדן אַרבעטן אין טשעקאַ, נאָר באָלשעוויקעס. איר הערט? באָלשעוויקעס, קאָמוניסטן!

— פאַר דיר זענען זיי באָלשעוויקעס, פאַר די גויִים — ייִדן... פאַרן סאַמע לײַטישסטן גוי, פאַרן סאַמע קליגסטן גוי זענען זיי פאָרט ייִדן.

— און מיר וועלן דאַרפן פאַר דעם צאָלן מיט אונדזער בלוט.

— לעניִן איז פאַר די גויִים אַ באָלשעוויק און טראָצקי, זעט איר, — דער ייִד... דער ייִד, הייסט עס, צעשיסט זייערע. דער ייִד טראָצקי־בראָנשטיין פאַרמאַכט די פּראַוואָסלאַווע קלויסטערס, ער וועט צעטיילן צווישן די ייִדן די פעטע רוסישע ערד און מאַכן אַלע פּויערים אויף אייביק פאַר זייערע קנעכט...

— די וואָס מאַכן פּאָגראָמען אויף ייִדן, וועלן תּמיד געפינען אַן אויסרייד.

— מיר האָבן זיך נאָך ניט צעצאָלט מיט דער וועלט פאַר יעזוסעס טויט!

— די באָלשעוויקעס — וואַרפט אַרײַן זאב־וואָלף באַיאַר, — ווילן איבערפאַרבן דאָס שטײַגל. נאָר פון דעם וואָס מ׳פאַרבט איבער דאָס שטײַגל, ווערט דעם פויגל ניט גרינגער.

— די רויטע זענען פאַר ייִדן אויך אַ בוים אָן אַ שאָטן.

— רוסלאַנד וועט פאַרבלײַבן אַ טורמע, אַז מ׳וועט אַפילו אַרום איר פאַרפלאַנצן אַ סאָד מיט טייטלביימער.

— גייט שוין גייט, די באָלשעוויקעס לאָזן אַרויס פון די טורמעס אַלע אַרעסטירטע. פון סיביר קערן זיך אום אַלע פאַרשיקטע.

— און דאָס וואָס זיי צעחשבונען זיך מיט די פורישקעוויטשעס, מיט די שולגינס, מיטן „סאַיוז רוסקאָוואָ נאַראָדאַ", דאָס איז שוין בײַ אײַך גאָרניט?

— מיט בלוט וואַשט מען ניט אָפּ קיין בלוט!

— אפשר... נאָר מידה קעגן מידה! אויך מיר דאַרפן ווערן צוריק ייִדן... איר הערט?

— וואָס הייסט עס, ווי דאַרף מען אײַך פאַרשטיין?

— גאַנץ פשוט. ניט די פעלקער פון דער וועלט, נאָר מיר, ייִדן, זענען די קריסטן. שוין צוויי טויזנט יאָר ווי מיר שטעלן אונטער די צווייטע באַק.

— ס'איז אַ ליגן. אַן אויסטראַכטעניש. דאָס האָבן אויסגעטראַכט די זינדלעך און טעכטערלעך פון די קלייטניקעס, אָט די וואָס שעמען זיך מיט זייערע טאַטעס און מאַמעס, אָט די וואָס שעמען זיך מיט ייִדיש און רעדן פּאָ רוסקאָמו. אָט יענע יונגע־לייַטלעך האָבן עס אויסגעטראַכט.

— וואָס זשע, מיר האָבן זיך דען ערגעץ קעגנגעשטעלט?

— הונדערטער מאָל. אמת, מיר האָבן ניט געקאָנט ענטפערן אונדזערע שׂונאים מיטן זעלבן רענדל.

— ייִדן האָבן געקאָנט גיין נאָר אויף קידוש־השם. קיין איין פאָלק אין דער וועלט...

— קידוש־השם הייסט ניט שטאַרבן מיט אַ תּפילה אויף די פּאַרבלו־טיקטע ליפּן.

— וואָס דען הייסט בייַ אייַך קידוש־השם?

— קידוש־השם הייסט זיך וואַרפן אויפן רוצח מיט די נעגל, מיט די הוילע הענט, אים אויסדראַפּען די אויגן, אים אָנשפּייַען אין פּנים אַרייַן...

און דאָ שטעלט זיך שוין אַזאַ טומל, וואָס פון אַלע רייד ווערט אַ געפּלאָנ־טערטער קנויל אויף ניט פונאַנדערוויקלען און אויף ניט אויסצוגלייַכן; אַ קנויל פון פייַערדיקן פאַרדראָס, צאָרן און אויפרעגונג. באַזונדערש איצט, נאָכן פאַגראָם, נאָכן צוקלאַפּן דעם אַלטן רב מיט צוויעכעס צום בוים, נאָכן וואַרפן פונעם בריק אין וואַסער אַרייַן די זקנים אין די טליתים, וואָס זענען געגאַנגען מיט די אויפגעהויבענע הענט צום פאַרטאָגיקן הימל און געזונגען:

— מיר גייען אַהיים...

— מיר גייען אַהיים...

דאָ, אַז דער טומל, נאָך די רייד וועגן דער אונטערגעשטעלטער באַק און דעם ייִדישן קידוש־השם, האָט זיך געגרעסערט און געהויבן, דאָ האָט אַברהם באַיאַר, וואָס האַלט צו מיט דער האַנט דעם איבערגעבונדענעם פוס אויף אַ בענקל, ווי געוואָלט דערמיט פאַרגרינגערן זיך דעם ווייטיק וואָס שלאָגט אים אין פּנים אַרייַן, אַפילו די אויגן זענען אים פאַרפלאָמט, און דאָך לאָזט ער ניט דער ווייַב, דאָבציען, זי זאָל אים צולייגן דאָס פענכערל אייַז,

וואָס זי האָט פון איר שטוב געבראַכט, ווי די קעלט איז אַזוי גרויס, אַז דאָס וואַסער אין עמער ווערט פאַרפרוירן; דאָ, אַז דער טומל ווערט אָנגעגליטער, טוט ער, אַברהם באַיאַר, וואָס האָט געירשנט דעם טאַטנס גבורה און געטראָגן אין זיך דער מאַמעס הכנעה, מ׳האָט אים שוין די לעצטע יאָרן אַפילו אָנגע־הויבן צו רופן „דער שטילער זומער"... ער, אַברהם, האָט דאָ אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער לינקער האַנט אין טיש, געוואַרט ביז ס׳איז שטיל געוואָרן און ווײַטער גערעדט:

— צי ווילן מיר יאָ, צי ווילן מיר ניט, נאָר מיר געפינען זיך אין דער סאַמע מיט פון דער רעוואָלוציע, אונטער אירע פֿײַערדיקע רעדער... מיר געפינען זיך אויפן מיטן וועג פונעם בירגערקריג. אַלע, איר הערט, אַלע: פּעטליוראַ און ווינישענקאָ, די צאַרישע גענעראַלן דעניקין און קראַסנאָוו, וורענגעל און קאָלטשאַק, — אַלע מאַכן זיי פּאָגראָמען אויף ייִדן. די שׂינאה צו ייִדן איז דאָך דער בראָנפן, דער ספּירט מיט וועלכן מע פּויעט דעם המון שוין אַזוי פיל יאָרן. און דער המון טרינקט אים, אָט דעם ספּירט, גערן און מיט פאַרגעניגן. איצטערט גייען שוין די פּאַליאַקן און הרגענען אויף זייער וועג ייִדן. און מאַכנאָ? און גריגאָריעוו? און די אַלע באַנדיטן־אַטאַמאַנען וואָס ווימלען און שווימלען דאָ אין די וועלדער און פאַלן אָן אויף אונדז אין מיטן דער נאַכט?

— ווי זשע איז, אַברהם, דער אויסוועג?

— מיר האָבן, ברידער, איין אויסוועג: מיט די באָלשעוויקעס!

— מיר זענען שוין געגאַנגען מיט דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע.

— אַפילו די פרומע, אַפילו די רבנים זענען דאָרטן נאָכגעלאָפן. און וווהין איז מען דערלאָפן? מ׳איז דערלאָפן צום דרייפוס־פּראָצעס?

— ייִדן זענען שוין געגאַנגען מיט אַלע רעוואָלוציעס, וואָס זענען געווען אין אייראָפּע.

— ס׳איז דאָ ניט צו פאַרגלײַכן. יענע רעוואָלוציעס זענען טאָקע געווען גרויסע רעוואָלוציעס, אָבער דאָס זענען געווען רעוואָלוציעס בורזשואַזע. בור־זשו־אַ־זע! פון די רײַכע און פאַר די רײַכע! ס׳איז דאָ, חברים, ניט צו פאַרגלײַכן! אין רוסלאַנד קומט פאַר אַ גרויסע, די גרעסטע אין דער וועלט־געשיכטע, סאָציאַלע רעוואָלוציע. אַ רעוואָלוציע פונעם אַרבעטער־קלאַס, פו־

נעם פויער, פונעם האַרעפּאַשניק, פונעם אָרעמען מאַן: פונעם פאָלק! — אַברהמס פּנים איז ווײַס און די אויגן פלאַמען אים און ער ציטערט אַלע מאָל אויף מיטן גאַנצן גוף פון התלהבות און אויף פונעם ווייטיק אין פוס. — יענע אַלע רעוואָלוציעס, חברים...

— פאַר דער צײַט וואָס ער איז געווען דאָרטן, איז אים שוין גאָרניט צו דערקענען.

— ווו דאָרטן, בײַ די פּאַרטיזאַנער?

— מ׳זאָגט אַז ער איז שוין אַרײַן אין דער קאָ־פּע־בע.

— אין דער פּאַרטיי פון די קאָמוניסטן?

— וואָס איז זיך דאָ צו חידושן? זײַן שוועסטער, די חרות, זאָגט מען, איז אין קרעמל, בײַ לענינען אַליין...

— ס׳וועט ווערן שטיל, צי ניין?

— רעד, אַברהם, רעד!

און אַברהם באַיאָר מיטן ווײַסן פּנים, אָבער ווי פון אַן אָפּשײַן אַן אויפגע־לויכטענער, אָנגעשפּאַרט אויף דער רעכטער האַנט (דאָבציען לאָזט ער נאָך אַלץ ניט צו צו זיך מיטן פענכערל אײַז) רעדט ווײַטער מיט יענער באַגײַסטע־רונג און מיט יענעם פלאַם אין די אויגן:

— דער באַרג פון שׂינאה צו יידן וועט אָפּגעראַמט ווערן. די שוואַרץ־מאהניקעס וועלן פאַרשווונדן ווערן ווי די שוואַרצע שאָטנס בײַם אויפגיין פון דער זון. די פּורישקעוויטשעס און די מאַרקאָווס מיט זייערע פּראָטאָקאָלן פון די זקני־ציון וועלן אַרויס־גע־ריסן ווערן מיטן וואָרצל.

— הלוואַי.

— חברים, אַזוי וועט עס זײַן! דער ייִד וועט אויסגלײַכן דעם רוקן, וואָס מ׳האָט אים אין משך פון דורות אײַנגעבויגן. מיר וועלן ווערן אַ פאָלק צווישן פעלקער. אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער. מיר וועלן אויפהערן צו זײַן אינאָראָדצעס, פרעמד־געבוירענע, אָנגעוואָרפענע...

— ס׳עט, מירצעשעם, אַלצדינג זײַן: אי בריתן, אי לוויות, — האָט ר׳ זאב־וואָלף אַ זאָג געטאָן מיט זײַן קול פון וועלכן ס׳הייבט זיך אָן צו זעצן דאָס פײַער אין לאָמפּ. — מײַן טאַטע, עליו־השלום, פלעג זאָגן: דער אייבער־שטער גלײַכט אַלעמען זויס, אָבער נאָכן טויט.

און ס'איז שוין צו אַ גרויסער מחלוקת געגאַנגען: ר' זאב־וואָלפס מי־זינקע, די שענסטע מיידל אין שטעטל, וואָס אַלע בחורים, אָנהייבנדיק פון די בר־מיצווה־יינגלעך, זענען אין איר פאַרליבט; זי, אסתּר באַיאַר, די לערערין פון די העברעיִש־קורסן און די טוערין אין אַלע הילפס־קאָמיטעטן, זי, וואָס האָט אין דער שול, אין „מאָוור" געהאַלטן די הזכּרה־רעדע נאָך די געפאַלענע אינעם פּראָסקוראָווער פּאָגראָם; זי, אסתּר, האָט אויף אַברהמס דרשה גענומען רעדן וועגן ארץ־ישׂראל, וועגן דעם לאַנד פון די אָבות און דער עיקר וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

האָט זי הערש־לייב דער קירזשנער, יצחק באַיאַרס איידעם, דער פירער פון די היגע בונדיסטן געפרעגט: ווי אַזוי וועט זי, אסתּר, אויפהייבן פינף מיליאָן רוסישע ייִדן און זיי פירן מיט ווייַב און קינד קיין פּאַלעסטינע, און אויף וואָס וועט זי זיי פירן, אויף וועגענער?.. און דורך וואַנען וועט זי זיי פירן, דורך דייַטשלאַנד, דורך טערקייַ? און דורך וועלכע פראָנטן, דורך די פּעטליורישע, צי דורך די דעניקינישע? — און נאָך: צי גלייבט זי טאַקע, אסתּר, אַז די ענגלישע לאָרדן וועלן האַלטן וואָרט? — און נאָך: און וואָס וועלן אויף דעם זאָגן די אַראַבער? — און דאָ קומט שוין פון אַ ווינקל:

— די ציוניסטן האָבן דאָך אַ מיניסטער בייַ פּעטליורען. עפּעס איינעם... שלאָגט אים שוין איבער אַ צווייטער:

— נו, און אייַער ראַפעס, דער בונדיסט, האָט דען ניט געשיקט קיין באַגריסונג דער דירעקטאָריע?

און דאָ, אין אָט דער אָנגעגליט־און־אָנגעווייטיקטקייט, ווו ס'וואָלט זיכער צו אַ געשלעג געקומען: פוןביידע צדדים האָבן זיך שוין בענקלעך איבער די קעפּ אויפגעהויבן... דאָ איז פונעם אַלקער אַ צעטומלטער און שטאַרק אויפ־גערעגטער דניאלקע אַרייַנגעלאָפן און גענומען מיט אויסגעשטרעקטע הענט שרייַען: — מ'וועט זי דאָך דאָרטן הרגענען!

— וועמען וועט מען הרגענען?

— סטיסיען... זי האָט דאָך אַרויסגענומען אַברהמס רעוואָלווער און איז אַוועק קיין מאָהילני...

— צו די באַנדיטן?

— מ'וועט זי דאָך דאָרטן הרגענען...

און אין אָט די אָנגעגליטע מחלוקתן — אסתּר באָיאַר רופט און ממש מיט טרערן אין קול: ייִדן זאָלן זיך אויפהייבן און גיין אַהין, אין דעם היסטאָרישן היימלאַנד, ווײַל די לעצטע שעה האָט שוין געשלאָגן; און אויך ער, איר קרוב, אַברהם באָיאַר, און אויך מיט האַרץ און מיט אויפגעפלאַמטע אויגן: ייִדן זענען דאָ תּושבים אינעם לאַנד, לעבן שוין אויף אָט דער ערד העכער טויזנט יאָר, האָבן געשלאָגן דאָ טיפע וואָרצלען אויף ניט אַרויסצו־רײַסן; און זי, אסתּר, שלאָגט אים איבער: קיינער וועט דאָ די וואָרצלען ניט רײַסן, איר זעט דען ניט, אַז מ'האַקט דאָ פּשוט דעם בוים! — און אַברהם באָיאַר רעדט זיך זײַנס: ערשט איצט, נאָך דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע, דאַרפֿן דאָ ייִדן און מיט אַלע זייערע כּוחות העלפֿן אויפשטעלן און אויפבויען דעם געטרוימטן קיניגרײַך פֿון פֿעלקער־פֿרײַנדשאַפֿט און פֿון ליבשאַפֿט... — דאָ, בײַ אָט די מחלוקתן, אָנגעגליטע, שוין פֿײַערדיקע, שוין באַלד אויף מעסערשטעך; דאָ, בײַ דניאלקעס אַרײַנלויפֿן פֿונעם אַלקער מיטן געשריי: מ'וועט זי דאָרטן הרגענען, סטיסיען, זי איז דאָך צו די באַנדיטן אַוועק; דאָ בלײַבן שוין אַלע געפּלעפּט און דערשראָקן, קוקן זיך איבער און קיינער קאָן זיך גאָר ניט גלייבן און קיינער קאָן זיך עס אַזעלכעס גאָר ניט פֿאָרשטעלן.

און שוין אַפֿילו נאָך דעם ווי אַלע האָבן זי געזוכט און אין ערגעץ ניט געפֿונען, אויך אַברהמס נאַגאַן איז אין דער קאַבורע ניט געווען, מ'איז געלאָפֿן אין דעם געדיכט־פֿאַלנדיקן שניי, און גערופֿן, אָבער קיין ענטפֿער און קיין אָפּרוף איז ניט געקומען; דאָך האָט נאָך קיינער ניט געקאָנט גלייבן, אַז סטיסיע, אַפֿילו אין איר איצטיקן צושטאַנד, שוין אַפֿילו נאָכן אַרײַנלייגן דאָס קינד אין אָרון־קודש מיט יענעם ניט־ערדישן געשריי און דערנאָך אַ פֿאַרגליווערט געוואָרענע, פֿריִער בײַ די דרײַ אָנגעצונדענע און שפּעטער

שוין בײַ די אויסגעלאָשענע ליכט, שוין נאָר בײַ דער פאַררייכערטער שײַן פון די קברנימשע לאַמטערנס, געוואַרט ביז האַלבער נאַכט אַז דער אַלמעכ־טיקער און אייביקער זאָל לעבעדיק מאַכן איר געהרגעט קינד... און אַפילו שוין נאָך איר גיין אין דער נאַכט מיטן טויטן קינד אויף די הענט פון דער טשערנאָבילער קלויז ביזן הייליקן אָרט און אויך דאָרטן ניט געוואָלט געבן איר קינד די באַגרעבערס און אַליין עס אין קבר אַרײַנגעלייגט און דערצו בײַ דניאלקען געגומען דער מומע ליבעס בורנעסל און מיט דעם די פּאַר־קוילטע ביינער און איר זרחלען צוגעדעקט און אויך ניט געוואַרט ביז מ׳וועט דעם קבר פאַרשיטן; הגם מ׳האָט עס אַלצדינג געוווּסט, און אין דעם מצב האָט מען געקאָנט אַלץ פון איר דערוואַרטן, דאָך האָט קיינער ניט געוואָלט גלייבן, אַז זי וועט זיך איינע אַליין, מיט אַברהמס רעוואָלווער — פריִער האָט זי געזוכט אין דעם שראַנק וווּ ס׳ליגן די טליתים און תּפילין, דערנאָך צווישן דעם געשיר; איין מעסער לאַנג אין די הענט געדרייט, באַלד אים צוריק אין שופלאָד אַרײַנגעוואָרפן און איז אין אַלקער אַוועק; דאָרטן אין אַברהמס רוקזאַק זיך געפּאָרעט, די קאָבורע אַרויסגעשלעפּט און דעם נאַגאַן אַרויסגענומען, ווידער אין אַלקער אַרײַן, פאַר דניאַלקעס בעטל זיך אָפּגע־שטעלט, געוואָרפן אויף אים אַ בליק, זיכער געווען אַז ער שלאָפט, און דורך דער הינטערשטער טיר פון שטוב אַרויסגעלאָפן — און דאָך ווייסנדיק שוין אַפילו אויך אָט די אַלע פּרטים, האָט קיינער ניט געוואָלט גלייבן אַז זי קאָן זיך אַוועקלאָזן אַהין, אין דאָרף אַרײַן, וווּ דער אַטאַמאַן זיראַ־זירקאָ הוליעט מיט זײַנע גאָרגל־שנײַדערס.

נאָר ערשט דעמאָלט ווען זיי, מאַטעס מיט יצחקן, זענען פון בית־עלמין געקומען און דערציילט: מ׳האָט געוואָלט פאַרפירן ברוכן אין טהרה־שטיבל, מ׳וועט אים שוין באַהאַלטן אין דער פרי, טרעפט מען אין די האַלאַבליעס נאָר די שלייע... מ׳האָט צוגעגנבעט סטיסיעס פערד, דעם שפּאַק, שוין טאַקע אַ פערד אין די יאָרן, אָבער מיט שטאַרקע פיס. קאָן נאָך הײַנט אויך נעמען פונעם וועג בײַ אַכצן ווערסט אַ שעה... — ערשט איצטער, נאָך מאַטעסעס רייד, האָבן שוין אַלע פאַרשטאַנען, אַז דעם פערד האָט קיינער ניט געגנבעט, אַז דאָס האָט זי אַליין, סטיסיע, אויסגעשפּאַנט פון וואָגן איר שפּאַק און אַוועקגעריטן אַהין, אינעם גזלנישן בינשטאָק, אויף אומקומען.

און אַזוי איז עס אין דער אמתן געווען: טאַקע זי, סטיסיע אַליין, האָט דעם שפּאַק אויסגעשפּאַנט — געוווּסט אַז אין וואָגן ליגט נאָך ברוך דער סטעלמאַך, וואָס פלעג בײַם טעסען און בייגן די רעדער זינגען גוייִשע לידער מיט חזנישע ניגונים. אַלע הרוגים זענען שוין צו קבורה געקומען און ער, ברוך, ליגט נאָך אויפן וואָגן אַ פאַרשנייטער. אויך איצטער האָט ער אַלעמען אָפּגעטראָטן, פאַרבליבן, ווי בײַם לעבן, דער לעצטער. און אַז מ׳האָט אים אַ מאָל געוואָלט דעם ערשטן און אויבנאָן אַוועקזעצן, האָט ער מיט זײַן געלעכטער געזאָגט: „איך, דער לעצטער, וועל דאָך אויך זײַן פאַר עמעצן דער ערשטער. נאָך אָדם הראשונען איז בײַ ייִדן שוין ניטאָ קיין ערשטער און קיין לעצטער"... דעמאָלטן, פירנדיק נחומקען פון די באַליאַרקער זומפּן (נאָך די טריקענישן איז געגאַנגען אַזאַ געבענטשטער רעגן) האָט זי אים פאַרפירט ניט צו זיך אַהיים, נאָר צו ברוכן דעם סטעלמאַך. — זי האָט פונעם פערד די פאַרשנייטע פאַפּאַנע אַראָפּגעשלעפּט, אַ פוס אויפן ראָד אַוועקגעשטעלט, דעם צווייטן איבערן אָגערס רוקן מאַנסבליש פאַרוואָרפן, און אָן אַ ציַימל איבער די אָנגעשנייטע אָנהייב־ווינטערדיקע און פאַרטאָגיקע פעלדער אַוועקגעיאָגט.

און דער ביז נאָך האַלבער נאַכט געדיכט־פאַלנדיקער שניי האָט שוין כמעט אויפגעהערט. די ברענענדיקע שײַטערס אַרום שטעטל וואַרפן משונה שוואַרץ־רויטלעכע שאָטנס איבער די ווײַסע פעלדער. דורך די צעסיטעטע וואָלקנס שיטן זיך באַבלויט־פינקלדיקע שטערן און די יונגע לבנה פאַדעט אַרום זיי אַ פאַרפאַליעטע: האָט מורא אַז זיי זאָלן חלילה אין די ערשטע שנייען ניט אײַנגעזונקען און פאַרפאַלן ווערן. פון דער קוזניע טראָגן זיך די שווער־צאַרנדיקע קלאַנגען פון די האַמערס איבער די קאָוואַדלעס. קיין קעלט פילט זי ניט, הגם צו פאַר טאָג צו שטאַרקט זיך דער פראָסט און אויף איר איז נאָר דער לײַביק און דאָס באַוולנע שאַלעכל אויפן קאָפּ.

צוגעבויגן מיטן גאַנצן קערפּער צום פערד, מיט בייזע הענט אָנגעכאַפּט פאַר דער גריווע, אָטעמט זי מיט דער ריחדיקער פּאַרע, וואָס שלאָגט אויף איר פונעם צעהיצטן אָגער. ער גייט שוין אין גאַלאָפּ — די ערד הילכט אָפּ און די פאַרפרוירענע וואַסערן פּלאַצן ווי שויבן אונטער זײַנע קאָפּעטעס און די גאַנצע פעל ציטערט אויף אים מיט יעדער רגע שטאַרקער און

דריבנער. ער הייבט אַפילו אָן צו כראָפּען — אַזעלכס האָט נאָך מיטן שפּאַק קיין מאָל ניט געטראָפן: ניט אַנדערש ער האָט דאָ אין דער נאָענטקייט דערפּילט וועלף.

זי ווייסט, סטיסיע: נאָך די טונקל־קורצע טעג טרעפט שוין זעלטן־ווען אַ ברעקל זון אין די פאַלנדיקע טראָפּנס פון די נאַקעט־פאַרשוואַרצטע צווייַגן, דער הימל און די ערד ווערן אויסגעלאָשן פון אַלע פאַרבן — גרוי... אין דער־אָ צייַט, צום סוף האַרבסט און אָנהייב ווינטער, גייען זיי אַרויס, די וועלף, פון די וואַלד־געדיכטעגישן, פאַרלאָזן אויך די גראָזיקע זומפּן, לויפן אָפּט אין די נעכט מײַלן־ווײַט איבער די פּוסטע פעלדער, איינער נאָכן אַנדערן, טריט אין טריט, פאָרויס — די וואָלפיכע, נאָך איר דאָס יונגוואַרג און דער לעצטער, פון הינטן, — דער אַלטער וואָלף.

און פּלוצעם דערזעט זי אים, דעם וואָלף, אין דער שײַן וואָס פאַלט פון צווישן די אויסגעליידיקטע שיטער געוואָרענע וואָלקנס — ס׳פינקלט אַפילו דער פּרירטוי אויף זײַן פעל, און באַלד, ווי נאָר דאָס ליכט גייט אַוועק אונטער אַ געדיכטן וואָלקן און ס׳שטעלט זיך אַ פינצטערניש, קומען די פײַערבליצן פון זײַנע אויגן. אויב זי וועט פאַרקערעווען אָדער פאַרבײַרײַטן, וועט דער וואָלף אויפן רוקן פון פערד אַרויפשפּרינגען און מיט די ציינער אינעם שפּאַקס גאָרגל אַרײַן... דאָ וועלן שוין יענע וועלף פון טאָל אַרויס־שפּרינגען און אויך זי אויף שטיקער צערײַסן. קיין פײַער קאָן זי ניט אָנצינדן. קיין מעסער האָט זי דאָך אויך ניט. אַרויסנעמען דעם רעוואָלווער און שיסן אין דער נאַכט אַרײַן? — און ס׳לויפט איר ווידער דורך יענע אָנגעווייטיקטע פראַגע: פאַר וואָס האָט ער, נחום, ניט געשאָסן אין די באַנדיטן? ער האָט דאָך געהאַט בײַ זיך דעם נאַגאַן... — און זי נעמט פּאַטשן מיט בײדע הענט איבערן האַלדז פונעם פערד, טוליעט זיך צו אים נאָך שטאַרקער, רעדט און מונטערט אים און קלאַפּט אים דערבײַ צאַרט מיטן רעכטן שטיוול אונטערן בויך און דער אָגער פאַרשטייט זי און טראָגט זי אַוועק מיט אַ הירזשערײַ גלײַך אויפן וואָלף, וואַלגערט אים אום, טרעט אויף אים מיט די פּאָדקאָוועס ביז ס׳דער־הערט זיך דער לעצטער געוווי און די גסיסה־סקולערײַ, און יאָגט ווײַטער — די פעל אין געדיכטן שוים, פון די נאָזלעכער אַ פײַערדיקע פּאַרע — ווײַטער אַהין, אויפן ווײַטן געביל פון די הינט, אין דאָרף אַרײַן.

און אַז זי האָט שוין אין דאָרף, אין מאָהילני, אַרײַנגעיאָגט — אויפֿן שפּאַק ציטערט נאָך די נאַסע פעל, אָבער שוין ניט פון שרעק, נאָר ווי דעמאָלטן, אין יענעם פאַרנאַכט אויפֿן זײַטיק־פאַרוואָרפענעם וואַלדוועגל, וואָס האָט זי צו די באָליאַרקער זומפּן געפירט, — קוקט זי זיך ניט אום אויפֿן שיסערײַ פון צווישן די כאַטעס ; ערשט שפּעטער דערוווּסט זיך, אַז אין דאָרף האָבן זיך צוויי באַנדעס געטראָפֿן. פון אָנהייב צוזאַמען געשיכּורט און געהוליעט און נאָך דעם, אַז ס׳איז דערגאַנגען, די אַטאַמאַנען קריגן זיך, האָבן אויך די זין פון די באַטקאָס גענומען זיך אַמפּערן און טאַקע באַלד שיסן... — בײַם אַרײַניאָגן אויפֿן שפּאַק, אָן דעם צײַמל און אָן אַ זאָטל, האָט זי אויף די געשרייען און רופן און שיסערײַען ניט אומגעקוקט, ניט אָפּגערופן און ניט אָפּגעשטעלט זיך, צוגעריטן ביז צו דעם גאַניק פון דער גרויסער שטוב, וואָס לויכט שטאַרק מיט אַלע פענצטער אינעם פאַרטאָג אַרײַן, ווו די כּלי־זמר שפּילן אַן אוקראַינישע פּאָלקע און פונעם טאַנצן, דער עיקר פונעם צוקלאַפּן מיט די געקאָוועטע אָפּצאַסן, קלינגען די גלעלע טאָפּליעס... האָט זי פונעם פערד ווי אַראָפּגעגליטשט זיך, אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן שפּאַקס פײַערדיקע אויגן, ווי זי טוט עס תּמיד צו באַרויִקן אים און ווען זי לאָזט אים איבער צו וואַרטן אויף זיך, דערנאָך אים צוגעפירט פאַר דער גריווע צום וואָגן מיט היי, ווו ס׳זענען געשטאַנען צוויי אָנגעזאָטלטע פערד, און זיך געלאָזט אין שטוב אַרײַן.

— קודי, וווּהין ? — פאַרהאַלט זי אַ שוואַרצבערדיקער, אַ שוואַרצפּעל־ציקער און אַ שוואַרצשטיוולדיקער, וואָס טאַנצט אונטער אין דער שײַן פונעם פענצטער אויפֿן צעטראָטענעם שניי — אַ שוואַרץ־יאַריקער געשפּענסט מיט קוילן־לענטעס איבערן אַקסל און מיט האַנט־גראַנאַטעס אויפֿן רימען ; די קוילן גלאַנצן פון די נעסטן אַרויס און שפּיגלען זיך אין זײַנע צוויי אויפגע־ריסענע שוואַרץ־פריילעכע אויגן :

— טי קודי? פון וואַנען האָסטו זיך עס גענומען אַזאַ ספּריטנע און הייסע?

— און שטעלט אַן אויף איר דעם קאַראַבין.

שרעקט זי ניט אָט דער שוואַרצער רוצח און אויך ניט די אָנגעשטעלטע ביקס אויף איר : מורא האָט זי אַז ער זאָל זי נעמען באַזוכן און דעם נאַגאַן בײַ איר געפינען ; דעמאָלט וועט זי אומזיסט אומקומען און פאַרן פאַרגאַסענעם

בלוט וועט ניט באַצאָלט ווערן... אָבער זי ענטפערט אים ניט און פרעגט מיט פאַרחידושטקייט און תּמימות גראָד ביי די אונטערגעקומענע דריי און דער עיקר ביי דעם, וואָס אינעם ווייַסן פעלץ, אין דער גרוי־קאַראַקולנער פּאַפּאַכע מיטן רויטן ווערך, און ביי אַלע דריי אונטערגעקומענע שעמערירן און קלינגען־צו די שפּאָרן:

— טשעהאָ וויך נאַ מענע סוואָיו דודקו נאַסטאַוויוו? — פרעגט זי מיט אַ ניט־איבערגעטריבענעם און מיט אַן אומשולדיקן קול: — וואָס האָט ער אויף מיר זייַן פייַפל אָנגעשטעלט? דיוויטסיאַ נאַ ניאַהאָ ליודי דאָברי, קוקט אים נאָר אָן, מענטשן גוטע... — און צו דעם שוואַרצן געשפּענסט וואָס נעמט זי באַזוכן זאָגט זי מיט פאַרדראָס: — וואָס קריכסטו צו מיר מיט דייַנע הענט? זשינקו ניע באַטשיוו? האָסט קיין פרוי ניט געזען?.. האָט אַזאַ געדיכטע באָרד און אַזאַ שיטערן שׂכל. וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו מיר ווי אַ פלוי צום פעלץ? סאַראַמו נע מאַיע, האָט גאָר קיין חרפּה ניט... ער וועט מיר באַלד אונטערן קליידל פאַרקריכן, אָט, סוטשאַ לאַפּאַ: טשעפּע זיך אָפּ פון מיר, קורנאָסער שד! איך גיי צום אַטאַמאַן.

— צו וועלכן?

— וואָס הייסט צו וועלכן? דאַ מאָהאַ ראָדיטשאַ, צו מייַן קרוב. צו זיראַ־זירקאָ.

— אַכיבאַ אַטאַמאַן טאַבי ראָדיטש? איז דען דער אַטאַמאַן דיר אַ קרוב?

— אַ יאַק זשע... זייַן מאַמע האַנדזיאַ און מייַן מאַמע טאַדאָסקאַ זענען דאָך געווען לייַבלעכע שוועסטער.

און אָפּשטופּנדיק פון זיך דעם צעטומלטן פויער, די טיר געעפנט און אין דער שיכּורער שטוב אַרייַן. אָבער גראָד זיי, די דריי, די פריִער אונטער־געקומענע, און דער עיקר טאַקע יענער, וואָס אינעם ווייַסן פעלץ און אין דער גרוי־קאַראַקולנער פּאַפּאַכע מיטן רויטן ווערך, האָבן זיך נאָך איר אין שטוב אַרייַנגעריסן, אָנגעכאַפּט זי פאַרביידע הענט און זיי אויפן רוקן איר פאַר־דרייט... האָט זי ניט אַזוי פונעם שטאַרקן ווייטיק ווי פון שרעק, אַז איצט וועט זי זיך פון זייערע הענט ניט אַרויסדרייען: מ׳וועט באַלד ביי איר דעם נאַגאַן געפינען, הינטער דער שטוב אַרויספירן, אויף די קני אַוועקשטעלן (די גאַנצע צייַט טרעט פון איר ניט אָפּ דער געדאַנק אַז פאַרן טויט וועט מען

זי פּריִער אויף די קני אָוועקשטעלן), דאָרטן זי צעשיסן און איר לעבן וועט אומזיסט און אומגישט פאַרגיין און פאַרן אומשולדיק־פאַרגאָסן בלוט וועט טאָקע ניט באַצאָלט ווערן... האָט זי ניט אַזוי פונעם שטאַרקן ווייטיק, וואָס גייט איר איבערן גאַנצן גוף פון די אומרחמנות־אויסגעדרייטע הענט, ווי פון גרויסער שרעק פאַר איר ניט־אויסגעפילטער שליחות, מיט ביטערע טרערן און מיט אַ קול, וואָס האָט זיך אַלע מאָל איבערגעריסן, זיך געהויבן און געפאַלן, געגומען דערציילן, אַז זי איז פון ווילשאַנקער כוטער, אַן אַלמנה מיט פינף קינדער, דער מאַן איז אויף דער מלחמה, הינטער קרעמעניץ, פאַרן קיסר, פאַר דער הייליקער פּראַוואָסלאַוונער ערד און פאַר דער הייליקער מאַריאַ געפאַלן... אַז ביַי נאַכט האָט מען ביַי איר די איינציקע בהמה, וואָס אָט־אָט, היַינט־מאָרגן, באַדאַרפט זיך אָפּקעלבן, פון שטאָל אַרויסגעפירט... אַ פנים אַז מ׳האָט דער בהמה פריִער די פיס מיט שטרוי אַרומגעוויקלט, ווייַל ניט זי און ניט די קינדער האָבן עפּעס וואָס געהערט. קיין הונט ביַי דער כאַטע איז דאָך ניטאָ, אַ הונט דאַרף מען האָדעווען. און דאָס האָבן איר, דער אַלמנה, אָפּגעטאָן דעם באַטקאָ־אַטאַמאַנס מענטשן, וואָס דאַרפן אַ בידנע אַלמנה באַשיצן און העלפן — און דאָ דערפילט זי, סטיסיע, ווי די רוצחים, וואָס דרייען איר די הענט אויס, לאָזן זי מיט אַ מאָל אָפּ, און אַלע דריַי גייען פלוצעם פון שטוב אַרויס. און אויך די כלי־זמר הערן אויף צו שפילן און ס׳שטעלט זיך אַרום איר אַן אימהדיקע שטילקייט.

און זי פֿאַרשטייט ניט, סטיסיע באַיאַר, און באַנעמט גאַר ניט, וואָס דאָ איז אָקערשט מיט איר פֿאַרגעקומען און ווער איז דאָ דער מלאך־הגואל אירער געוואָרן, און פֿאַר וואָס איז אַ נס פּלוצעם דאָ מיט איר געשען, און פֿאַר וואָס איז אַ נס ניט געקומען פֿריִער מיט צוויי מעת־ לעת, — פֿאַר איר קינד, פֿאַר איר מאַן, און אויך פֿאַר דער מומע ליבע ? און פֿאַר וואָס איז קיין נס מיטן שטעטל ניט געשען און פֿונעם פּאָגראָם ניט פֿאַרהיט געוואָרן ; און פֿאַר וואָס איז קיין נס ניט געשען מיטן צוויי און אַכציק יאָריקן רב, וואָס זירא־זירקאָ אַליין האָט אים מיט צוויעכעס צום לינדנבוים צוגעקלאַפּט; און פֿאַר וואָס איז ניט געשען קיין נס כאָטש מיט איינעם פֿון די זקנים, וואָס מ׳האָט פֿאַר טאָג געוואָרפֿן אין די טליתים פֿונעם הילצערנעם בריק אין וואַסער אַרײַן ? און זי ווייסט אויך ניט, סטיסיע, צי אָט די שטילקייט, וואָס שטייט אַרום איר איז נאָך פֿון פֿריִער געווען דאָ, פֿאַר איר אַרײַנקומען אַהער, צי אָט די שטילקייט האָט זיך שוין נאָך דעם געשטעלט און טאַקע נאָר־וואָס ?

און דערצו נאָך זעצט זי עמעצער מיט אַ מאָל אַוועק לעם זיך אויף דער באַנק, צו די צונויפֿגערוקטע טישן, וואָס מיט טעפּ און מאַקרעטעס געקאַכטס און געבראָטנס אָנגעשטעלט — שאַפֿנס און רינדערנס, גענדזן־ און האָזן־ פֿליישן און דאָס אַלץ אויף די מיט מזלות־געמאָלטע פּסחדיקע טעלער און אין די ווײַסע פֿאַלומעסקעס ; אין די אויגן אַרײַן שנײַדן די פֿלעשער און בוטלען — בראָנפֿנס און ווײַנען, באַזונדערש די פֿאַרביקע כּוסות און קידוש־בעכערס... און אויך דער אויסגעריבענער קופּערנער קראַן אין פֿעסל פֿון מיכל דעם ווײַנשענקערס קעלער געבראַכט — אויף אַ באַזונדערן טיש, בײַ דער וואַנט, פֿון וועלכן ס׳גיסט זיך טונקל־ברוינער, כּמעט שוואַרצער ביר אינעם גרויסן אליהו הנביאס כּוס... און די בונט־אויסגענייטע העמדער, און די פֿאַרביק־ טערנאָווע כוסטקעס און די פֿינקלעניש פֿון די פּילצאַליקע איקאָנעס, — באַגילדטע און באַזילבערטע, און פֿון די ברענענדיקע לאַמפּאַדעס... און די

ריחות פון די צעהיצטע לײַבער, פון דאָס שאַרף־געפּעפּערטס און געזײַערטס, און אַפילו פון די ווינטערדיקע עפּל, פֿאַרשלאָגן איר דעם אָטעם ביז קאָפּ־פֿאַרדרייעניש.

און ווּהין איר בליק קערט זיך און פֿאַלט ניט — שווערע רויטע פּנימער מיט האַלב־אָפֿענע מײַלער, און פֿון יענעם, בײַ וועלכן דאָס מויל עפֿנט זיך און פֿאַרמאַכט זיך יאָ, אַפילו פֿון אים, פֿונעם יונגן גלח, מיט די פֿאַרבונדענע רוסיאַווע האָר אין אַ קובליק אויפֿן נאַקן, מיט דעם ניט־גרויסן, אויך ליכטיקן בערדל, ווי בײַ יעזוסן, וואָס קוקט פֿון דער איקאָנע אַראָפּ... אַפילו פֿון אים, וואָס רעדט צו די רוצחים עפּעס זייער ערנסטס און וויכטיקס, דער עיקר צו זיראַ־זירקאַ; אַפילו פֿונעם גלחס קול דערגייט צו איר קיין איין קלאַנג ניט.

זי פֿילט נאָר, און מיטן גאַנצן גוף — מיט מאַרך און ביין, ווי עמעצער שטעכט זי דורך מיט די אויגן און ממש ביזן האַרצן: אָט נאָך אַ ווײַלינקע און פֿון אָט דעם בליק וועט איר אַ גיפּט, ווי פֿון אַ ברענשלאַנג, אין איר האַרצן אַרײַן; זי קאָן אָבער בשום־אופֿן ניט דערגיין פֿון וואַנען און ווער קוקט עס אויף איר אַזוי? פֿון אָט דעם בליק גליווערט איר דער פּנים און די ליפּן ווערן איר אָפּגענומען... אין אַזאַ צושטאַנד וועט זי דאָך אַפילו ניט בכּוח זײַן דעם נאָגאַן אַרויסנעמען און באַצאָלן דאָ פֿאַר איר קינד, פֿאַרן אַלטן רב, פֿאַר דער מומע ליבע, פֿאַר די זקנים אין די טליתים, וואָס זענען געוואָרפֿן געוואָרן פֿונעם בריק אין וואַסער אַרײַן, פֿאַר די געשענדטע מאַמעס און טעכ־טער און פֿאַר די שׂרפֿות, ווו פֿונעם זשאַר האָט זי אַרויסגעשאַרט עטלעכע פֿאַרקוילטע ביינער פֿון איר מאַן, פֿון נחומען...

און דאָ דערלאַנגט מען איר אַ דינע, אין אַ גאָלדן רייפֿעלע, און אויף אַ שאָל, אַ פֿולע טייגלאָז מיט פּראָסטיק־גרינלעכן ספּירט: נעמט זי, סטיסיע באַיאַר, (נאָך צוויי מעת־לעת אין מויל ניט האָבן!) און טרינקט אויס אָט דעם פֿײַער מיט אַ מאָל, מיט איין אָטעם. און ווען זי עפֿנט אויף די אויגן — די בראַנדכוואַליע יאָגט איבערן לײַב און שלאָגט אין קאָפּ אַרײַן, שטופּט זי פֿון זיך אָפּ דאָס אונטערגערוקטע פֿאַרבײַסעכץ: דעם האַלבן ריפּטל בלוט־וווּרשט, און דערזעט יענע אויגן, וואָס נעמען זי אַדורך.

זי דערקענט זיי גלײַך די אויגן, הגם נאָר איין מאָל געזען זיי דאָרטן, אינעם זיך וויגנדיקן שיפֿל, און בײַ דעם אויסלעש פֿון דער שקיעה, שוין

נאָר בײַ די שײַטערפֿלאַמען לענג־אויס דעם אַנטקעגנאיבערדיקן ברעג און שוין שפּעטער זיי קיין איין מאָל ניט באַגעגנט, זי האָט נאָר געהערט, אַז ער, אָלעס לעוואַדאַ, לעבט נאָך דאָרטן אַלץ אויף די מאָך־באַוואַקסענע זומפּן, אין דער וואַלד־פֿאַרוואָרפֿנקייט און גייט איבער דער וועלט: אין גיכן וועט קומען זײַן טאָג און ער וועט באַפֿרײַען די לײַבלעכע מאַמע־אוקראַיִנע פֿון די מאָסקאַלן, וואָס דער פֿאַררעטער באָגדאַן כמעלניצקי האָט אַ מאָל, אויפֿן אָרט פֿון שאַפֿן אַן אייגענע מלוכה, פֿאַרקויפֿט זי, אוקראַיִנע, צו מאָסקווע; ער וועט אין גיכן אָפּרייניקן די אוקראַיִנישע ערד פֿון אַל דאָס בייז און וועט גרינדן אַן אוקראַיִנישע מלוכה, ווו עס וועט הערשן דער פֿויערשער אמת און יושר...

— אָבער פֿון דעמאָלטן, פֿון יענער איינציקער באַגעגעניש מיט אים, האָבן דאָך די אַלע יאָרן געשווינדלט פֿאַר איר זײַנע אויגן: פֿול מיט שוואַרצן טרויער און ביטערן ביטול; זי האָט זיי דערזען, אָט יענע אויגן אַנטקעגן, אַ ביסל אין דער זײַט פֿונעם גלח און שוין גאָר ווײַט פֿון זיראַ־זירקאָ. דערזען ווי אויפֿן געניקלטן וועגעלע זיצט יענער קאַליקע, דער באַטקאָ אָלעס לעוואַדאַ, וואָס האָט זי דעמאָלט פֿון טײַך און פֿונעם וואַלד אַ לעבעדיקע אַרויסגעלאָזט און אויך אים, נחומען, איר חלום, פֿון די באָליאַרקער זומפּן געלאָזט אַרויספֿירן.

אָבער אויך ער, דאָס ווייסט זי שוין אויף זיכער, האָט זי דערקענט, און טאַקע גלײַך בײַ איר אַרײַנלויפֿן אַהער. דאָס איז דאָך צו זען פֿון זײַן קוקן אויף איר מיט אַזאַ פֿאַרווונדערונג און איבערראַשונג. און מ׳טראָגט איר ווידער אונטער יענע דינע, אינעם גאָלדן רייפֿעלע, טייגלאָז, אָבער דאָס מאָל שוין אויף אַ זילבערנעם טעצל, און נאָך אַ מאָל אַ פּולינקע מיטן פּראָסטיק־גרינלעכן ספּירט. פֿאַרשטייט זי שוין, אַז אויך די גלעזער ספּירט הייסט איר געבן אָלעס לעוואַדאַ. נעמט זי די גלאָז און שוין סײַ ווי סײַ ניט האָבן דאָ וואָס אָנווערן, ניטאָ שוין ווײַטער דאָ פֿאַר וועמען צו שפּילן — אויך אויף איר וואַרט דאָך שוין דאָ דער מומע ליבעס סוף... אויסטרינקען נאָך אַזאַ גלאָז ספּירט, וועט זי דאָך שוין פֿאַלן אונטערן טיש; הייבט זי אויף די גלאָז און פֿאַר אָלעס לעוואַדאַס אויגן גיסט זי אויס דעם ספּירט אין מאַקרעטע אַרײַן.

און זי וואַרט, סטיסיע, אַז באַלד וועט דער פֿאַרביטערטער קאַליקע, וואָס האָט אין אַ זאַווערוכע־נאַכט איינער אַליין צום מיל זיך דערקליבן און דאָרטן

דעם טאַטן זײַנעם און די ווײַב מיט דער האַק אויף שטיקער צעהאַקט, אַז ער, אַלעס לעוואַדאַ, וואָס זיצט אַנטקעגן איר און וויגט זיך אויפֿן ניקלירטן וועגעלע, ווי דעמאָלטן אינעם שיפֿל אויפֿן נאָך־שקיעהדיקן טײַך; ער, וואָס האָט אַזוי אָנגעשטערענגט — די קינבאַקן האָבן אים אַפֿילו אָנגעהויבן אַרומגיין — צוגעקוקט צו איר חוצפּה, ווי זי האָט די צוגעשיקטע גלאָז ספּירט, פֿאַר אַלעמענס אויגן, אין טאָפּ אַרײַן אויסגעגאָסן, ער וועט דאָך באַלד הייסן, דער באַטקאַ, פֿון דאַנען זי אַרויספֿירן, איבערגעבן זי אין די הענט פֿון זײַנע „פֿרײַע זין" און יענע וועלן שוין טאָן מיט איר פֿאַרן טויט וואָס ס'וועט זיי נאָר אין זייערע פֿינצטערע מוחות אײַנפֿאַלן... אַגב קאָן זי אויך ניט פֿאַרשטיין, סטיסיע באַיאַר: ער ווייסט דאָך, אַלעס לעוואַדאַ, אַז זי איז ניט געקומען אַהער צו פֿאַרברענגען, איז צוליב וואָס פֿירט ער דאָ מיט איר די מוראַדיקע קאַץ־און מויז־שפּיל?

און דער נאַגאַן איז שוין בײַ איר אין אַרבל, כּמעט אין האַנט, — די לעצטע צײַט איז זי אָפֿט מיט נחומקען אין צווייען אויפֿן שפּאַק, אין טיפֿן וואַלד אַרײַן געפֿאָרן, און זיך מיט אים דאָרטן אין שיסן געוועט; אַוודאי האָט נחום אַ שטאַרקערע האַנט און אַ שאַרפֿערע ראיה געהאַט, פֿאַר וואָס זשע האָט ער בײַ דער מומע ליבע אין שטוב געוואָרפֿן זיך אויף די גזלנים מיטן צעבראָכענעם בענקל? — די אויסגעטרונקענע גלאָז ספּירט האָט פֿונאַנדערגעקאָכט איר גוף און אויך באַפֿרײַט זי פֿון יענע ווערטער אין וועלוול ביילעס שטוב: „בלוט וואַשט ניט אָפּ קיין בלוט"...

און זי איז פֿון טיש אַרויס און מיט דער פּלייצע אין דער וואַנט זיך אָנגעשפּאַרט. אָבער די פֿויערטע מיטן קינד אויף די הענט שטייט נאָך אַלץ דאָרטן, און דערצו איז צו זיראַ־זירקאָן נאָך אַ פֿרוי צוגעגאַנגען — ביז אַהער צו זי גאָר ניט באַמערקט, לויטן אָנטאָן אַן האַלטן זיך — אַ גרויסשטאָטישע, און אַ וווּנדערלעך שיינע בלאָנדע פֿרוי... ניין, זי קאָן נאָך ניט שיסן, זי וועט וואַרטן ביז די פֿרויען וועלן אָפּגיין. זי האָט נאָך צײַט. זי איז דאָ אין שטוב ניט מער פֿון אַ פֿערטל שעה. נאָר אויב עמעצער וועט זיך דערנענטערן צו איר — וועט זי שיסן. זי וועט פֿאַר זיך קיין קויל ניט איבערלאָזן. זי וועט דערנאָך דאַרפֿן אויסשטיין די שווערסטע ליידן, אָבער פֿאַר איר מאַן, פֿאַר איר קינד, פֿאַרן אַלטן רבֿ, פֿאַר שׂמחהס גרויסע טראָפּנס בלוט פֿונעם אויסגע־

שלאָגענעם אויג, מוז זי דאָ באַצאָלן. דער גרויסער גאָט שטראָפט פאַר ניט אָפגיסן נעגל־וואַסער, אָבער ניט פאַר פאַרגיסן ייִדיש בלוט. די ערד, פלעג זאָגן די מומע ליבע, דרייט זיך אַ פאַרבלוטיקטע און אַ דורכגעווייקטע מיט טרערן אַרום דער זון.

אָבער משונה, און שוין גאָר ניט צו פאַרשטיין: דער קאַליקע טוט זיך אַ דריי אויס אויפן וועגעלע מיטן פנים צום גלח, דעם נאַקעט־גלאַנציקן קאָפּ צווישן די אַקסלען, און הערט מיט כוונה און פרומקייט דעם פּאַטערלס דרשה. האָט זיך איר אפשר אויסגעדאַכט, אַז אַלעס לעוואַדאַ האָט זי דערקענט? זײַן פריִערדיקער קוקן אויף איר האָט דאָך פשוט געקאָנט זײַן אַ קוק פון איינעם אויף אַן אַרײַנגעקומענעם מענטשן, דערצו נאָך אויף אַ פרוי, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן מיט אַ געשריי וועגן אַ צוגעגנבעטער בהמה... און אויך די איבעריקע לײַט וועגדן שוין דאָ מער קיין אַכט ניט אויף דער פויערטע, וואָס איז געקומען צום אַטאַמאַן קלאָגן זיך אויף זײַנע „סלאָוועטני כלאָפּצי״. זי ווייסט גאָר ניט, די אַלמנה פון ווילשאַנקער כוטער, אַז פאַר באַליידיקן און טרײַבן רכילות אויף זײַנע „רומפּולע יונגען״ הייסט ער, זיראַ־זירקאָ, געבן אויפן הוילן לײַב פינף און צוואַנציק שמיץ און שטייט דערבײַ אַליין, ווי דער טאַטע זײַנער, דער פריץ סטאַניסלאַוו באַגושעווסקי און קוקט צו און ציילט...

און אויך איר שאַרן זיך לענג־אויס דער וואַנט אַלץ נענטער צום אַטאַמאַן, צו זיראַ־זירקאָ, רופט שוין קיין שמייכל דאָ בײַ קיינעם ניט אַרויס — זי רוקט זיך דאָך, די נעבאָהאַ, אַלץ נענטער צו די שמיץ: דער אַטאַמאַן וואַרט נאָר אַז דער באַטיושקאַ זאָל אויפהערן דאָ צו פּריידיקן... אָבער דער יונגער גלח מיטן לענגלעכן בלייכן פנים רעדט אַלץ און רעדט, און דער עיקר טאַקע צו אים, צו זיראַ־זירקאָ:

— די גאַנצע נאַטור, מײַן זון, איז באַשאַפן געוואָרן פון גאָט און אין איר יסוד ליגט גוטסקייט און ליבשאַפט. די וועלט באַשטייט טאַקע פון ליכט און פינצטערניש, אָבער די פינצטערניש איז ניט קיין זעלבשטענדיקע זאַך, ס׳פעלט נאָר די ליכט אין איר... דער גרויסער געראַנגל צווישן גוטס און שלעכטס גייט ניט, מײַן זון, אין די ספערן, נאָר דאָ אויף דער ערד, אין דעם מענטשן גופא... אין דעם מענטשן ראַנגלען זיך צוויי נשמות...

— יאָ, הייליקער פאָטער, — שרײַט פּלוצעם אויס די גרויסשטאָטישע, די שיינע בלאָנדע פרוי. — יאָ, הייליקער פאָטער, יאָ! יאָ! יאָ!

— און ס'גייט דאָרטן, טאָכטער מײַנע, — רעדט שוין דער גלח צו דער פרוי, וואָס פון איר געשריי איז ער שוין גאָר ווײַס געוואָרן, — אַ שווערער געראַנגל אינעם מענטשן. ס'גייט אַן אומברחמנותדיקער געראַנגל צווישן די צוויי נשמות וואָס אין דעם מענטשן — דער פינצטערער און דער ליכטיקער. און דער מענטש האָט די פרײַע בחירה, דעם פרײַען אויסקלײַב. ער, טאָכטער מײַנע, דער מענטש, איז דער הערשער איבער זײַנע צוויי קעמפנדיקע נשמות. די אויפפירונג פונעם מענטשן ווערט ניט באַשטימט פון פריִער אין הימל.

און דאָ קומט אַרײַן יענער, וואָס אין דעם ווײַסן פעלץ, אין דער גרוי־קאַראַקולנער פּאַפּאַכע מיטן רויטן ווערך, און שלאָגט איבער דעם גלח:

— אַטאַמאַן, די פערד זענען געזאָטלט און די מענטשן וואַרטן.

— האָבן שוין געזונגען די צווייטע הענער?

— געזונגען, אַטאַמאַן!

— איז צײַט... באַטקאָ! — הייבט זיך אויף זיראַ־זירקאָ און פרעגט בײַם קאַליקע, — גייסטו טאַקע ניט מיט אונדז?

— כ'האָב דאָך דיר, אַטאַמאַנע, שוין געזאָגט: אומשולדיקע מענטשן הרגע איך ניט.

— האַרנאָ, באַטקאָ, האַרנאָ! שיין, באַטקאָ, שיין!.. — און צום ווײַסן פעלץ: — פּאָ קאָניאַם! אויף די פערד! מיר'ן באַלד נאָך אַ מאָל אַ הוליע טאָן בײַ די זשידעס... טו זיך אָן, נאַטאַליאַ, — זאָגט ער צו דער בלאָנדער. — מיר'ן זיי געבן באַלד דאָרטן אַזוינס, אַז אַלע שדים וועלן זיך צעלויפן...

— זון מײַנער, — שטעלט זיך דער גלח אויף די פיס און הייבט אויף דעם צלם וואָס הענגט אים אויף דער ריאַסע, — זון מײַנער, גענוג צו פאַרגיסן מענטשלעך בלוט. איר האָט שוין יענע נאַכט גענוג געהוליעט. מיר טאָרן ניט פאַרגעסן אַז קריסטוס איז געקומען צו אונדז פון יידן. די ערשטע טרעגערס פון קריסטנטום זענען דאָך געווען זיי, די יידן. אמת, איבער זייער אײַנגעשפּאַרטקייט זענען זיי פאַרבליבן דאָס איינציקע ניט־קריסטלעכע פאָלק אין דער קריסטלעכער וועלט. אָבער, זון מײַנער...

— אָט דערפאַר טאַקע, וואָס ער איז געקומען פון די זשידעס, — שטופּט

ער אָפּ פון זיך, זיראַ־זירקאָ, דעם צלם. — דערפאַר טאַקע, האָב איך אים פּײַנט. איך האָב פּײַנט אָט יענעם, וואָס אויף אײַער קרייץ! שוין צוויי טויזנט יאָר ווי די וועלט קניט פאַרן פאַרגעטלעכטן זשיד. ער איז פונעם קרייץ ניט אַראָפּ און אומזיסט איז אײַער וואַרטן, אַז ער וועט זיך נאָך אַ מאָל באַווײַזן. ער וועט זיך ניט באַווײַזן!.. וויפל, פרעג איך אײַך, זאָגט, הייליקער פאָטער, וויפל דאַרפן מיר נאָך קניִען פאַר דעם טויטן זשיד? צוויי טויזנט יאָר האָבן מיר געקניט פאַרן גליליייער זשיד און פון הײַנט אָן וועלן מיר שוין דאַרפן קניִען פאַרן דײַטשישן זשיד, פאַר מאַרקסן! אויך אָט דער גאָט, קאַרל קריסטוס, האָט זײַנע צוועלף אַפּאָסטאָלן ייִדן. צוויי טויזנט יאָר לעקט איר ווי די הינט יעזוסעס בלוט...

— זון מײַנער, דו ביסט שיכּור. פון דיר רעדט דער שׂטן!

— אַך, ווי איך בין אים מקנא אָט דעם יודאַ! הוי, ווי איך בין אים מקנא! אָפּט שלאָף איך איבער אים ניט קיין נעכט. מיך מאַטערט, פאַר וואָס ער, יודאַ, און ניט איך בין דעמאָלט ניט געשטאַנען און ניט צוגעקוקט ווי מ׳קלאַפּט אים צו דעם גאָטס זון מיט צוויעכעס צום קרייץ? ניט יעזוס איז גרויס, נאָר יודאַ! יודאַ איז גאָר גרויס! ברענגען אַ גאָט אויפן קרייץ און הערן ווי דער גאָט וויינט!..

— זון מײַנער...

— ניט פאַר יודאַן שנײַד איך זיי, די זשידעס, נאָר פאַר יעזוסן. מ׳האָט זיי תּמיד, אין אַלע צײַטן, געקוילעט, די זשידעס, ניט פאַר יודאַן, נאָר פאַר יעזוסן. פאַר יעזוסן האָט מען זיי פּײַנט, ניט פאַר יודאַן! יודאַ איז ניט מער ווי אַן אויסרייד, אַ זיסער ליגן!.. די שׂינאה פון דער וועלט צו די ייִדן איז דאָך ניט פאַר יודאַן, נאָר פאַר יעזוסן. מיר קאָנען זיי ניט מוחל זײַן, פאָטערל, וואָס אַ וועלט קניט זיך פאַר אַ גליליייער זשיד... ניט יעזוס איז גרויס, נאָר יודאַ! יודאַ איז מעכטיק — קרייציקן אַ גאָט! ניט יעזוס הערשט אין דער וועלט, נאָר יודאַ! יודאַ און קיִן! ביידע זענען גרויס! ביידע מיט פײַערדיקע נשמות! און פײַער, באַטיושקאַ, ווייסט ניט פון קיין גרענעצן און פון רחמנות. יודאַ און קיִן! אָבער יודאַ איז גאָר, גאָר גרויס — געקרייציקט אַ גאָט! אַפילו בײַם קרייציקן נעכטן דעם זשידאָווסקן אַלטן ראַבין, האָב איך געפילט...

און דאָ זענען זיי געקומען די דרײַ שאָסן — און כמעט אין איינער און דער זעלביקער רגע... די בלאָנדע האָט באַלד נאָכן אויסשיסן, אַליין אָ וואָרף געטאָן איר „ברוינינג״ אויפן טיש און יענער — אינעם ווײַסן פעלץ און מיטן רויטן ווערך אויף דער פּאַפּאַכע, האָט באַוויזן אָנכאַפּן סטיסיעס האַנט, צום דיל אַראָפּבייגן און די איבעריקע קוילן פון איר נאַגאַן זענען אין דער ערד אַרײַן.

אין דער געדיכט געוואָרענער הייסער שטילקייט — אַלעמענס צעגליטע אויגן וואָרפן זיך איבער די פּנימער פון די צוויי פרויען וואָס האָבן אין דעם אַטאַמאַן געשאָסן, דערעיקרשט אויף איר, אויף דעם אַטאַמאַנס פרוי, וואָס איז אומעטום, בײַ יעדער קער און ווענד, געווען בײַ אים די רעכטע האַנט. אין אָט דער גזלנישער שטילקייט דערהערט זיך דעם גלחס שוין גאָר פאַרלוירן־צעטומלט קול און דער זילבערנער צלם פאַלט פון זײַן האַנט אויף דער שוואַרצער ריאָסע:

— ער איז טויט!

אין אָט דער שטילקייט און צווישן אָט די אָ גליִענדיקע אויגן, ווי בײַ יענעם איינזאַם־אַלטן וואָלף, וואָס איז איר אויפן וועג אַהער געשטאַנען, דערזעט זי ווידער זײַן, אַלעס לעוואַדאַס, בליק און דאָס מאָל שוין ניט נאָר אַ פאַרחידושטן, נאָר שוין פּשוט אַ באַגײַסטערטן און אויך אַ שמייכל פון התפעלות. און שוין ניט אַזוי פונעם בליק ווי פון זײַן שמייכל, פילט זי ווי די פיס ברעכן זיך איר אונטער. באַלד וועט זי גאָר אין אַ שוואַרצקייט אַרײַנפאַלן. שפּאַרט זי צו דעם קאָפּ צו דער וואַנט און הערט זיך אײַן ווי זי פאַרוויגט איר נאָך גאָר קליינינקן יינגעלע: „אונטער זרחלס וויגעלע שטייט אַ קלאָר־ווײַס ציגעלע...״ און אויך דאָס ציגעלע דערזעט זי — ס׳איז געראָטן אין יענעם באָק־לעמעלע, וואָס איז נאָכגעלאָפן נאָך דער אָפּגעשווירענער נעכטן, נאָך גבריאלס ווײַב... זי אָטעמט שווער, סטיסיע באַיאַר, פירט אַלע מאָל מיטן טרוקענעם צונג איבער די פאַרדאַרט־געוואָרענע ליפּן, אָבער אירע אויגן לויכטן — ס׳שפּילט אין זיי די פרייד פון נצחון און גרייטקייט פון אויסשטיין אַלץ וואָס אויף איר גורל איז אויסגעפאַלן; אויף איר פּנים און אין אירע צונויפגעקלעמטע ציינער, יענער באַיאַרישער עקשנות וואָס זאָגט:

— אין בלוט, אין פײַער, נאָר מיך ברעכט מען ניט!

און די דרויסנטיר האָט זיך שוין מער ניט פֿאַרמאַכט און אויך די פענצ־טער, די ביז האַלב פֿאַרהאַטעטע אויף ווינטער מיט טרוקענע וואַלדבלעטער, זענען אויפגעריסן געוואָרן און די, וואָס זענען ביי זייערע אָנגעזאָטלטע פערד אויפן פראָסט געשטאַנען און מיט אומגעדולד אויפן אַטאַמאַנס אַרויסגיין פון שטוב געוואַרט — גרייט געווען צו לאָזן זיך אין גאַלאָפּ איבער די אָנגעשנייטע פעלדער: נאָך אַ מאָל אַ הוליע געבן דאָרטן, אין שטעטל, און מיט ברייטקייט און פון פולן האַרצן... דערהערנדיק אָבער וועגן זייער לערערס און וועג־ווייזערס טויט, האָבן זיי אויפגעבראַכט און אויפגעקאָכטע, טאַקע ממש אין אַ בראַנדפייער, זיך דורך טיר און פענצטער געשפאַרט, איינער איבערן אַנדערן געקראָכן און אין שטוב זיך אַריינגעשטעלט. ווייל קיין איינער פון זיי האָט זיך גאָר ניט געוואָלט גלייבן, אַז זייער שפיגל און צירונג, זייער העלד און שטערן*, איז אַזוי פלוצלינג און אַזוי אומגעריכט און דערצו נאָך פון אַ זשידאָווסקער קויל געפאַלן.

ווערט אָבער באַלד באַוווּסט און ווי אַ פייער אויפן ווינט צעטראָגן: דער אַטאַמאַן איז ניט פון דער זשידאָווסקער, נאָר פון דער אַטאַמאַנשעס, פון זיין ווייבס האַנט געפאַלן. קאָן מען עס פון אָנהייב און מ׳וויל זיך ס׳ניט גלייבן — נע מאָזשע צע בוטי, דאָס קאָן ניט זיין! נאָר דערנאָך, אַז דער באַטקאָ אַלעס לעוואַדאַ אַליין האָט געפּאָרשט, אויסגעקלאָרט און פעסטגע־שטעלט: פון די צוויי קוילן וואָס די זשידאָווקע האָט אויסגעשאָסן, האָט נאָר איינע אינעם אַטאַמאַן געטראָפן, אין אַקסל אַריין און די קויל האָט אים געקאָנט נאָר פאַרוווּנדן און דאָס אויך ניט שווער. די צווייטע קויל אירע איז אַוועק איבער זיין קאָפּ און דורך דער ראָם פון דער איקאָנע, פון דעם

---

* זירקאָ איז אויף אוקראַיניש אַ שטערן.

הייליקן מיקאָלאַ, אין דער וואַנט אַרײַן; דערהרגעט האָט אים זײַן ווײַב, די אַטאַמאַנשע, נאַטאַליאַ, וואָס איז לעם אים געשטאַנען און די רער פון איר „ברויניניג" אין זײַן אויער אַרײַנגערוקט און אין די געהירן אים אַרײַנגעשאָסן; ווערן זיי אַלע פשוט דערשטוינט און געפּלעפּט.

און דאָ, ס'איז נאָך גאָר קיין ווערטער ניטאָ פאַרן פאַרלאָפּענעם און געטראָפענעם, ס'קאָן זיך נאָך גאָר אין די מוחות ניט אײַנמאָסטען, די אויגן פון פאַרגאַפט־ און פאַרגלאָצטקייט, קריכן זיי ממש פון די קעפּ אַרויס; דאָ, טאַקע אין דער אָ צײַט, אויך אין איין אויגנבליק, דערזעט מען ווי די אַטאַמאַנשע טוט אַ פאַל פאַרן גלח אויף די קני, און מ'דערהערט:

— הייליקער פאָטער, איך וויל זיך מתוודה זײַן... ניין, ניין, טאַקע דאָ, דאָ! פאַר דיר און פאַר זיי אַלעמען. איך האָב געהרגעט מײַן ברודער. דער אַטאַמאַן זיראַ־זירקאָ איז געווען מײַן ברודער, מײַן איינציקער ברודער. איך בין אַ טאָכטער, אַ געזעצלעכע טאָכטער, פונעם גראַף סטאַניסלאַוו באָגו־שעווסקי... ער, זיראַ־זירקאָ, איז געווען זײַנער אַ ניט־געזעצלעכער זון, פון דער פּויערטע... ער איז געווען מײַן ברודער און מײַן מאַן. הייליקער פאָטער, וויין ניט און הער מיך! ער האָט מיך אַרײַנגעפירט אין אַ פינצטערניש און דאָרטן געטאָן מיט מיר אַלץ און אַזעלכס...

שוין פון די ערשטע רייד אירע בלײַבן אַלע — אַחוץ אים, אָלעס לעוואַדאַ, — געליימט און פאַרגולמט. אַפילו זי, סטיסיע, פאַרגעסט ווו זי געפינט זיך און וואָס ס'דערוואַרט איר דאָ, הגם ערגעץ ווײַט און טיף אין זיך הערט זי רופן און שרײַען טאַטע־מאַמע, דניאלקען און יצחקן, וואָס זוכן זי אַרום און ווייסן גאָרניט ווּהין זי איז אַהינגעקומען. און אויך דערמאָנט זי זיך — און דאָס איז שוין בכלל ניט צו באַנעמען, וואָס גראָד דאָ און איצטערט, אין אָט דער אָ לאַגע און צושטאַנד אירן, שטייענדיק צווישן דער קני̇ענדיקער אַטאַמאַנשע און אָלעס לעוואַדאַס בלישטשענדיקן וועגעלע, דערמאָנט זי זיך און דערזעט אַפילו יענעם לילאָוון פויגל, דעם דראָזד *, וועגן וועלכן נחומקע האָט איר דעמאָלטן, אויפן וועג פון די באָליאַרקער זומפּן, ליגנדיק אַ צע־ממיתטער אין וואָגן, שוין נאָכן שלאַקסרעגן, שוין בײַם שאַרי̇ען אויף טאָג,

---

* דראָסל.

מיט אַ מאָל, פֿאַרן גאַנצן וועג שווײַגן, גענומען איר דערציילן, ווי אַזוי אין זײַנע וואַנדערונגען מיט איינעם אַ מאָלער איבער מיטל־אַזיע, אויסבאַהאַלטנדיק זיך פֿון דער פּאָליציי און אָכראַנקע, האָט ער דאָרטן געטראָפֿן יענעם לילאָוון דראָזד, וואָס פֿון דער ווײַטנס זעט ער אויס כּמעט שוואַרץ, און ערשט שפּעטער, שוין פֿון דער נאָענט דערזען: דער פֿויגל איז אַ בלויער... אַ טונקל־בלויער מיט זילבער־פֿינקלענדיקע פֿליטערן. דאָרטן, אין די בערג, בײַ די וואַסערפֿאַלן און באַרגשטראָמען, אין דער ווילדעניש, ווו די וואַסערן פֿאַלן מיט אַזאַ קאָכעניש און רעש פֿון די הייכן; דאָרטן, און נאָר דאָרטן, האָט איר נחומקע דערציילט, לעבט ער דער בלויער פֿויגל... האָט זי פֿון דעמאָלטן און ביז הײַנט ניט פֿאַרשטאַנען צוליב וואָס ער האָט איר וועגן דעם דראָזד דערציילט; פֿאַר איר זענען די דראָזדן קיין נאָווינע ניט, זי קאָן זיי פֿון אַלע אירע יאָרן — זיי לעבן בײַ די טײַכן, אין די פֿײַכטע ערטער, אין די טאָלן. מער האָט ער שוין קיין מאָל וועגן יענעם דראָזד ניט גערעדט און אויך זי האָט וועגן דעם שוין לאַנג פֿאַרגעסן.

און הגם פֿון די צעעפֿנטע טיר־און־פֿענצטער יאָגט אַן אויסגעשטערנט־אָנגעשנייטע, אַ פֿאַרטאָגיקע האַרטפֿראָסטיקע קעלט, דאָך פֿעלט איר, סטיסיען, לופֿט; אָבער ניט אַזוי פֿונעם אַרומגערינגלט ווערן און אויך ניט אַזוי פֿון דער אַטאַמאַנשעס ווידוי, ווי פֿון דעם שטילן פֿײַף — אַ פּנים פֿון איינע פֿון די שטײַגעלעך אונטער דער סטעליע — ס׳פֿײַפֿט דאָ אַ פֿייגעלע ווי אַ דראָזד... און אפֿשר ניט אַזוי פֿונעם שטילן פֿײַף ווי פֿונעם שטילן הירזשע — ס׳רופֿט זי דער שפּאַק. אין אָט דער צעטומלטער פֿאַרגליווערטקייט וואָלט זי מסתּמא געקאָנט פֿון דאַנען אַנטרונען ווערן, פּרווון מעג זי דאָך, אָנווערן איז שוין סײַ ווי סײַ ניטאָ וואָס — איר גורל ליגט דאָך שוין בײַם סאַמע תּהום... אָבער לויפֿן טאָר זי ניט, מ׳וועט באַלד זיך לאָזן נאָך איר און זי, סטיסיע, וועט אַרײַנפֿירן די באַנדעס אין שטעטל אַרײַן.

און זי קוקט מיט פֿאַרדראָס אויפֿן אַטאַמאַן, אויף זיראַ־זירקאָן, וואָס האָט נעכטן בײַ נאַכט געקרייצט דעם אַלטן רב אויפֿן לינדנבוים, פֿאַר וואָס פֿוןביידע אירע קוילן האָט נאָר איינע אין אים געטראָפֿן און דערצו אין אָקסל אַרײַן — געקאָנט אים נאָר פֿאַרוווּנדיקן... ווי ער ליגט אַ טויטער מיטן אויסגעקרימטן, שוין געל־געוואָרענעם פּנים, די אויגן אָפֿענע, נאָך אַלץ בלויע

און ביז גאָר פאַרהידושטע; ווי ער ליגט אויפן בלאָטיקן דיל צווישן גלח און דער קני:ענדיקער ווייַב־און־שוועסטער זייַנער, דער אַטאַמאַנשע, וואָס וואַרגט זיך מיט אירע וויסט־און־פינצטערע ווערטער:

— ער האָט מיך, הייליקער פאָטער, געלערנט אַרויסגיין פון זיך אַליין... פון דער אייגענער הויט — פונעם מענטשן! אַרויסגיין און אַריבערשפּאַנען אַלע גרענעצן און פאַרצאַמונגען פאַר בושה, חרפה, ורחמנות. פאַר דער נאַטור, האָט ער מיך געלערנט, איז דאָך קיין גרענעצן ניטאָ — פאַרפלייצונגען, הונדערטער טויזנטער מענטשן ווערן אַראָפּגעשווענקט מיט זייער האָב־און־גוטס פון דער ערד; ערדציטערנישן, ווו ס׳ווערן חרוב שטעט און לענדער, פון הימל פאַלן שטיינער...

די בלאָנדע וויגט זיך אַזוי, ווי די ווינטן וואָס יאָגן דורך די אויפגעריסענע פענצטער וועלן זי באַלד אומוואַרפן. דער יונגער גלח, — אין זייַנע פאַרטרערטע אויגן פאַרלאָרנקייט, רחמנות און שטוינונג, וויגט זיך אויך — ער האַלט זיך שוין אויך קוים אויף די פיס, נעמט אָבער דער אַטאַמאַנשעס ביידע הענט, ווייַל זי זוכט מיט זיי אַן אָנשפּאַר:

— ניט דעם גוף, הייליקער פאָטער, האָט ער מיך געלערנט, דאַרף מען אַרויספירן פון דער נאַטור... דעם גוף דאַרף מען נאָר אומקערן צו זייַן פרייַקייט, צו זייַן נאַקעטקייט, ווי דעם בוים אין פעלד... ניט דעם גוף, נאָר די נשמה, דער עיקר די נשמה דאַרף מען אַרויספירן פון דער נאַטור. מיט זייַן לייַב קאָן דער מענטש טאָן וואָס ער וויל. דעם קערפּער קאָן מען צוגעוווינען צו אַלצדינג. פאַראַן אין אינדיע מענטשן וואָס קאָנען גיין מיט באָרוועסע פיס איבער גלאָז, האַלטן די האַנט אויפן פייַער — און קיין וויי טיק ניט פילן. ניט דעם גוף, נאָר די נשמה דאַרף מען קאָנען האַלטן אויפן פייַער, אויפן פלאַקער־פייַער, אויפן בראַנדפייַער... מ׳דאַרף זי פירן, די נשמה, איבער שאַרפע צוויעכעס, איבער וועגן מיט אָנגעשאָטענעם גלאָז... און ווען כ׳האָב געבוירן פון אים דאָס קינד, האָט ער מיר געהייסן עס אַרויספירן אין וואַלד און עס אַרויסוואַרפן דאָרטן אויפן פראָסט, אין שניי אַרייַן... און איך האָב עס, הייליקער פאָטער, געטאָן...

דערהערט ווי זי אַליין, די אַטאַמאַנשע, האָט איר אייגן קינד, טאַקע באַלד נאָכן געבוירן ווערן, אין וואַלד אַרויסגעפירט און עס אין שניי אַ לעבעדיקס

אַרײַנגעוואָרפֿן, קאָנען זיי שוין אַזױנס און אַזעלכס, אַזאַ געפֿאַלנקייט און פֿאַרדאַרבנקייט, גיט איבערטראָגן און ס׳רײַסט זיך אַרויס אַ מין געבריל: אַ צװיג אַפֿילו, אַז מ׳דערטריגקט אירע הינטעלעך, װױעט זי אױך אַ גאַנצע נאַכט! — נאָר דער באַטקאָ אָלעס לעװאַדאַ טוט זיך אַ דריי אויס אויפֿן װעגעלע און סע שטעלט זיך װידער אײַן די פֿריִערדיקע קאָכיקע שטילקייט. פֿונעם שװערן און הייסן אָטעמען אויפֿן פֿראָסט, װאָס יאָגט פֿון די אָפֿענע פֿעלדער אין שטוב אַרײַן, װערן די אַראָפּהענגענדיקע אויסגעכאָליעטע װאָנצעס באַדעקט מיט אַ פּוכיקן פֿרירטוי און מיט בליציקע אײַזקײַלעכלעך.

— און דער מענטש, הייליקער פֿאָטער, איז אַלץ מער און מער אין מיר געזונקען, ביז ער איז אין גאַנצן פֿון מיר אַרויס. כ׳בין געבליבן אָן דער נשמה, נאָר מיטן לײַב — מיט דער פֿליישיקער תּאווה, מיטן הוילן געװוס. און איך האָב שוין מער ניט געקאָנט שטילן מײַן לײַב מיט פֿאַרגעניגנס. אַלע מאָל באַדאַרפֿט אַן אַנדערן, און יענער איז אויך באַלד אָפּגעטעמפּט געװאָרן און כ׳האָב זיך װידער באַדאַרפֿט שאַרפֿן אויף אַן אַנדער שאַרפֿשטײן. ניט געװען שוין פֿאַר מיר קיין בושה און קיין חרפּה, קיין שיינקייט און מיאוסקייט, כ׳בין געשלאָפֿן מיט מאַנצבילן אין פֿעלד אויף דער זון, פֿאַר די אויגן פֿון אַנדערע און אויך אויפֿן טיש צװישן די פֿלעשער װײַן בײַ דער שײַן פֿון די אָנגעצונדענע קאָלירטע ליכט...

זי נעמט אַרויס אירע הענט פֿונעם גלחס און ציט זיי אויס צו די אָרום איר שטייענדיקע. סטיסיע באַיאַר, שוין אַ צוגעשפּאַרטע צום װעגעלע פֿונעם קאַליקע, װאָס קוקט שוין נאָר אויף דער אַטאַמאַנשע, לאָזט ניט אַז פֿון אירע רייד זאָל אַפֿילו אַ קלאַנג פֿאַר אים פֿאַרלאָרן גיין; זי, סטיסיע, שוין אַן אײַנגעשטילטע, אַ גליקלעכע, װאָס זי האָט אין זיך כּוחות געפֿונען און אַהער צו געקומען און אין זיי געשאָסן... איז פֿון דער אַטאַמאַנשעס װידוי מבֿולבל און דערשראָקן: איז דען פֿאַראַן אַזאַ װעלט אויך? און זי קאָן ניט אָפּפֿירן אירע אויגן פֿון דער בלאָנדער שיינהייט, באַזונדערש פֿון אירע הענט — װוּנדערלעך שיין געטאָקטע, אין די עלנבויגנס צאַרטע חן־גריבעלעך און די פֿינגער אירע — דינע, צאַפּלדיקע, רוען קיין רגע ניט; ס׳דאַכט, אַז דער גאַנצער װייטיק און חרטה פֿון דער אַטאַמאַנשע, װאָס האָט געלעבט מיט איר

ברודער און געהאַט פון אים אַ קינד, גייט איר איצטער פון די אומרויִקע פינגער:

— הייליקער פאָטער, מער קאָן איך שוין אַזוי ניט לעבן. ווײַטער קאָן איך שוין דאָרטן, אין דער וויסטעניש ניט זײַן. פון דאָרטן שרײַט צו מיר אין די נעכט פון יענע שנייען מײַן קינד, מײַן בלוטשאַנד. פיר מיך אַהין, הייליקער פאָטער, צוריק אין דער נאַטור, ברענג אין מיר אַרײַן צוריק דעם מענטשן, די פרוי. קער מיר אום די בענקשאַפט נאָך שיינקייט, גיב מיר אָפּ דעם טרוים. נעם מיך אַרויס, הייליקער פאָטער, פון דער פינצטערניש און פיר מיך אַרײַן אין דער ליכטעניש...

— נו, גענוג, — טוט דער באַטקאָ אַלעס לעוואַדאַ אַ פאָר מיט זײַן וועגעלע נעענטער צו דער אויף די קני שטייענדיקער אַטאַמאַנשע. — פאַרן שיסן אין דײַן מאַן און ברודער און באַזונדערש פאַר דײַן ווידוי קומט דיר, אַז מיר אַלע זאָלן דאָ בייגן די קעפּ פאַר דיר. נאָר פון יענער פינצטערניש אין וועלכער ביסט אַליין אַרײַן, קאָן דיך שוין קיינער ניט אַרויספירן — אַ קראָט קאָן ניט לעבן אויף דער זון...

און אויף זײַן ווונק פירט מען אים צוריק אויפן פריִערדיקן אָרט, צום טיש:

— הערט קינדער פון דער אוקראַיִנישער ערד מײַנע רייד: ער, אָט דער זיראַ־זירקאָ, וואָס ליגט אויף דער בלאָטיקער פּאָדלאָגע אין זײַן שוואַרצן בלוט, ער איז געווען צווישן אונדז אַ פרעמדער. מיר שטאַמען פון קריפּאַקעס, פון געשמיסענע פּויערים, און ער פון פריצים, פון גראַפן. ער האָט זיך געשעמט מיט זײַן מאַמע דער פּויערטע. נאָר איצטער, ווערנדיק אַן אַטאַמאַן, אַ זיראַ־זירקאָ, האָט ער פאַר אײַך אַרויסגעשטעלט זײַן מאַמע, די נײַמיטשקע. ער האָט געוואָלט האָבן אַ פאַנסקע אוקראַיִנע אונטערן צאַרישן אָדלער! און מיר, בראַטי מאָי ליובי, ברידער מײַנע ליבע, פאַרגיסן בלוט פאַר אַ פּויערשער מלוכה, פאַר אַ זעלבשטענדיקער אוקראַיִנע. פאַר אַזאַ אוקראַיִנע אַז מיר, אונדזערע זין און טעכטער, און אונדזערע אייניקלעך און אוראייניקלעך זאָלן זײַן בעלי־בתּים איבער אונדזער לאַנד, איבער אונדזער פעלד און סאַד, איבער אונדזערע שאָף און רינד, איבער אונדזער ליד און לשון... די באָגור־שעווסקיס, ברידער מײַנע ליבע, האָבן געשמיסן אונדזערע זיידעס, פאַרגעסט

עס ניט קינדער מײַנע! איך געדענק נאָך מײַן געשמיסענעם זיידן, וואָס איז דערנאָך פון טרערן בלינד געוואָרן. שלעפּט אים אַרויס פון דאַנען, דעם באָגור־שעווסקיס ווירדאַק. פירט אים צו די יאַרן און וואַרפט אים דאָרטן אַרויס, דעם צאַרסקן פאַלקאָווניק, פאַר די וועלף... און זי, די אַטאַמאַנשע, זי נעמט אויך מיט אַהין, שטעלט זי דאָרטן אַוועק אויף די קני מיטן פּנים צום קלויס־טער און צעשיסט זי!

פאַר סטיסיעס אויגן נעמט אַלצדינג לויפן ווי זי וואָלט מיט דער באַן געפאָרן און דורכן פענצטער אין דער נאַכט אַרויסגעקוקט און פאַרבײַ־שווינדלט דורך אַן אַנטקעגנדיקער צוג מיט בליציקע וואַגאַן־פענצטער... זי דאַרף זיך שוין אָנשטרענגען ביז זי דערזעט זיך ווידער אין דער שטוב מיט די אָפענע טיר־ און פענצטער אין דער נאַכט אַרײַן, ווו ניט ווײַט דאָ רופט זי מיט זײַן שטילן הירזשען דער שפּאַק, דערזען זיך צווישן די באַנדיטן מיט די אָנגעפּרוירענע וואָנצעס, און אין אָט דער שווער־אָטעמענדיקער און ריחותדיקער שטילקייט דערהערן, כמעט אונטער איר אויער, דאָס לאַכנדיקע קול פונעם ווײַסן פעלץ מיטן רויטן ווערך אויף דער גרוי־קאַראַקולנער פּאַפּאַכע:

— באַטקאָ, אפשר שוין אין איין וועג מיטנעמען אויך זי אַהין, די זשידאָווקע?

— ניין, מיט איר שפּעטער. וואַנאַ זאַווסים דרוגאַ ספּראַוואַ, זי איז גאָר אַן אַנדער ענין... פאַר איר האָב איך אַן אַנדער שטראָף. — און ער דרייט אויס דעם קאָפּ צו סטיסיען און גייט ווידער דורך מיט זײַן ניט־פאַרשטענד־לעכן, מיט דעם ניט־דערזאָגטן בליק איבער איר פּנים. ענטפערט זי אים, סטיסיע באַיאַר, אויף זײַנע רייד און דער עיקר אויף זײַן שאָטנדיקן בליק:

— מיך, באַטקאָ, האָסטו ניט וואָס צו שרעקן. איך האָב געוווּסט צוליב וואָס און אויף וואָס איך גיי אַהער. מיר טוט נאָר ווײ, וואָס ניט מײַן קויל, נאָר דער אַטאַמאַנשעס האָט אים דערהרגעט.

פון סטיסיעס רייד און רויִקייט הייבט דער באַטקאָ לעוואַדאַ דערשטוינט די אַקסל און צעפּירט מיט די הענט:

— אַ מאָדנע פרוי! — און שוין ניט־הערנדיק ווײַטער סטיסיעס רייד, באַפעלט ער דעם ווײַסן פעלץ: אַרויסטראָגן פון דאַנען דעם פּאָדליוגע, דעם

אויסוווּרף און אויך מיטנעמען זײַן שוועסטער־ווײַב, די גראַפיניע־אַטאַמאַנשע.

— זון מײַנער — שטעלט זיך דאָ דער גלח צווישן אַלעס לעוואַדאַ און דער אַטאַמאַנשע. — מ׳דאַרף איר מוחל זײַן! זי איז דורכגעגאַנגען דורכן פײַער פוןליידן. יעדער מענטש קאָן פאַלן זייער טיף און דערנאָך זיך אויפהייבן זייער הויך. איר נשמה לעבט נאָך און בענקט נאָכן געטלעכן ליכט, נאָכן ליכט, וואָס האָט ניט קיין שוואַרצע און ניט קיין רויטע רויכן. זון מײַנער, מ׳דאַרף איר מוחל זײַן, ער האָט זי פאַרפירט...

— און מײַן טאַטע, באַטיושקאַ, האָט פאַרפירט מײַן ווײַב... און ווער האָט פאַרפירט מײַן טאַטן?

— דער שׂטן, זון מײַנער.

— אויב אַזוי, באַטיושקאַ, זענען ניטאָ קיין שולדיקע אויף דער וועלט. איז קיין ניט שולדיק, און יודאַ איז ניט שולדיק. דער שׂטן, דער פאַרפירער, איז שולדיק? אומעטום איז שולדיק דער סאַטאַנאַ?.. און ווי וועט עס זײַן, באַטיושקאַ, מיטן פרײַען אויסוויל, און מיט דעם, אַז פון הימל ווערט ניט אָנגעצייכנט די אויפפירונג פונעם מענטשן אויף דער ערד? אַרכיפּ, נעמט זי, די נעבעך פאַרפירטע! אַז מ׳וויל ניט, באַטיושקאַ, פאַרפירט מען ניט! פירט זי אַרויס צום יאַר, שטעלט זי דאָרט אַוועק אויף די קני מיטן פּנים צום קלויסטער און צעשיסט זי. זאָל זי האָבן פאַר אירע ליידן דעם הימלישן קיניגרײַך! — און ער האָט זיך פרום איבערגעצלמט דער קאַליקע, אַלעס לעוואַדאַ.

און קיינער האָט זיך שוין מער ניט אײַנגעשטעלט פאַר דער אַטאַמאַנשע, וואָס ערשט פריִער מיט אַ שעה איז יעדער איינער דאָ גרייט געווען פאַר איר צו קריכן אויף אַלע פיר אין פײַער אַרײַן. און אַלע האָבן שווײַגנדיק צוגעקוקט, ווי דער ווײַסער פעלץ הייבט אויף די אָן לשון־געבליבענע אַטאַמאַנשע אונטער די הענט, און שלעפּט זי פון שטוב אַרויס. דער גלח איז מיט אַ וויינענדיקן קרעכץ געפאַלן אויפן בענקל און מיט די הענט פאַרשטעלט די אויגן.

— און איצטער, קינדער מײַנע, גרויסע זין פון דער ערד אוקראַיִנער, אַצינד הערט ווײַטער וואָס איך וועל אײַך זאָגן: ווער פון זיראַ־זירקאָס מענטשן וויל בײַ מיר בלײַבן און זיך שלאָגן פאַר דער פויערשער מלוכה —

אַ פּאַנעס און אַן מאַסקאַלן, — דער זאָל זיך שטעלן אין מײַן רעכטער האַנט, און ווער ס׳וויל ניט — אין מײַן לינקער! און זאָל ער אָוועקלייגן צום וואַנט דאָס געווער און גיין צו דעם ווײַב און צו די קינדער, צו זײַן שוואַרצברעמיקער, צו טאַטע־מאַמע, צו זײַן אַקער און מער ניט פֿאַרפּלעקן די אוקראַיִנישע ערד און דאָס אוקראַיִנישע פֿאָלק מיט פֿאַרדאַרבענע מעשׂים, מיט מיאוסקייטן און קריוודעס. האָבן אַלע געהערט מײַנע רייד, קינדער מײַנע?

— געהערט, באַטקאָ!

— מיר האָבן געהערט!

אַלעס לעוואַדאַ פֿאַרענדיקט דרייען דאָס ציגנפּיסל, שיט אַן אַהין מאַכאָרקע, וואַרט מ׳זאָל אים ברענגען פֿײַער אויף צורייכערן און קוקט צופֿרידענערהייט ווי זיראַ־זירקאָס שותּפֿים, אַפֿילו די גאַר געטרײַע, פֿון די צאַרישע אָפֿיצירן און דאָנער קאָזאַקן, אויך די, איבערשטעלנדיק געהיט די שטיוול אַרום דעם טויטן אַטאַמאַן, נעמען אַריבערגיין אין זײַן רעכטער האַנט. ווייסט ער, דער באַטקאָ לעוואַדאַ: זיי טאָר מען ניט גלייבן... און ווען מ׳דערלאַנגט אים אויפֿן געמאָלט־פּסחדיקן טעלערל די גליִענדיקע קויל פֿון אויוון, רייכערט ער צו און זאָגט:

— אַט די אַלע זשידאָווסקע כּלים זאָלן צונויפֿגענומען ווערן און מ׳זאָל זיי אומקערן אין שטעטל. דעם פֿויער קאָן אַזעלכעס צו גאָרנישט ניט ניצן!.. און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿאַרובאַק? — פֿרעגט ער אויפֿן יינגל וואָס איז פֿון דרויסן אין שטוב אַרײַנגעפֿירט געוואָרן.

— אַ זשידאָקל, באַטקאָ, פֿון שטעטל.

— ווו האָט איר אים געכאַפּט?

— דניאלקע... — רעדט סטיסיע קוים אַרויס. — דניאלקע?!

— דו קענסט אים דען? — פֿרעגט בײַ איר דער באַטקאָ לעוואַדאַ.

— איך קען אים... איך קען אים... באַטקאָ, מיט מיר קאָנסטו טאָן וואָס דײַן האַרץ גלוסט, נאָר דעם יינגל ריר ניט אָן! זײַן מאַמע האָבן אײַערע באַגראָבן לעבעדיקערהייט אין וואַלד.

— ווער?

— די זעלביקע וואָס האָבן מײַן קינד אָנגענומען פֿאַר די פּיסלעך, צעהוידעט, און געשלאָגן מיטן קעפּל אין וואַנט אַרײַן, אײַערע, באַטקאָ,

איַיערע, וואָס האָבן אַריַינגעשטאָכן מיַין מאַן דעם מעסער אין רוקן אַריַין און דערנאָך אונטערגעצונדן די שטוב.

— און דיַין חלום איז דאָרטן פאַרברענט געוואָרן?

זי ענטפעט אים ניט און טוליעט צו זיך דניאַלקען, וואָס איז צו איר צוגעלאָפן. פונעם יִנגלס קומען אַהער ווערט זי פאַרלוירן און דערשיטערט. שוין פון לאַנג געוווּסט — אויף דעם האָט איר גאַר נחומקע די אויגן געעפנט — און דערנאָך אַליין אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם יִנגלס האַלטן און אויפֿפירן זיך ביַי זיי אין שטוב, ווו נחומקע האָט מיט אים געלערנט און אים שטאַרק ליב געהאַט פאַרן שאַרפן מוח, פאַרן גיכן אויפכאַפן און אויפנעמען, פאַר זיַין חידושדיקן זכרון און דער עיקר פאַר זיַין צאַרטקייט און פיַיער־דיקייט, פאַר זיַין ביַיטן זיך אין פנים בעת די זון זעצט זיך, בעת אַ זאַווערוכע, פאַר זיַין אויפגערודערט ווערן פון אַ גויִיש לידל אונטער די סטרונעס פון אַ באַנדורע; ער, נחומקע, פלעג איר אָפט זאָגן: ביַי די באַיאַרס וואַקסט אַ שיינער בוים! — די לעצטע צײַט איז אָבער דאָס יִנגל געוואָרן ניט צו דערקענען: פון טאָג צו טאָג פאַרביטן זיך צום ערגערן — אויפגעהערט לערנען, ניט געוואָלט מער גיין מיט נחומען אין די פאַרנאַכטן אין פעלד אַריַין שפּאַצירן און שמועסן; אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַגענער, אַ ניט־היגער, ניט געגעסן און ניט געשלאָפן, און צוריק מיט צוויי וואָכן, ביַי נאַכט, גאָר אַנטלאָפן צו דער מאַמע. האָבן ביידע, זי מיט נחומען, געהאַט דערפון גרויס עגמת־נפש און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. הגם זי האָט געוווּסט אַז דניאַלקע איז אין איר פאַרליבט און מיטן גרויסן כּוח פון דער ערשטער ליבע, וואָס איז ריין, ווי אַן ערשט געפּלאַצטער קנאָספּ אין פרי פון יאָר, דאָך האָט זיַין לויפן אַהער צו נאָך איר, צו זיראַ־זירקאָ, אויף אַ זיכערן טויט, זי אויפגע־טרייסלט אַזוי, ווי נאָך קיין מאָל ניט אין איר לעבן, אַפילו ניט דעמאָלטן ווען זי האָט געפונען איר לעבעדיקן חלום ביַי די באַליאַרקער זומפּן.

— באַטקאָ, — כאַפּט זיך אַן סטיסיע מיט ביידע הענט פאַר זיַין וועגעלע, ווי פריִער דאָרטן, אין דער טשערנאָבילער קלויז, פאַר די טירלעך פון אָרון־קודש. — באַטקאָ, איך וועל אָפּפירן דאָס יִנגל און זיך באַלד אומקערן צוריק אַהער. ס׳וועט לאַנג ניט געדויערן, איך בין דאָ מיט מיַין פערד...

— טאַקע מיט יענעם פערד?

— יאָ, באַטקאָ, מיט יענעם.

— פאַר וואָס, — דרייט ער מיט אַ מאָל אָפּ פון איר דעם קאָפּ און פרעגט ביי זייַנע: — פאַר וואָס טראָגט מען ניט אַרויס פון שטוב דעם געהרגעטן אַטאַמאַן? וואָס היַיעט ער זיך דאָרטן אַזוי לאַנג אַרכיפּ?

— באַטקאָ, ער איז מיט דער אַטאַמאַנשע אַנטלאָפן געוואָרן...

— יאַק צע טאַק? — הייבט זיך אַזש אונטער אַלעס לעוואַדאַ אויף זיַין וועגעלע. — וואָס הייסט?

— טאַק וואַנאַ, באַטקאָ, בולאָ, אַט אַזוי איז עס, באַטקאָ, געווען: ער האָט אַרויסגעפירט, אַרכיפּ, די אַטאַמאַנשע, אויסגעטאָן פון זיך און אָפּגעגעבן איר זיַין וויַיסן פעלץ, צוגעפירט זי צו די אָנגעזאָטלטע צוויי פערד, וואָס בײַם וואָגן היי, זי האָט זיך אויפגעזעצט אויף איר קאַשטאַן און אַרכיפּ אויפן אַטאַמאַנס גניאַדן, און ביידע זענען אַוועק פון דאָרף ווי פייַלן...

— ווּהין?

— ווער קאָן וויסן ווּהין?

— אין וועלכער ריכטונג, פרעג איך.

— אַהין, באַטקאָ, אַהין, צו דער הרעבליע, מײַבוט טודי, וויַיזט אויס אַהין, באַטקאָ, צום טשערניגאָווער שליאַך.

— אויף די פערד! דעריאַגן! גיב אַהער מײַן טאַטשאַנקע!

— און וואָס, באַטקאָ, טאָן מיט דער זשידאָווקע?

— נעכײַ אידע, זאָל זי גיין... נעכײַ. זאָל זי לעבן ווייַטער. אָבער שוין אָן חלומות, אָן טרוימען! זאָל זי לעבן אין איר טרויער און אין שרעק. זי ווייסט סײַ ווי וויַיט פון אונדזערע הענט ניט אַוועקגיין!

און אַלעס לעוואַדאַ איז אויף זיַין וועגעלע פון שטוב אַרויסגעפאָרן, באַלד אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף דער טאַטשאַנקע מיט די צוויי קוילן־וואָרפערס, אין דרײַ פײַערדיקע וויַיסע פערד געשפאַנט, און אין גיכן ווערט דער טומל און געדרודער, דאָס איבעררופן, איבערחזרן און איבערגעבן דעם באַטקאָס קאָמאַנדעס איבערגעריסן און נאָר פון אונטער די פערדישע געקאָוועטע קאָפּעטעס הילכט אָפּ אין דעם פאַרטאָג די פאַרפרוירענע ערד.

דאָס פײַער אין לאָמפּ פאַלט אום. פונעם היטעלע שטעקט נאָך אַרויס דער רויט־אָנגעברענטער קנויט. אין שטוב האַלט זיך שוין די שײַן נאָר אויף די

זיך וויגנדיקע פלעמלעך פון די איקאָנע־לאַמפּאַדעס — אַ שאָטנדיקע ליכט מיטן ריח פון קאַנאָפּליע־אייל. פון די אָפן־געבליבענע טיר־און־פענצטער גייט די באַזילבערטע קעלט, וואָס שויבערט דעם קאָפּ האָר פונעם געהרגעטן זיראַ־זירקאָ אויף דעם קויטיקן דיל, ביים יונגן גלחס פיס.

און אויפן טיש די איבערגעקערטע מאַקרעטעס, וואָס אָטעמען נאָך מיט וואַרעמען פעטס און די ליידיקע פלעשער וואָס קײַקלען און שלאָגן זיך אָן אין די בערגלעך הוילע און פונעם מאַרך אויסגעסמאָקעטע ווײַסע ביינער; די פולע פלעשער זענען אין די שוואַרצע זשופּאַנעס און אין די מאַלינאָווע שאַ־ראַוואַרעס אַרײַן... און קיינער קומט ניט די טיר־און־פענצטער פאַרמאַכן — דער יונגער גלח זיצט נאָך אין דרײַען געבויגן, מיט די הענט דעם פּנים פאַרשטעלט. און זי, סטיסיע, האַלט נאָך אַלץ אַרומגענומען ביי די אַקסלען דניאלקען און הערט ניט ווי ער בעט זיך בײַ איר:

— קומט, לאָמיר לויפן!

זי קוקט אויפן טויטן אַטאַמאַן, וואָס וואַלגערט זיך אויף דער ערד: אמת, ניט אירע שאָסן האָבן אים דערהרגעט, און יענער, דער ווײַסער פּעלץ מיטן רויטן ווערך, האָט טאַקע צוגענומען די אַטאַמאַנשע, די לוסטטאָכטער, און וועט פאַרנעמען זיראַ־זירקאָס אָרט... און אַוודאי איז אויף דעם באַטקאָס, אָלעס לעוואַדאָס, פּסק־דין פאַר איר אַ שרעקלעכער: זי וועט דאָך שוין טאַקע דאַרפן פאַרבלײַבן אין אַ לעבן אָן חלומות און אָן טרוימען; לעבן אין אַ וועלט פון בלוטיקע נעכטנס. אַ גאַנץ לעבן הערן זרחלס געשריי צו איר בעת מ׳האָט אים מיטן קאָפּ אין דער וואַנט געשלאָגן; און דערנאָך זײַן אַנטשוויגן ווערן... און דערביי אויך זען, סײַ מיט אָפענע און סײַ מיט פאַרמאַכטע אויגן די פאַרקוילטע ביינער אינעם ווײַסן פאַרטעך אירן; און דערצו נאָך אַרומגיין תּמיד אין שרעק איבער דער ערד און אָטעמען מיט דער לופט, ווי אַ לאַסקע און אַ גנאַד פון אָלעס לעוואַדאָס ליבן נאָמען... פון זײַנע הענט מיט דער יושרדיקער און רעכטפאַרטיקער האַק, וועט זי דאָך טאַקע ווײַט ניט קאָנען אַוועקגיין. און דאָ ערשט נעמט די גלאָז ספּירט איר שלאָגן מיט אַ היץ אין קאָפּ אַרײַן און אויך דער הונגער נעמט אויף איר הויערן ביז צום אומפאַלן; ציט זי די הענט אויס און נעמט פון טיש אַ געזאַלצענע אוגערקע און אויך אַ שטיק ברויט. און דער גלח הייבט זיך אויף פּלוצעם

אויף פון זײַן אָרט און גייט, וואַקלענדיק זיך, אַרום דעם מת, פֿאַרמאַכט די טיר און פֿענצטער, פֿאַרהאַלט זיך אויף אַ רגע לעם סטיסיען מיט דניאלקען, ווײַזט מיט די אויגן אויף דער באַנק: זיי זאָלן זיך זעצן און גייט דערנאָך ווײַטער, שטעלט זיך אַן אײַנגעבויגענער פֿאַר דער גרויסער באַגילדטער איקאָנע און נעמט תּפֿילה טאָן און זיך צלמען פֿאַר זײַן אָפּבילד... פֿאַרשטייט זי, סטיסיע, אַז דער גלח מיט זײַן מחילה פֿאַר דער אַטאַמאַנשע, פֿאַר דער געפֿאַלענער מאַגדאַלינאַ, און מיט זײַן ליבשאַפֿט „צום נאָענטן", האָט איר געעצהט איבערוואַרטן דאָ ביז ס'וועט טאָג ווערן, ווײַל ס'איז פֿאַר איר מיטן יינגל אַ סכּנה צו לאָזן זיך איצט אין וועג אַרײַן. אָבער זי נעמט ניט אָן זײַן עצה און טוט אַ וואָרף דאָס אָנגעביסענע ברויט און אוגערקע צוריק אויפֿן טיש און לאָזט זיך פֿון דניאלקען אַרויספֿירן פֿון שטוב אין דרויסן, וווּ איבערן דאָרף שטייט אַ משונה־ווײַסע שטילקייט — אַפֿילו די הינט בילן ניט.

און דאָך, נאָך אָט די צוויי מעת־לעת, האַלטנדיק זיך שוין קוים אויפֿן לעבן ווי אויף אַ טיף אונטערגעשניטענעם בוים, שוין ביז גאָר אויסגעשעפּט און אויסגעמאַטערט, שוין טאַקע באמת ווי אַ פֿיש אונטערן אײַז, וואָס ליגט אויפֿן דנאָ אַ פֿאַרשטאַרט און פֿאַרגליווערטער, האָט אין איר דאָך, אין סטיסיען, ווי אין אַלע באָיאַרס, וואָס אין זייערע ביינער רוט די ערד און ס'רוישן די וועלדער, אַרײַנגייענדיק אינעם אויסגעשנייטן פֿאַרטאָג, ווו די טאָפּאָלן שטייען פֿון דער ערד ביזן הימל אין אַזאַ געדיכט אויסגעשטערנטן פּרירטוי, גענומען שלאָגן אין איר אַ פֿרייד פֿאַרן נס, וואָס ס'האָט פֿאַרט מיט איר און מיט דניאלקען געטראָפֿן און ביידע זענען זיי פֿון אָט דער רוצחישער נעסט, שוין נאָך איר שיסן אין זיראַ־זירקאָן, מיטן לעבן אַרויס... און ס'נעמט אויך אויפֿגיין אין איר אויסגעליידיקט און פֿאַרוויסט האַרץ יענער באָיאַרישער בטחון און גלויבן אינעם לעבן און זי זאָגט שטיל צו זיך אַליין, מיט דער מומע ליבעס ווערטער: „איין מאָל אין טאָג אַ שטיקל ברויט עסן, נאָר אַרומגיין זומער אַ באָרוועסע איבערן גאָרטן"... און זי דאַרף דאָך טאַקע לעבן צוליב זיי, צוליב די אומגעבראַכטע: איר קינד און איר מאַן ווען לעבן אין איר, זי וועט זיי אין איר האַרצן אומעטום און תּמיד אַרומטראָגן, אויף קיין רגע זיך מיט זיי ניט שיידן און ניט אויפֿהערן מיט זיי צו ריידן; און אויך פֿאַר אים, און צוליב אים, דניאלקען, דאַרף זי לעבן, די מאַמע אים פֿאַרבײַטן:

דערציִען און כאָוועץ און העלפן וואַקסן דעם שיינעם באַיאַרישן בוים! און דער עיקר צוליב זײַן ליבע צו איר דאַרף זי לעבן. אָן אָט דער ליבע צו איר, קאָן ער איצט פאַרוועלקט און פאַרטריקנט ווערן. און אויך פאַר איר, פאַר סטיסיע באַיאַר, איז זײַן ליבשאַפט טײַער און ריין און הייליק ווי די פרײַטיק־צונאַכטיק געבענטשטע ליכט אין דעם פינצטער־ווינטערדיקן דאָרף. ער איז דאָך צוליב איר געלאָפן אַהער אויף אַ זיכערן טויט. און זי פילט אויף זיך דעם ייִנגלס פײַערדיק־שווײַגנדיקע גרויסע אויגן.

— דניאלקע, ווי אַזוי האָסטו זיך עס אויף דעם אײַנגעשטעלט, דניאלקע? זיי וואָלטן דאָך דיך אויך דערהרגעט, דניאלקע?

ער פירט אָפּ פון איר די אויגן מיט אַ קרומען שמייכל. איר דאַכט, זי זעט ווי ער איז בלייך געוואָרן.

— לאָמיר גיכער פאָרן — זאָגט ער, — זיי קאָנען אַלע קומען אַהער.

— זיי וועלן זיך שוין צום טויטן אַטאַמאַן ניט אומקערן. און דאָס דאָרף שלאָפט פון שיכּרות און מידקייט.

— ניט זיי, נאָר די באַיאַרס מיט דער סאַמאָבאָראָנע. אַברהם נעמט זיי דאָרטן צונויף.

— אַברהם איז דאָך אַזוי שווער פאַרווונדיקט. איז לאָמיר זיך זעצן אויפן פערד. גיב מיר דײַן האַנט, כ׳וועל דיר העלפן... דניאלקע, ער האָט דאָך מיר אַפילו איבערגעלאָזט דעם שפּאַק, דער באַטקאָ לעוואַדאַ. איז עס אַ נס, צי אַ קללה? ס׳איז דיר מיט אַ מאָל אַזוי קאַלט געוואָרן?

— יאָ, קאַלט. נאָר לאָמיר פאָרן דורכן וואַלד און רופן! אפשר וועט זי זיך אָפּרופן, די מאַמע. אפשר בלאָנדזשעט זי ערגעץ דאָרט אַרום?

— ניין, חיות מײַנער, די מאַמע בלאָנדזשעט ניט אַרום... — און זי גייט צו דער וואַנט, געפינט אונטער דער סטריכע הענגען אַ זאַק, נעמט אים אַראָפּ און וואַרפט אַרויף אויף דניאַלקעס אַקסלען.

און ביידע רײַטן אויף דעם ניט־פאַרצוימטן פערד, וואָס פירט מיט די אויערן און פון די נאָזלעכער שלאָגט אים אַ געדיכט־הייטע פאַרע; ער וואַרט ניט אַז סטיסיע זאָל אים מיטן קנאָפּל ריכטן דעם וועג אין שטעטל אַרײַן און פאַרנעמט אַליין אין אַ זײַט, מײַדט אויס דעם יאַר, ווו פריִער איז אים אויפן וועג אין לבנה־ליכט דער וואָלף געשטאַנען, — איינער פון יענע עלנטע

וועלף, וואָס אַנטלויפֿן אין אָנהייבווינטער פֿון זייער סטײַע, ניט אויפֿגעגעסן צו ווערן פֿון די קינדער — און וואַרפֿט ברייט און מיט פֿרייד די פּאָדערשטע פֿיס, ווי ער וואָלט געשווּומען, דער שפּאַק, איבער די ווייך־פּוכקע יונגע שנייען אונטער די העל־גרויסע וווּנדערלעך־שעמערירנדיקע גרין־רויטלעכע שטערן.

פּונעם וואַלד שוואַרצן זיך די שטאַמען און פֿון די פּאַרטאַגיקע בלויקייטן ווייעט נאָך מיט קאַלינע־ און קליוקווע־ריחות און ס׳גייט פֿון דאָרטן, פֿון די פּראָסטיק־אויסגעזילבערטע שטילקייטן, דער ווינטערדיקער וואַלד־ניגון.

זעקסטער בוך

א

און זי ווייסט שוין גוט, איווע באָיאַר, אַז אַצינד וועט זי אַוודאי פון איר גורל ניט קאָנען און ניט האָבן וווהין און צו וועמען לויפן און ערגעץ ווו זיך אויסבאַהאַלטן — אַפילו דער פיש אין ים וועט זי ניט אײַנשלינגען... און צו וועמען קאָן זי דען גיין, און ווי אַזוי וועט זי גאָר קאָנען עמעצנס לעבן אין סכּנה שטעלן? פון דער ערד ביז צו די הימלען שלאָגט דאָך מיט אַזאַ געדיכטן פּחד און פון די אָפן געבליבענע טירן, נאָך זייער אַוועקגיין, טראָגן זיך דערוואָרגן־צעבראָכענע און פאַרביטערט־אומבאַהאָלפענע ווײ־ און צער־געשרייען אין די פאַרשנייטע פאַרטאָגן אַרײַן; ניין, זי, איווע, וועט אין ערגעץ ניט לויפן: דער זכות פון אירע זיידעס, די רבנים, פון מאַמעס צד, און די קראַפט, און די ערדישע פרייד פון די באָיאַרס, זייער טיפער בטחון אין זיך און אין דער וועלט, וועט איר אויך איצטער בײַשטיין... מלכּה האָט ניט איבערגעטראָגן. אויך זי, מלכּה, ווי איר פעטער זכריה, דער בעל־פּינקס פון דער משפּחה, וואָס האָט פאַרן טויט — אַ צעשלאָגענער פון די פּויערים מיט די דרענגלעך — צונויפגערופן זײַנע פרי־געשטאָרבענע קינדער, זײַן יונג־געשטאָרבן ווײַב, געפּראַוועט פאַר זיי אַ מאָלצײַט, געטרונקען מיט זיי לחיים און דערנאָך מיט אַ גרויס געשריי אויסגעהויכט די נשמה... און אויך זי, מלכּה, אַזוי. נאָר פריִער איז זי געלעגן דרײַ מעת־לעת אויף דניאלס קבר — מ׳האָט ניט געקאָנט בשום־אופן פון דאַנען זי צונעמען — זי האָט אים דערציילט, דניאלן, ווי אַזוי מ׳האָט צוגענומען זייער איינציקן זון, שמואליקן, דעם רויטן קאָמאַנדיר, און אויך זײַן ווײַב, איוועס טאָכטער, און אויך זייער בת־יחידה, וואָס איז געווען אַ נאָמען נאָך אים, נאָך דניאלן, אויך זי, זייער איין־און־איינציק אייניקל, די שיינע, די שוואַרצאויגיקע דניאלהן מיט די קופּער־רויטע האָר, — דאָס פריש־אויפגייענדיקע פײַער פון דער משפּחה באָיאַר, אויך זי, דניאלהן, וואָס האָט זיך געוואָרפן מיט די ציין און נעגל

אויף די גרויע מאַקינטאָשן בײַם צונעמען איר טאַטע־מאַמע, אויך זי, די דרײַצן־יאָריקע, האָט מען גענומען און זי אויך אומגעבראַכט... אַלע דרײַ אומגעבראַכט... — אויפֿן דריטן טאָג, פֿאַר נאַכט, נאָכן קומען פֿונעם בית־עולם, האָט מלכּה געדעקט דעם טיש, אָנגעצונדן פֿינף ליכט, געשטעלט אַ שטרוי־געפֿלאָכטענעם בוטל ווישניאַק, פֿינף בעכערס: פֿאַר זיך, פֿאַר דניאלן, פֿאַר שמואליקן, פֿאַר טאַמאַרען און פֿאַרן אייניקל, פֿאַר דניאלהן. די בעכערס אָנגעגאָסן פֿול, געשטעלט פֿאַר איטלעכן פֿון זיי פֿאַרבײַסן, געטרונקען מיט יעדערן לחיים און דערנאָך אויסגעלאָשן די ליכט... און ווען אויף איר גרויסן געשריי זײַנען מענטשן אין שטוב אַרײַנגעלאָפֿן, האָט מען זי שוין געטראָפֿן מיטן טויטן קאָפּ אויפֿן טיש — דער ווײַסער טישטעך פֿון די איבערגעקערטע בעכערס ווישניאַק איז געווען טונקל־רויט, ווי אַ שקיעה נאָך מלכּהס פֿאַר־גיין... האָט דער ניט־געקריינטער נשׂיא פֿון דער משפּחה, דער טיפֿער זקן יצחק באַיאַר, זי מקבר געווען לעם דניאלן. געזאָגט דעם ערשטן קדיש אויף איר קבר. זי, מלכּה, ליגט לעם דניאלן... און ווהין וועלן אַהינקומען אירע, איוועס, בײַנער? וועט איר געביין, ווי אַדרײַאַנס, אויך פֿאַרוואַרפֿן ווערן ערגעץ אין די הרי־חושך? געדאַרפֿט דעמאָלטן, נאָך איר ערשטער פֿאַרשיקונג, אַוועקפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. דעמאָלטן האָט מען נאָך געקאָנט זיך אַרויס־רײַסן: דאָס פֿײַער אין גיהנום האָט נאָך אַזוי ניט געפֿלאַקערט.

און ווי נאָר די מיטערנאַכט מיט דעם גרויסן און קלאָרן, מיט דעם גרין־פֿלעמלדיקן שטערן דערגייט צו איר פֿענצטער אויפֿן זעקסטן גאָרן, אַזוי נעמט זי, איווע, וואַרטן אויף די בלאָע היטלען און אויף דעם איינעם צווישן זיי, וואָס אין דעם גרויען גאַבאַרדינער מאַקינטאָש... און שוין וואָכן אַזוי, — נאַכט נאָך נאַכט, אינעם אָנטאָן, גרייט צום ווײַטן וועג, וואָס פֿירט... ווהין? מיטן מאַנטל אויף די אַקסלען, שוין מיטן הילצערנעם קופֿערט בײַ די פֿיס, וואָס אין די אויסגעקרימטע, אָבער נאָך אין די שטאַרקע יוכטעווע שטיוול, וואָס עקיבא האָט פֿון זיך אַראָפּגענומען און זײ איר אָפּגעגעבן:

— נעם זיי, שוועסטער, נעם! דאָס כּישוף־וועגעלע דאַרף איך שוין אין ערגעץ ניט שלעפּן. פֿון מײַן כּישוף־וועגעלע איז מיר דאָך אַפֿילו קיין איין רעדל ניט פֿאַרבליבן. מײַן גאָלדן ציגעלע הענגט שוין פֿון לאַנג אויף די זילבערנע הערנער פֿונעם מולד... נעם זיי, איווע, מײַנע שטיוול, נעם זיי!

כ׳האָב שוין ניט וווהין צו גיין. איך, דער בײַנאַכטיקער שומר פונעם פאַר־לאָזטן בית־עלמין, וועל שוין יאַקאַש קאָנען שפּילן פאַר די מתים אויף מײַן אַלטן פידל אין די פאַרלאָטעטע וואַלינקעס. אין די וואַלינקעס איז שטילער דער גאַנג איבערן פּראָסטיקן שניי — זיי וועקן ניט און שרעקן ניט די מתים... די שטיוול האָב איך דיר אומישנע ניט פאַרריכט. אויף אויסגעקרימטע שטיוול וועט זיך קיינער ניט קוואַפּען... — און ער האָט איר איבערגעלאָזט אויפן טישל אַן אָקרײַעץ ברויט מיט אַ זאַקאַלעץ, אַן עפּל, און ווי יצחק באַיאַר זי אָנגעגומען העכער דעם עלנבויגן און שווײַגנדיק אַרויס.

זי האָט אים, איר ברודער, דעם געטרײַסטן און איבערגעגעבנסטן, ניט פאַרהאַלטן, ווײַל זי האָט געוווסט, איווע, אַז עקיבא לויפט איצט אַהין, צו זײַן טאַכטער, צו דאַלין, וואָס איז שוין אויף דער צײַט, און יענער, דער מומע ליבעס זון, דניאלקע, וועט זיך דאָרטן איינער אַליין קיין עצה ניט קאָנען געבן...

וועט זי אים נאָך אַ מאָל זען עקיבאַן, וואָס איז אַזוי ענלעך געוואָרן אויפן טאַטן, אויף גבריאלן, וואָס איז געפאַלן מיט דער האַק בײַם אָרון־קודש, וועט זיך נאָך אומקערן צו אים, צו עקיבאַן, זײַן אַמאָליקע פריילעכקייט, זײַן גרויסער גלויבן אינעם ייִדישן פאָלק, צי וועט ער, עקיבא, פאַלן ניט מיט דער האַק, נאָר מיט זײַן פידל צווישן די חרוב־געוואָרענע קברים?

דעם גלאָט־צוגעקעמטן קאָפּ האָר, מיטן דינעם שרונט אין מיטן, שוין מיט אַ זילבערנער פאַסמע, אָנגעשפּאַרט אויפן אַנלען פונעם דיוואַן, אַ האַלב פאַרטראָגענע, מיט הייסע אָפענע אויגן, הערט זי זיך צו צו די חוצפה־זיכערע טריט, וואָס דערנענטערן זיך, בלײַבן אויף אַ היפּשער ווײַלע שטיין, דערנאָך גייען זיי ווײַטער, צו דער אַנטקעגנאיבערדיקער, צו דער שכנותדיקער טיר, — מ׳קלאַפּט אַהין... מיט איר, מיט איווען, האָבן זיי נאָך אַלץ צײַט, זי דאַרף מען נאָך האַלטן אין וואַרטעניש, אין קלעמעניש, אין פאַרגליווערטקייט: זאָל זי נאָך אַלץ ניט וויסן ווו זי געפינט זיך און אויף וועלכער וועלט זי גייט אַרום. שטעלט זיך ווידער אַרום איר יענע טויטע שטילקייט, וואָס קילט איר דאָס בלוט אין די אָדערן. און מיט אַ מאָל, פונעם צווייטן עק קאָרידאָר, פון יענעם ווײַטן צימערל, אַן דעם פענצטער, דערטראָגט זיך סקריאַבינס מוזיק... דאָס שפּילט שוין די אַלטע מאַנאַשקע, — אַ שפּליטער פון אַ פירשטין־

פאַמיליע; די טעג זיצט זי אָפּ ביַים וולאַדימירער סאָבאָר, האָדעוועט דאָרטן מיט איר ביסן פון מויל די טויבן, פאַרקריכט אין די טויבנשלאַקן, ראַמט פון דאָרטן דאָס מיסט אַרויס, און אין די נעכט, ווי אַרום איר וואָלט גאָרנישט ניט פאָרגעקומען און געשען, שפּילט זי אויפן קלאַוויר, וואָס פאַרנעמט דעם גאַנצן שטח פון אירע דריַי איילן... זי פאַרמאָגט אַפילו קיין טיש און קיין בענקל ניט, שלאָפט אינעם צעבראָכענעם, אינעם צעריסן־אָפּגעבליאַקעוועטן פליושענעם פאָטעל; זי שפּילט, די מאַנאַשקע, אין דער פינצטער, אין די שפּעטע נאַכט־שעהען סקריאַבינען, וואָס האָט מיט זיַין מוזיק געוואָלט הייבן תּחית־המתים יעזוסן און אים ווידער אַראָפּברענגען אויף דער ערד.

פון יענעם עקשנותדיק־אומגעדולדיקן שפּילן, ווו ס'הערט זיך אַ מין ליבע־דאָרשטיקייט פון אַ חולה־נפש, פון יענערס פאַרביסענעם רופן און חלשן צווישן די קלאַנגען, גייט איוועץ אַ קעלט איבער די ביינער. און אויך פון דעם פאַרשנייט־אָנגעלבנהטן פענצטער שלאָגט אויף איר מיט ביטערקייט... דאָס נאַסע רויטלעכע האָלץ אין דער צעשפּאָלטן־קאַכלענער הרובע טליִעט קוים — מ'וואָלט באַדאַרפט אויפשלאָגן דאָס פיַיער און אַ קוק געבן פון וואַנען רייַסט זיך דער וויַיסלעכער רויך אַרויס... פונעם גרינעם עפּל, וואָס עקיבא האָט איבערגעלאָזט אונטערן עלעקטרישן פאַרגעלטן לעמפּל, טוט אויף איר אַ ווייע מיט האַרבסטיקע סעדער, מיט אַראָפּגעפאַלענע פאַרברוינטע שאָרכנדיקע בלעטער, מיט אַסטרעס און מיט יענע דריַי אָנגעבויגענע אָלכעס איבער איר טאַטנס ברונעם, דאָרטן, ביַים בערעזעווען וועלדל. און אירע ברייט־פונאַנדער־געעפנטע הייסע אויגן פאַלן אויף דניאלס צוויי בילדער, וואָס הענגען איבערן ביכער־שענקל, וווהין אַ פּאָר בלייך־לילאָווע פעדעם דערלאַנגען קוים אַהין־צו; אָבער איווע זעט און הערט גוט, ווי די רויטע בהמה מיטן אָפּגעבראָכענעם האָרן רעוועט דורך די שטאַכעטן צו די ערשטע פרי־פרילינגדיקע גראָזן אין פעלד אַריַין. באַזונדערס טרייסלט זי אויף דניאלס ניט־דערמאָלטער ליַיוונט, וואָס יצחק האָט אַזוי אומגעריכט געפונען אינעם איַינגעוואַלגערטן קעלער אונטער דער אָפּגעברענטער קרעטשמע: פון אַ הויכן באַרגאָפּריס ווו ס'שטייט אונטער אַ בלוי־ריינעם הימל אַ חגאדיק־אויסגעפּוצטער המון, אַלט און יונג, אין רויט־ברייטע הויזן, אין געקליאַרעוועטע ספּודניצעס, אָנגעבויגענע, מיט בלוט־אָנגעגאָסענע נאַקנס, קוקן זיי אַלע צו, ווי דער נאַר וואָס פונעם באַרג

אַראָפּגעוואָרפענער ייִד אינעם טלית, מיט די צוויי שטיינערנע לוחות צוגע־
בונדן אויף אַ שטריק צום האַלדז, פאַלט אין דער נידער, אין טײַך אַרײַן.
פון ווייטיק פאַרמאַכן זיך איר, איוועז, די אויגן. אָבער באַלד עפענען זיי זיך
איר צוריק אויף: דאָרטן, אָפּגעזונדערט און ווײַט פון דניאלס בילדער, הענגט
אויך יענער לײַוונט אַדריִאַנס, — די פּײַערדיקע רייפן...

און אין לינקן ווינקל, איבערן סוף־נאַכטיקן פענצטער, פלעמלט שוין דער
שטערן אין גסיסה, — אויך שטערן שטאַרבן. און דער וואַנטזייגער קלינגט
און זאָגט אָן: דער פאַרטאָג גייט און די שעה פון נעמען דערנענטערט זיך.
די טונקל־קופּערנע ווײַזערס שנײַדן מעת־לעתן אויף יסורים, און ערגעץ ווײַט
שרײַט ווידער אין די שנייען אַ פאַרוווּנדיקט פערד.

דעמאָלטן, אין יענער שׂרפה־נאַכט, בײַ איר יציאת־לאַנדע, האָט אין דעם
שניי־בוראַן אויך געשריִען אַ פערד. און שפּעטער, אין די פּאָגראָמנעכט,
ווען זי איז דרײַ מעת־לעת פונעם אָפּעראַציע־טיש ניט אָפּגעגאַנגען, דורך
די געפּלאַצטע שויבן האָבן געשלאָגן שוואַרצע שׂרפה־פלאַמען און גוואַלד־
געשרייען, די יללות זײַנען געגאַנגען פונעם דניעפּער, ווו מ׳האָט ייִדן, ווי
קלעצער געוואָרפן אין די אויסגעהאַקטע פּאָלאָנקעס מיטן קאָפּ אַראָפּ, אונטערן
אײַז, אין וואַסער אַרײַן; אין יענע דרײַ שחיטה־טעג, באַזונדערס אין דער
נײַיאָר־נאַכט, שוין נאָך דעם ווי זי, שיפרה, האָט אָפּגעגעבן איר לעבעדיק
נײַ־געבוירן קינד דער פויערטע און אַליין געבליבן ליגן מיט יענערס טויט
קינד אויפן האַרצן... אין יענער נאַכט האָט אויך אינעם אָנגעשנייטן פּאַרק
געשריִען מיט די לעצטע כּוחות אַ פערד.

אין יענעם פאַרטאָג זײַנען אַרײַן די ר ו י ט ע און איר טאָכטער, טאַ־
מאַראַ, דער קאָמיסאַר, אינעם שינעל, מיט דער פּאַפּאַכע אויפן קאָפּ, איז
געקומען נאָך איר, נאָך איוועז, געוואָלט זי, די מאַמע, פון שפּיטאָל אויף
אַ פּאָר שעה צו זיך נעמען, אָבער איווע האָט ניט געקאָנט פון שפּיטאָל
אַוועקגיין, זי האָט די טאָכטער נאָר אין דרויסן אַרויסבאַגלייט, און דאָרטן
דערזען, ווי טאַמאַראַ, דערהערנדיק דעם פערדגעשריי צווישן די דערבײַיִקע
סאָסנעס, האָט אַהין אַ פּאָר טריט געשטעלט, באַטראַכט בײַם זילבער־פּאַר־
טוייִקטן פערד די אַראָפּהענגענדיקע קאָפּיטע פון דעם פעדערשטן פוס, אַרויס־
גענומען פון דער קאַבורע דעם רעוואָלווער און אַרײַנגעשאָסן צוויי קוילן אין

דעם שוואַרצן פּלעק, וואָס צווישן די צוויי ראָזלעך־פֿאַרטרערטע גרויסע אויגן, — דאָס פֿערד האָט זיך גלייַך אַ וואַלגער געטאָן אויף די קני און דער לאַנג־שמאָלער קאָפּ זייַנער איז אַרייַן ביז צו די אויערן אין דער הורבע שניי, וואָס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן צו רייטלען.

— טאַמאַראַ, — האָט איווע ניט מיט איר קול אויסגעשריִען — טאַמאַראַ, גתן לאַנדעס אייניקל... ווי אַזוי האָסטו דאָס געקאָנט טאָן?

— פֿון רחמנות...

— און סטיסיע האָט אַזוי ניט געטאָן פֿון רחמנות... זי האָט אַזאַ צע־קאַליטשעטע פֿערד אויסגעהיילט.

הייסט טאַמאַראַ דעם רויטאַרמייער צופֿירן איר פֿערד, כאַפּט זיך אַרויף רייַטנדיק, מאַסטעט זיך גוט אייַן אין זאָטל און זאָגט שוין אָן שום פֿאַרשטע־לעניש:

— ניט באַדאַרפֿט מיך וואַרפֿן קליינערהייט אויף פֿרעמדע הענט. ניט געדאַרפֿט געוועזן לויפֿן מיט אַדריִאַנען... — און זי דערלאַנגט דעם בורן — דעם שוואַרצן פֿערד מיט דער ווײַסער גריווע און ווײַסן ווידל, — מיט די גלאַנציקע שפּאָרן אין די זייַטן אַרייַן, און טראָגט זיך אַוועק דורכן פּאַרק צו דער שטאָט, וואָס איז נאָך מיט שיסערייַען און מיט שׂרפֿות פֿול געוועזן.

ב

און אויך דער הײַנטיקער פֿאַרטאָג וועט מיטן שאַרפֿן אַקער־לעמעך אין איר לעבן אַרײַן, — נאָכן שטאַרקן שנייפֿאַל שרײַט ערגעץ אין פֿאַרטאָג אַרײַן בײַם פֿאַרווייעטן פּלויט אַ פֿאַרווונדיקט פֿערד. וועט מען זי הײַנט ווידער, איוועז, פֿון לעבן אַרויסטרײַבן? וווהין? פֿון דער אַרבעט איז זי שוין אַרויסגעטריבן געוואָרן, אויף דער פֿאַרזאַמלעניש האָט מען זי שוין ניט גערופֿן „כאַווער"... און מ'האָט דערקלערט פֿאַר וואָס זי, איוועז באַיאַר, טרעט דאָ ניט אַרויס פֿאַר אַלעמען מיט חרטה און חשבון־הנפֿש, מיט מודה־זײַן־זיך אויף איר קרומען און פֿאַלשן לעבנסוועג; זי, איוועז באַיאַר, קומט דאָך פֿון אַ פֿרעמדן און פֿון אַ פֿײַנדלעכן שטאַנד, פֿון בעלי־גופֿים און געלט־זעק... אירער אַ פֿלעמעניק האָט אַפֿילו געפּרוווט אויפֿהייבן אַן אויפֿשטאַנד קעגן דער ראַטנמאַכט. זי, איוועז באַיאַר, איז צעפֿרעסן און צעפֿוילט פֿון בור־זשואַזן נאַציאָנאַליזם, פֿונעם ציוניזם!

און טאַקע דאָרטן, אויף יענער פֿאַרזאַמלעניש, האָט זיך איוועז דערוווסט, אַז שוין אויך זי, הרות, און אַברהם באַיאַר, זײַנען אַרעסטירט, ווי פֿאַר־שאָלטענע שונאים פֿון פֿאָלק. און אויך דאָרטן, פֿון יענע רייד פֿאַרשטאַנען, אַז שיפֿרה זיצט שוין ווידער אין טורמע... אָבער פֿון די דרײַ, פֿון טאַמאַרען, שמואליקן און דניאלהן, האָבן אַלע געשוויגן. אַ פּנים פֿאָרט מורא געהאַט צו רעדן פֿון דניאלהן, פֿון דעם דרײַצן־יאָריקן קינד, וואָס איז מיט טאַטע־מאַמע אין איין נאַכט אינעם קעלער דערשאָסן געוואָרן.

אָט־אָ די וויסטע בשׂורה האָט איר געבראַכט דער הריף, דער פֿעטער אירער, אַבוש, וואָס האָט זיך מיטן עלטער ניט געביטן. פֿאַרקערט, דער בלינצל פֿון די ווײַסע רייפֿעלעך אַרום די שוואַרצאַפּלען, איז אים נאָך שאַרפֿער געוואָרן, די באָרד אַפֿילו לענגער און געדיכטער געוואַקסן, זי ווערט אים גאָר אין זײַנע יאָרן, ניט אין גאַנצן גרוי. ער גייט אַרום, איר פֿעטער אַבוש, ווי עמעצן אויף צו־להכעיס, אויף צעשפּרינגעניש אין אַ צעהאַקט־זײַדענער

זשופּיצע, אין ווײַסע זאָקן און אין שטעקשיך; אין די גרויסע היצן טראָגט ער אַ פוקסן־שטרײַמל ווי אַ ראָד די גרייס און ניט ער גייט, נאָר ער לויפט, ווי מורא געהאַט מיט זײַן שליחות ערגעץ־ווו צו פאַרשפּעטיקן. די פּאות טרייסלען זיך אים אויפן ווינט, און דאָס קול איז אים נאָך טרוקענער און הילכיקער געוואָרן. האָט ער איר מיט די בלינצלדיקע רייפּעלעך וועגן די קינדער דערציילט און דערנאָך שוין צוגעגעבן:

— איוועע, ס'איז פאַר משיחס צײַטן... די וועלט האָט שוין אַן עגל און ניט פון גאָלד אַפילו, נאָר פון פאַרשטונקענעם פליישׁ. און ניט איינעם האָט זי שוין, די וועלט, נאָר צוויי... איינעם פון מיזרח, דעם צווייטן פון מערב. היטלער איז אויך אַ שטיק שׂטן־המשחית, אַ פאַרשטונקענער עגל! ער וועט אָפּטובלען די וועלט אין ייִדיש בלוט... פאַרשטעל זיך ניט, ייִדענע, דאָס פּנים מיט די הענט! הער, ייִדענע, וואָס איך רעד צו דיר! און דיך וועלן זיי הײַנט צונעמען. זאָל גאָט זײַן מיט דיר! אַ גוטן תּמיד! איך וועל זיך שוין מיט דיר אויף דער וועלט מער ניט זען. דאָרטן, אויף יענער וועלט, וועלן מיר זיך ווידער באַגעגענען. איך וועל ניט שטאַרבן מיט מײַן טויט. אין די נעכט שווים איך מיט מײַן מיטה איבער אָפענע קברים... איך גיי, איוועע, איך גיי שוין אַוועק!

פון זײַנע רייד באַפאַלט זי אַ הייסער פּחד. איר מאַמעס ברודער, אַבוש, ברענגט די שרעקלעכע בשׂורות, צום גרויסן אומגליק, קיין מאָל ניט גע־פעלשטע, ניט איבערגעטריבענע, נאָר אַזוי ווי זיי זײַנען געשען און זיך פאַרלאָפן. און די הייסע, ווי סמאָלע, שוואַרצע שרעק באַפאַלט זי ניט אַזוי פון זײַנע בשׂורות, ווי פון זײַנע נביאותן. איר פעטער אַבוש איז דאָך ווי די חיה ערב אַן ערד־ציטערניש, — זי הייבט אָן צו וויען אַ סך פריִער ווי די ערד־ציטערניש הייבט זיך אָן. ער האָט איר צוגעזאָגט, איר פעטער אַבוש, אַז הײַנט וועט מען זי צונעמען... זײַנע רייד וועלן געוויס מקוים ווערן! דער רוקן ווערט איר מיט אַ מאָל אויסגעגלײַכט, ווי בײַ יצחק באָיאָר פאַרן אָנקומען פון אַ גרויסער צרה: זאָלן זיי גיין! זי איז שוין גרייט. זיי וועלן אויך דאָס מאָל זי ניט בייגן און ניט אײַנברעכן — זיי קאָנען זי נאָר אומברענגען. זי שטאַמט דאָך ניט נאָר פון די באָיאָרס, נאָר אויך פונעם פאָלק וואָס קאָן גיין מיט גלויבן און עקשנות איבער תּהומען...

און זי וואַרט אויף זיי, איווע, מיט ביטול, ווי אויף געמיין־געפאַלענע, ווי אויף גײַסטיקע קריפּלען. זאָלן זיי שוין קומען און אַרײַנוואַרפן זי אין דעם „שוואַרצן וואָראָן", פאַרפירן זי אין די קעלערן. זי וואַרט שוין אויף זיי פונעם פריי־צופאַלנדיקן האַרבסט, — די טעג האָבן געקוואַרט און אײַנגעלאָפּן געוואָרן, — פאַרבליבן כמעט אָן שײַן. די שוואַרץ־רעגנדיקע הימלען פאַלן אויף די נאַקעטע ביימער. איבער די טראָטואַרן יאָגן די מוטנע וואַסערן צום דניעפּער אַראָפּ, און די אָפּגעשיילטע מויערן ווען, דאַכט זיך, באַלד פון די געדיכט־קאָסע רעגנס אַראָפּגעשווענקט ווערן פון די בערג אין דעם טונקל־אויפגעלאָפּענעם טײַך אַרײַן.

און שפּעטער, אין די פאַרטאָגן, האָט זי געזען דעם ערשטן פרירטוי אויף די צווײַגן, און פאַר נאַכט, פון יענער זײַט ערב־ווינטערדיקער וועלט, געזען, ווי אַ פײַער צעוואַרפט זיך צווישן הימל און ערד און דערפילט דעם ריח פון וואַלד־שקיעה; און דערנאָך, יענע וואַלד־שקיעה איז נאָך ניט פאַר־גאַנגען, האָט פון דער איבערגעבראָכענער רויטער לבנה גענומען וויכערן מיט שנייען.

און דעם גאַנצן ווינטער האָט שוין געדיכט געשאָטן און ברייט געווייעט, און זי, איווע, וואַרט נאָך אַלץ אַז מ׳זאָל שוין קומען און פאַרפירן זי אין די קעלערן, ווידער דאָרטן וואָכנווײַז זי מאַטערן און ווען זי אײַנברעכן...

וועט מען זי ווידער פאַרשיקן אַהין, אין די קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס, אין יענע וויסטענישן? שוין צום דריטן מאָל? דאָס ערשטע מאָל פאַר אַדרי׳אַנען, דאָס צווייטע מאָל פאַר אַדרי׳אַנען און פאַר ציוניזם, נו, און איצטער פאַר וואָס? וועלן זיי ווידער אָנהייבן פון אַדרי׳אַנען? יענער איז דאָך שוין פון לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ, יענער האָט דאָך ערגעץ דאָרטן, בײַ די הימאַלײַער בערג, פאַרענדיקט זײַן משונה־געפּלאָנטערטן וועג אויף דער דאָזיקער זיך־דרייענ־דיקער ערד, וואָס קיינער קאָן ניט אַדורכגיין איבער איר ער זאָל ניט פאַלן...

יענער, אַדרי׳אַן, וואָס האָט געקאָנט פאַר זײַן מאָלן, פאַר זײַנע האָלצ־שניטן, פאַר זײַן קאָנען פון אַ פּראָסטן וועגשטיין אויסהאַקן אַ גולם, חרוב מאַכן די וועלט און אַליין גיין איבער די זיבן גיהנום־פײַערן, יענער, וואָס האָט געקאָנט אָפּגעבן זײַן נשמה דעם שׂטן, יענער איז דאָך שוין אויסגעלאָשן געוואָרן.

אפשר איז ער גערעכט געווען דער זיידע זײַנער, דער אַלטער פּראָפעסאָר אפרת, וואָס האָט פאַרן אויסטרינקען דעם סם איר געזאָגט: „דעם וועג פון אַ גרויסן קינסטלער קאָן מען ניט מעסטן מיטן וואָכעדיקן אַרשין" — יענער, אַדריאַן, מיט די שרעקלעך שוואַרצע אויגן, ווי אַלע תּהומען פון דער וועלט וואָלטן אין זיי געוויכערט, בײַ יענעם זײַנען די אויגן שוין ווײַסע... יענער ליגט דאָך שוין ערגעץ ווו אין זײַן גאָר איינזאַמען קבר, אין זײַן אייביקן ניט־באַשיידטן חלום. און איבערן רוקנביין גייט איר אַ פּראָסטיקע זאַווייע.

די ידיעה וועגן זײַן טויט איז איר אָנגעקומען גראָד אַהין וווּהין זי איז איבער אים, ווי אַ טרייפּענער ביין, פאַרוואָרפן געוואָרן: אין דעם אָנגעגליט־פּאַליענדיקן פאַרוואָגלטן יישוב אויף די אויסגעברענטע קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס, אין דעם געדיכט־שטויביקן מאַרק, ווו אין דער טשײַכאַנאַ, די פּיס אונטער זיך, אין די לאַנגע בלאָוו־וואַטענע כאַלאַטן, אין די בונטע טוביטייקעס אויף די גלאַנציק־געגאָלטע קעפּ, טרינקט מען פון די געקווײַטלטע פּיאַלעס דעם גרינעם טיי און מיט אַזאַ פאַרטיפטקייט, ווי מ'וואָלט אָפּגעריכט אַ תּפילה צום אייביקן אַללאַ און צו זײַן איינציקן נביא... און פון די אַרומיקע יורטעס שלאָגט מיט שאַרגע רויכן פון די טליִענדיקע געטריקנטע פּי־מיסטן אויף וועלכע מ'קאָכט, און פאַרבײַ גייען קאַראַוואַנען קעמלען מיט קלינגענדיקע גלעקלעך אויף די דינע העלדזער, אויסגעבויגענע, ווי פרעגצייכנס צו דער וועלט: פאַר וואָס, און ביז ווען, קומט אונדז אַזאַ קריוודע? און אויפן ווײַסן אייזעלע וויגט זיך אין דער זוניקער ספּעקע דער אָנטרײַבער — די באָרוועסע פּיס שלעפּן זיך אים איבער דער ערד און ער זינגט פון אַלץ וואָס ס'טרעפט זיך אים אויפן וועג פאַר די אויגן: וועגן אַ שפּאַרבער וואָס שטייט אין דער לופטן אויף די פליגל, וועגן דעם וויקלגראָז וואָס יאָגט איבערן סטעפּ... און פרויען אין זייערע ברייטע אַנטאָנס, די פּנימער אויסבאַהאַלטן און פאַר־שטעלט מיט פּאַראַנדזשאַס, מיט די הויך־שמאָלע קרוגן וואַסער אויף די קעפּ, שפּאַנען געלאַסן, ווי אין אייביקן דרימל אַרײַנגעפאַלן... אָט אַהין־צו איז איר אָנגעקומען, איווען, די ידיעה וועגן אַדריאַנס טויט.

אָט אַהין־צו, אין איר ערשטער פאַרשיקונג, אין איר יענער אַרומיקייט, אין יענער אָפּגעווײַטערטקייט, שוין אָן אויסגעליידיקטע פון פרייד און פון מזל, אָט דאָרטן, אין איר פּלאָג און לײַדן איבער אים, איבער אַדריאַנען, האָט

זי פון עמעצן באַקומען, — ניט געקאָנט גאָר פאַרשטיין דורך אַוועלכע וועגן, דעם פײַערדיקן לײַוונט און אַ בריוו, ווו ס'ווערט איר דערציילט, ווי אַזוי ער, אַדריאַן, האָט די לעצטע יאָרן, טאָג און נאַכט, געהאַלטן אין איין מאָלן און איבערמאָלן, געאַרבעט איבערן בילד אָן אָפּשטעל און אָן אויפהער, ווי אַ פאַרמישפּט-פאַרשאָלטענער, געוואָרן אויף ניט צו דערקענען אים — געלע הויט און ביינער, זיך דורכגעלויכטן אויף דעם ליכט, נאָר די צוויי אויגן האָבן זיך נאָך געהאַלטן אין אים — געברענט מיט שוואַרצער שׂרפה. ער האָט געוואָלט אַז די פאַרבן אויפן לײַוונט זאָלן פלאַקערן. קיינער האָט אים שוין ניט פאַרשטאַנען, ניט געוווסט וואָס ער וויל און וואָס אויפן לײַוונט איז אָנגעוואָרפן: פײַערדיקע רייפן איבער זונפאַרגייענדיקע צעכוואַליעטע וואַסערן, און אין אָט די פלאַמען-וויכערס אַ פרוי, אַן אײַנגעוויקלטע אין צעגליטע ווײַסקייטן, און אירע האָר וויקלען זיך ווי רויכן אויפן ווינט; און אין ווינקל, ווי פון דער ערד אַרויס, שטעקט אַ גרויסער אָפּגעשווּנדענער שאַרבן פון האַלב-מענטש, האַלב-חיה, און אויף אויסגעצויגענע הענט, אויס־געדרייטע, קנאָכיקע, ווי פאַרבלוטיקטע וואָרצלען, פאַרגייט זיך אַ קינד אין געלעכטער...

פונעם ערשטן בליק אויפן בילד, באַזונדערס אויף דעם לעבעדיק-קוועלנ־דיקן קינד אין אָט די פײַערדיקע רייפן, ווערט זי, איווע, אויפגעציטערט און אויפגעטרייסלט. די קאַזאַכקע, די בעל-הביתטע פון דער קיביטקע, פונעם ליימענעם שטיבל, ווו איווע איז אײַנגעשטאַנען, האָט דעם פאַל אויף דער ערד דערהערט און אויפגעהויבן אַ געשריי:

— מיט אונדזער דאָקטערשע איז שלעכט!

און גראָד דעמאָלטן, אַ פאַרטריבענע פונעם לעבן אין די ווילד-אומענד־לעכע סטעפּעס, ווו אין די פאַרנאַכטן פלעג זי זען בײַם ראַנד פון הימל שטעט, פאַרקן, סעדער, געדיכטע וועלדער און זיך-כוואַליענדיקע וואַסערן, גראָד דאָרטן, אין אירע ביטערע און אומזיסטע ליידן, איבער אים, איבער אַדריאַנען, פונאַנדערוויקלענדיק דעם צוגעשיקטן לײַוונט און דערזעענדיק ווי זי, איווע, איז אין איר דעמאָלטיקער יונגקייט און שיינקייט אויסגעמאָלט געוואָרן, דער עיקר, דערזעענדיק דאָס קוועלנדיקע קינד אויף די אויסגעצויגן-פאַרבלוטיקטע הענט, האָט זי ערשט דאָ מיט אַלע אירע באַיאַר-ערדישע ביינער, מיט אַלע

אירע אומרויִקע אָדערן דערפילט, ווי גרויס אַדריִאַנס ליבע איז געווען צו איר.

און הגם איר שׂכל, וואָס האָט תּמיד געזוכט דעם מקור, געקניפּט דעם ווייַטן נעכטן מיטן ווייַטן מאָרגן, איז ווי פריִער, ווי אין די אַלע יאָרן, קאַלט און אומברחמנותדיק געבליבן, דאָך האָט זי שוין מער קיין כּוח ניט געהאַט אַרויסשטויסן און צו באַזייַטיקן אים, אַדריִאַנען, פון איר נשמה. און יענע ווייַטע פרי־פרילינגדיקע נעכט האָבן זיך ווידער געגומען לייגן ווי הייסער אַש אויף איר האַרצן. יענער, אַדריִאַן, האָט זיך ווידער גענומען צונויפגיסן מיט דניאלן, און די רויטע בהמה מיטן אָפּגעבראָכענעם האָרן איז אַרויף אויף אַדריִאַנס פלאָם־פייַערדיקן לייַוונט.

און יענער פרי פון יאָר, און ווי איר האָט זיך געדאַכט, שוין פאַר איר אַ ווייַטער און אַ קאַלטער, שוין פון לאַנג אַן איבערגעוויטיקטער און איבער־געקומענער, יענע וועסנע, וואָס האָט זי דעמאָלטן אַזוי אומדערוואַרט אַרייַנ־געוואָרפן אינעם רוישיקן, אויף פאַרטויבט צו ווערן, געווירבל און געוואַלגער, האָט ווידער גענומען קלאַפּן אין איר לייַב און לעבן. די פייַערן אויף אַדריִאַנס לייַוונט האָבן זיך מיט יעדן טאָג אַלץ שטאַרקער צעבושעוועט און שוין ניט נאָר אין איר זכּרון, נאָר שוין אויך פאַר די אָפענע אויגן.

אמת, אויך פריִער, די אַלע יאָרן, האָט זי יענע וועסנע געטראָגן אין האַרצן מיט וויטיק און ווי אַ שווערע זינד, וואָס קאָן ניט פאַרגעבן און אויסגעקויפט ווערן: זי האָט דעמאָלטן איבערגעלאָזט די וידוי־זאָגנדיקע אויסגעדאַרטע מאַמע אויפן טויטנבעטל; זי האָט דעמאָלט איר קינד, טאַמאַ־רעלען, געוואָרפן אויף פרעמדע הענט.

דאָך און פאַרט איז זי קיין בעל־תּשובה, איוועו, ניט געוואָרן. פאַר קיינעם ניט געוואָלט זיך פאַרענטפערן, זיך ריין־און־ווייַס־וואַשן. נאָך מער: געטראָגן איר גליִיִקן ליבע־אַש אין די ביינער מיט שטילער פרייד, אַפילו מיט גדלות פאַר קאָנען אויף זיך שטעלן, פאַר קאָנען דעמאָלטן ברעכן אַלע צאַמען און שטערונגען, און דער עיקר, פאַר קאָנען אַריבערשפּאַנען איבער זיך אַליין. פאַר קאָנען, סוף־כּל־סוף, דורכקלאַפּן דעם פענצטער אין איר לעבן, ווי די מומע ליבע האָט זי געלערנט אין יענעם ווייַטן זומערדיקן פאַרנאַכט אונטער די ווערבעס בייַם שטילן טייַך, ווו די וואָרעמע שקיעה־וואַסערן האָבן געצוויטעט מיט ווייַסע קריגלעך־ליליעס; דאָרטן האָט איר

די מומע ליבע דערציילט פֿון יענער מאַמע, וואָס האָט געלעבט מיט אירע דריַי קינדער אין דער הייל, און פֿון דער פֿינצטערקייט און נאַסקייט האָבן אַלע געצאַנקט און געטשאַכנעט. פֿלעג זי, די מאַמע, אַלע טאָג לויפֿן פֿון דער הייל צו דער אויסגעקווייטלטער לאָנקע, קליַיבן אין פֿאַרטעך אַריַין שטראַלן פֿון דער זון פֿאַר אירע קינדער, אָבער די שטראַלן פֿלעגן אויסגיין אינעם פֿאַרטעך נאָך פֿאַרן אַריַינגיין אין הייל.

— איוועניו, — האָט איר דעמאָלט די מומע ליבע אונטער די ווערבעס געזאָגט — שטראַלן און וואַרעמקייט קאָן מען אין הייל אַריַין ניט אָנטראָגן. מ׳דאַרף דורכברעכן אַ פֿענצטער אין דער הייל, וועט די זון אַליין אַהין־צו אַריַינגיין.

ג

און איווע האָט טאַקע אין יענעם קאַיאָר, אין דעם שניי־וויכערדיקן, בײַ דער שׂרפֿה־שײַן אויפֿן מאַרק, בײַם געשריי פֿונעם פֿאַרוווּנדיקטן פֿערד, דורכגעבראָכן די וואַנט אין דעם פּירגאָרנדיקן לאַנדע־מויערל, וואָס מיט די טורעמלעך און באַלקאָנען, אָנגעשפּאַרטע אויף די געהויקערטע שטיינערנע גולמס, אַרויס מיטן קינד, מיט טאַמאַרעלען, פֿונעם פּאַרווייעטן הויף, דעם אַלטן דיינס שטעקן אין איין האַנט און מיט דניאלס געמעל — די קו מיטן אָפּגעבראָכענעם האָרן — אין דער צווייטער, מיטן לעדערנעם געשפּאָלטן־פּאַרטריקנטן רוקזאַק אויפֿן אַקסל, ווו ס׳ליגן זײַנע, דניאלס, בייגעלעך פּאַפּיר, די צונויפֿגעקאָרטשעטע, מיט די אַרומגעבערענטע ברעגן, מיט די לענגלעך־שפּיציקע אותיות, וואָס שטעכן איר אין האַרצן אַרײַן: „דו ביסט געווען מײַן נר־תּמיד, בײַ אָט דער שײַן האָב איך געלעבט און געחלומט. כ׳האָב געגלייבט אַז דו וועסט ווערן דאָס ליד פֿון מײַן לעבן", און דאָרטן, אין יענעם רוקזאַק, ווו ס׳ליגן אירע אַמאָליקע מיידלשע מלבושים, באַזונדערס יענץ חתונה־קלייד אין וועלכן זי האָט געוואָלט מיט דניאלן אונטער דער חופּה גיין... דאָרטן, אין יענעם רוקזאַק, האָט זיך אויך געפֿונען אַבנרס פֿאַרבלוטיקט צעטעלע:

„אין דער היים איז קיין וועלט ניטאָ, און אין דער וועלט איז קיין היים ניטאָ".

— אין יענעם קאַיאָר, שוין כּמעט אין פֿעלד, האָט זי זיך מיטן קינד, מיט טאַמאַרעלען, געזעגנט און מיטן אַשמדאַי צו איר טאַטן אין כוטער אַרײַן אָפּגעשיקט: געוואָלט האָבן פֿרײַע הענט צו קאָנען זיך ראַנגלען מיט איר גורל, און ניט נאָר מיט אירן! קאָנען זיך שלאָגן מיט אַלע אירע כּוחות פֿאַר אַ וועלט אין דער היים און דער עיקר פֿאַר אַ היים אין דער וועלט...

— און דאָ האָט איר דער נחש־הקדמוני, דער שׂטן אַליין, אונטערגעשטעלט אין דניאלס געשטאַלט אים, אַדריאַנען.

און הגם שוין באַלד, בײַ איר ערשטער באַגעגעניש מיט אים, געזען,

אַז ד ע ר איז אויף אַ האָר ניט ענלעך אויף י ע נ ע ם, און אויך תּיכּף, טאַקע דאָרטן אויפן אָרט, שוין בײַ די אפּרתעס דערפילט אַז זי טרעט אַרויף אויף אַ שמאָל בריקל, אַ וואַקלדיקס, אָן אָנשפּאַרן, וואָס פירט איבער אַ תהום... אָבער אָט־אָ דאָס וואָרן־געפיל האָט געדויערט אין איר אַ כהרף־עין, ווי אַ שווינדלבליץ אין אַ תמוזדיקן אויפדערנאַכט.

שפּעטער, נאָכן פּאָגראָם, נאָכן אַרויספאָרן מיט אַדריַאַנען און חרותן פון דער שטאָט, איז זי דעמאָלטן אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַזאַ התלהבות און פאַרשיכּורטקייט, אַז זי איז, ווי די ערד, שיִער ניט פאַרכליניעט געוואָרן אין די פרי־יאָריקע, אין די רוישיק־ריזלענדיקע וואַסערן. נאָך די צען יאָר בײַ די לאַנדעס, איז איר, איוועַן, ווי דער ערד נאָכן ווינטער, קאַרג געוואָרן שײַן, ליכטיקייט און זון. אין אירע ביינער איז מיט אַ מאָל אויפגעגאַנגען די בענקשאַפט נאָך פרײַקייט, נאָך שטורעמדיקייט און אַפילו נאָך הפקרות. דער וואָגן איז אַלע מאָל געפאַלן מיט אַן אַנדער ראָד אין אַ גרוב — די וואַסערן האָבן ממש פאַרגאָסן די אויגן, און די פערד האָבן געטראָגן אויף געהרגעט צו ווערן; די ציַימלעך האָבן געזאָטן מיט אַ רויטן שוים אין זייערע מײַלער און פון אונטער די קאָפּיטעס זײַנען געפלויגן שטיקער אויסגעריסענע ערד — דער וואָגן האָט געקאָנט צעפאַלן ווערן און די הינטערשטע רעדער זאָלן אַרויף אויף די פעדערשטע... אַפילו די שרעק פאַר דער גרויסער סכנה פון פאַרהאַלטן און געכאַפּט ווערן, איז געווען פאַר איר, פאַר איוועַן, אַ פריי־דיקע: זי וועט גיין מיט אים, מיט אַדריַאַנען, קיין סיביר, זי וועט גיין מיט אים הינטער די הרי־חושך, ווו קיין מענטשלעכער פוס האָט נאָך ניט געטראָטן.

אַפילו שוין נאָכן איבערלאָזן דאָס קינד, טאַמאַרעלען, אויפן לעדערנעם דיוואַן, אונטער די צעצווײַגטע פּיקוסן, די גוססדיקע מאַמע אויפן בעטל, ווו דאָס באָקלעמעלע האָט צוקאָפּנס געלעקט די שוין פאַרקילטע געלבלעכע טראָפּנס שווייס פון דער מאַמעס אָפּגעשוירענעם קאָפּ; דעם פאַראָבלטן טאָטן, וואָס פון זײַן ליולקע־ציבעק איז געגאַנגען ניט קיין רויך, נאָר אַ שוואַרצער טרויער, שוין אַפילו נאָך דעם, הגם מיט אַ וויי־און־צער אין האַרצן, האָבן דאָך אין יענער נאַכט אַלע בלוטן געוויכערט אין איר מיט אַ כּישוף־דער־קוויקנדיקן ניגון... זי האָט ניט געוואָלט הערן וואָס צווישן חרותן מיט אַדריַאַנען קומט פאָר, ווי אין חרותעס רייד הערט זיך עפּעס אַ מין חשד,

הלמאַי אַדריִאַן הייסט אַברהמען פאָרן מיטן גלײַכן וועג און הייסט אים אויך אַרויספאָרן אויפן קאַזיאַנעם טראַקט, אין דער צײַט ווען די זשאַנדאַרן זײַנען שוין אויפן כוטער און ס'וואָלט אַ סך גלײַכער און שׂכלדיקער געווען אַראָפּ־צוקערעווען אויף די זײַטיקע פעלד־און וואַלד־וועגן.

שפּעטער האָט זי געזען, איווע, אַז גערעכט איז געווען ער, אַדריִאַן; מיט יענע קרום־ און בײַ־וועגן זײַנען געפאָרן די נאָכיאָגערס, און נאָך שפּעטער, שוין בײַם גרענעץ, אינעם שטיבל, אויך דאָרטן האָט אַדריִאַן אַרויס־געוויזן גרויס אײַנשטעלעניש, אויסגערעכנטקייט און דער עיקר גבורה: מיט דער פאַרוווּנדיקטער האַנט געשאָסן און פאַרהאַלטן די אָכראַנקע־לײַט און אַרויסגעפירט פריִער חרותן און שוין נאָך דעם געקומען נעמען זי, איווען, און מיט איר איבער דער גרענעץ געלאָפן. און דאָרטן האָט זיך חרות פּלוצעם פון זיי אָפּגעשיידט, און איז אַליין און מיט גאָר אַן אַנדער וועג אַוועק־געפאָרן.

חרותעס אומגעריכטער אָפּוויַטערן זיך, איר נעלם און אַנטרונען ווערן, האָט איווען מיט אַ מאָל שטאַרק געטראָפן. זי האָט ניט געקאָנט דערקלערן און באַשיידן: ער, אַדריִאַן, האָט דאָך פאַר איר, פאַר חרותן, דאָס לעבן אײַנגעשטעלט, אויפן טויט געגאַנגען, אינעם רויבערהייל אַרײַן — אַזוי פיל מסירת־נפש אַרויסגעוויזן, געהאָלפן איר פון אונטער די נאַקעטע שווערדן לויפן, זי געראַטעוועט פון די אייביקע שנייען און אפשר גאָר פון דער תּליה.

און נאָך מער אין צעטומלטקייט האָט זי, איווען, אַרײַנגעבראַכט, וואָס אויף אַדריִאַנען האָט חרותעס האַלטן זיך, איר פּלוצעמדיק נעלם ווערן, קיין ברעקל רושם ניט געמאַכט: — וועגן קרייצן זיך איבער, — האָט ער איר דערקלערט שטיל, מיט אַ מאָדנער בלייכקייט אויפן פּנים, די אויגן פאַרמאַכט. — וועגן קרייצן זיך איבער, אָבער קיין מאָל גייען זיי זיך ניט צונויף. וואָלטן אַלע געגאַנגען מיט איינעם און דעם זעלבן וועג, וואָלט פון דער מענטשהייט געוואָרן אַ סטאַדע. און אַ סטאַדע דאַרף שוין האָבן אַ פּאַסטעך מיט אַ לאַנגער בײַטש אין האַנט...

די באַן שפּאַלט די סוף־נאַכט אין דעם יאָדלעוואַלד און פון דער טיפקייט קלאָגט ערגעץ אַרויס אַ פּילין. אויך איר, איווען, פאַלן פון מידקייט די וויִעס אַראָפּ — אַ ווײַסע לבנה לויפט דורך איבערן זיך־טרייסלענדיקן וואַגאָן־

פענצטער און ווערט באַלד פאַרפאַלן. פון דער פינצטערניש, כמעט פון דער שוואַרצקייט, חלומט זיך אַרויס אַ בערעזע, וואָס טוט אַ שלאָג מיט איר ליכט אין די אויגן אַריַין. ס'שמעקט מיט פייַכטע נוסביימער, מיט האָזנמאָן, און לבנה־שפּיגלען ברעכן זיך אין די פאַרטאָגיק־פרילינגדיקע וואַסערן.

און ער דרעמלט. און די רעדער איבער די רעלסן קלאַפּן אויס זייער נאַכט־ניגון, און די באַן פאָרן דורכלויפן דעם פאַרוואָרפענעם וואָקזאַלכל מיטן לאָמטערן־ליכט אין דעם בלאָוו־גרינלעכן נעפל, פייַפט שאַרף, שטרענג־וואָרענענדיק, און הייבט זיך דערנאָך פון די נעפּלדיקע טאָלן צום אויסגע־שטערנטן ערב־שאַרזען.

זי דעקט אים צו מיטן מאַנטל, וואָס פון זיך אַראָפּגענומען, — דער פאַר־טאָג ווערט קעלטער און אַדריַאַן פאַלט דאָך אין היץ אַריַין. דאָ כאַפּט ער איר האַנט און קושט — צום ערשטן מאָל — די דלאָניע אירע מיט ציטערניש. ער רעדט צו איר שוין גאָר שטיל, ווי איַינגערוימט אַ סוד, און מיט די פאַרמאַכטע אויגן, און נאָך מיט אַ מער בלייך־געוואָרענעם פּנים:

— דער וועג וואָס פירט אַוועק דעם קינסטלער פון זיך, איז אויך ניט קיין גרינגער, נאָר דער וועג וואָס פירט דעם קינסטלער צוריק צו זיך, אָט דער וועג גייט דורך דערנער און דורך שווערע און דורך ביטערע יסורים.

אויך אָט די רייד זיַינע, ווי די פריַערדיקע רייד פון די וועגן וואָס קרייצן זיך איבער, אָבער גייען זיך קיין מאָל ניט צונויף, אויך אָט די רייד זיַינע וועגן דעם קינסטלער, פאַרבליַיבן פאַר איר ערגעץ וויַיט, ווי יענע לבנה־שפּיגלען, וואָס האָבן זיך געבראָכן אין די פרילינגדיקע פאַרטאָג־וואַסערן. פון זיַין קושן מיט אַזאַ ציטערניש און פיַיער איר דלאָניע, יאָגט אויף איר אַן אַ פרישע כוואַליע פרייד, וואָס וואַרפט זי שיַער פון די פיס ניט אום.

דערנאָך, שוין דאָרטן, שוין ביַי די אַלפּנבערג, שוין נאָך זיַין געזונט ווערן, ווערט ער מיט אַ מאָל פון איר גאָר דערוויַיטערט. אויך אין דער ציַיט פון זיַין שלאָף זיַין, בעת איר זיצן די נעכט איבער אים, האָט ער שוין מער איר האַנט ניט גענומען... נאָר איין מאָל האָט ער ווידער וועגן זיך גערעדט, און ווידער שטיל, און ווידער ווי אַ גרויסן סוד איר איַינגערוימט: מיט בוי־מלאָכה וועט ער זיך שוין מער ניט פאַרנעמען, אַרכיטעקטור איז קונסט פאַר יענעם, פאַרן אַנדערן, פאַרן פרעמדן און וויַיטן... קונסט דאַרף זיַין נאָר פאַר

זיך און אַפילו פאַר זיך אויך ניט... אָט ווי די אייביק־אוראַלטע שניישיינען אויף די אַלפנקעפּ. ער, אַדריאַן, וויל מיט זײַנע מאָלפאַרבן אָנצינדן אַזאַ פײַער, וואָס זאָל גיין איבער בערג, זאָל צעשמעלצן שטערן — דער אורקוואַל פון קונסט, איז פײַער... און אויב ניט, טאָ זאָל כאָטש זײַן אייגענע נשמה פאַר־ברענט ווערן.

עפּעס ענלעכס האָט זי אַ מאָל, בײַם זונאויפגיין איבערן טײַך, געהערט פון דניאלן. יענעמס נשמה איז טאַקע פאַרברענט געוואָרן. אָבער יענעם האָט זי פאַרשטאַנען און דעם — ניט. יענער האָט געטראָגן די קאַלטע וועלט אין זײַן וואַרעם האַרץ, יענעמס נשמה האָט געזונגען פון אַ טראָפּן ראָסע אויף דער זון, און פון אַ בליציקער הורבע שניי אויף דער לבנה.

אויך זי, איווע, מאַכט ניט קיין איין ווײַטערדיקן טראָט צו אים. זי, די טאָכטער פון די באָיאַרס, וועט מיט זיך אויף פּשרות, אויף דורכקומענישן, ניט גיין, אויך אַפילו דעמאָלטן, ווען איר לעבן און איר ווײַטערדיקער גורל זאָל אויף דער אומברחמנותדיקער וואָג אַרויפגעוואָרפן ווערן, אַפילו דעמאָלטן, אויב אויף דעם וואָגשאָל וועט איר פעלן איין לויט, איין ברעקעלע, איין זערנעלע, וועט זי עס ניט פאַרזען און ניט פאַרבײַגיין.

און איווע, דערזעענדיק אַדריאַנס אָפּגיין, באַשליסט מאָרגן, מיטן קאַיאַר, אַוועקפאָרן פון דאַנען מיט דער ערשטער באַן, מסתּמא איז איר אַזוי באַשערט און באַוואָרט צו קרענקען אויף ליבע ביזן סוף פון אירע טעג. ווידער האָט זיך איר געחלומט און געדאַכט, ווידער האָט איר כּוח־הדמיון זיך צעשפּילט, ווידער איז יענע ווײַסע בערעזע אַרויסגעלאָפן פונעם שוואַרצן וואַלד.

פאַר נאַכט, אויף דער ווערענדע פון דער שטוב מיטן ר׳ויטן טשערעפּיצע־היוכן דאַך, ווו אין אַלע פענצטער זעט מען אַ קײַלעכדיקן מעת־לעת, ווי עמעצער פאַרבט די אַלפנשנייען אין אַלערליי שײַנען און קאָלירן; אין אָט דער שטוב מיטן סאָד אין צוויט, ווו די שטאָרן פײַפן, ווײַט פונעם ישוב, כּמעט בײַ דער סאַמע אָזערע, בײַ די באַוואַלדיקטע הייכקייטן און אויך ניט ווײַט פון די נידערנישן, פון די אויפגייענדיקע ווייצנפעלדער, וואָס אָטעמען שווער און אויסגעבענקט נאָך אַ רעגן; אין יענעם פאַרנאַכט, אַרויף צו, אין דער איינציקער, אין דער געדיכט־באַבלעטערטער ווערבעקרוין, זעצט זיך די זון, — די שקיעה רינגט איבער די אַראָפּהענגענדיקע ווייכע צווײַגן

אין די אויפגעשײַנטע גראָזן אַרײַן, דאָרטן און דעמאָלטן האָט זי אים, ווי אַ פּסק־דין אויף ניט צו ענדערן, געזאָגט:

— פֿאַר טאָג פֿאָר איך אָוועק.

בײַ דער שקיעה ווערן אים די אויגן נאָך תּהומעדיקער, דאָס פּנים שוין גאָר ווי פֿון קופּער אויסגעהאַקט, און בײַם אַריבערבייגן זיך איבער דער ווערענדע, האָט ער זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ אָפּגעשפּיגלט אין דער אָזערע — כאַפּט זי פֿון דעם אַרום עפּעס אַ פּחד.

— קומט, — זאָגט זי. — לאָמיר פֿאַר מײַן אַוועקפֿאָרן גיין אַ ביסל אין די בערג, לאָמיר אַרײַן אין יענעם רעסטאָראַן און אויסטרינקען פֿאַר אַ ווײַסער בערעזע אין אַ שוואַרצער נאַכט.

— איך האָב מורא פֿאַר אײַך!

— איר פֿאַר מיר?

— יאָ, פֿאַר אײַך! אין אײַך איז אַלצדינג צו פֿיל!

— וואָס הייסט עס?

— אין אײַך איז צו פֿיל שיינקייט, צו פֿיל חן, צו פֿיל צאַרטקייט, צו פֿיל שטאָלצקייט און דער עיקר, צו פֿיל ירושה פֿון דורות. איר זײַט אַרײַן אין מײַן לעבן...

ער קוקט אויף איר מיט הייס־וויכערדיקע אויגן, און זי וואַרט ער זאָל רעדן ווײַטער. נאָר פּלוצעם צעלאַכט ער זיך מיט יענעם רוישיקן געלעכטער, וואָס וועקט אין איר זכּרון די שוין פֿאַרגאַנגענע, מיט בוריאַן פֿאַרוואַקסענע יאָרן; קוקט זי אויך אויף אים אָפֿן, ווי איין מאָל פֿאַר אַלעמען געוואָלט פֿאַר זיך אויסקלאָרן, וואָס אַזוינס האָט זי געטריבן צו לויפֿן מיט אים, מיט אָט דעם אַדריאַנען, וואָס איז דאָך פֿאָרט מיט קיין איין האָר ניט ענלעך אויף יענעם דניאל. ווי אַזוי האָט זי, איווע, צוליב אים געוואָרפֿן איר קינד, די גוטסדיקע מאַמע, דעם פֿאַראַבלטן טאַטן?

— קומט, — זאָגט ער צו איר. — קומט! — און ער וויקלט אָפּ פֿון דער האַנט דעם בינט און טוט אים אַ וואָרף ווי אַ זאַך, וואָס דאַרף פֿאַרגעסן ווערן. — קומט אין די בערג, מיר'ן אויך אַרײַן אין רעסטאָראַן טרינקען אַלטע ווײַנען.

— כ'וועל נאָר גיין זיך איבערטאָן.

— זיך איבערטאָן? קאָנען דען זײַן קליידער, וואָס זאָלן אײַך נאָך מער פּאַסטן? אין אָט דעם ווײַסן קלייד וועל איך אײַך מאָלן!

און שוין אין די בערג, שוין נאָכן צונויפּרעדן זיך מיטן בעל־הבית פונעם הויף וועגן קומען זי פירן קאַיאַר צו דער ערשטער באַן, וואָס גייט קיין ציריך — אַדרבּאָ האָט זיך ניט אַרײַנגעמישט, ניט געפּרוווט זי פאַרהאַלטן, זיך ניט געביטן אין פּנים, זי האָט ניט באַמערקט ס׳זאָל אים קאַרטען, ס׳זאָל אים מצער זײַן, פאַרקערט, ער האָט גענומען קוקן אויף איר מיט דערפרייטע, מיט ליכטיק געוואָרענע אויגן: יענע תהום־שוואַרצקייט איז פון זיי פאַרשוווּנדן און ער איז דאָ באמת ענלעך געוואָרן אויף יענעם דניאלן. אויך בײַ דעם זײַנען די אויגן געוואָרן פאַרחידושטע און באַגײַסטערטע... שוין אין די בערג, גאָר ניט ווײַט פונעם רעסטאָראַן, שטעלט זי זיך אָפּ:

— קומט בעסער צו דער אָזערע, אויף אַ שיפל מיט וועסלעס, מיר׳ן פאָרן ווײַט. כ׳וויל הײַנט מיט די וועסלעס שפּאַלטן די לבנה־שפּיגלען אין די וואַסערן. איר האָט אַ מאָל געהערט ווי לבנה־שפּיגלען ברעכן זיך בײַ האַלבער נאַכט אין טײַך?

בלײַבט ער פאַר איר שטיין, ווי פונעם אָרט ניט צו רירן. איבער די אויגן יאָגט אים אַדורך אַ גרינלעכער ווינקער, דאָס פּנים ווערט אים אויסגעקרימט, ווי זי וואָלט דאָ עפּעס שרעקלעכס פאַרגעלייגט און אָנגעשלאָגן. אָבער דאָס געדויערט אַ קראַפּליע, אַ קוצו של רגע — שוין דאָ אויפן אָרט צווייפלט זי, צי זי האָט אַזוינס גאָר באַמערקט, צי האָט זיך איר נאָר אויסגעדאַכט, — ער טוט צו איר מיט די בלאַנק־ווײַסע ציין אַ שמייכל, לאָזט זיך נאָך איר פון די בערג צו דער אָזערע, ווו די לעצטע שקיעה־פונקען, שוין טונקל־בלוטיקע, שיטן זיך פון די זיך־זילבערנדיקע ווערבעבלעטער צו דער ערד, און דערציילט איר, ווי איין מאָל, שוין אַ סטודענט, פאַרבײַגייענדיק אין שפּעטן אָוונט דעם גאָטישן קלויסטער פון וועלכן ס׳איז אַראָפּגעהאָנגען אַ שטריקלדיקער לייטער, האָט ער גענומען זיך אויפהייבן אין דער הייך.

— און איר האָט דערגרייכט דעם שפּיץ?

— יאָ.

— זײַנען אַ סך חברים אונטן געשטאַנען און געקוקט?

— חברים זײַנען דאָרטן ניט געווען.

— אַ מיידל?

— קיין מיידל איז דאָרטן אויך ניט געווען. פּאָליציאַנטן זײַנען אָנ־געגאַנגען.

— וואָס האָט אײַך געטריבן איבערן שטריקלדיקן לייטער צום שפּיץ פונעם גאָטישן קלויסטער?

— אויספּרווון זיך אַליין. דער זיידע פלעגט מיר אָפט פאָרוואַרפן, אַז אין מיר לעבט אַ גלות־פּחד...

— דער פּראָפעסאָר אפרת איז טאַקע אײַערער אַ לײַבלעכער זיידע?

— מײַן מוטערס פאָטער.

— ווו זײַנען אײַערע עלטערן?

— כ׳בין געבליבן פרי אַ קײַלעכדיקער יתום. דער זיידע האָט מיך דערצויגן.

— ס׳איז אַן אמת, אַז מ׳האָט אײַך קינדווײַז גערופן דניאל?

— דער זיידע האָט שפּעטער געביטן דעם נאָמען אויף אַדריאַן... מיר װעלן זיך מיט אײַך נאָך געוויס טרעפן. איר פאָרט דאָך ניט צוריק אַהין?

— אַזוי גיך ניט. איך פאָר קיין ציריך.

— וואָס וועט איר דאָרטן טאָן?

— לערנען! לערנען און זיך שלאָגן מיטן גורל. זיך שלאָגן פאַר אַ היים אין דער וועלט.

— ווו ווילט איר זאָל זײַן אין דער וועלט אײַער היים?

— אין דעם אַלטן לאַנד מײַנעם. אין ארץ־ישׂראל.

— דאָרטן זײַנען פון מאַלאַריע אומגעקומען מײַנע עלטערן. פון דאָרטן האָט מיך דער זיידע צוגענומען... — און ער איז מיט אַ מאָל אַנטשוויגן געוואָרן דניאל־אַדריאַן, ווי די קוקאַווע, וואָס האָט ערגעץ דאָ ניט ווײַט, צווישן די סאַמעטענע יאַדלע־לאַפּעס, בײַ דעם זיך־מיניענדיקן און שקיעה־דיקן פערלליכט, געפּרווט זיך איבעררופן מיט אַ צווייטער. ער פאַררייכערט, אַדריאַן, די ליולקע, די אַליין אויסגעשניצטע פון עפּעס אַן איבערגעטריקנטן וואָרצל, מיטן מעפיסטאָ־פּנים, מיט די שפּיציקע הערנערלעך און ציגן־בערדל, און זי, איווע, אָטעמט אַרײַן מיט פאַרגעניגן דעם זיסלעכן טאַביק־ריח, וואָס טוט אויף איר אַ שלאָג.

און אויך זי פּרוּווט זיך שוין מער ניט צו קניפּן און צו שפּינען ווײַטער דעם איבערגעריסענעם שמועס. צו די וועסלעס האָט זי אים ניט צוגעלאָזט — די האַנט איז דאָך אים נאָך ניט אין גאַנצן פֿאַרהיילט. זיצט ער בײַם רודל און זי פֿירט דאָס שיפֿל איבער די זיך־וויגנדיקע אָזערע־וואַסערן געניט און מיט כּוח, און זי איז אַן אויפֿגעפֿלאַמטע ווי אין יענע יאָרן מיט דניאלן אין די פּאַלעסיער וועלדער אויפֿן טײַך; זי שפּילט מיט די נאַסע וועסלעס, וואָס גלאַנצן אונטער די לעצטע ראָזלעך־געקרײַזלטע וואָלקנס אין די שוין געדיכט־פֿאַרבלאָוטע פֿרילינגדיקע הימלען. ס׳שמעקט שטאַרק מיט טאָפּאָלן, מיט בעז און מײַגלעקלעך, וואָס קלינגען, דאַכט זיך, פֿון דער ערד ביז צו די קדמונישע אַלפּנשנייען. און אַרום זיי שווימען נאָך שיפֿלעך און מיט גיטאַרע־שפּיל און מיט אויסגעבענקטע געזאַנגען, וואָס נאָר הערצער פֿאַרשטייען און פֿילן זיי ביזן סוף.

אָבער אין גיכן האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ ווינט, וואָס נעמט פֿאַרווייען מיט איבערגעטריקנטער ערד, און די וואַסערן, די נאָר וואָס צאַרט־ראָזלעך־שײַנענדיקע, מיט די טונקל־בלוטיקע שקיעה־פּערל פֿון די צעפּאַטלטע וועראבעס, ווי נאָר מ׳האָט זיך אויף אַ פּאָר הונדערט קלאַפּטער פֿון בערג דער־ווײַטערט, אַזוי האָבן זיי, די וואַסערן, זיך אָנגעהויבן כוואַליען אין רוגזדיקער שוואַרצקייט פֿון די הימלען, וואָס גייען אַרײַן אין די ערשטע געוויטער־כמאַרעס.

און אַרום זיי איז שוין קיין איין שיפֿל ניט געבליבן, און די ערשטע שווערע שלאַקסטראָפּנס פֿאַלן שוין אויף זייערע קעפּ, און אַדריאַן שרײַט אין צעוויכערטן ווינט, אַז זי זאָל אים ניט שטערן ריכטן צום ברעג, און זי, איווע, ווי דער ניט־גוטער וואָלט אין איר אַרײַן, פֿאָלגט ניט, און טרײַבט ווײַטער דאָס שיפֿל איבער דער שוין אויסגעצוימט־בריקעוודיקער אָזערע אין דער צוגעפֿאַלענער געוויטער־נאַכט אַרײַן.

ערשט ווען אַ קרום־פֿײַערדיקער בליץ שנײַדט אויף פֿאַר אירע אויגן די הימלען ביז צו די ווײַטסטע טיפֿענישן, און אַ דונער, ווי אַלע ביימער אין די הייכקייטן וואָלט זיך מיט איין מאָל איבערגעבראָכן, ערשט דעמאָלטן, שוין אונטערן שלאַקסרעגן, שוין ניט זעענדיק די וועלט, אָבער פֿעסט און זיכער, האַלטנדיק מיט איר קערפּער די גלײַכוואָג פֿונעם שיפֿל, וואָס פֿאַלט

צווישן די כוואַליעס, דערשיפּלט זי מיט שרעק און מיט פרייד צום ברעג.

שפּעטער, שוין דאָרטן, דערקליבן זיך באָרוועסע אונטערן געוויטערדיקן גאָסרעגן צו דער שטוב אויפן צווייטן גאָרן, קיין ליכט ניט געצונדן, געלאָזט אים, ביי די בליאַסקענדיקע בליצן, אַז ער זאָל דאָס דורכגעווייקטע אָנטאָן פון איר אויסטאָן, געלאָזט אים ער זאָל זי אין דעם פריש־אויסגעפּרעסטן שמעקנדיקן ווייסן ליילעך איינגוויקלען, דאָך האָט זי נאָך געפּרוּווט איר אויפגערעגטקייט לעשן און צאַמען.

ווען ער פאַלט אָבער צו קושן די נאַסע, די ניט אויסגעווישטע פּוסטריט אירע, כאַפּט זי אַרום זיין גרויסן אָנגערעגטן לייבנקאָפּ מיט די ריחות פון דער וויטער פּאָלעסיע, מיטן צוויט פונעם ברייט־צעצווייגטן באַרנבוים אויפן גאָרטן ביי דער קרעטשמע, גיט אים דעם רינג פון דער האַנט, הייסט אים ער זאָל דעם רינג אויף איר פינגער אָנטאָן און איר נאָכזאָגן : „מיט אָט דעם רינג און מיט מיין גוף, ביי אָט די בליצן און דונערן, ביי אָט דעם רוישן פונעם סאָד, און ביי אָט דעם קלאַפּן פונעם שלאַקסרעגן איבערן דאַך, ביי אָט די געטלעכע עדות, ווערסטו געהייליקט צו מיר”... און שוין מער און ווייטער קיין איין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען, ווייל דאָ ווערט זי אַזוי אויפגע־טרייסלט, ווי דער פייערדיקער בליץ דורכן ווינט־אויפגעריסענעם פענצטער וואָלט איר אין לייב אַריין.

ד

און דערנאָך, נאָך יענער ערשטער שלאַקסרעגנדיקער נאַכט, וואָס האָט פּיכטעס פון די הייכקייטן געוואַלגערט און מיטן וואָרצל פון דער ערד אַרויסגעריסן, ווו זי, איווע, איז אין אַ בלינדער שיכּרות, אין אַ תּאווה־ווילד־קייט אַרײַנגעפאַלן, שוין זיך אַליין ניט צו דערקענען; שפּעטער וועט זי ניט גלייבן, אַז זי האָט גאָר צו אַזוינס געקאָנט קומען און דערגיין — אין אַזאַ פײַערדרינג אַרײַנשפּרינגען.

אַ פאַרטראָגן געוואָרענע פון זײַן מגושמדיק־צאַרטער ליבע, פון דער ביז אַהער ניט געוווּסטער און זיך אַפילו ניט פאָרגעשטעלטער פרייד, אַ פאַר־כליניעטע פון די אַלץ מער און מער אָניאָגנדיקע באַגערן — פון אַלעקסאַנ־דערן געוועזן די לעצטע יאָרן שוין גאָר אָפּגעשיידט און דערוווּסטערט, האָט זי זיי, אָט די אָנלויפנדיקע און יאָגנדיקע אויסגעהונגערטקייט, די אויסגע־בענקטע און אויסגעליטענע, ניט געקאָנט גאָר שטילן. זי האָט מיט אַ מאָל אַלע אירע ביז אַהער אויף די זיבן שטריק געבונדענע לײַדנשאַפטן און האַרץ־ציטערנישן צעבונדן און פרײַ געגעבן.

נאָך יענער נאַכט, דער פרילינג־געוויטערדיקער, האָט איווע פון דער וועלט זיך גאָר אויסגעטאָן, הגם אין יענעם בליצנליכט דורכן אויפגעריסענעם פענצטער אין צערוישטן סאָד אַרײַן, געזען יענץ באָקלעמעלע אויפן קינדערשן בעטל שטיין און לעקן פון דער גוססדיקער מאַמע די שוין פאַרקילטע גע־זאַלצענע טראָפּנס שווייס פון דעם מיט טרעפּ־אָפּגעשווירענעם קאָפּ.

נאָך יענער נאַכט — די ליבע־האָפּן יוירן און שפּילן נאָך שטאַרקער אין אירע בלוטן, האָט זי זיך געלאָזט מיט אַדריזאַנען וואַנדערן — ביידע מיט די רוקזעק אויף די פּלייצעס, מיט די קאַרטאָן־טאָוולען, מיט די קאָלירנדיקע קרײַדלעך און בלײַשטיפטן, מיט די גראַווירי־ און קריץ־נאָדלען, מיטן פּאַסטעל און אַקוואַרעל אויף אָפּצובילדן און אָנצוואַרפן, אויף צו קאָפּירן און שטריכ־

לען, קריצן און שניצן... — מיטן איבערגעפולטן האַרץ פון ליבע און התלהבות, אונטער די אַלפּנבערג, וואָס רײַסן זיך צו די הימלען, דאָרטן בײַ די בלענדנ־דיקע וואַסערן, וואָס פאַלן פון דער זון, דאָרטן האָט זי מיט ווילדער פרייד אים אַרומגענומען און אין מיטן טאָג אויסגעשריִען:

— אַדרי מײַנער, דניאל־אַדרי־אַדיר... ווי שיין, דער רוח זאָל זי נעמען, ווי שיין זי איז אָט די וועלט!

און זיי שפּאַנען מיט די ווײַסע פעלדוועגן, איבערגעפולטע מיט גייערס און פאָרערס, — אַלץ אַרום פאַרביק־בונט, אין גינגאָלדענעם נעפּלשטויב; צווישן פעלדער יונגע גערשטנס און ווייצנס, איבער געקווייטלטע טאָלן, ווו ס׳פּאַשען זיך שאָף און רינדער, צווישן פריילעך־פאַרשײַטע פּאַסטעכער און פּאַסטעכערינס, וואָס שפּילן אויף פלייטן און מאַנדאָלינעס; זיי גייען ביידע איבער זון־פאַרגייענדיקע וועלדער, איבער וואָרעמע נעכט מיט אויסגעז־שטערנטע הימלען, וואָס שײַנען אין די וואַסערן; פאַרבײַ צעצוויטעטע סעדער, ווו קיין איין בוים קאָן אין משך פון מעת־לעת ניט כאַפּן קיין דרעמל: די פייגלען היפּערן איבער די צווײַגן, שלאָגן זיך, בויען נעסטן, פאַרגייען זיך אין געזאַנג.

זיי נעכטיקן, איווע מיט אַדריאַנען, אין די בײַוועגן־אַכסניות, אין גאָרטנ־בײַדלעך, אין וואַלדשטיבלעך, אָפּט מאָל גאָר אין פעלד אונטערן איבערגע־בלויטן הימל, און אויך אויפן ברעג ים.

זיי וואַנדערן איבער רוים, פלאָרענץ, מילאַן, וועניציע, און אומעטום צייכנט ער און מאָלט, און קריצט, און שניצט, און רעדט פון קונסט און קינסטלערס, און פון אַלע צײַטן און פון אַלע פעלקער, און ער פירט זי אויף קאָנצערטן פון בעטהאָווען און גריג, אויף ווערדיס „אַידאַ״ און אויף לעאָנ־קאַוואַלאָס „באַיאַצאָ״. און זי זעט, איווע, ווי איר אַדרי־אַדיר ווערט פון שפּיל און געזאַנג אויפגערודערט ביז צו פאַרלירן איבער זיך די שליטה. דעמאָלט ווייסט זי שוין אויף זיכער, אַז צוליב אים איז כּדאַי געווען שפּרינגען אין דער פינצטער, אין קאַלווערקאַט אַרײַן, זיך אויסשטעלן אויף סכּנות, איבער־לאָזן דאָס קינד, טאַמאַרעלען, אויפן כּוטער בײַם פאַראַבלטן טאַטן.

און דאָך, שוין דאָרטן, אויף דער שיף, וואָס פירט זיי איבערן זיך־לײַכט־כוואַליעדיקן ים צו די ברעגן פון שפּאַניע, ווו אַדריאַן רעדט וועגן

אַ נײַעם קונסטטעמפל פאַר דער מענטשהייט, אַז ערשט דעמאָלטן, ווען די מענטשהייט וועט אָנהייבן גיין אין יענעם קונסטטעמפל, ערשט דעמאָלטן וועט די געשיכטע פון דער וועלט באַקומען איר תּיקון... אָן יענעם אויפגעשטעלטן קונסטטעמפל וועט די מענטשהייט קאָנען האָבן אַ געשיכטע, אָבער ס׳וועט איר פעלן, דער מענטשהייט, דאָס וויכטיקסטע — די נשמה !.. דער מענטש וועט ווידער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטיקל ליים, וואָס וועט סוף־כּל־סוף צעטריקנט און צעשאָטן ווערן.

און דאָ, בײַ אָט די רייד זײַנע פון וועגן דעם קונסטטעמפל, טוט איר אויף ס׳נײַ אַ קלאַפ אין האַרצן יענע שאלה, וואָס מאַטערט זי פון דער ערשטער רגע פון זייער וווּנדערלעך־ווילדער טרעפעניש אין דער נאַכט פונעם פּאָגראָם, בײַ זײַן זיידן, בײַ דעם אַלטן פּראָפעסאָר אפרת אין שטוב ; שוין דעמאָלטן, נאָך די אויסגעשלאָגענע שויבנטירן און די אויסגעהאַקטע פענצטער, ווען ער, אַדריִאַן, האָט זי פון דאָרטן אַרויסגעפירט און דורכן פינצטערן קאָרידאָר צו זיך אין גרויסן צימער אַרײַנגעפירט, ווו פונעם ווינקל אויפן נידעריקן נאַכט־טישל בײַם ברייטן דיוואַן האָט אַרויסגעקוקט אַ סאָווע מיט צוויי גריןבליאַסקענדיקע אויגן, שוין דאָרטן האָט זי אים, דעם פאַרווּנדיקטן, ווען זײַן קאָפ איז צו איר אַקסל געפאַלן, געוואָלט אים פרעגן : „קאָן מען טאַקע אין איין און דער זעלבער האַנט האַלטן אַ פענדזל און אַ רעוואָלווער, קאָן מען טאַקע פאַרן שיינקייט מיט טויט, מיט מענטשלעכע לײַדן, מיט קאָנווולסיעס ?"

זי האָט אים שוין דעמאָלטן און דאָרטן געוואָלט פרעגן : וואָס האָט אים, דעם אַרכיטעקטאָר און קינסטלער, געשטויסן גראָד צו די עס־ערן ? אַוודאי איז דאָס גיין אָפשלאָגן די פּאָליטישע אַרעסטירטע, דאָס גיין אויף אַזאַ מסירת־נפש, אײַנשטעלן דאָס אייגענע לעבן פאַר מענטשן וועלכע דו קאָנסט אַפילו ניט, אַוודאי איז עס גרויס, דערהויבן, טיף מענטשלעך. אָבער בײַם אָפשלאָגן יענע, איז דאָך בלוט פאַרגאָסן געוואָרן, ס׳זײַנען דאָך דערבײַ אומגעקומען אומשולדיקע מענטשן, ס׳זײַנען פאַרבליבן יתומים, אַלמנות, טאַטע־מאַמע...

און אויך איצטער, דאָ אויף דער שיף, וואָס פירט זיי איבערן זיך־לײַכט־כוואַליעדיקן ים צו די ברעגן פון שפּאַניע, ווו זיי וועלן באַזוכן טאָלעדאָ און קאָרדאָוואַ, מאַלאַגאַ און סאַראַגאָסאַ, וואָס זײַנען אַ מאָל באַרימט געווען אין

דער יידישער וועלט און יענע „גאָלדענע עפּאָכע" לייכט נאָך ביז היינט... הערנדיק זיינע רייד פון וועגן אויפשטעלן פאַר דער מענטשהייט אַ נייעם קונסטטעמפּל, וויל זי אים יענע שאלה שטעלן און אויך שוין דערביי אויס־קלאָרן: און וועלכע געטער וועלן דאָרטן שטיין אינעם ניי־אויפגעשטעלטן טעמפּל, און וועלכע קרבנות וועלן יענע קונסטגעטער פאָדערן פון דער מענטשהייט פאַר דער נייער נשמה? — אָבער זי פרעגט אים גאָרניט, טוליעט זיך צו אים נאָך שטאַרקער צו:

— אַדרי־אַדיר מיינער, איך וועל באַרוועסרהייט קנעטן ליים פאַר דיין קונסטטעמפּל, איך וועל טראָגן אויף מיינע אַקסלען שטיינער פאַר דיין בנין... אַדרי־אַדיר, איך וועל...

נאָר ער לאָזט זי ווייטער ניט רעדן און עפּעס מער וואָס צו זאָגן. פון איר פּנים אינעם אָפּשיין פון דער לבנה, וואָס הייבט זיך אַרויס פון די ים־טיפע־נישן, באַזונדערס פון אירע, פון איוועס, פאַרגלייבטע און תּמימותדיקע ברייט־צעעפנטע אויגן מיט די גאָלדיק־גרינלעכע שאָטנס, וואָס יאָגן איבער זיי, ווערט ער אַזוי געפּלעפט, אַז ער פאַלט צו אירע פיס:

— איווע, ביסטו טאַקע וואָר?

— יאָ, פון בלוט און פלייש, — זאָגט זי אים. — פון ערד און וואַלד, פון פייגל־געזאַנגען און צעבליטע סעדער. פון וועלפגעוויען און פון שניייקע זאַווערוכעס, פון דורות באַיאַר־יידן, וואָס האָבן געטראָגן אין זייערע נשמות די פרייד פון שבת, פון פּסח, פון שבועות און דעם גרויסן טרויער פון תּשעה־באָב... — און צובייגנדיק איר קאָפּ צו זיינעם, און טאַקע ביי יענער לבנה, ביי יענע אָראַנזש־גאָלדיקע שיינען מיט די גרינלעכע שאָטנס, וואָס יאָגן איבער די שוואַרץ־בלויע כוואַליעס מיט באַזילבערטע רוקנס צו אירע פאַר־גלייבטע, צו אירע ביז גאָר ריין־תּמימותדיקע ברייט־צעעפנטע אויגן, זאָגט זי אים אויך: — און אַ קינד וועל איך דיר געבוירן, אַ זון... יאָ, יאָ, דניאל־אַדרי. יאָ, יאָ, אַדיר־גבורן מיינער, יאָ, איך בין פון דיר פאַרגאַנגען אין טראָגן. איך וועל האָבן אַ קינד פון פרייד און פון ליבע. אַ שׂכר פון גאָט אַליין פאַר מיינע אויסגעוויטיקטע טרוימען, פאַר ניט פאַרלירן די ווייסע בערעזע אין די פינצטערע נעכט. פאַרן צעשפּאָלטן מיטן פייער פון מיין האַרצן דעם שטיין אויף מיין וועג... אָבער אין שפּאַניע, דניאל, טאָרן מיר זיך ניט פאַר־

הײַען, פיר מיך, אַדרי, צוריק צו יענער שטוב מיטן טשערעפּיצענעם דאַך, צו דער אָזערע אונטער די אַלפּנבערג. די באָיאַרס טעכטער טראָגן שווער, זייערע חבלה־לידה זײַנען זייער גרויסע... יאָ, איך ווייס, דו וועסט זײַן מיט מיר, וועסט מיך אַליין ניט לאָזן... נאָכן האָבן וועל איך מיט דיר גיין ווײַטער, וווהין דו וועסט מיר נאָר ווען פירן.

און דאָך — זי וועט שפּעטער מיט יאָרן ניט קאָנען עס פאַרענטפערן און דערקלערן — האָט זי זיך אומגעקערט אַהין, צו יענער שטוב בײַ דער אָזערע ערשט דעמאָלטן, ווען די בעז־בלויקייטן אין סאָד האָבן זיך שוין אויסגעלאָשן, די האָניק־ריחות פונעם לינדנבוים שוין אָפּגעגאַנגען, ניט געווען שוין צו הערן קיין פייגל־געזאַנגען, ווײַל זיי זײַנען געווען פאַרהאַוועט מיטן אויסגעפינען און טראָגן פאַרן אויסגעבריט און אויסגעפּיקטן קליינוואַרג שפּײַז אין די פונאַנדערגעעפנטע געלע שנאָבעלעך... נאָר זי איינע, די קוקאַווע, האָט אין די וועלדער ביז נאָך האַלבער נאַכט גערופן מיט טרויער אירע קינדער, וואָס זי אַליין האָט איבער פרעמדע נעסטן צעוואָרפן.

זיי האָבן זיך אומגעקערט, איווע מיט אַדריאַנען, שוין נאָך אַלע פרילינג־אָפּגעבליצטע געוויטערן. שוין נאָך די אָפּגערוישטע רעגנס. די פאַרטאָגן וואַשן זיך אין פינקלענדיקער ראָסע און די ליליע־קריגעלעך אויף די וואַסערן כאַפּן מיט די באַגילדטע צינגלעך די ערשטע טראָפּנס זון, וואָס פאַלן פון די אַראָפּהענגענדיקע ווייכע ווערבע־צווײַגן. זיי האָבן זיך אומגעקערט שוין דעמאָלטן ווען ס׳האָט געווייעט מיט פריש־געטריקנטן קלעווער און קאָניור־שינע. אין דער לופטן דרייט זיך טאָפּאָלן־פוך, די ווייצנפעלדער כוואַליען זיך אין הייסער בלאָנדקייט און די ערשטע פאַרמישפּטע שורות זאַנגען אונטער די שטאָלענע קאָסעס פאַלן מיט די שווערע קעפּ צו דער ערד.

גראָד זי, איווע, האָט אָפּגעלייגט דאָס אומקערן זיך פון טאָג אויף טאָג, פון וואָך אויף וואָך, — געוואָלט פאָרן אויך קיין פּאַריז, געוואָלט זײַן דאָרטן אין יענע קאַפע־קעלערס צווישן די באָהעמע־קינסטלערס... און ער האָט אַלע אירע ווילנס און באַגערן נאָכגעגעבן און אויסגעפילט. אין די נעכט זײַנען זיי ביידע שוין גאָר ווילד געוואָרן, ווי זיי וואָלטן זיך איינער מיטן אַנדערן געזעגנט, ווי שוין צום לעצטן מאָל.

נאָר אַז די איבלעכישן האָבן מיט יעדן טאָג אַלץ שטאַרקער צום האַרצן

איר געשלאָגן, שוין ניט ביכולת געוואָרן אָט־אָ דעם וואַנדער־און־וואָגל, אָט־אָ דאָס הפקר־לעבן ווײַטער צו פירן, האָט זי זיך שוין אויף אַן אמתן געבעטן אַהין, צו יענער שטוב בײַ דער אָזערע. דערצו נאָך, פאַר טאָג, נאָך דער פאַרשײַטער נאַכט, בײַם אַנטשלאָפן ווערן אויף זײַן אַקסל, נאָך געהערט ווי מיט די פינגער פון דער לינקער האַנט קלײַבט ער איבער שטיל און מיט גרויס צאַרטקייט אירע צעשאָטענע האָר, דאָ האָט זי דעם אומבאַנעמלעך־ניבהלדיקן חלום דערזען: יענץ באָקלעמעלע, וואָס איז בײַ איר גוסטדיקער מאַמע צוקאָפּנס געשטאַנען, יענץ באָקלעמעלע איז פּלוצעם פון יענעם בעטל, פון דער מאַמעס, צו איר, צו איוועו, אויף דער טאַכטאַ אַרויפגעשפּרונגען, אויך צוקאָפּנס זיך געשטעלט און מיטן רעכטן פיסל, וואָס מיט דער שוואַרצער קאָפּיטקע, גענומען זי וועקן: „כאַפּ זיך אויף, איווע, דער גאַנצער וואַלד ברענט!” — האָט זי זיך מיט אַ גרויסן אומרו און דערשרעק אויפגעכאַפּט, אָנגעהויבן תּיכּף די קופּערטן צונויפלייגן, גענומען אײַלן און יאָגן צו יענער שטוב מיטן רויט־טשערעפּיצענעם הויכן דאַך, ווי דאָרטן, אין יענער שטיל־קייט, בײַ יענע קדמונישע ליכטן, וואָס גייען אין די נעכט פון די אַלפּנשנייען, דאַרף זיך איר עפּעס אַנטפּלעקן און אויך דער חלום מיטן באָקלעמעלע דאַרף איר דאָרטן באַשיידט און פאַרענטפערט ווערן.

און טאַקע יענער מיטן גרינעם קאַמזויל, מיטן גרינעם פעדער אין דער שטרויענער הוט, דער דײַטש, וואָס איווע האָט צוריק מיט דרײַ חדשים, אין יענעם פאַרנאַכט, פאַרן שלאַקסרעגן, פאַרן גיין מיט אַדריַאַנען אויף דער אָזערע צו ברעכן מיט די וועסלעס לבנה־שפּיגלען אויפן וואַסער, זיך צונויפ־גערעדט קומען און זי פירן פאַר טאָג צו דער ערשטער באַן, וואָס גייט קיין ציריך, — דער דײַטש האָט דעמאָלטן אַקוראַט און פּינקטלעך גאַנצע דרײַ מינוטן אונטערן רעגן אין טיר געקלאַפּט... ער, דער דײַטש, וואָס בייגט זיך פון לאַנגקייט אויפן ווינט, ער, אינעם גרינעם קאַמזויל און מיטן גרינעם פעדער, פירט זיי איצטער ביידן, איוועו און אַדריַאַנען, אַרום האַלבן טאָג, פון דער באַן אויף דער בריטשקע מיטן לאָזע־שאַראַבאַן, און דאָס הויכע אויסגעפּיטערטע פערד מיט דער גלאַנציקער העל־ברוינער פעל טראָגט זיך איבערן ווײַסן וועג און פריכעט פון די פאַרענדיקע ריחות, וואָס שלאָגן פון די פריש־געקאָסעטע לאָנקע־גראָזן. איבער דער ערד פלאַטערן די גאָלד־בליציקע,

די אַטלעס־פּערלמוטערדיקע באַבעלעך, און די קלויסטער־גלאָקן קלינגען אונטער דער הייסער זון.

דורכן דאָרף מיטן זונטיקדיק־אויסגעפּוצטן און אויפגערוימטן עולם — פון הי און אַנגעקומענע, איז ניט דורכצופּאָרן. באַזונדערס בײַם פּלאַץ, וואָס פאַרן גרוי־שטיינערנעם קלויסטער, ווו ציגײַנער שפּילן אויף פידלען ביז סטרונעס פּלאַצן. אונטער פּײַקלען און בובנעס גייט דאָרטן אַ וויכערדיקער טאַנץ מיט אויסגעשרייען, מיט פיס־צוקלאַפּן און האַנט־פּאַטשערײַ, און אַן אַלטע ציגײַנערין, אַ באַהאַנגענע מיט שנירלעך פאַרביקע קאָרעלן און זיל־בערנע מטבעות, פירט אַרום אויף די הינטערשטע פיס אַ שוואַרצן בער מיט אַ ווײַסן בויך, אין די פעדערשטע לאַפּעס האַלט ער אַ טאַץ און פאַרנייגט זיך פאַר איטלעכן וואָס וואַרפט אַרײַן אַ קופּערנע פּרוטה. בײַם פאַרהאַלטן זיך דאָ, לויפט זי צו, די אַלטע ציגײַנערין, מיטן בער אויף די הינטערשטע פיס, און כאַפּט אַן איוועס האַנט און נעמט איר טרעפן און פּירזאָגן:

— דו ביסט געבענטשט פון גאָט מיט שיינקייט און חכמה. אָבער דײַן גורל איז ווי אַ קיין מאָל ניט אויסגעניכטערטער שיכּור: פאַלט און הייבט זיך אויף, און פאַלט ווידער! און וואָס ווײַטער וועט דײַן גורל אויף אַלץ מער שאַרפערע שטיינער פאַלן... אַ סך וואַנדערוועגן, קראַסאַוויצע, שטייען דיר פאַר אין לעבן. אָט די ליניע אויף דײַן האַנט ווײַזט קלאָר...

און איווע, וואָס געפינט זיך שוין פון פריִער, שוין פונעם חלום מיטן באַקלעמעלע, אין עפּעס אַן אומקלאָרער אויפגעשווידערטקייט, רײַסט דאָ אַרויס איר האַנט, טוט אַ וואָרף אַ ביסל מינץ דעם בער אויף דער טאַץ, שפּרינגט פון דער בריטשקע אַראָפּ, לויפט אין וויכערדיקן ראָד אַרײַן און ווי די אַמאָליקע טענצערין וואַלט זיך פּלוצעם אין איר אויפגעוועקט, כאַפּט זי אַ יונגן ציגײַנער אין אַ רויטער זײַדענער העמד, אין שוואַרצע הויזן, אין שטיוועלעך מיט גלאַנציקע האַרמאָניע־כאַליוועס, און גייט מיט אים אין אַ ווילדן טאַנץ אַוועק.

דער עולם אַרום און אויף די טאַנצנדיקע פּאָרלעך בלײַבן שטיין און ווערן פון איר טאַנץ, פונעם פּײַערדיקן דרייען זיך, פאַרגאַפט און פאַרגולמט: נאָך אַזוינס ניט געזען!.. דער יונגער ציגײַנער האַלט אַזאַ אימפּעטדיקייט ניט אויס און פאַלט צו דער ערד. כאַפּט זי, איווע, אַ צווייטן, שוין אַן אַלטן

ציגײַנער... אָבער דאָ פירט זי אַדריאַן מיט כּוח פונעם ראָד אַרויס, הייבט זי פון דער ערד אויף, זעצט זי אין בריטשקע אַרײַן און הייסט דעם דײַטש פאָרן ווײַטער. אויך ער, אַדריאַן, איז דאָ פון עפּעס אומקלאָרס דערשראָקן געוואָרן: אַזאַ איוועץ האָט ער זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן.

און דאָרטן, ווי נאָר צו דער שטוב צוגעפאָרן, נאָך אַ פאַרפאַליעטע פונעם אימפּעט־וויכערדיקן טאַנץ בײַם קלויסטער — געוואָלט דאָרטן צעווייען און פאַרטויבן יענעם אומקלאָרן אומרו און די קעלט איבערן רוקנביין, וואָס גייט איר פונעם חלום מיטן באָקלעמעלע, און אויך דער ציגײַנערינס טרעפענישן וועגן דעם שיכּורן גורל געוואָלט פאַרטרײַבן; דער דײַטש טראָגט די קופערטן און ער, אַדריאַן טראָגט ווי הייליקייטן די געמעלן, די צייכענונגען, דאָס געקריצט־און־געשניצטע צו דער מיט זון־פאַרפלייצטער וועראַנדע, ווו אויפן קײַלעכדיק־אײַזערנעם טישל שטייען לכּבוד די געסט פריש־אָנגעשניטענע טיירויזן; דאָרטן, אין הויף, נאָך אַדריאַנס אַוועקגיין, דערלאַנגט איר די דײַטשקע, וואָס האָט דעם טויער פון הויף געעפנט און פון דער בריטשקע געהאָלפן אַראָפגיין, די קליינוווקסיקע, די שטײַף־אָנגעקראָכמאַליעטע דײַטשקע, וואָס מיטן סודותדיקן ווונק און שמייכל פון פאַרשטיין פרויען־שוואַכקייטן, זי, מיטן שמייכל אויפן פּנים, גרייט צו דינען און באַדינען, דערלאַנגט דרײַ בריוו, וואָס פאַרוווּנדערן איוועץ ביז צום שטוינען, ווײַל ווער ווייסט דען וווהין זי איז פאַרפאָרן און ווו זי האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט?

אויף צוויי איז קיין מאַרקע, קיין פּאָסטשטעמפּל און אויך גאָר קיין אַדרעס ניטאָ. אויפן דריטן קאָנווערט, אַ געדיכט־בלאָווער, אַ האַרטער און אַ סך שווערער פון יענע צוויי, דערזעט זי אָבער אין יידיש־לשון געשריבן דעם דריבנע־פערלדיקן כּתב: „צו מײַן טײַערער פלימעניצע, צו מײַן שוועסטערס טאָכטער, צו דער בת־יחידה, איוועץ, זאָל געזונט זײַן". — ס'איז דאָך איר פעטער אַבושעס האַנטשריפט!

און דאָ ווייסט זי שוין, איוועץ: אין אָט דעם בלאָוו־האַרטן קאָנווערט ליגט פאַר איר אַ וויסטע בשׂורה. דער פעטער אירער, דער חריף, אַבוש, דער גרויסער שׂונא פון די באָיאַרס, זאָגט קיין מאָל קיין ליגן ניט, טרײַבט קיין מאָל ניט איבער, קומט תּמיד מיטן ריינעם אמת... אַ פאַרצאַפּלט־געוואָרענע פרעגט איוועץ בײַ דער דײַטשקע:

— פון וואַנען, פון וואַנען און ווי אַזוי קומען צו אײַך די בריוו ?

— אַ מאַן איז דאָ געווען...

— שוין לאַנג ?

— מיט אַ וואָך זעקס צוריק.

— ווי האָט ער אויסגעזען ?

— אין פענסנע אויף אַ שוואַרץ שנירל, געווען אָנגעטאָן...

— מיט אַ באָרד ?

— יאָ, פראַו, מיט אַ שײנער שוואַרצער באָרד.

— האָט ער אײַך אָט די בריוו געגעבן ?

— יאָ, פראַו, יאָ... ער... גנעדיקע פראַו...

— און וואָס האָט ער גערעדט מיט אײַך ?

— זיך דערוווּסט, אַז די פראַו איז ניטאָ, האָט ער געבעטן, ווי נאָר די פראַו וועט זיך אומקערן, אָפּגעבן די בריוו.

— האָט דער מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד נאָך וואָס אָנגעזאָגט ?

— ניין, גנעדיקע פראַו, געבעטן איבערגעבן די בריוו דער פראַו אין די הענט אַרײַן. נאָר דער פראַו... צוויי מאָל וועגן דעם געבעטן !

פרעגט זי שוין ווײַטער גאָרניט, ווײַל פון דער דײַטשקע, וואָס איז זיכער, אַז די גנעדיקע פראַו פירט ערגעץ פאַרבאָרגענע ליבעס, קאָן מען זיך שוין מער גאָרנישט ניט דערוויסן. קלאָר איז איר אין אָט דער רגע איינס : דער דאָקטער רמז איז דאָ געווען און געהייסן די בריוו נאָר איר, איוועץ, אין די הענט אַרײַן אָפּגעבן. קאָן זי מיטן שׂכל ניט אויפכאַפּן : וואָסערע סודות האָט ער פאַר איר געבראַכט און וועלכע פאַרהוילענישן און באַהאַלטענע מײנען קאָנען איר גאָר אַרן און אָנגיין, און צוליב וואָס און נאָך וואָס איז ער, דער דאָקטער רמז, בכלל איר נאָכגעפאָרן און זי דאָ אָפּגעזוכט ? וואָס קאָן ער איר שוין זאָגן נאָך יענעם אָוונט, נאָך איר יציאת-לאַנדע, נאָך איר אַרײַנגיין אין אַזאַ עלנטקייט, נאָך איר בלײַבן אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַן אַ דאַך איבערן לעבן... וואָס קאָן ער, דער דאָקטער רמז, מיט דער שײנער שוואַרצער באָרד, זאָגן נאָך יענער שפּעטער נאַכט־שעה בײַם פּראָפעסאָר אפרתן אין שטוב, ווען זי, איוועע, האָט שוין פון יִיאוש די הענט צו אים אויסגעצויגן און ער, דער דאָקטער רמז, האָט אירע הענט ניט אָנגעכאַפּט, געלאָזט זיי

אין דער לופטן גליווערן, און אויף זײַן פּנים האָט זי ניט נאָר פּאַרלוירנקייט, נאָר אויך שרעק דערזען. גיט זי דער דײַטשקע פּאַרן היטן די בריוו גאַנצע פינף מאַרק — יענע זעצט זיך צו אַזוי, אַז אירע געקוויטלט־אָנגעקראָכמאַ־ליעטע קליידלעך צעשפּרייטן זיך איבער דער ערד, ווי דער פּאַרביקער עק ביי אַ פּאַווע; טוט איווע פון דעם אַ שמייכל און לאָזט זיך אַנטקעגן אַדרי׳אַנען, וואָס גייט שוין צו איר פון דער ווערענדע אַראָפּ:

— אַדרי, דאָ איז דאָך געווען דער דאָקטער רמז.

— ווי אַזוי האָט ער געקאָנט אַהער טרעפן?

— דאָס קאָן איך אויך ניט פאַרשטיין.

— דאָס האָט ער דיר איבערגעלאָזט די בריוו?

— יאָ. איין בריוו איז פון מײַן מאַמעס ברודער. קיין גוטע בשורה זאָגט ער קיין מאָל ניט אָן. אַז די וועלט, זאָגט ער, וועט ווערן איין שוואַרצע בשורה, דעמאָלטן וועט ערשט אָנהייבן אויפגיין דאָס ריינע געטלעכע ליכט, משיח וועט קומען... ביז דעמאָלטן, זאָגט ער, דאַרף יעדער איינער וואָס לײַדט, טראָגן אין זײַן שנאָבל וואָס מערער שוואַרצן פײַער אויף אונטערצינדן די וועלט!

— ווערסט מיר לייענען זײַן בריוו?

— פאַרשטייט זיך, אַדרי, איך האָב דען, צי איך קאָן גאָר האָבן פון דיר סודות? און דו, מײַן אַדרי, דו האָסט פון מיר סודות?

— ניטאָ אַזאַ מענטש וואָס זאָל ניט אַוועקטראָגן מיט זיך אין קבר אַרײַן אַ פאַרבאָרגענעם סוד. זײַן סוד...

— אַדרי, ליבער, אוי, ווי איך וויל וויסן דײַן סוד. באַגראָב דײַן סוד אין מיר!.. — און דאָ באַמערקט זי ווי אַזוי אין זײַנע תּהום־שוואַרצע אויגן טוען מיט אַ מאָל אַ פלעמל צוויי ניט־גוטע פײַערלעך. — איך באַשטיי ניט אויף דעם, סודות דאַרפן פון זיך אַליין זיך עפענען... מיר וועלן זיך באַלד אָרומוואַשן, זיך איבערטאָן פון וועג און גיין אין די בערג, צום רעסטאָראַן, איך בין הונגעריק ווי אַ ווינטערדיקע וואָלפיכע.

— און דו ווערסט דאָרטן ווידער טאַנצן?

— ניין, גברן מײַנער, מער וועל איך ניט טאַנצן. אַז איך וועל דיר געבערן דעם זון, דעמאָלט וועל איך טאַנצן. אַדרי, — טוט זי אים פלוצעם אַ

פרעג. — בעת אונדזער וואַנדערן איבער איטאַליע, שפּאַניע, פראַנקרײַך, האָסטו אַזוי פיל געמאָלט און געצייכנט, פאַר וואָס האָסטו מיך קיין מאָל ניט געמאָלט און ניט געצייכנט?

— אָט דאָס איז אפשר, ליבע מײַנע, דער איינציקער סוד, וואָס כ׳וועל אים אָוועקטראָגן מיט זיך אין קבר אַרײַן!

און פאַרן לאָזן זיך מיט אַדריאַנען אַהין, צום רעסטאָראַן, אין די בערג אַרײַן, — פון דער באַן־נסיעה, פונעם פאָרן מיט דער בריטשקע איבערן פעלדוועג און אויך פונעם טאַנצן דאָרטן בײַם קלויסטער אינעם האַלבטאָגיקן שטויב, שוין אַן אַרומגעוואַשן־און־איבערגעטאָנענע, שוין אין יענעם ווײַסן קלייד, וואָס זי האָט אַ מאָל זיך געקליבן גיין מיט דניאלן אונטער דער חופּה, צען יאָר איז דאָס ווײַסע קלייד אינעם פאַרשלאָסענעם שופלאָד, ווי תּכריכים, אָפּגעלעגן, זי האָט אַפילו אַהין צו, אין יענעם שופלאָד, אַ צוואָה אַרײַנגעלייגט: מ׳זאָל איר, איוועז, דעם לעצטן חסד־של־אמת טאָן און זי אין אָט דעם ווײַסן קלייד באַהאַלטן, נאָר איצטער, בעת איר וואַנדערן מיט אים, מיט אַדריאַנען, צו פוס און אויף פור און אויף שיף, פון לאַנד צו לאַנד, ערגעץ דאָרטן־ווו דאָס ווײַסע קלייד איבערגעגנייט לויטן שניט פון דער צײַט און דער מאָדע, צו איר גוף צוגעמאָסטן און צוגעפּאַסט; שוין אַן איבער־געטאָנענע, נעמט זי עפּענען דעם בריוו פון איר פעטער אַבושן, וואָס דאַרף, ווי זי מיינט, די שוואַרצסטע בשׂורה איר אָנזאָגן.

איר פּנים ווערט פאַרשאָטנט. הגם אויף אַזאַ בריוו, ווייסט זי, האָט זי זיך באַדאַרפט ריכטן: די מאַמע האָט דאָך שוין פונעם קינדערשן בעטל ניט געקאָנט אויפשטיין. זי, איווע, האָט דאָך די גוססדיקע מאַמע געוואָרפן אויפן באָקלעמעלע... און אויסער דער בשׂורה פון דער מאַמעס טויט, קאָן דאָך איר פעטער אַבוש נאָך עפּעס אַ שוואַרצקייט צושיקן: אַן אומגליק מיט איר טאַטן, צי אפשר גאָר חלילה, מיט איר קינד, מיט טאַמאַרעלען... — און דאָ דערזעט זי אים, איר פעטער אַבושן, ווי ער וואָלט פּלוצעם אַהער אין שטוב אַרײַנגע־קומען און אַקוראַט אַזאַ ווי זי האָט אים צום לעצטן מאָל געזען דאָרטן, נאָך איר לויפן פונעם האָטעל פאַרבײַ דעם רעדל מענטשן, וואָס איז אויף איר בייז־ווונדער זיך צונויפגעלאָפן; מיטן אַרויפגעכאַפּטן אויף זיך פּיטש־גאַסן

מאַנטל — אין די פאַלדן איז נאָך אַ צונויפגעשלאָגן־פאַרהאַרטעוועטער שניי געלעגן, געלאָפן מיט די צום דניעפּער באַרג־אַראָפּיקע געסלעך אויסקלאָרן, פאַר וואָס ער, איר מאַמעס ברודער, האָט איר, איווען, אַזעלכע אומזיסט־און־אומנישטע בזיונות אָנגעטאָן? זעט זי אים אין יענעם ווינטערדיקן פרימאָרגן צווישן די צוויי פענצטער מיט די אַכט פירעקעכדיקע טאָפּלעלעך שטיין, דאָס שטאַרקע טאָגליכט פאַלט אויף אים, אָבער בשום־אופן קאָן זי ניט אויפכאַפּן זיין פּנים — די מראה בייט זיך אים אַלע מאָל. זי הערט נאָר זיין טרוקענעם קול: „מ׳דאַרף צעברעכן די לוחות און מאַכן אַן עגל־הזהב! אַהרן האָט עס נאָך ביי מתּן־תּורה פאַרשטאַנען... דאָס מאָל וועט זיך עס איינגעבן! מ׳וועט עס אייך איינגעבן און איר וועט עס איינעמען!“

שוין ביים עפענען דעם בריוו, וואָס איז מיט טייג געווען פאַרקלעפּט, שוין פון דער ערשטער שורה מיטן כּתב אויף אַרויסצונעמען זיך די אויגן, ווידער און אָבער אַ מאָל יענע און די זעלביקע רייד פון וועלכע זי, איווע, איז דעמאָלט אַנטלאָפן געוואָרן — ניט געקאָנט זיי ביזן סוף אויסהערן — שוין פון דער ערשטער שורה דערהערט זי זיין קול און אויך דערזען ווי די ווייסע רייפעלעך אַרום זיינע שוואַרצאַפּלען בלינצלען: „ייִדענע, הערסט, ייִדענע? די וועלט גייט שווער צו קינד מיט משיחן, דאַרף מען איר קומען צו הילף. מ׳טאָר זיך דאָ פאַר גאָרנישט ניט אָפּשטעלן, דו הערסט, ייִדענע! ס׳איז אַן עת־צרה! אויב משיח וועט חלילה־וחס פאַרשפּעטיקן, אויב ער וועט ניט קומען אין די נאָענטסטע יאָרן, וועט בימינו מקוים ווערן דער פּסוק: ואבדתם בגויים... דאָס הייסט, ייִדענע, אַז איר וועט אומקומען צווישן די עמלקים. און אומקומען וועט איר מיט אַלע מיתות־משונות און קיינער וועט אייך ניט קומען צו הילף, אַפילו די חסידי־אומות־העולם, אַפילו די בעסטע פון צווישן די נוצרים, אַפילו די וואָס וועלן האָבן ביִר, וועלן אייך אויך ניט העלפן... אַליין דאַרפן מיר, ייִדענע, אַליין, דו הערסט? אַרויסרייסן משיחן פונעם טראַכט פון דער וועלט... אַליין, אַליין, אַליין... אויב ניט, טראָגט איר אין דער זרע פון אייערע לענדן דעם טויט! דו הערסט, ייִדענע! מ׳דאַרף טאָן איידער עס וועט פינצטער ווערן די זון!“

אָבער פון וועגן דער מאַמעס טויט, פון איר קבורה, טרעפט זי קיין איין וואָרט ניט. היפּערט זי, איווע, און לויפט מיט די אויגן פאַרביי שורות און

אַפילו אַ האַלב זײַטל, ווי ער רעדט, דער פעטער אירער, פון דער תּאווה־וועלט, וואָס איז אַזוי פאַרשטונקען און פאַרעיפּושט געוואָרן, אַז דער בורא־עולם וועט ניט אַריבערפירן קיין ווינט איבער אָט דער ערד, ווו אַלע טרינקען גאַלוואַסער און פילן אַפילו ניט די ביטערקייט, ווו די שׂינאה איז דאָ גרעסער פון דער פײַערדיקסטער ליבשאַפט... — לויפט זי מיט די אויגן ווײַטער און שטעלט זיך אָפּ דאָרטן ווו ער, דער פעטער אירער, הייבט אָן מיט מיט־געפיל, שוין מיט באַדויער און מיטלייד צו דערציילן אַלדאָסדינג, וואָס נאָך איר, איוועס, לויפן מיט חרותן און מיט אים, האָט בײַ די באַיאָרס געטראָפן און פאַרלאָפן זיך: די פערד־און־וואָגן, וואָס איר טאַטע גבריאל האָט געגעבן, האָבן די זשאַנדאַרן געכאַפּט און זיי, אַברהמען מיט עקיבאַן, גלײַך הינטער די גראָבע וועגט פאַרשפּאַרט און ביידע, ניט נאָר דער תּם אַברהם, נאָר אויך דער ברודער אירער, עקיבא, דער פריילעכער כּלי־זמר־יונג, ביידע שלינגען דאָרטן דעם ביסן אין טרויער... און דערנאָך האָט מען שוין דײַן טאַטן גענומען, און אויף מאָרגן דעם קרעטשמאַר, יצחקן, און אויך דײַן מומע ליבען, וואָס איז אין טראָגן, אַלעמען האָט מען אויף אַ קאַזיאָנער פור אָוועקגעפירט אין תּפיסה אַרײַן.

און איוועס קאָן ווײַטער ניט לייענען — אַ הייסער קנויל, אַ ברי̇ענדיקער, ממש אַ פײַערדיקער הייבט זיך איר צום גאָרגל און אין דער זעלבער צײַט נעמט איר אַ קרירה־קעלט גיין איבערן רוקן.

— אַדרי, אַדרי, — פרעגט זי אים, וואָס פאַמקעט די מעפּיסטאָ־ליולקע בײַם האַלבטאָגיקן פענצטער און זײַן פּנים איז אין אַ באַגילדט־קוטשעראַווען רויך אײַנגעהילט. — אַדרי, אַדרי, אַדרי... ווי אַזוי האָבן מיר עס פרי̇ער ניט געזען? האָבן מיר דען קיין אַנדער וועג און אויסוועג ניט געהאַט?

— ניין, איוועס, ניין! קיין אַנדער וועג און אויסוועג האָבן מיר ניט געהאַט. מיטן צוג האָבן מיר ניט געקאָנט און ניט געטאָרט פאָרן. אויף יעדן וואָקזאַלכל, אויף יעדן אָפּשטעל, וואָלט מען אונדז אַרעסטירט. חרותן וואָלט מען שוין איצטיקס מאָל פאַרמישפּט צום טויט. און אפשר מיך אויך... און דיך וואָלט מען פאַרשיקט.

— האָבן מיר זיך, הייסט עס, געראַטעוועט אויפן חשבון פון אַנדערע?

— די סכּנה פאַר זיי איז געווען ניט קיין גרויסע... פאַר אונדז איז זי

אָבער געווען אַ געפּערלעכץ. מיט דער פור, וואָס מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן פון שטאָט, האָבן מיר אין אַזעלכע ווערטע-וואָסערן ניט געקאָנט זיך דערקלײַבן צו דער גרענעץ. מ׳האָט געמוזט ערגעץ בײַטן די פערד. — ער גייט צו און נעמט זי אַרום:

— דערצו, איווע, איז דאָך עס שוין נאָך אַלעמען!

— וואָס הייסט נאָך אַלעמען?

— מ׳האָט זיי שוין אַרויסגעלאָזט.

— אַדרי, דו ביסט אין דעם זיכער?

— מער ווי זיכער! דײַן פעטערס בריוו איז אַ פאַרשפּעטיקטער.

און זײַן רויִקייט, זײַן צאַרטער אַרומנעמען זי, זײַן שטעלן זיך הינטער אירע פּלייצעס, ווי פאַרשטעלט מיט זיך אַלע ווענן פאַר אַלע בייזקייטן פון דער וועלט צו איר, באַרויִקט זי אַ ביסל:

— אַדרי, אַדרי, און וואָס שרײַבט ער נאָך?

— כ׳מיין, איווע, אַז ווײַטער דאַרפסטו שוין ניט לייענען. אַלץ איז שוין פאַרבײַ און דו ווערסט זיך נאָר אומזיסט אויפרעגן. טײַערע מײַנע, דו דאַרפסט זיך איצט היטן... דו ביסט דאָך די גרויסע פרייד, דאָס שיינע ליד אין מײַן וועלט... איך זוך איצט דעם וועג צו זיך. און דער וועג צו זיך איז אַזאַ שווידערלעך-שווערער, אַזאַ באַרג-אַרויפיקער, אַזאַ שטייניקער, אַזאַ דאָרנדיקער... לייען ניט ווײַטער! היט, איווע, אונדזער קינד, מײַן בכור...

און דאָ, דערהערט פון אים צום ערשטן מאָל, אַז זי איז געוואָרן דאָס שיינע ליד פון דניאל־אַדריס לעבן, נעמט זי אַרום זײַן לייבנקאָפּ:

— אַדרי־אַדיר, איך וועל דיר האָבן אַ זון און וועל פאַרבלײַבן ביזן סוף פון מײַנע טעג דײַן ליד און דײַן פרייד. איך וועל טראָגן שטיינער און קנעטן ליים מיט די באָרוועסע פיס פאַר די ציגל פון דײַן קונסטטעמפּל... אויך דו, דניאל, ביסט מײַן אויסגעבענקטע, מײַן אויסגעליטענע, מײַן אײן־און־אײנציקע ליד און פרייד אין דער וועלט... אָבער דעם בריוו מוז איך דערלייענען ביזן סוף! זאָל זײַן אַז אַלע זייערע ליידן און צרות זײַנען שוין פאַרבײַ, אָבער אויך איך וויל און דאַרף זיי איבערלעבן. איך וויל יענע צרות דערפילן מיט אַלע מײַנע אברים, און אויך דאָס קינד, וואָס גייט אויף אונטער מײַן האַרצן, זאָל עס דערפילן... איך וויל דאָ איבערווייטיקן, דורכקרענקען דעם

טאַטנס און אַברהמס און עקיבאס און יצחקס און דער מומע ליבעס פּײַנען, זייערע אַלעמענס יסורים און נסיונות!

פאַרוועדט ער איר מער ניט און שטערט ניט. ער גייט און שטעלט זיך ווידער מיטן פּנים צום פענצטער, וואָס איז מיט זוניקייט פאַרפלייצט. און דאָ דערזעט זי אַז אויך בײַ אים, ווי בײַ איר פעטער אַבושן אין יענעם פרימאָרגן, זעט מען ניט דאָס פּנים. אויך בײַ אים, בײַ אַדריִאַנען, ווערט דאָס פּנים פּלוצלינג, אין דער ליכטיקייט, אין אָט דער זוניקייט, פאַרלאָרן.

— אַדרי, — רעדט זי קוים אַרויס. — אַדרי, גיי אָפּ פונעם פענצטער!

— ס'איז דיר דען קאַרג ליכט?

— כ'ווייס ניט...

ער זעצט זיך צוריק אויף זײַן פריִערדיקן אָרט, אויפן נידעריקן בענקעלע, בײַ אירע פיס, און זי לייענט ווײַטער, וויל דערוויסן זיך, וואָס דאָרטן, שוין אין תּפיסה, איז מיט אירע לײַבלעכע און נאָענטסטע, באַזונדערס מיט איר, מיט דער מומע ליבע, פאַרגעקומען? אָבער פון וועגן זיי שרײַבט שוין ניט מער איר פעטער אַבוש. ער דערציילט שוין ווי אַזוי די באַיאַרס פון אַלע אַרומיקע דערפער און כוטערס האָבן רײַטנדיק, און אויף וואָגנס, געלאָזט זיך, ווי די ווילדע, צו דער שטאָט אַרויסרײַסן די אַסירים פון גויִשע הענט... ווי אַזוי זיי, די באָיאַרס, אָט דער עם־הדומה־לחמור, אָט די פוסטע צעבערס, די פאַרוואָקסענע קעפּ מיט בוריאַן, האָבן זיך מיט פערד־און־וואָגן, מיט ווײַב און קינד, מיט אײַזערנע שטעקלעך און מיט דישליעס און האָרטשיקעס אין די הענט, אויסגעשטעלט אַרום די תּפיסה־ווענט און ניט געוואָלט הערן די רייד פון די פּני־העיר, און אויך פון זײַנע, פון אַבושעס, רייד זיך אָפּגעקערט. זיי האָבן נאָר געשריִען און געגוואַלדעוועט: מ'זאָל די קרובים זייערע גלײַך אַרויסלאָזן. אויב ניט וועלן זיי די ווענט פון דער טורמע צענעמען אויף שטיינער. זײַנען אָנגעקומען סאָלדאַטן. אויך ער איז אָנגעקומען, דער אַלטער דייַן, ר' נתן לאַנדע, מיטן טלית אויפן קאָפּ, אָן די שיך, נאָר אין די זאָקן ווי אום תּשעה־באָב, און ער איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ וואָגן און גענומען רעדן צו די גראָבע קעפּ, גענומען שטאַרקן זייערע הערצער, גענומען זיי לויבן אין טאָג אַרײַן, אַז אָט די באָיאַרס, אַז אָט די ווילדע וואַלדיִדן פאַרמאָגן ניט נאָר כּוח, נאָר אויך רחמנות, אַז אָט די ייִדן וועלן אָפּזוכן דעם אָנהייב,

דעם קוואַל... ווײַל אויב מען וויל צוקומען צום מקור, צום אָנהייב, מוז מען גיין אַנטקעגן דעם שטראָם פונעם טײַך... און דאָ האָבן סאָלדאַטן אָנגעהויבן שיסן און דער שטעקן מיט דער זילבערנער גאַלקע איז גלײַך פון דיינס האַנט אַרויסגעפאַלן און ער אַליין, דער אַלטער ר׳ נתן לאַנדע, האָט גענומען פאַלן אין וואָגן אַרײַן, פון מויל האָט זיך אים איבערן טלית אַ גאָס געטאָן בלוט און מ׳האָט נאָר געהערט פון אים די לעצטע צוויי ווערטער: בדמיך חיי!

— אַדרי, — נעמט זי גיין הין־און־צוריק, פון וואַנט צו וואַנט, מיט דעם בריוו אין דער האַנט. — אַדרי, דעם פאַרבלוטיקטן שטעקן האָט מען דאָך געוויס אַרײַנגעלייגט מיטן דיין אין קבר אַרײַן... אַדרי, דאָס איז דאָך יענער שטעקן מיט דער זילבערנער גאַלקע, וואָס כ׳האָב אין יענעם פאַרטאָג אַרויסגעריסן פונעם דיינס הענט... כ׳האָב מיטן שטעקן פאַרשטעלט דעם וועג פאַר דער שוויגער מיט אירע איידעמס, וואָס האָבן געוואָלט בײַ מיר צונעמען דאָס קינד... אין יענעם קאַיאָר, אַדרי, האָב איך זיך געזעגנט מיט טאַמאַרעלען פון יענער זײַט שטאָט, שוין כמעט אין פעלד, און זי פון דאָרטן אָפּגעשיקט מיטן אַשמדאַי צום טאַטן אין כוטער אַרײַן. אין יענעם קאַיאָר, אַדרי, איך זאָג אין יענעם קאַיאָר... דאָס איז דאָך געווען ערשט ניט לאַנג, צוריק מיט דרײַ חדשים... אין יענעם קאַיאָר, אַדרי, בין איך געבליבן שטיין מיטן דיינס שטעקן אין איין האַנט און מיט דניאלס געמעל אין דער צווייטער — די בהמה מיטן אָפּגעבראָכענעם האָרן... אַדרי, איך בין געבליבן שטיין אָנגעשפּאַרט אין דעם פאַרווייעטן אָסאָקאָר־בוים און ניט קיין שניי האָט געווייעט אויף מיר, נאָר אַ פרייד! איך בין געשטאַנען, אַדרי, אין אָט דעם פאַרשנייטן פעלד מיט אויפגעריסענע אויגן, ווי פאַר אַ גרויסן ווונדער... נאָך צען אָפּגעיסורימטע יאָרן מיט אַלעקסאַנדערן, זײַנען פאַר מיר געלעגן אָפן און פרײַ אַלע פיר וועגן פון דער וועלט. איך האָב זיך געקאָנט לאָזן גיין אַהין, וווהין מײַן אויג און מײַן האַרץ וועט מיך טראָגן. און דאָ, אַדרי, בײַ אָט די פרײַע פיר אָפענע וועגן, האָט מײַן פרייד אָנגעהויבן זיך לעשן אויפן ווינט. כ׳קאָן דיר עס ניט דערקלערן, אַדרי, ליבער מײַנער, פאַר וואָס האָט מיך שוין דאָרטן, בײַם פאַרווייעטן אָסאָקאָר־בוים, אַרומגעכאַפּט אַזאַ אומדערטראָגלעכער ווייטיק, עפּעס אַזאַ שרעק, ווי אַ חיה־רעה וואָלט דורכגעלאָפן איבער מײַן האַרצן...

ביי אַט די ווערטער וועגן דער חיה־רעה, וואָס איז איר איבערן האַרצן דורכגעלאָפֿן, באַמערקט זי ווי פֿון זײַן פּנים פֿאַרגייט כּמעט די קופּער־ברוינקייט און די אויגן פֿאַרשמעלערן זיך אים ווי פֿון אַ פֿײַנלעכקייט. נעמט זי עס אויף ווי אַ טיפֿן מיטגעפֿיל צו יענעם מצב אירן בײַם פֿאַרווייעטן אָסאָקאָר־בוים.

— אַדרי, שוין דאָס לעצטע זײַטל! ניין, ניין, כ׳מוז דערלייענען ביזן סוף, דערגיין צום דנאָ... צו נאָך עפּעס פֿירט ער. צו נאָך עפּעס וויל ער דאָך מיך צופֿירן, מײַן פֿעטער אַבוש. — זי לייענט ווײַטער ווי אַזוי נאָכן ברענגען אים, דעם קדוש, דעם אַלטן דיין, צו זײַן אייביקער רו, האָבן די באַיאַרס קיינעם ניט צוגעלאָזט צו דעם הרוג־מלכות און אַליין געטראָגן אים איבער דער גאַנצער שטאָט. די מיטה איז אַרומגעגאַנגען איבער זייערע אַקסלען, פֿון איינעם צום צווייטן, ביז צום קבר. נאָך דער קבורה האָבן די באַיאַרס גענומען זייער הרוג, וויגדערן דעם סמאַלע־טרײַבער, און אים אָוועקגעפֿירט באַהאַלטן אויף זייער בית־עלמין.

און מער שרײַבט ער איר ניט, איר פֿעטער אַבוש, וועגן די באַיאַרס. האָבן זיי זיך שפּעטער ווידער אומגעקערט צו דער תּפֿיסה, און וואָס איז דאָרטן ווײַטער מיט יענע, מיט די אַסירים, פֿאָרגעקומען? פּלוצלינג נעמט ער גאָר דערציילן, אַז באַלד נאָכן אָפּזיצן שיבֿעה נאָך ר׳ נתן לאַנדע, טאַקע גלײַך אויף מאָרגן, האָט אַלעקסאַנדער געבעטן אים, אַבושן, פֿאָרן מיט אים אין כוטער אַרײַן...

דאָ פֿאַרהאַלט זיך שוין איווע ניט נאָר אויף יעדער שורה, נאָר שוין אויף איטלעכן וואָרט. זי לייענט אַפֿילו מיט גרויס כּוונה די גאַנצע שטעל, ווי ער, אַבוש, איז אויף דעם מסכּים געוואָרן, ווײַל שוין פֿון לאַנג האָט ער זיך געקליבן, דער פֿעטער אירער, פֿאָרן צו דער מומע ליבעס מאַן, צו שמריהן, וואָס האָט געריסן בײַם טשערנאָבילער רבין די באָרד און געמאָנט בײַ אים, בײַם צדיק, אַז ער זאָל תּיכּף אַראָפּברענגען משיחן... „דו וועסט עס ניט פֿאַרשטיין, יידענע! דײַן מומע ליבעס מאַן האָט מיטן טרייסלען דעם טשער־נאָבילער פֿאַר דער באָרד אויפֿגעטאָן אַ גרויסע זאַך. גאָר, גאָר אַ גרויסע! ר׳ שמריה האָט אָנגעהויבן אַראָפּטרייסלען די פֿלומרשטע קדושה פֿון די אַלע טאַלנער, רוזשינער, סטאָלינער, קאַרלינער, ראַכמעסטריווקער, גערער, האָ־

ניפאָליער, וואָס פאַרהאַלטן נאָר דעם קץ... אַט די אַלע גוטע־ייִדן זײַנען פול מיט קינאה, מיט שׂינאה, זייערע הייפן זײַנען נעסטן פון מחלוקתן. אַט די רביים לעבן ווי די פריצים. דאָס זײַנען פריצים אין זילבערנע עטרות... דער רוזשינער איז דאָך ניט מער ווי אַ גילגול פון יעקב פראַנק. אויך דער פאַרט אַרויס אין אַ גילדענער קאַרעטע מיט זעקס פערד נאָשפּיץ... אַט די אַלע גוטע־ייִדן קאָנען זיך ניט אויפהייבן צו גאָט און קאָנען זיך אויך ניט אַראָפּ־לאָזן צום שׂטן! זיי מאַרדעווען זיך נאָר צווישן הימל און ערד. אַט די אַלע פאַרהאַלטן נאָר די גאולה. דער דור קאָן איבער זיי ניט ווערן ניט כּולו חייב, ניט כּולו זכּאי... דו פאַרשטייסט עס, ייִדענע?! געוועזן צווישן זיי איינער: דער קאָצקער. מנחם־מענדל איז געווען זײַן נאָמען. יענער האָט געהאַלטן זײַנע חסידים אין שוואַרצן פּחד. יענער האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָר פון דער שוואַרצקייט קאָן אַרויס אַ ליכט... אין איינעם אַ פרײַטיק־צו־נאַכטס האָט יענער פאַר די אויגן פון זײַנע חסידים מחלל־שבת געווען. אויסגעלאָשן די שבת־ליכט און אויסגעשריִען: לית דין ולית דיין! וואָלט ער געוויס דערנאָך געגאַנגען נאָך ווײַטער, ער וואָלט אַראָפּגעבראַכט משיחן... האָט מען אים אָבער פאַרשטאָפּט דאָס מויל, אים געמאַכט פאַר אַ משוגענעם און פאַרשפּאַרט אויף צוואַנציק יאָר אין אַ חדר־מיוחד... בין איך געפאָרן מיט אַלעקסאַנדערן, ווײַל איך האָב באַדאַרפט צו שמריהן. איך האָב שוין לאַנג פאַרטראַכט קריינען שמריהן פאַר אַ רבין! אַ הדרת־פּנים, צוויי גרויסע פײַערדיקע אויגן האָט ער פאַרמאָגט... מ׳האָט אים נאָר געדאַרפט אָנטאָן אַ שטרײַמל, אַן אַטלאָסענע זשופּיצע, ווײַסע זאָקן מיט שטעקשיך, אים געבן דעם נאָמען: שמריהלע וועראַבינקער, דער א י ש ה א ש... איך וואָלט געווען זײַן שמשׂ און מיר וואָלטן אַרויסגעפאָרן אין דער וועלט. ס׳איז געווען אויף דעם אַ שעת־רצון, די העכסטע צײַט, אַן עת־לעשׂות: דײַן מומע ליבע איז דעמאָלט געזעסן אין טורמע, זי האָט זיך ניט געקאָנט מיר שטעלן אויפן וועג. שמריה איז פאַר־בליבן אינעם וואָלדשטיבל איינער אַליין... אַז מיר זײַנען געקומען אַהין, האָט אַלעקסאַנדער צוגענומען זײַן קינד, טאַמאַרעלען, וואָס איז פאַרבליבן אויף הפקר, און איז נאָך דעם טאָג אַוועקגעפאָרן צוריק אַהיים. שיפרה וועט שוין אויפן קינד אַכטונג געבן. שיפרה פאַרנעמט דאָך שוין דײַן אָרט בײַ די לאַנדעס... און איך בין דאָרטן פאַרבליבן קנעלן מיט שמריהן...״

דאָ פאַלט דער בריוו פון אירע הענט, זי גלײַכט זיך אויס, ווי יצחק באַיאַר ווען דער גורל דערלאַנגט אים נאָך אַן אַכזריותדיקן קלאַפּ פון וועלכן מ׳קאָן שוין אומגעוואַלגערט ווערן; ניט קיין ווייטיק דערפילט זי, נאָר עפּעס אַזאַ טרויער, וואָס נאָך פון אַזאַ מין ניט געוווּסט — אַ טרויער אַ געדיכטער, אַ הייס־בענקענדיקער, אַ טרויער נאָכן קינד, נאָך טאַמאַרעלען, נאָך דער איינציקער פרייד, וואָס זי האָט ביז אַהער אין איר לעבן געהאַט. פון איר שטיין בלײַבן מיטן פאַרוואָרפענעם קאָפּ אויף אַרונטער, ווערט אַדריאַן דער־שראָקן און פאַרלוירן, ער נעמט רופן דעם דײַטש און הייסט אים פאָרן נאָכן היגן דאָקטער. נאָר איווע האַלט אים אָפּ און פרעגט:

— אַדרי, ביסטו טאַקע זיכער, אַז מ׳האָט זיי אַרויסגעלאָזט פון טורמע? איך דאַרף צאָלן... איך דאַרף צאָלן! אָבער פאַר וואָס קומט דעם טאַטן מײַנעם אַזעלכע יסורים שוין נאָך שׂימחהן, וואָס די פּויערים האָבן דערהרגעט מיט די דרענגלעך... און פאַר וואָס קומט נאָך יצחקן, דעם גרויסן בעל־נסיון? און פאַר וואָס קומט עס דער מומע ליבע, וואָס איז שוין אין די הויכע חדשים, פאַר וואָס קומט איר קינד טורמע?.. און פאַר וואָס קומט עס אַברהמען און עקיבאָן?.. אַדרי, אַדרי, דניאל, אַדריאַן... איך וועל פאָרן אַהין, זאָל מען מיך אַרײַנזעצן, און איך וועל דאָרטן אין טורמע אויסטראָגן און איך וועל דאָרטן האָבן דאָס קינד... איך דאַרף צאָלן!

— וועלן מיר פאָרן ביידע:

— ניין, אַדרי, דו טאָרסט אַהין ניט פאָרן! דיך וועלן זיי פאַרמישפּטן צו תּליה... דו ביסט אָנגעפאַלן מיט כּלי־זיין אויפן קייסערס סאָלדאַטן, דו האָסט געשאָסן... און איך?

— אָן דיר, איווע, קאָן איך ניט בלײַבן. מײַן שווערער וועג צו זיך, קאָן זײַן נאָר מיט דיר... דײַן פאָרן וועט דאָרטן גאָרנישט ניט געבן. זיי דאַרפן חרותן און מיך... דײַנע קרובים געפינען זיך ניט אין קיין גרויסער סכּנה. קיינער איז דאָ פון זיי ניט פאַרמישט. די איינציקע שולד וואָס מ׳קאָן זיי אַרויסשטעלן איז דאָס געבן פערד־און־וואָגן... אַ באַליביקער אַדוואָקאַט קאָן אָט די באַשולדיקונג מאַכן צו נישט. דײַן טאַטע האָט געגעבן פערד־און־וואָגן פאַר זײַן טאָכטער, און ווער ס׳איז מיט איר געפאָרן, דאָס האָט ער ניט געקאָנט וויסן... און אויך יצחקן קומט גאָרניט. אַ טאַטע איז ניט מחויב גיין

מסרן זײַן קינד... הער וויגעל, — שטעלט ער אָפּ דעם דײַטש בײַם אַרויספּאָרן פונעם טויער. — הער וויגעל, דעם דאָקטער דאַרף מען ניט, פירט אונדז בעסער צום „שלאַנקן הירש".

און הגם יענער געדיכטער טרויער פון פאַרלירן די טאָכטער, טאַמאַ־רעלען, נעמט אַדורך אַלע אירע ביינער, אָבער דער גרויסער אומרו אירער איז דאָרטן, הינטער די שטיינערנע ווענט, אין דער תּפֿיסה... זײַנע רייד דערגייען צום שׂכל, אָבער ניט צו איר האַרצן. און דאָך, גראָד זײַן, אַדריִאַנס, פאַרלאָרנקייט, זײַן אויסגעבלייכטקייט און געפאַלן קול, שטאַרקט זי, און זי לאָזט זיך פירן אין רעסטאָראַן אַרײַן.

אַבושעס בריוו בלײַבט אויף דער ערד ליגן: וואָס יענער האָט אין וואַלד־שטיבל מיט דער מומע ליבעס מאַן אײַנגעקנעלט, צי האָט ער אים, שמריהן, טאַקע געקריינט דאָרטן פאַר אַ רבין, דאָס גייט איר, איוועןן, איצט לחלוטין ניט אָן; אויך יענע צוויי בריוו וויל זי ניט עפענען: איינער איז געוויס פון שיפרהן, וואָס פאַרזיכערט, אַז טאַמאַרעלען וועט גאָרנישט ניט פעלן, אַז זי, שיפרה, וועט פאַר איוועס קינד אַ מאַמע זײַן... און דער צווייטער בריוו איז דאָך פונעם דאָקטער רמז, וואָס דערקלערט זיך איר, איוועןן, בײַ דער שיינער שוואַרצער באָרד, אין ליבע, אַז ער וועט פאַרגעבן און מוחל זײַן איר לויפן מיט אַדריִאַנען, אַז זי, איווע, האָט אים אין יענעם אָוונט בײַ די אפרתעס שלעכט פאַרשטאַנען...

ו

שוין דאָרטן, בײַם רעסטאָראַן מיטן אײַנפאָרהויז „שלאַנקער הירש״, וואָס אין די הייכקייטן, צווישן די פּיכטעס און יאָדלעס, איבער דער אָזערע, ווו די קלאָר־ווײַסע שוואַנען טוקן זייערע רויטע שנאָבלען אין די בלאָנד־זוניקע וואַסערן און פון דער נידער, פון דער זומער־פונאַנדערגעבליטער ערד ווייעט מיט האָניק און די שוואַלבן שנײַדן מיט זייערע שאַרפע פליגל די קדמונישע שימערשײַנען, וואָס פאַלן פון די ווײַטע אַלפּנשנייען... שוין דאָרטן, ווו מ׳פּרוווט און מ׳שטעלט אָן פאַרן שפּילן די פידלען, דאָרטן, ווו דער בונט־אויסגעפּוצטער און אויפגערוימט־זונטיקדיקער עולם איז זי מקבל־פּנים, מ׳דערקענט די, וואָס האָט פריִער אַזוי פײַערדיק געטאַנצט בײַם קלויסטער מיט די ציגײַנער. אַ פּנים אַז אויך זי אַליין איז אַ ציגײַנערין און אָט דער שיינער מאַנצביל, וואָס מיט איר, דער מאָלער, האָט זי ערגעץ פון אַ ציגײַנערשן טאַבאָר אַרויסגעגנבעט און זי אַהער פאַרפירט.

— דאָס קאָן זייער זײַן. נעכטן האָב איך אַליין געלייענט, אַז בײַם גראַף פאָן אײַכנדאָרף איז די זעכצן־יאָריקע טאָכטער אַנטלאָפן געוואָרן קיין אַפריקע מיטן קלאַון פונעם אַנגעפאָרענעם צירק.

— נאָר מיר דאַכט, אַז זי איז ניט קיין ציגײַנערין, נאָר אַ שפּאַניערין.

— מיט אַזאַ מאַנצביל וואָלט איך אויך געלאָפן.

— וואָס איז דאָ צו ריידן, זיי זײַנען ביידע שיין. טאַקע באמת צוויי ווונדערס פון דער נאַטור!

און מ׳מאַכט פאַר איזען פרײַ דעם וועג צום אַרײַנגאַנג און מ׳פרעגט זי: וועט זי אפשר נאָך איין מאָל דעם פאַרגעניגן אָנטאָן און גיין מיט עמעצן פון זיי אַ טאַנץ? אָן־אַ קומען אויך די ציגײַנער!

און הגם זי איז נאָך פון איר פעטער אַבושעס בריוו ניט אַרויס, נאָך אַלץ מיטן געפיל, אַז שטעלנדיק איין פוס אויפן האַרטן ברעג, האָט עמעצער מיט

אַ מאָל פון אונטער איר צווייטן פוס דאָס בריקל אַרויסגעשלאָגן און זי, איווע, וועט ניט קאָנען אויף דעם איינעם פוס זיך אויפהאַלטן און זי וועט באַלד אַנהייבן פאַלן אין תהום אַרײַן... דאָך, הערנדיק אָט די אַלע רייד, ווערט זי אַ ביסעלע געלײַטערט, און ענטפערט ערנסט:

— מעגלעך. נאָר טאַנצן וועל איך גיין מיטן אַלטן ציגײַנער.

— איווע, כ׳בעט דיך...

— אַדרי, דער שווערער חודש איז שוין אַריבער. האָב ניט מורא, טײַערער, איך וועל אויסטראָגן און האָבן... איך וועל דיר געבוירן אַ זון אין אַלע געוויטערן, אין אַלע בוראַנען, אין אַלע זאַווערוכעס, אַפילו אונטער אַ רעגן פון שוועבל. די באַיאַרס זײַנען דאָך קרובים פון יענע דרײַ ייִדן: חנניה, מישאל און עזריה, וואָס זײַנען אַרויס לעבעדיקע פון נבוכדנצרס קאַלכאויוון... אַדרי, האָב ניט מורא! די באַיאַרס קאָנען אײַנזאַפּן אין זיך יסורים, ווי די סאָסנעס קאָנען אײַנזאַפּן אין זיך די זשיוויצע, זיי ווערן פון דעם פעך פאַרהיט און געקרעפטיקט.

קוקט ער אויף איר מיט באַגײַסטערונג און מיט ליכטיק־געוואָרענע אויגן און נעמט פירן מיט דער האַנט איבערן זוניקן האַלבטאָג, ווי ער וואָלט געטונקען אַ פּענדזל אין פאַרבן און זיך סוף־כל־סוף געקליבן זי מאָלן.

זי טוליעט צו איר קאָפּ צו זײַן אַקסל און ער, פאַר אַלעמענס אויגן, קושט אירע האָר. זי האָט אים נאָך אַזאַ פריילעך־צוגעלאָזטן צו דעם המון־עם ניט געזען. ער שמייכלט ברייט און מיט התפעלות אַפילו צו די נאָר וואָס אָנגעקומענע ציגײַנער, צו יענע וואָס האָבן מיט איווען בײַם קלויסטער גע־טאַנצט; ער וואַרפט זיך איבער מיט דעם און יענעם מיט אַ וויץ און אַ ווערטל, זאָגט אויך צו אַ ציגײַנערין, אַז אויב איר געליבטער וועט אים ניט אַרײַנ־שטעכן אַ מעסער צווישן די ריפּן, וועט ער, אַדריאַן, גיין מיט איר אַ טאַנץ... ניין, ניין, ניט באַלד. איצט איז ער און זײַן פרוי הונגעריק ווי די וועלף.

און זיי גייען אַרײַן אינעווייניק, ווו ניט נאָר דער דיל, נאָר אויך די ווענט און אויך די סטעליע איז פון ליכטיק־באַגילדטע סאָסנעס צונויפ־געלייגט, און צווישן די געקעכטסן, ווײַנען און ביר־ריחות, שלאָגט זיך אַדורך דער ריח פון וואַרעמען פעך און אויך די קילקייט פון מאָך... אויך דאָ איז פול מיט מענטשן פון אַלערליי פעלקער און לשונות, מיט אַלערליי העוויות און

אָנשטעלן, מאַנירן און חנדלעך; אַזעלכע וואָס פאַרשטעלן און וויקלען זיך פון דעם קאָפּ ביז צו די פּיאַטעס, און אַזוינע, וואָס צעדעקן זיך און גייען אַרום כמעט נאַקעט; לײַט, וואָס וואַנדערן און זוכן פאַרוויַילונגען, פאַרגעניגנס, נישטערן מיט וואָס צו פאַרפילן זייער פוסטקייט און ווו מ׳זאָל קאָנען אויס־טרייסלען דעם שטויב פונעם האַרצן... און אויך געציילטע, וואָס קוויקן זיך מיט דער שיינקייט פון גאָטס יצירה — מיט אַ גינגאָלדן אוירינגל פון אַ צעבליטער אָלכע, מיט אַן אָוונט־ און נאַכט־פּלאַטערל, מיט די אַלפּנבערג, — מיט אָט די פאַרשטיינערטע כוואַליעס פון ערד־ציטערנישן.

זיי זוכן אָפּ, אַדרי און איווע, אַן אָרט, פאַרנעמען דאָס וויַיטסטע ווינקל־טישל — אויך פון גראָבע סאָסנעברעטער, ניט געפאַרבטע, מיט איַיזן אַרום־געקלאַפּט, זעצן זיך אויף די קיַילעכדיקע קלעצער, וואָס דינען פאַר בענקלעך.

— איווע, וואָס באַשטעלן מיר? — נעמט ער דעם שפּיַיזצעטל.

— אַדרי, טאַמאַרעלען וועלן מיר ביַי אים אָפּנעמען! כ׳וועל פאָרן אַהין אָפּנעמען... נו, גוט! באַשטעל וואָס דיר ווילט זיך. פאַר מיר נעם אַ ביסל פּאַרטוויַין. איין גלעזל מעג איך. אָבער איך וואָלט בעסער געוואָלט טרינקען אַ ביסל קאָניאַק... אַדרי, — זאָגט זי צו אים פלוצלינג, — אַדרי, מאָל פאַר מיר אַן אַ בילד מיט איילפאַרבן: אַ נאַכט ביַי דער שיַין פון אַ לאַמטערן, ווו אַ מאַמע שטאַרבט אויף אַ קינדערש בעטל, וואָס איז שוין פאַר איר אויך צו גרויס... אַרום איר איז קיינער ניטאָ. נאָר ביַי איר צוקאָפּנס שטייט אַ באָק־לעמעלע...

דערלאַנגט ער איר דעם כּוס וויַין און שלאָגט איר איבער מיט יענעם סודותפולן קול:

— קונסט דאַרף גאָרנישט ניט דערציילן, דאַרף גאָרנישט ניט רופן און קיינעם ניט וועקן... אַלץ אין דער אַלוועלט איז פאַרן קינסטלער ניט מער ווי ליים. ווי פאַרביקע ליים! האָסטו אַ מאָל געזען אין דער נאַכט, צום סוף זומער, ווי ס׳פאַלן שטערן פון הימל?

— אַוודאי האָב איך געזען.

— דאָס שטאַרבן אַזוי שטערן. דאָס איז דער טויט פון פּלאַנעטן, פון גרויסע וועלטן... פאַר וואָס זשע שרעקט דיך אַזוי דער טויט פון אַ מענטשן, וואָס איז ניט מער ווי אַ קרומער שאָטן אויף דער ערד?

— אָבער, אַדרי, מיר לעבן דאָך אויף דער ערד! דער מענטש איז ניט קיין קרומער שאָטן!

— די ערד, איווע, איז קוילעכדיק. פאַרן קינסטלער איז ניטאָ קיין אויבן און ס'איז אויך ניטאָ קיין אונטן. די ליים פאַרן קינסטלער איז ניט די זעלביקע וואָס פאַרן טעפּער. דער טעפּער קלעפּט אָ קריגל פאַר מילך, פאַר וויַין... וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי? כ'האָב עס דיר שוין, דאַכט זיך, געזאָגט. פאַר דייַן געזונט, איווע!

נאָכן צונויפשטויסן זיך מיט די כוסות — דאָס געשליפענע גלאָז קלינגט אָפּ אין די פאַסמעס זון, וואָס שלאָגט אַדורך די זיך־וויגנדיקע טונקעלע קאַשמיר־פאָרהאַנגען אויף די פונאַנדערגעעפנטע פענצטער, וואַרט ער צו ביז זי טרינקט אויס און זאָגט, ווי געבעטן זיך ביַי איר:

— כ'וועל גיין פרעגן, צי ס'איז דאָ ניטאָ ערגעץ קיין אָפּגעזונדערט אָרט. איך קאָן ניט פאַרליַידן אָט די מאַנצבילשע הייזשע בליקן אויף דיר!

— אַדרי, — טוט זי אָ שמייכל און עפנט איר האַנטבייַטל אויף אַרויס־נעמען דאָס טיכעלע — זיי זייַנען געוויס אַלע קינסטלערס, און איך בין פאַר זיי ניט מער ווי פאַרביקע ליים... — נאָר דאָ, בייַם אַרויסנעמען דאָס טיכעלע, פאַלט אויך אַרויס איינער פון יענע צוויי נאָך ניט־געעפנטע בריוו.

ניט צורירנדיק זיך צו די פאַרבייַסעכצנס, רייַסט זי אויף דעם אַרויסגע־פאַלענעם קאָנווערט און נעמט פון דאָרטן אַרויס אָ בייגעלע פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. אויפן בייגעלע ליגן קאָסע שורות מיט פעט־שוואַרצן בלייַשטיפט געשריבן. די אותיות אויסגעצויגן־שפּיציקע, וואָס דערמאָנען באַלד אין דניאלס כּתב... לויפן איר מיט אָ מאָל אָפּ פונעם פּנים אַלע בלוטן, ווי זי וואָלט באמת באַקומען אָ בריוו פון דניאלן, וואָס זי האָט אין יענעם וויַיטן שטאַרק־פּראָסטיקן פאַר־נאָכט צו קבורה געבראַכט. ס'איז דעמאָלטן אוממעגלעך געוועזן אויסהאַקן אין דער פאַרפרוירענער ערד די געהעריקע קרקע, און מ'האָט אים, דניאלן, אָ האַלב־זיצנדיקן, מיט דער כּמעט אויפגעהויבענער האַנט, וואָס האָט זיך בשום־אופן ניט געלאָזט אויסגלייַכן, אין קבר אַריַינגעלייגט. קיין ווענדונג צו איר, ווי דניאלס שטייגער איז געווען, אויך איצטער ניטאָ. פון אויבן נאָר פיר ווערטער און אונטערגעשטראָכן: ווי צוויי מאָל צוויי...

און וויַיטער הייבט זיך אָן אַזוי: „מייַן חשד האָט זיך באַשטעטיקט.

אַדריִאַן דינאָר איז אַ מסור! צוריק מיט פיר חדשים איז ער אַרעסטירט געוואָרן בײַם גרייטן אויפרײַס־מאַטעריאַלן. ס׳האָט אים דערוואַרט אַ שווערע שטראָף. שוין אויפן דריטן פאַרהער האָט ער זיך אײַנגעבראָכן... זײַן ראָלע און זײַן אָנטייל בײַם אָפּשלאָגן די פּאָליטישע אַרעסטירטע, און אויך זײַן ראָלע בײַם שוואַרצן די גרענעץ, איז די ראָלע פון אַ פּראָוואָקאַטאָר! דאָס וואָס ער איז דאָרטן געוואָרן פאַרוווּנדיקט, איז פּשוט אַ צופעליקייט — פון אַ ווילדער קויל! איך פאָר זיך איבערגעבן אין די הענט פון דער אָכראַנקע, אַנדערש וועלן דאַרפן גיין אויף לאַנגע יאָרן סיביר אַברהם און עקיבא, מײַן טאַטע, דײַן טאַטע און די טראָגעדיקע מומע ליבע. דאָס צעטעלע דאַרף מען גלײַך צערײַסן! כיירוס״.

און זי וויל, איווע, פאָלגן חרותן און שוין דאָ אויפן אָרט צעצווייען און צעפּערטלען דאָס בריוול, וואָס פון די קאָסע שורות שלאָגן אויף איר אויס־געצויגן־שפּיציקע פײַערן און אין די אויגן שטעלט זיך פון זיי אַ הייס־טרוקענער נעפּל. נאָר די פינגער ווערן איר אָפּגענומען ווי ס׳וואָלט איר אויך פון אַ קעלט פאַרגאַנגען זאַשפּערעס אונטער די נעגל. און אויך דאָס ווײַסע באָקלעמעלע קלאַפּט איר מיטן שוואַרצן קאָפּיטקעלע אין האַרצן אַרײַן: „איווע, דער גאַנצער וואַלד ברענט!״... און דאָס שוואַרצע קאָפּיטקעלע קלאַפּט שוין ניט דאָרטן, אין חלום, נאָר שוין דאָ, אין די בערג, אין אָט דעם רעסטאָראַן „שלאַנקער הירש״, ווו דורכן ווינט אָפּגערוקטן פאָרהאַנג גייען צווישן די יאָדלעצווײַגן גלישוימיקע אויפגעזאָטענע וואָלקנס, און ס׳רוישן אַרײַן אַהער די ווײַטע, די אייביק ניט־געשטילטע באַרג־וואַסערפאַלן.

און אויף די עסטראַדע־ברעטער זינגט, אין דער באַגלייטונג פון אָר־קעסטער, די האַלב־אויסגעטאָנענע, די פוללײַביקע און פלאַמהאָריקע זינגערין מיטן אָנגעשפּאָלטענעם דראַמאַטישן סאָפּראַנאָ־קול גריגס „דאָס ליד פון סאָלווייג״... שוין ניט דאָרטן, אין חלום, נאָר שוין דאָ, ווו ס׳שמעקט מיט וואָרעמער זשיוויצע, קלאַפּט דאָס ווײַסע באָקלעמל וואָס ווײַטער אַלץ שטאַר־קער מיטן שוואַרצן קאָפּיטקעלע אין האַרצן אַרײַן: „איווע, דער גאַנצער וואַלד ברענט, דײַן אַרויסגעלאָפענע בערעזע פון די נאַכטוועלדער איז ניט קיין ווײַסע, נאָר אַ שוואַרצע... דו ביסט געלאָפן, איווע, מיט אַ מסור!״

און דאָך... און הגם שוין פיר מאָל דורכגעלאָפן איבער די ברענענדיקע

שאַרף־שפּיציקע קאָסטע שורות, דאָך און פּאָרט קאָן זי אין זיי ניט גלייבן. זי קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, אַז אַדריאַן דינאָר, וואָס וויל בויען פּאַר דער מענטשהייט דעם שענסטן קונסטטעמפּל, אַז ער, איר דניאל־אַדרי, וואָס זי האָט אין דער געוויטערדיקער נאַכט, ביי די דונערן און בליצן, געהייליקט צו זיך מיט איר לייב...

— אַדרי, — הייבט זי אויף אירע אויגן אויף אים מיט שרעק און האָפענונג. — אַדרי, לייען איבער און זאָג מיר... אַדרי?

זי וואַרט ביז ער לייענט איבער (אויף זיין פּנים באַמערקט זי ניט קיין איין ציטער, אַפילו ניט קיין פינטל פון אַ וויע, ווי דאָס פּאַרברוינט־קופּערנע פּנים זיינס וואָלט אים אויף אייביק פאַרקילט געוואָרן). זי נעמט אַרויס ביי אים פון די הענט חרותעס בריוו, צערייסט אויף פּיץ־פּיצלעך און וואַרפט אַרויס דורכן אָפענעם פענצטער אויפן ווינט, וואָס צעשפּרייט און צעטראָגט עס איבער די בערג.

— דניאל, אַדרי, אַדריאַן, וואָס שווייגסטו? שווייג ניט! זאָג מיר עפּעס... דניאל, גיב מיר צוויי פלאַם־פייערדיקע פּעטש! איך וועל דיינע פּעטש אָננעמען מיט דער גרעסטער ליבשאַפט, איך וועל דיר פאַר זיי קושן די הענט און בענטשן און פאַרהייליקן דעם היינטיקן טאָג דאָ אין די בערג. שווייג ניט אַדרי! האָסטו טאָקע געמיינט ערנסט ווען דו האָסט מיר אויפן ים געזאָגט, אַז נאָר דער קינסטלער קאָן גיין איבער אַ תהום, אַז נאָר ער, דער קינסטלער, וואָס פאַר אים איז אויף דער ערד ניטאָ קיין אויבן און ניט קיין אונטן, נאָר ער, דער קינסטלער, קאָן פילן די פרייד און די גרויסקייט, די הייך און די גייסטיקע טיפקייט פון גיין איבער אַ תהום... אַדריאַן, דאָס ביסטו געגאַנגען איבער אָט דעם וויסטן תהום און האָסט אַריינגעוואָרפן אַהין די טראָגעדיקע מומע ליבע? אַדריאַן, דאָס ביסטו דעמאָלטן ביים פּאַרווייעטן אָסאָקאָר געווען די חיה־רעה, וואָס איז דורכגעלאָפן איבער מיין האַרצן?

און הגם פון זיין שווייגן קאָן מען שוין מער אין חרותעס בריוו ניט לייקענען, ניט אָפּפרעגן און ניט מבטל מאַכן, דאָך וויל זי זיין פאַרגליווערט־קייט אויסטייטשן ווי טיפע געטראָפנקייט און ביטערע באַליידיקונג, הלמאַי אויך זי, איוועס, קאָן אויף אים אַזוינס גלייבן און אויף אים אַזאַ חשד וואַרפן... נעמט זי, ווי זוכנדיק שוין דעם לעצטן אָנשפּאַר, דעם דריטן בריוו אַרויס,

און מיט אַ תּפילה אין האַרצן, אַז דער דריטער בריוו זאָל איר אַ לויטערקייט ברענגען, אַז דער בריוו זאָל זײַן פון דער מומע ליבע, ווו זי שרײַבט איר: מיר זײַנען שוין, אַ דאַנק זײַן ליבן נאָמען, אַלע אין דער היים. מ'איז אָפּגעקומען מיט אַ ביסל יסורים... קום צו פאָרן, ס'שטייט בײַ אונדז אַזאַ שיינער זומער, מיר וועלן אַרומגיין מיט דיר, איוועניו, באַרוועסע איבערן גאָרטן. איין מאָל אין טאָג עסן אַ שטיקל ברויט, אַבי אַרומגיין אַ באָרוועסע איבערן זומערדיקן גאָרטן... — ווײַל אויב זי, איווע, באַקומט, חלילה, ניט אַזאַ בריוו, דאַרף זי דעמאָלטן... אָבער בײַם עפענען דעם לעצטן בריוו, דעם לעצטן אָנשפּאַר, דערזעט זי, אַז דער בריוו איז ניט פון דער מומע ליבע, נאָר פון עקיבאַן, און פון דער תּפיסה!

און נאָכן איבערלייענען עקיבאס בריוו, וואָס איז אויך געשריבן אָן שום רחמנות, אָן שום רמזים, אויך ער, עקיבא, רופט אָן דאָס קינד בײַם נאָמען... ווערט איר אין קאָפּ ביז גאָר קלאָר — אין עקיבאס בריוו קאָן זי שוין אַפילו אויף קיין איין רגע ניט צווייפלען. בײַ עקיבאַן, ווי בײַ יצחק באָיאַר, ווי בײַ איר טאַטן, ווי בײַ דער מומע ליבע, איז איטלעך וואָרט געוווגן און געמאָסטן; זיי וועלן זיך בעסער די צונג מיט די ציינער אַרויסרײַסן, איידער זאָגן עמעצן אַ ניט זיכער און אַ ניט באַגרינדט וואָרט. — נאָכן איבערלייענען עקיבאס בריוו, גלייבט זי שוין מיטן גאַנצן האַרצן, ווי נאָר אַ באָיאַר קאָן גלייבן: ביזן דנאָ, אַז אַדריאַן דינאָר, דעם פּראָפעסאָר אפרתעס אייניקל, איז דאָ, בײַ חרותעס שוואַרצן די גרענעץ, געווען אַ מיטהעלפער פון דער אָכראַנקע, אַז זײַן, אַדריאַנס, שיסן אין די זשאַנדאַרן איז פון פריער אַ צונויפגערעדטע זאַך געווען, כּדי צו פאַרבלענדן און צו אָפּווענדן; אַז ער, איר אויסגעטרוימטער דניאל־אַדרי, איז געווען דאָ אַ האַנט בײַ די שׂונאי־ישׂראל, וואָס נאָך די פּאָגראָמען אין קישינעוו און אַדעס, נאָך זשיטאָמיר און ביאַליסטאָק, נאָכן קוילען יצחקס טאָכטער, רחלען, אויפן שוועל פון איר שטוב, האָבן זיי, אָט די שוואַרץ־מאהניקעס, געדאַרפט האָבן אַ פּראָצעס, וואָס זאָל דערווײַזן דער וועלט, אַז אַלע ייִדן העלפן זייערע קינדער, די חרותעס, אַרויסרופן מהומה און מרידה אין לאַנד; און אַז אויך זיי, די טאַטעס און די מאַמעס, זײַנען געקניפּט און געבונדן מיט זייערע קינדער, וואָס דאַרפן באַהערשן און באַצווינגען דאָס הייליקע רוסלאַנד...

עפּעס רעדט ער צו איר, אַדריִאַן, ער רופט זי פאָרן מיט אים קיין אַפריקע, קיין טיבעט, אין די הימאַלײַער בערג... זי זאָל אים ניט וואַרפן דאָ איינעם אַליין אויפן מיטן שווערן וועג, וואָס פירט צו זיך... אָן איר וועט ער צו זיך... אָן איר וועט ער צו זיך ניט דערגיין... אין די זומערנעכט פאַלן שטערן, — גרויסע וועלטן שטאַרבן, איז וואָס פאַר אַ ווערט קאָן דאָ אויף דער ערד האָבן...

נאָר אַדריִאַן, וואָס איז ווידער און אַזוי פּלוצלינג ענלעך געוואָרן אויף יענעם דניאלן, אויך בײַ דעם זײַנען די אויגן געוואָרן לויטערע, באַגײַסטערטע און ווי פון עפּעס־וואָס שטאַרק פאַרחידושטע, ער, אַדריִאַן דינאָר, איז שוין געוואָרן ווײַט, פרעמד, און זײַנע רייד דערגייען ניט צו איר.

און דאָך האָט זי זײַנע רייד געהערט און יעדער וואָרט איז ווי אַ פונק פײַער אויפן האַרצן געפאַלן. צערײַסט זי אויך עקיבאס בריוו, שיט דורכן פענצטער אויפן ווינט און אויך דאָס פינגערל, וואָס זי האָט אין דער שלאָקס־רעגנדיקער נאַכט אים געגעבן אָנצוטאָן איר אויפן פינגער, אויך אָט דאָס פינגערל פאַרוואַרפט זי אין די בערג אַרײַן, און זאָגט:

— דעם וועג צו זיך וועלן מיר דערגיין אין איינעם, צוזאַמען, אַרומגענומענע מיט לײַב און לעבן... מיר'ן פאָרן אין די הימאַלײַער בערג און נאָך ווײַטער! צו אונדזער ביידנס וועג וועט שוין גאָר קיין סוף און קיין ענד ניט זײַן. אויך איך האָב דאָך געוואָלט גיין איבער אַ תהום. אויך איך האָב דאָך געמיינט אַז מ'קאָן גיין איבער אַ תהום. ניין, איבער אַ תהום קאָן אַפילו קיין פאָלק ניט גיין, אַפילו די גאַנצע מענטשהייט קאָן לאַנג ניט גיין איבער אַ תהום...

זי גיסט אָן איר ליידיקן כּוס פונעם קרישטאָלענעם גראַפין מיט טונקל־ברוינעם קאָניאַק, וואָס שמעקט מיט דעמב, און טרינקט פּאַמעלעכן, ניט געאײַלט, ווי פאַסמאַקעוועט, פאַרבײַסט ווידער ניט און פאַרמאַכט די אויגן:

— און איצטער גיי איך טאַנצן! כ'האָב צוגעזאָגט... אַ באַיאַר איז ניט משנה זײַן וואָרט.

— איווע, כ'וועל דיך ניט לאָזן, דו האָסט שוין מיט זיי געטאַנצט בײַם קלויסטער.

— דאָרטן האָב איך געטאַנצט כּדי צו פאַרשרײַען דעם חלום וועגן דעם

באַקלעמעלע, וואָס לעקט די פּאַרקילטע געלע טראָפּנס שווייס פון מײַן אָפּגעשוירענער מאַמע... מײַן טאַנץ איז דאָרטן געווען אַן ענטפער אויף דער ציגײַנערינס רייד וועגן מײַן שיכּורן גורל... מיט מײַן טאַנץ האָב איך געזאָגט דעם גורל, אַז מיך וועט ער ניט אָנשרעקן, אַז ער וועט מיך ניט אײַנבייגן, אַז כ'האָב גענוג כּוחות אויף זיך קעגנשטעלן. מײַן טאַנץ דאָרטן איז געווען אַן אַרויסרוף: קום, גורל מײַנער, קום! איך גיי דיר אַנטקעגן... קום אַרויס גורל מײַנער, איך וועל זיך מיט דיר פאַר יעדער ברעקל פרייד, פאַר יעדער טראָפּן ראָסע, וואָס טוט אַ פינקל בײַם זונאויפגאַנג, וועל איך זיך שלאָגן מיט דיר ביז בלוט. ביזן לעצטן טראָפּן בלוט!

— און איצטער, — פרעגט ער שוין מיט אַ ביז גאָר דערשראָקן קול. — וואָס וועט עס איצטער זײַן פאַר אַ טאַנץ?

— איצט וועט גיין בײַ מיר אַ טאַנץ פון חשבון־הנפש! אין אָט דעם ווײַסן קלייד וואָס כ'האָב געוואָלט גיין מיט דניאלן און אויך מיט דיר צו דער חופּה, אין אָט דעם ווײַסן חופּה־קלייד וועל איך איצטער גיין טאַנצן מיט די ציגײַנער מײַן געזעגן־טאַנץ, מײַן ווידוי־טאַנץ, מײַן באַפרײַטאַנץ...

— און זי ענטפערט אים ניט אויף דער פראַגע: „פון וואָס, איווע, פון וואָס ווילסטו זיך באַפרײַען?" און גייט רויִק, און אַפילו מיט אַ צופרידענעם שמייכל פון רעסטאָראַן אַרויס.

און ווי נאָר מיטן קוים־וואַקלענדיקן טראָט דעם שוועל פונעם „שלאַנקער הירש" אַריבערגעשפּאַנט — די אויגן ברייט צעעפנט אויף די שטיקער בלויע הימלען, וואָס וויגן זיך אין גרינע שאָטנס צווישן די יאָדלעצווײַגן, באַגעגנט מען זי מיט וויוואַט־אויסרופן, ווײַל קיינער האָט גאָרניט דערוואַרט זי זאָל אַזוי גיך אַרויסגיין; מ'וויל שוין דעם ראָד מאַכן און צום שפּילן גרייט ווערן, נאָר איווע גייט צום אַלטן דאַרן ציגײַנער, נעמט אים פאַר דער האַנט און ווײַזט מיט די אויגן אויף דער אָזערע... פאַרשטייען אַלע אַז ניט דאָ, נאָר דאָרטן, אין דער נידער, אויף די מיט שײַן־פאַרגאָסענע רחבותן וויל זי טאַנצן. דאָרטן, ווו פון די אָזערע־וואַסערן גייען ווינטן. האָבן זיך אַלע געלאָזט נאָך איר און נאָך דעם אַלטן דאַר־מזלדיקן ציגײַנער באַרג־אַראָפּ צו דער אָזערע גיין, און דעם גאַנצן וועג האָט מען זיי מיט בובנע־ און פידל־שפּיל באַגלייט.

אַדריִאַן טרעפֿט זי שוין בײַ דער אָזערע מיטן אַלטן ציגײַנער פֿאַרן אָנגעלאָפֿענעם עולם אין אַ ווילדן טאַנץ, — אַ טאַנץ פֿון איינער, וואָס וויל זיך אומברענגען. זי רײַסט אַלע מאָל אָפּ דעם אַלטן ציגײַנער פֿון דער ערד, הייבט אים העכער פֿון איר קאָפּ אויף, און גייט מיט אים דערנאָך אין אַ מער אויסמאַטערדיקן, נאָך אין אַ מער פֿײַערדיקן געדריי.

דאָ ערשט הייבט ער אָן, אַדריִאַן, אויפֿכאַפּן דעם באַהאַלטענעם מיין פֿון אָט דעם איבערכּוחותדיקן טאַנץ אירן: זי וויל, איוועט, זיך דאָ אָפּבינדן, זיך אָפּטיילן, ניט נאָר פֿון אים, נאָר אויך זיך באַפֿרײַען פֿון זײַן קינד... אָט דאָס אוממעגלעכע, איבערמענטשלעכע טאַנצן פֿאַרן פֿאַרגאַפֿט און דערשראָקענעם עולם, אין אַ טאַנץ פֿון פֿאַרלענדן און פֿאַרטיליקן, אַ טאַנץ פֿון אויספֿילן דעם פּסק־דין, וואָס זי האָט אַרויסגעטראָגן אויף זיך און אויף אים, אויף אַדריִאַן דינאָרן.

פֿון אָנהייב שטייט ער פֿון דער ווײַטן אַ פֿאַרלוירענער, ווייסט ניט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי זי אָפּשטעלן און אײַנשטילן, אָבער וואָס ווײַטער דער מיין פֿון איר טאַנצן דערגייט צו אים: זי וויל דאָך שוין פֿון אים קיין קינד ניט האָבן, זי וויל דעם וולד אויסראָטן...־און זעענדיק אַז אָפּשטעלן זי איז אוממעגלעך, האָט ער דעם אַלטן ציגײַנער, וואָס האָט אינעם טאַנץ מיט איוועטן אויף ס׳נײַ אַ פֿערטל שעה פֿון זײַנע ווײַטע שטורמישע יונגע יאָרן איבערגעלעבט, ער האָט אים פֿון איוועס הענט אַרויסגעריסן און אַליין אינעם טאַנץ מיט איר אַרײַן. לכתּחילה נאָך האַסטיקער, אָבער וואָס ווײַטער פֿאַרהאַלטן און פֿאַרשטילערט... דאָ איז זי אַליין שטיין געבליבן. זיך געהאַלטן קוים אויף די פֿיס. די גאַנצע וועלט — די מענטשן און די צעבליט־זומערדיקע ערד מיט די באַוואַלדיקטע הייכקייטן, מיט די פֿינקלענדיקע אָזערע־וואַסערן, מיטן געשריי פֿון אַ פֿערד, דרייט זיך אַרום איר אין אַ ראָד, פֿון די אויגן שיטן זיך איר די קדמונישע גלישײַנען פֿון די ווײַט־שנייִקע אונטערהימלדיקע בערג... נאָר ווען אַדריִאַן וויל זי פֿון אָט דעם אָנגעלאָף אַרויספֿירן, שטעלט זי אים אָפּ:

— איר האָט גוט פֿאַרשטאַנען מײַן טאַנצן, אָבער איך, אַדריִאַן, פֿאַרשטיי אויך אײַער טאַנצן! נאָר דאָס בריקל איבער וועלכן מיר זײַנען ביידע געגאַנגען איז איבערגעבראָכן געוואָרן. מוזן מיר ביידע פֿאַלן אין תּהום אַרײַן... אַדרי, — וואַרגן זי טרערן. — אַדרי, אַדרי, ווי אַזוי האָט עס גאָר געקאָנט מיט דיר

אַזוינס געשען? — נאָר ווען ער וויל איר עפּעס זאָגן, שלאָגט זי אים איבער און שוין ווידער מיט אַ קאַלט קול. — מענטשן שאַפן זיך געטער לויט זייער געשטאַלט און זייערע השגות... אויף קיינעם קאָן איך די שולד ניט וואַרפן! איצט דאַרף איך גיין און מיט די לעצטע כּוחות צעברעכן דעם ליימענעם אָפּגאָט!..

און דאָ דרייט זי זיך אָפּ פון אים און גייט צו צום אַלטן, צו דעם נאָך אַלץ פאַרסאַפּעטן ציגײַנער, און פאַרן גאַנצן שטוינענדיקן עולם, טוט זי אים אַ שטאַרקן קוש אין די ליפּן אַרײַן, גיט אים אָפּ איר האַנטבײַטל, און בעט אים גיין דינגען פאַר איר אַ שיפל אויף וועסלעס. אַ שיפל נאָר פאַר צוויי מענטשן.

— אַדרי, — גייט זי ווידער צו צו יענעם. — אַדרי, אַדרי, מיר'ן גיין זיך שיפלען אויף דער אַזורע! כ'האָב דעמאָלט ניט צעבראָכן די ווײַסע בערעזע פון מײַנע עלנטע און פינצטערע נעכט, כ'האָב אויך ניט צעבראָכן דעמאָלטן מײַנע לבנה־שפּיגלען פון די פרילינגדיקע וואַסערן... טאָ קום מיט מיר איצט אויף דער אַזורע!.. כ'וועל דאָרטן צעקלאַפּן מיט די וועסלעס אַלע מײַנע זוניקע שפּיגלען אויפן וואַסער! קום, דער פּסק־דין איז פאַר מיר, פאַר דיר און פאַרן קינד... כ'וויל גאָרנישט ניט הערן! ס'קאָן דאָ ניט זײַן קיין שום פאַרענטפערונג! אַפילו ווען מ'פירט דיך צו דער תּליה, אַפילו ווען מ'פירט דיך אויפן פײַער... נאָר איין פּחד, נאָר איין מורא און נאָר איין שרעק קאָן זײַן פאַרן מענטשן: דער פּחד פון ווערן אַן אויסוואורף! אָט דער פּחד דאַרף זײַן שטאַרקער ווי דער פּחד פאַרן טויט.

און ווען זי דערזעט פון דער ווײַטנס דעם אַלטן ציגײַנער פון דער אַזורע לויפן — שוין דאָרטן זײַן שליחות געטרײַ אויסגעפילט, נעמט זי אים, אַדרי'אַנען, אונטער דער האַנט און זאָגט אים אומברחמנותדיק גלײַך אין פּנים אַרײַן:

— ולמלשינים אַל תּהי תּקוה!

איר לשון און אויך זײַן שווײַגן און פאַרשלאָסנקייט, זײַן אויסגעהאַלטן־און־אײַנגעהאַלטנקייט, פאַרשטייט דאָ, אינעם המון, קיינער ניט. מ'זעט נאָר אַז צווישן זיי קומט פאָר עפּעס ביז גאָר שאַרף־קערנדיקס. מ'זעט קלאָר פון ביידנס אויגן — פײַכט־גלאַנציקע, אַז דאָ גייט ניט אין עקשנות, אין צו־

להכעיס, אָדער אין צעלאָזנקייט; פוןביידנס אויגן שלאָגט אַ פאַרמישפּטקייט — ביידע האָבן דאָ עפּעס גאָר קיין ברירה און קיין בחירה ניט, פאַר ביידן, זעט מען, איז שוין ניט פאַרבליבן פון וואָס צו קלײַבן, אָפּקלײַבן און אויס־קלײַבן; ביידע, זעט מען און מ'פילט, האָבן שוין קיין אויסבליק און קיין אויסוועג ניט; ביידע קאָנען שוין פאַר זיך קיין טרייסט און קיין רפואה ניט געפינען.

און ביידנס אויגן ווערן וואָס ווײַטער פײַערדיקער און מיניען און בײַטן זיך אַלץ גיכער אויף דער זון, וואָס לאָזט זיך שוין צו די וואַסערן אַראָפּ. באַזונדערס בײַטן זיך זײַנע משונה־שוואַרצע אויגן, וואָס קוקן אויף איר מיט אַזאַ ייאוש און ליבשאַפט, און פון זײַן קוק ווערט איר פּנים ווײַס פון צער און באַלד רויט פון צאָרן... פון ביידן נעמט עפּעס אַלעמען דאָ דורך אַ שוידערלעכקייט.

און אַז זיי הייבן שוין אָן ביידע אַוועקגיין — ער לאָזט זיך אונטער דער האַנט, און ווײַטער אָן אַ וואָרט, צום שיפל פירן, ווערן שוין דאָ אַלע ממש פול מיט שרעק... מ'זעט ווי זי ווײַזט אים זײַן אָרט, וואָרט צו ביז ער זעצט זיך בײַם רודל, דערנאָך שטופּט זי פון ברעג דאָס שיפל, פאַרפּלאָנטערט זיך דערבײַ אין איר לאַנגן ווײַסן קלייד און פאַלט אום. טוט ער זיך אַ וואָרף און העלפט איר זיך אַוועקזעצן, נעמען די וועסלעס און אַרויסשיפלען פון צווישן די אַנדערע שיפלעך. און דאָ, ווי נאָר זי האָט דאָס שיפל אַרויסגעטריבן אַהין, ווו קיין אַנדערע זײַנען נאָענט ניט געווען, אַזוי קערט זיך מיט אַ מאָל זייער שיפל איבער, און ביידע פאַלן זיי אין דער אָזערע, אין די ערב־שקיעהדיקע, אין די ביז ווייטיק־פינקלענדיקע וואַסערן אַרײַן.

ז

און מ׳קלאַפּט מיט תּקיפֿות און מיט הוצפּה אין טיר... ווייסט זי שוין, איווע, אַז ענדלעך זײַנען זיי, די גרויע גאַבאַרדין־מאַקינטאָשן, נאָך איר געקומען און קיינער אין דער וועלט וועט איר דאָ ניט קאָנען העלפֿן און פֿון אומקום אַרויסראַטעווען. איר פֿעטער אַבושעס צוזאָג: „מ׳וועט דיך הײַנט צונעמען״ ווערט מקוים, — ער פֿילט, איר פֿעטער אַבוש, דעם מינדסטן שטויס פֿון אַן ערד־ציטערניש און הערט דעם ווײַטסטן אָנקום פֿון אַן אומגליק.

זי גייט ניט עפֿענען — זאָלן זיי אויפֿברעכן די טירן, זאָל זייער קלאַפּן אויפֿטרייסלען די פֿאַרשטאָרבנקייט, די מיט שרעק־געפּלעטטע אַרומיקע מויערן. דער גרויסער און קלאָרער שטערן גייט אָפּ פֿון איר פֿענצטער און אין דעם ווײַטן צימערל שפּילט נאָך אַלץ אין דער פֿינצטער די אַלטע מאָנאַשקע סקריאַבינען, וואָס האָט מיט זײַן מוזיק געוואָלט מחיה־מתים זײַן יעזוסן. פֿון אָט דעם עקשנותדיקן קלאַפּן איבער די קלאַווישן, וואָס שלאָגן אָפּ מיט אַזאַ יִאוש אין דעם פֿאַרשנייט־אָנגעלבנהטן פֿענצטער, נעמט זי דורך, איווען, אַ גרויל. די נאַס־רויטלעכע שײַטלעך אין דער צעשפּאָלטן־קאַכלענער הרובע ווערן אויסגעלאָשן און ס׳פֿאַלן פֿון דאָרטן נאָר אַ פּאָר בלייך־לילאָווע פֿעדעם שײַן אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, ווו אויף אַדריִאַנס לײַוונט דרייען זיך די פֿײַערדיקע רייפֿן איבער די ערבֿ־שקיעהדיקע וואַסערן און זי, איווע, אין אָט די פֿלאַמען־וויכערס וויגט זיך אַן אײַנגעוויקלטע אין צעגליטע ווײַסקייטן מיט די שוואַרצע האָר אירע, ווי רויכן, אויפֿן ווינט און הינטער איר, ווי פֿון דער ערד אַרויס, אַ גרויסער אָפּגעשונדענער שאַרבן פֿון האַלב־מענטש און האַלב־חיה, וואָס האַלט אויף די אויסגעצויגענע הענט, אויסגעדרייטע און קנאָכיקע, ווי פֿאַרבלוטיקטע וואָרצלען, אַ קינד וואָס פֿאַרגייט זיך אין געלעכטער.

דאָס קלאַפּן פֿון יענע נאַכטלײַט, פֿון יענע הפֿקר־פֿאַרשוינען, פֿון יענע

גרויע גאַבאַרדין־מאַקינטאָשן, אין איר לעבן, ווערט וואָס ווײַטער און מיט יעדער רגע שטאַרקער, צאָרנדיקער, רציחהדיקער, אָבער אויפרײַסן די אַלט־טרוקענע דעמבענע טיר וועט זיי אָנקומען שווער: אויסער דעם שלאָס און קייטל, האָט זי נאָך פאַררוקט אַ פיסל פון אַ בענקל. זאָלן זיי דאָרטן שרײַען: „אין נאָמען פון געזעץ!" זי, איווע, וועט זיי צו זיך אין שטוב ניט אַרײַנלאָזן. וואָלטן דאָ אַרום איר ניט געלעבט קיין מענטשן, וואָלט זי אויך אונטערגעצונדן די שטוב, ווי ס'האָט געטאָן איר ברודער וועלוול. יענער האָט אונטערגעצונדן זײַן שטוב, די קלוניע מיט תבואה און די שטאַלן מיט די פערד און בהמות. — און אויף זייער געשריי פון דאָרטן, פון יענער זײַט טיר:

— וואָס, איר זײַט קראַנק, איר קאָנט זיך ניט אויפהייבן פון בעט?

אויף זייער געשריי ענטפערט זי אויך אויף אַ הויכן קול און קלאָר, אַז ניט נאָר זיי, די נאַכטלײַט, נאָר אַז אויך די אַרומיקע שכנים, וואָס שטייען צוגעשפאַרט מיט די אויערן צו זייערע טירן, זאָלן הערן:

— ניין, כ'בין ניט קראַנק, כ'בין געזונט! נאָר די טיר וועל איך אײַך ניט עפענען! די מערדערס פון מײַן איידעם, פון מײַן טאָכטער, פון מײַן אייניקל, לאָז איך אויף מײַן שוועל ניט אַרויף... ברעכט די טירן!

ווערט דאָרטן, אין קאָרידאָר, מיט אַ מאָל שטיל — מ'רעדט אויפן אויער, און באַלד דערוויַטערן זיך איינעמס שווערע טריט: ער גייט אַ פּנים ברענגען אַ שטאַנגע צו קאָנען אויפברעכן און אויפרײַסן די טיר. פונעם גרינעם עפּל, וואָס עקיבא האָט איבערגעלאָזט אונטערן עלעקטרישן פאַרגעלטן לעמפּל, ווייעט אויף איר מיט ריחות פון אַראָפּגעפאַלענע פאַרברוינטע בלעטער אין שפּעטהאַרבסטיקע סעדער. פאַר די אויגן וויגן זיך איר רויטע הענגלען וואַלד־קאַלינעס און די וויכערפלאַמען פון אַדריאַנס לײַוונט. אויך איר פעטער אַבושעס ווײַסע רייפעלעך אַרום זײַנע שוואַרצאַפּלען בלינצלען צו איר, און אויך זײַן טרוקן קול הערט זי: — אין חדש תחת השמש... דו הערסט, יידענע, אַזוי גייט עס שוין פון קדמונים, און אַזוי וועט עס גיין ביז משיח וועט קומען... שוין בײַם באַרג סיני איז באַגאַנגען געוואָרן רישעות. דו הערסט, יידענע, בײַם באַרג סיני!.. משה רבנו, וואָס איז אַראָפּ פונעם הימל מיט די לוחות, ווו ס'איז געווען אויסגעקריצט מיט גאָטס האַנט: לא תרצח!.. ער, משה, ווי נאָר ער האָט דערזען דעם עגל וואָס זײַן ברודער אַהרן האָט געמאַכט

פֿאַרן המון, פֿאַר די קנעכט, וואָס זײַנען ערשט נעכטן אַרויס פֿון מצרים, האָט ער, זייער אויסלייזער, גלײַך צעבראָכן די לוחות אונטערן באַרג, גערופֿן זײַן שבט און אין נאָמען פֿון גאָט געהייסן נעמען שווערדן אין די הענט און דורכגיין הין און צוריק פֿון טויער צו טויער און איטלעכער זאָל הרגענען זײַן ברודער, זײַן חבר, זײַן קרוב... דו הערסט, ייִדענע? און די בני־לוי האָבן געפֿאָלגט און זײַנען מיט דער שווערד דורכגעגאַנגען פֿון טויער צו טויער און אין איין טאָג אויסגעקוילעט אָן אַ דין און אָן אַ דיין טויזנטער ייִדן... דו הערסט, ייִדענע? און דאָס האָט געטאָן משה, ווען דער פֿײַערדיקער טינט פֿונעם לא תרצח איז נאָך אויף די לוחות ניט פֿאַרקילט געוואָרן!.. הער ווײַטער, ייִדענע, פֿאַרוואַרף ניט מיט די הענט, הער! און אליהו הנביא האָט אין נאָמען פֿון גאָט געקוילעט פֿיר הונדערט נביאים אויפֿן כּרמל־באַרג. דו הערסט, ייִדענע? ער אַליין, שוין מיט זײַן האַנט, האָט געשניטן מיטן מעסער די גאָרגלען פֿון הונדערטער נביאים, וואָס האָבן געטראַכט און גערעדט אַנדערש פֿון אים... און שפּעטער האָבן אַלע אמתע נביאים פֿײַנט געהאַט און געשאָלטן זייער פֿאָלק אין נאָמען פֿון גאָט... האַ, דו ווילסט ניט הערן? און אַז דער תּנך איז שפּעטער פֿאַרהייליקט געוואָרן בײַ אַלע פֿעלקער, אַלע פֿעלקער גייען דאָך מיט אונדזער תּנך אין קלויסטער אַרײַן!.. האָט שוין די אינקוויזיציע אין משך פֿון הונדערטער יאָרן געפּײַניקט, געבראָכן ביינער אויפֿן הילצערנעם ראָד און געברענט מענטשן אויף די שײַטער־הויפֿנס... און אַזוי וועט עס, ייִדענע, גיין ווײַטער און ווײַטער ביז משיח וועט קומען... איך גיי שוין, איווע, איך גיי שוין אַוועק, הײַנט וועט מען דיך צונעמען! אָבער דו וועסט אויסלעבן, וועסט בײַקומען... און איך, איווע, וועל האָבן אַ שווערן טויט, גאָר אַ שווערן. איך וועל מיט מײַן טויט אויף דער מיטה ניט שטאַרבן. פֿון מערב גייט אויף ייִדן נאָך אַ שרעקלעכער מולך... און ס'איז ניטאָ, איווע, וווהין זיך צו ראַטעווען. דאָ איז גײַסטיקער מידבר און פֿון דאָרטן גייט מולך... דער גרויסער יום־הדין קומט, ס'איז ערב הילכתא דמשיחא...

און איווע, אַ האַלב־פֿאַרטראָגענע, אַן אויפֿגערודערטע פֿון איר פֿעטער אַבושעס רייד, פֿון זײַן טײַטשן און אויסברײַען, באַזונדערס פֿון זײַנע לעצטע ווערטער, אַז פֿון מערב גייט נאָך אַ שרעקלעכער מולך אויף ייִדן... הערט זי יאָ, און הערט ניט, ווי יענע נאַכטלײַט רײַסן די טיר. זיי טוען עס ביז גאָר

געשיקט און גענײט, מיט דעם קלענסטן, מיט דעם סאַמע מינדסטן רעש. און ווען זיי וואַרפן זיך שוין צו איר אין שטוב אַרײַן — ניט קיין דרײַ, ווי זי האָט געמיינט, נאָר גאַנצע זיבן... און אַלע זיבן גרויע גאַבאַרדין־מאַקינטאָשן גרייטן זיך צו טרעפן דאָ דעם גרויסן ווידערשטאַנד... נאָר בײַ דער געל־גרינלעכער שײַן פונעם עלעקטרישן טישלעמפּל, ווו אונטערן אַבאַ־זשור ליגט אַן אָנגעביסענער עפּל און פון דער אָפענער הרובע, ווו ס׳לעשן זיך די נאַס־שיפּענדיקע רויטלעכע אָלכע־שײַטלעך, און ס׳שלאָגט פון זיי צום פּאַרשנייטן פענצטער אַ טונקל־געדיכט רייכל, דאָרטן, צווישן די שאַפעס ביכער, שוין מיטן מאַנטל אויף די אַקסל, שוין מיטן הילצערנעם קופערטל, שוין מיט די שטיוול אויף די פיס, זיצט אַ פרוי, דעם גלאַט־צוגעקעמטן פעך־שוואַרצן קאָפּ, מיט זילבערנע פּאַסמעס האָר, אָנגעשפּאַרט אויפן אָנלען פונעם דיוואַן, און טוט זיך בײַ זייער אַרײַנוואַלגערן אַפילו פון אָרט ניט קיין ריר.

— אײַער פּאַספּאָרט!

לויטן ריר פון דער זילבערנער פּאַסמע האָר, לויטן שאָטן אויף דער וואַנט, פאַרשטייען זיי, אַז זי ווײַזט אויפן ביכעלע, וואָס איז שוין פון פריער אויף דער פּאָלקע צוגעגרייט. איר בלייכקייט — אַ מין ווײַסקייט, ווי זי אַליין וואָלט אויך, ווי דער פענצטער אירער, פאַרשנייט געוואָרן פונעם פּאַרטאַגיקן שנייפּאַל, רופט בײַ זיי אַרויס דערשטוינטקייט. ווילן זיי עס דאָך אויסטײַטשן, אַז זי, די דאָקטערין באַיאַר, אָט דער שׂונא פון פּאָלק, איז פאַרט ווײַס געוואָרן פון שרעק... אָבער איר פּנים, אַ שיין פּנים! איז רויִק מיט אַ מאָדנער רויִקייט. און אויך אָט די רויִקייט איז פאַר זיי אַ ניט־געוויינטלעכע, אַן אוממעגלעכע. דערצו נאָך דערזעען זיי אין אירע אויגן, אין די ברייט־צעעפנטע, שפּאָט און ביטול, און דער עיקר, אַזאַ מין אַנטשלאָסנקייט, וואָס שטעלט זיך פאַר גאָרנישט ניט אָפּ. — זי וואַרט אויף יענעם, אויף דעם שוין פאַר איר באַקאַנטן, אויף דעם שוין צוויי מאָל אין איר לעבן געהערטן:

— איר זײַט אַרעסטירט!

און דאָס וועט געזאָגט ווערן אויף יענעם אויסגעלערנטן און גוט־אײַנגעחזרטן און גוט־געשטעלטן קול, וואָס דאַרף שוין דאָ און גלײַך געבן צו פאַרשטיין און דערפילן אַז איר, איווע באַיאַרס, לעבן און ווײַטערדיקער גורל איז שוין, ווי אַ געמערקטע קאָרט, אין זייערע הענט. אָבער זיי שווײַגן.

אויך באַוויַיזט מען איר ניט דעם אָרדער אויפֿן אַרעסט, וואָס דאַרף זײַן אונטערגעשריבן פֿונעם פּראָקוראָר, פֿונעם היטער פֿון די סאָציאַליסטישע, פֿון די סאַמע דעמאָקראַטישסטע געזעצן אין דער וועלט.

דרײַ פֿון די זיבן וואַרפֿן פֿון זיך אַראָפּ די לײַטישקייט — די גרויע גאַבאַרדין־מאַקינטאָשן, און בלײַבן שוין פֿאַר איר אָן שום פֿאַרשטעלענישן, שוין אָן שום באַהעלטערל־שפּיל, שוין אין די מיליטערישע בגדים, שוין מיט די אויסגעשײַערט־פֿינקלענדיקע מעשענע שטערנס אויף די ברייטע לע־דערנע רימענס, און מיט די ליכטיקע, מיט די הימל־בלאָע פּעטליצעס, — און איוועע פֿאַרמאַכט פֿון ווייטיק די אויגן.

— טוט זיך אָן!

ניט פֿונעם קול — אַ געזעצט־כריפּענדיקס, ווי בײַ אַלע קיין מאָל ניט אויסגעניכטערטע שיכּורים און אויך ניט פֿון דעם, וואָס זיי הייסן איר זיך אָנטאָן, טוט זי אַ ציטער, נאָר פֿון דעם, וואָס די דרײַ אויסגעטאָנענע נעמען וואַרפֿן פֿון די שאַפֿעס אויף דער ערד אירע ביכער, פֿון די טישקעסטלעך אירע בריוו, פּאַפּירן, פֿאָטאָגראַפֿיעס... אָן־אָ האָבן זיי אַרויסגעוואָרפֿן יצחקן באַיאַר מיט דער לאַנגער שמאָלער ווײַסער באָרד, ווי ער שטייט בײַם וועג מיטן שטעקן, דעם קאָפּ צום אַקסל פֿאַרנייגט: הערט זיך צו צי ס׳גייט ניט קיין נײַע גזירה?.. און אויך די מומע ליבע, וואָס קיינער אין דער משפּחה ווייסט ניט ווו איר קבר געפֿינט זיך, אויך איר קאַרטע, ווי זי זיצט אונטער דער ווערבע בײַם טײַך מיט איר טרויעריק־גוטן שמייכל אויף די ליפּן, אויך זי, די מומע ליבע, וואַלגערט זיך שוין אונטער זייערע פֿיס.

און דאָ ערשט דערפֿילט זי, איוועע, אַז איר ביז־אַהעריק לעבן פֿאַלט שוין אויף אייביק אין יענעם תּהום אַרײַן. ס׳ווילט זיך איר שרײַען מיט אַ געשריי פֿון אַ באַיאַר ווען דער שׂונא רירט אָן זײַנע הייליקייטן און אויך וואַרפֿן זיך אויף זיי... אָבער ווי ווײַט און ווהין און צו וועמען וועט איר געשריי דערלאַנגען און דערגרייכן? און מיטן וואַרפֿן זיך מיט די הוילע הענט, וועט זי נאָר בײַ אָט די זיבן אַרויסרופֿן געלעכטער און געבן זיי נאָך אַ קאָרט אין האַנט אַרײַן; און זיי קאָנען דאָך אויך „בײַם אַרויסווײַזן אַ ווידערשטאַנד״ דערשיסן זי אויפֿן אָרט, — זיי וועלן דערפֿאַר ניט באַשטראָפֿט ווערן, פֿאַר־קערט, יענער, סמערדיאַקאָוו, ווי עקיבא רופֿט אים, יענער זיצט שוין ניט בײַם

פלויט מיט דער גיטאַרע, נאָר שוין דאָרטן אין קרעמל, מיט דער זיך־רייכערנדיקער ליולקע אין די שוואַרץ־געפאַרבטע וואָנצן, יענער, סמערדיאַקאָוו, באַהערשט שוין אַ האַלבע וועלט, ער וועט דאָך זײַנע נאַכטלײַט פאַרן דערשיסן זי דאָ אויפן אָרט נאָר לויבן און רימען. ער וועט זיי אַלעמען באַלוינען און פאַר אַ מוסטער אַרויסשטעלן.

— ניין, איווע, — רעדט זי און באַרויִקט זיך. — דו האָסט זיי געהאַלטן העכער אַ שעה הינטער דער טיר, זיי געזאָגט, אַז מערדערס לאָזסטו צו זיך אין שטוב ניט אַרײַן, זיי געצווּנגען אויפברעכן די שלעסער פאַר די אויגן און אויערן פון אַזוי פיל שכנים. דאָס איז שוין פאַר דיר, איווע, אויף הײַנטיקס מאָל גענוג און איבער גענוג... שטיל אײַן דײַן באָיאַרישן צאָרן! עקיבא איז פון צאָרן און פאַרביטערטקייט אַרײַנגעפאַלן אין אַ יִאוש... געוואָרן אַ נאַכט־שומר פון דעם פאַרלאָזטן יִדישן בית־עלמין, פאַרוואָרפן זײַן פידל אויף די נאַקעט־פאַרפרוירענע בערעזעס און גייט דאָרטן אַרום אין די פאַרשנייטע נעכט צווישן די קברים מיט די אײַנגעוואַלגערטע מצבות... שטיל אײַן, איווע, דײַנע אַלע צאָרנס, האַלט זיך רויִק, דײַן רויִקייט און ביטול טרעפט אין זיי איצטער שטאַרקער און טיפער, ווי דו וואָלסט זיך געוואָרפן אויף זיי מיט די הוילע הענט. זיי וואַרטן דאָך אויף דעם!

און זי טוט אָן אויף די אַרבל מיט די שמוישענע מאַנקעטן דעם באָבריק־איבערגעניצעוועטן מאַנטל, וואָס עקיבא און דניאלקע דער מומע ליבעס האָבן פאַר איר געקויפט ערגעץ אויפן שוואַרצן מאַרק בײַ אַן איבערנייערין, — דער מלבוש איז שטאַרק און וועט זײַן גוט פאַרן צפונדיק־ווײַטן וועג, און וועט איר אויך קאָנען דינען אַ היפּשע צײַט דאָרטן, אויף וואָרקוטאַ; זי פאַרבינדט דעם שאַל אַרום קאָפּ — אין דרויסן שיט און שיט... וואַרפט אַ בליק אויפן האַנטזייגערל: אָן אַ פערטל פינף, נעמט איר הילצערן קופערטל, און פיר גרויע גאַבאַרדין־מאַקינטאָשן פירן זי פון שטוב צום „שוואַרצן וואָראָן”, וואָס וואַרט אויף איר אונטן, אין הויף, בײַ דער הינטערטיר. יענע דרײַ, די אויסגעטאָנענע, פאַרבלײַבן אין איר שטוב אַליין צו זוכן, צו נישטערן, און דערנאָך וועלן זיי די טיר פון איר ביזאיצטיקן לעבן פאַרקלאַפּן, ווי אַ טרונע, מיט אײַזערנע צוועקעס.

און דאָך, דאָס איז שוין פּשוט אין דעם בלוט פון אַ באָיאַר — אַראָפּ אין

הויף, צווישן די טונקעלע מויערן־ווענט, ווי אויפן דנאָ פון אַ טיפער אָנגע־שנייטער גרוב, בלײַבט זי שטיין: פון ערגעץ דאָרטן, פון איבער דעם שניי־פאַלנדיקן פאַרטאָג, פון יענע פאַרבאָרגענע הויך־ווײַטע וועלטן, גייט אויף איר אַזאַ ווונדערלעך־באַזילבערט ליכט, אַז אַלע שווערע טרויערן טרעטן מיט אַ מאָל פון איר אָפּ; אָט דאָס־אָ בלענדנדיקע ליכט אינעם געדיכט־פאַלנדיקן שניי נעמט זי אויף ווי אַ גוטן אָנזאָג, ווי אַ ברכה אויף איר ווײַטערדיקן שווערן וועג. און ס׳טוען אין איר האַרצן אַ שלאָג אַלע קוואַלן פונעם דורותדיקן האָפן און גלויבן.

פון איר שטיין בלײַבן מיטן אויפגעהויבענעם פּנים צו יענעם ליכט, וואָס פאַלט מיט די שנייען פון די הייכן, פאַרהאַלטן אויך זיי, די ברואים פון דער גרויער מאַקינטאָשן־תּקופה, זייערע טריט און ווערן עפּעס אויך לײַטזעליקער: אויף אַזאַ איינער, מיט אַזאַ האַלטן און פירן זיך, האָבן זיי זיך נאָך ביז הײַנטיקער נאַכט ניט אָנגעטראָפן. לאָזן זיי זי פון איר לעצטן ברעקעלע פרײַקייט ווערן באַגײַסטערט און מיט איר חיה־רגע זיך אָנקוויקן... אָבער בײַם „שוואַרצן וואָראָן", וואָס איז נאָר וואָס פון אַן אַנדער אָרט געקומען, איז אַ טומל געוואָרן — און אַזעלכס איז שוין ביז גאָר פאַרוועררט: אויף די בײַנאַכטיקע גאַסן טאָר קיין פּיפּס ניט געהערט ווערן. און דאָ קלאַפּט גאָר איינער אין די ווענטלעך:

— בראַטצי, ברידערלעך, כ׳בין דאָך ניט גריגאָריעוו, כ׳בין דאָך גרי־גאָרענקאָ... יענער, גריגאָריעוו, וווינט אין דער צווייטער טיר... בראַטצי, ברידערלעך, כ׳בין ניט גריגאָריעוו, כ׳בין דאָך גריגאָרענקאָ, ברידערלעך...

— אַדין טשאָרט, איין רוח. מאָרגן וועלן מיר נעמען גריגאָריעוון אויך! ניע שומי, טומל ניט! ווילסט פאַרדינען נאָך פינף יאָר?

און דאָ, שוין מיט גרימצאָרן, טוען צוויי פון יענע פיר זי אַ נעם, איוועז, הייבן זי אויף און וואַרפן זי אַרײַן מיט איר ברעטלדיקן קופערטל אין דעם איבערגעפּולטן תּפיסה־קאַסטן אויף רעדער. די טיר ווערט פאַרהאַקט און זי בלײַבט אין אַ הייסער פינצטערניש אויף עמעצנס הענט ליגן. אַ פּנים, אַז בײַם אַרײַנוואַרפן זי האָט עמעצער פון אירע אַמאָליקע קראַנקע זי פאַרט בײַ יענער רגעלע ליכט דערקענט און ניט דערלאָזט אַז בײַם פאַלן זאָל זי צעשלאָגן און צעבײַלט ווערן.

— אַ גרויסן דאַנק אײַך!

— דאָס בין איך...

— װער איך? — און הגם זי דערקענט שוין צו גוט די שטים, דאָך װיל זי זיך ניט גלייבן און פרעגט — כמעט אָן לשון — װער, װער, װער?

— דאָס בין איך... — דערהערט זי נאָך קלאָרער יענעמס קול, דאָס שטילע, אָבער תּמיד מיט התלהבות; אַ קול פון אײנעם, װאָס רעדט ניט צום אויער, נאָר צום האַרצן. אַ קול װאָס ניט צו איטלעכן דערגייט עס; אַ קול, װאָס קומט ניט אַזוי פון דאָ הי. נאָר פון ערגעץ װו, פון פאַרשטעלטע װײַטן, און װאָס קאָן זיך גאָר דאָ לאַנג ניט פאַרהאַלטן, װײַל ס׳דאַרף באַלד גיין ערגעץ װײַטער.

— דו? דאַני?.. דניאל... שוין אויך דו? פאַר װאָס שוין דיך?

— און פאַר װאָס אײַך, און שוין דאָס דריטע מאָל... װיפל צײַט, װיפל יאָרן קאָן מען רודפן אַ פרוי?

— דאָך, דניאלקע, דאָך! איבער מײַן האַרצן האָט זיך אַ מאָל דורכגעטראָגן אַ ליבע־געװיטער... דערצו נאָך בין איך אַ ציוניסטקע, אָבער דו, דו, דניאלקע, פאַר װאָס?

— איבער מײַן האַרצן איז אויך דורכגעגאַנגען אַ ליבע־געװיטער. אין מײַן נשמה האָט אויך פון יינגלװײַז אָן געבושעװעט אַ ליבע־זאַװערוכע. און אויך דערפאַר, װאָס איך בין געבוירן געװאָרן בײַם װעג אונטער דער סטירטע שטרוי און יצחק באָיאַר האָט געגעבן דער פויערטע זײַן טלית מיך אײַנװיקלען... און אויך דערפאַר, װאָס מײַן טאַטע שמריה האָט אויפן מלחמה־פעלד, בײַ זײַן שװערער גסיסה, געשריִען צו דער לבנה: מ־שי־ח!.. און אויך דערפאַר, װאָס מ׳האָט מײַן מאַמע לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין דער ערד און דרײַ יאָר נאָך אַנאַנד בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די װעלדער און גערופן מאַ־מע!

— דניאלקע, דו װעסט דעם גרויסן נסיון אויסשטיין. װער ס׳טראָגט אַזאַ נעכטן אין זײַן נשמה, דער װעט אַלצדינג בײַקומען... דו האָסט כּוחות צו גיין קעגן דעם שטראָם. די לעצטע צײַט ביסטו שוין געגאַנגען איבער דײַנע כּוחות. נאָר דאָרטן, דניאלקע, העכער, איבער די כּוחות, דאָרטן געפינט

זיך דער קוואַל פון גרויסן און ריינעם לעבן... אָבער דאָך, דאָך, דאָך, פאַר וואָס האָבן זיי דיך גענומען?

— ניט נאָר מיך, נאָר אויך מײַנע בילדער! אָט טאַקע פאַר זיי, פאַר די בילדער מײַנע, נעמט מען מיך. טאַקע דערפאַר וואָס איך דערצייל מיט פאַרבן וועגן די באַיאַרס פאַר די קומענדיקע דורות.

— אויך די בילדער נעמען זיי צו?

— צוגענומען! אַחוץ די בילדער „סטיסיעס חלום", ווי זי פאַרט אַרײַן מיטן שפּאַק אינעם פאַרנאַכטיקן אָנגעגליטן וואַלד און געפינט דאָרטן נחומקען אונטער דער יאָדלע... און אויך דעם לײַוונט, ווו סטיסיע לייגט אַרײַן איר געהרגעט קינד אין אָרון־קודש. איין בילד האָבן זיי אַליין איבערגעלאָזט.

— אַוועלכן?

— מײַן באַגעגעניש מיט שיפרהן אין וואַלד. דאָרטן האָב איך זיך דאָך מיט איר באַקענט. גראָד אָט דעם לײַוונט האָבן זיי אָפּגעוואָרפן אין אַ זײַט.

— און ווער האָט זיי ניט געלאָזט נעמען „סטיסיעס חלום"?

— טאַקע זי אַליין, סטיסיע.

— פון וואַנען האָט זיך פּלוצלינג אַהער גענומען סטיסיע? — פרעגט איווע שוין ניט אַזוי פון חידוש, ווי פון פאַרלוירנקייט, וואָס אין אָט דער־אָ נאַכט קאָן זיך אַלצדינג טרעפן און פאַרלויפן. אַלע גרענעצן און מחיצות פון מעגלעך־ און אוממעגלעכקייטן ווערן אָפּגעראַמט און צעבראָכן. — סטי־סיע? — פרעגט זי איבער — סטיסיע איז געקומען צו דאַלין?

— געקומען, יאָ, סטיסיע איז געקומען! — הערט זיך אין זײַן קול באַגײַסטערונג. — זי איז געקומען אַ פאַרוויינטע... אַוועקגעשטעלט אויפן טיש דעם פאַרשנייטן קויש און גלײַך דערקלערט: בײַ נאַכט האָט זי געזען אַ חלום. דער עלטער־זיידע, זרחל, האָט זיך צו איר באַוויזן און געזאָגט: „פאָר, סטיסיע, אין שטאָט אַרײַן, צו דאַלין".

— און דער עלטער־זיידע, זרחל, גייט נאָך אַלץ צו איר צו חלום? און סטיסיע גלייבט נאָך אַלץ אין חלומות?

— ווי נאָר, דערציילט זי, דער זקן האָט גענומען דעם שטעקן און איז אַרויס פון שטוב, אַזוי איז זי אויפגעשטאַנען און איז אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַרײַן צו מיר און צו דאַלין... און זי האָט ניט פאַרשפּעטיקט. זי איז געקומען

צו דער צײַט! זי האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אויסטאָן, ווי דאָלין האָבן אַ נעם געטאָן די ווייען. האָבן מיר תּיכּף אַרויסגערופֿן די גיכע הילף און זי אָפּגעפֿירט אין קימפּעטאָרין־שפּיטאָל, אַז איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים נאָר מיט אירע זאַכן, האָט עפּעס אַ מאָדנע שרעק מיך באַפֿאַלן.

דער שניי פֿון די אויסגעשײַנט־ווײַטע הייכן פֿאַלט אַלץ געדיכטער, שיט און פֿאַרשיט וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער די גאַסן און דער שוואַרצער תּפֿיסה־קאַסטן בײַ די באַרג־אַרויפֿן בלײַבט שוין גאָר שטיין. אויך די אָנגעטאָנענע קייטן אויף די רעדער העלפֿן ניט: זיי דרייען זיך, די רעדער, אין די שנייען אויף איין אָרט און דער מאָטאָר רוישט אויף טויב צו ווערן. דער קאַסטן וויגט, וואַקלט, טרייסלט און וואַרפֿט די אסירים אין אַלע זײַטן און יענער, דער פֿאַרביטענער, קלאַפּט מיט די לעצטע כּוחות אין ווענטל און כליפּעט: „בראַטצי, ברידערלעך, איך בין דאָך ניט גריגאָריעוו, כ׳בין דאָך גריגאָרענקאָ... גריגאָריעוו איז מײַן שכן... ברידערלעך, איך האָב דרײַ קליינע קינדער, כ׳בין דאָך, ברידערלעך, אַ סטאַכאַנאָוועץ״...

ערגעץ נאָענט רוישט אַ טראַקטאָר, צי אַ טאַנק, וואָס קומט נעמען דעם „שוואַרצן וואָראָן״ אויפֿן בוקסיר, ווײַל די אויפֿגעוועקטע פֿון די אַרומיקע גאַסן, פֿון די בעטן אַרויסגעשלעפּטע דוואָרניקעס, קאָנען מיט זייערע היל־צערנע לאָפּעטעס קיין סך ניט אויפֿטאָן — דער שנייפֿאַל איז אַ געדיכטער, אַ פֿײַכטער, אַן ערב־פּרילינגדיק שווערער... און דאָך, ניט געקוקט אויפֿן קלאַפּן און רוישן, פֿרעגט בײַ איר דניאל:

— איווע, וואָס וועט זײַן מיט דאָלין? האָבן דאָס ערשטע קינד איז זייער שווער?

— בײַ אַזאַ נסיון, דאַני, טאָר מען וועגן זיך ניט טראַכטן! אויב דו טרעסטסט איבער דעם שוועל פֿון דער טורמע מיט אַ שרעק פֿאַר זיך, אָדער פֿאַרן לעבן פֿון דײַנע נאָענטע, וועסטו ניט אויסשטיין... דו וועסט גלײַך צעבראָכן ווערן. דאָלי וועט האָבן דאָס קינד ווי ס׳האָבן אַלע ווײַבער, און סטיסיע וועט צונעמען דאָלין מיטן קינד צו זיך אין דאָרף אַרײַן. סטיסיע גייט אויך איבער אירע כּוחות... האָט טאַקע סטיסיע ניט געגעבן זיי איר חלום?

— ניין, זי האָט פֿאַרשטעלט מיט איר גוף די בילדער. איר פּנים איז דאָ

געוואָרן ווי אויפן לייוונט בעת זי שטייט אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט פאַר די טירלעך פונעם אָרן־קודש. די בילדער זײַנען מײַנע, האָט זי זיי געזאָגט מיט אַ געוואָרגענעם קול, איך האָב פאַר זיי באַצאָלט... איך האָב אויף דעם אַ דאָקומענט.

— ווער האָט דיר אונטערגעשריבן דאָס פּאַפּירל?

— דער פאָרזיצער פון ווערבינקער דאָרפסראַט.

— און ווער איז דאָרטן דער פאָרזיצער?

— איך, סטיסיע באַיאַר... אַ מיטגליד פון פּאַרטיי פונעם פיר און צוואַנציקסטן יאָר. פון דעם לענינישן פּריזיוו...

— דאַני, פרעגט אים שוין איווע מיט התפעלות, און זיי האָבן די בילדער ניט גענומען?

— ניין! סטיסיע האָט זיי אויך ניט געוואָלט געבן מײַן ניט־פאַרענדיקטן לייוונט, ווו יצחק באַיאַר מיטן לעמפּל אין דער אויפגעהויבענער האַנט באַגעגנט זיך מיט חרותן אויפן שוועל פון דער אַלטער קרעטשמע... נאָר דאָ האָבן זיי פּשוט אַרויסגעריסן דעם לייוונט פון סטיסיעס הענט. ווהין, איווע, פירן זיי אונדז מיטן טאַנק, צו דער ענקאַוועדע, צי אויף לוקיאַנאָווקע?

— וואָס איז דאָ דער אונטערשייד? סײַ דאָ, סײַ דאָרטן, זײַנען שטאַרק טויבע ווענט. קיין שטראַל און קיין שטערן פאַלט קיין מאָל אַהין ניט אַרײַן. דאָרטן דאַרף מען גיין איבער די כּוחות. דניאל, דאָרטן דאַרף דאָס ווײַטע זײַן טײַערער פון דאָס נאָענטע!..

ח

און דאָרטן, פאַר זײַן אַרויסגיין פון שטוב, פאַר זײַן אַרײַן אין דעם ערב־פרילינגדיקן שנייפאַל, האָט ער זיך פלוצעם און מיט אַ מאָל אויסגעדרייט צו איר, דניאל, דער מומע ליבעס זון, שטאַרק זי אַרומגענומען — זײַנע פינגער האָבן אָבער געציטערט אויף אירע אַקסלען, און אַ קוק געגעבן אויף איר, אויף סטיסיען, ווי אין יענעם פאַרנאַכט אין וואַלד, נאָכן פאַרבײַפאָרן יענעם אָרט, בײַ די באַליאַרקער זומפן, ווו זי האָט אַ מאָל איר גרויסן חלום, נחומקען, אונטער דער יאָדלע, אַ פאַרוויייעטן מיט זאַמד, געפונען ליגן.

און גראָד דעמאָלטן און דאָרטן, בײַ די באַליאַרקער זומפן, האָט זי שוין מער ניט געוואָלט קלערן און ווײַטער ניט געקאָנט טראַכטן פון וועגן דעם אונטערשייד פון זייערע יאָרן — אים, דניאלקען, איז דעמאָלטן געוואָרן איין און צוואַנציק, און איר, סטיסיען, שוין זיבן און דרײַסיק... און אויך די בושה פאַר דער וועלט האָט זי דעמאָלטן פון זיך אָפגעשטויסן און אַפילו מיט צאָרן אָפגעוואָרפן, ווײַל ניט נאָר זײַן ליבע צו איר, זײַן תמידיקע גרייטקייט אין איטלעכער רגע פון מעת־לעת, אין יעדער צײַט פון יאָר, קומען און שטעלן זײַן לעבן אין קאָן, ניט נאָר אָט די, פון קליינערהייט, ליבשאַפט זײַנע — זי וועט דאָך קיין מאָל ניט קאָנען פאַרגעסן ווי ער, דניאלקע, דער דרײַצן־יאָריקער, איז איינער אַליין געקומען צו לויפן צו איר אין יענער נאַכט צום גלחס שטוב, צום נעסט פון די באַנדיטן... נאָר דער עיקר, איר ליבע צו אים. און אויך די מורא פאַר דער עלנטקייט, וואָס ווערט אַלץ ווײַטער געדיכטער, — די עלנטקייט לייגט זיך איר אויפן האַרצן ווי אַ פאַרשטיינערטע טרער; איר שיינקייט וועט גיך אָנהייבן צו לעשן זיך, און יענער פסק־דין, וואָס אַלעס לעוואָדע האָט אויף איר אין יענעם פאַרטאָג אַרויסגעטראָגן: „זאָל זי גיין, זאָל זי לעבן אָן חלומות, אָן טרוימען, זאָל זי לעבן אין טרויער"... אָט יענער פסק־דין קאָן דאָך טאַקע, חלילה, מקוים ווערן! האָט

זי ניט געוואָלט און ניט געקאָנט דערלאָזן, סטיסיע באַיאַר, אַז איר ליבע זאָל איבערגעבערענט ווערן און אַז לעוואַדעס מישפּט און גזר־דין זאָל האָפּט און תּקומה האָבן. און נאָך מער: טאַקע דאָרטן, ביַי די באַליאַרקער זומפּן, האָבן יענע פאַרקוילטעביינער פון איר גרויסן חלום, וואָס זי האָט אין איר וויַיסן פאַרטעך איַינגעוויקלט און אין איינעם מיטן געהרגעטן קינד אין קבר אַריַינ־געלייגט, טאַקע זיי, יענע פאַרקוילטע ביינער, האָבן אין די נעכט צו איר גערופן און איר געהייסן מער און וויַיטער ניט אַרומגיין אין טרויער און אויפשטעלן אַ ניַיעם דור! און דעם וויַיטערדיקן דור, האָט זי געוווּסט, סטיסיע, איז איר באַשערט צו אויפשטעלן נאָר מיט אים, מיט דער מומע ליבעס זון, מיט דניאלן.

שוין דאָרטן, שוין פאַרן אַרויספירן אים פון שטוב, האָט ער זיך פּלוצעם און מיט אַ מאָל אויסגעדרייט צו איר, דניאל, דער מומע ליבעס זון, שטאַרק זי אַרומגענומען — זייַנע פינגער האָבן אים אָבער געציטערט אויף אירע אַקסלען, אַ קוק געגעבן אויף איר ווי אין יענעם פאַרנאַכט אין וואַלד, נאָכן פאַרבײַיפאָרן פון די באַליאַרקער זומפּן, און געזאָגט צו איר:

— דו ביסט געווען דאָס ריינסטע און דאָס שענסטע אין מיַין לעבן! —

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר זיי האָבן אים פון שטוב אַרויסגע־שטופּט. פאַר זייַן אַריבערטרעטן דעם שוועל און פאַר זייַן אַריַינפאַלן אין דער שניי־שיטנדיקער נאַכט, האָט זי נאָך געהערט פון אים, פון דניאלן, נאָך איין וואָרט: „זרחל", אַ פּנים אַז ער האָט איר געוואָלט עפּעס־וואָס אָנזאָגן וועגן זייער קינד... און די טיר איז שטיל, אומברחמנותדיק־חוצפּהדיק שטיל פאַרמאַכט געוואָרן.

פון אָט דעם אומפאַרשעמט־איידעלן פאַרמאַכן די טיר, און אפשר גאָר פון איר פּלוצעמדיקן אויסלעשן די שיַין — זי וועט קיין מאָל ניט קאָנען דערקלערן צוליב וואָס און פאַר וואָס האָט זי נאָכן צונעמען דניאלן מיט זיַינע געמעל־לייַוונטן באַדאַרפט די ליכט אין שטוב אויסלעשן? נאָר אין אָט דער שטיל־פינצטערקייט ווערט זי מיט אַ מאָל איַינגעבויגן ביז צו דער ערד, ווי אויף שוין מער ניט קאָנען זיך אויסגליַיכן. אָבער דאָך, טאַקע איַינגע־בויגענערהייט, באַלד אָפּגעשפּרונגען פון דער טיר, ווי פונעם סוף פון איר וועלט, און גענומען פון איין פענצטער צום צווייטן לויפן, געוואָלט צו אַ

ווינקל־טאַפּליע צופֿאַלן, — אפשר וועט זי כאַטשבי נאָך איין מאָל אים, דניאלן, קאָנען זען... האָט זי אויף דעם אַ סך כּוחות געפּטרט און אַז זי איז שוין יאָ צום ווינקלשויב מיטן רעכטן אויג צוגעפֿאַלן, האָבן זיך אין דער שײַן פֿון די בײַנאַכטיקע גאַסן־לאַמטערנס ווילד געדרייט און געפּלאָנטערט גע־דיכטע רויטלעכע שנייען, ווי פֿריש־פֿאַרבלוטיקטע פּעדערן.

דערנאָך, און אויך בײַ אָט דער שײַן פֿון די פֿאַרבלוטיקטע שנייען, געפֿינט זי זיך ליגן אויפֿן פֿאָל אין דעם אָנוואַלגער און איבערקערעניש, צווישן דעם איבערגעוואָרפֿן און איבערגעשטעלטן, אין דעם איבערגעקערטן און צעריסענעם; דערצו נאָך ליגט זי לעם עפּעס אַ געדיכט־קלעפּיקס, לעם אַ שאַרף ריחותדיקס, לעם אַ שטאַרק פֿילקאָליר־פֿינקלדיקס, — אַ פּנים, אַז בײַ איר פֿאַלן האָט זי איבערגעקערט דעם סלוי וווּהין יענע האָבן דניאלס פֿאַרבן צונויפֿגעגאָסן און מיט אַ שטעקל אויסגעמישט.

און זי הערט אויך ווי ערגעץ גאָר נאָענט פֿון איר זינגט מען שטיל, ווי עמעצער וואָלט זיך אַליין געוואָלט פֿאַרוויגן, אָדער געוואָלט פֿאַרטרײַבן פֿון זיך אַן אָנגעפֿאַלענעם יִיאוש. וויל זי עפֿענען די אויגן און קאָן ניט: זי געפֿינט זיך אין אַזאַ אָפּגעשוואַכטקייט, אין אַזאַ הינערפּלעט, אין אַזאַ מין געליימטקייט, ווי פֿרילישעט געוואָרן פֿון אַן אָבוך איבערן קאָפּ; דערצו נאָך פֿאַרשלאָגט איר די ראיה יענע שײַן פֿון די פֿאַרבלוטיקטע שנייען, און אויך פֿאַרבלענדן זי די פֿאַרבן־פֿינקלען אַנטקעגן דער לבנה, וואָס האָט פֿון ערגעץ־ווו פֿאַרבלאָנקעט אַהער און וויל פֿון מיד־און־פֿאַרמאַטערטקייט זיך צושפּאַרן בײַם פֿענצטער.

און אפשר חלומט זיך איר דער ניגון אויך? און אפשר האָט זיך איר גאָר קיין מאָל גאָרנישט געחלומט... אפשר האָט זיך איר דער הונדערט־דרײַצן־יאָריקער זיידע אויך קיין מאָל ניט געחלומט? אפשר האָט זי אים, דעם עלטער־זיידן, אַליין גאָר אויסגעדאַכט־און־אויסגעטראַכט? אפשר האָט ער זי גאָר קיין מאָל צו די באָליאַרקער זומפּן ניט געשיקט? אפשר איז זי אויך איצט גאָר אַליין געפֿאָרן, אָן אַ שום חלום, אין שטאָט אַרײַן, צו דער מומע ליבעס זון, צו דניאלן, צום טאַטן פֿון איר קינד... אָבער ניט נאָר דעם ניגון, נאָר שוין אויך די ווערטער הערט זי:

אַ דאָמינע אין איינע צוויי הענט,
די שפּיל איז מיר באַקענט
איך שפּיל דעם גאַנצן לעבן אַליין,
און זוך ווו צו שטעלן דעם שטיין...

שטאַרקט זי זיך, סטיסיע, און דערמאָנט זיך אַפילו וואָס און ווי אַזוי ס׳האָט אַלץ, ביי איר אָנקומען אַהער, געטראָפן און זיך פאַרלאָפן: ווי נאָר זי איז אין שטוב אַריין, ניט באַוויזן נאָך צו אָפּטרייסלען פון זיך דעם שניי, האָט זי גלייך באַדאַרפט העלפן דניאלן, וואָס האָט זיך שטאַרק פאַרלוירן, אָפּפירן זיין יונג ווייבל, דאַלין, צום קימפּעטאָרין־שפּיטאָל; דערנאָך, שוין נאָכן אומקערן זיך פון דאָרטן, —ביידע זיינען געזעסן ביים טיש, איינער קעגן אַנדערן, שוויַיגנדיקע, אויפגערעגט־פאַרפּלאָמטע און מיט אומגעדולדי־קייט געוואַרט אויפן קלונג, אַז דאַלי האָט שוין געהאַט... זי, סטיסיע, האָט ניט געוואָלט אַז דאַלי זאָל האָבן אַ זון. זאָל דניאל האָבן אַ זון נאָר פון איר, פון סטיסיען. נאָר איר זון, זרחלען. האָט מען טאַקע אָנגעקלונגען, אָבער ניט אין טעלעפאָן, נאָר אין טיר, און ס׳זיינען אַריין יענע. אויך דערמאָנט זי זיך, סטיסיע, ווי נאָכן צונעמען דניאלן איז זי אַן איינגעבויגענע פון איין פענצטער צום צווייטן געלאָפן און געוואָלט דניאלקען נאָך איין מאָל, כאָטשבי זיין שאָטן אויף דער ערד זען, נאָר אין דער שיין פון די לאַמטערנס האָבן פאַרבלוטיקטע שנייען געוויכערט. דאָ איז זי, אַ פּנים, אין חלשות געפאַלן.

עפנט זי די אויגן, סטיסיע, און וויל זען ווער זינגט עס דאָ לעם איר מיט אַזאַ זיס און ביטערן קול? אָבער באַלד פאַרמאַכן זיך איר צוריק די אויגן און שוין ניט אַזוי פון אָפּגעשוואַכטקייט, שוין ניט פונעם שווערן חלשות־פאַלן, און אויך ניט ווייל יענע שאַרף־בליציקע קאָליריקייט שלאָגט אַזוי פון די אויסגעגאָסענע איילפאַרבן אויף דעם ליכט פון דער פאַרוואָגלטער לבנה, נאָר פשוט דערפאַר, וואָס ביים עפענען די אויגן דערזעט זי ביי איר צופוסנס, אויך אויף דער ערד, זיצן גבריאלן באָיאַר. דאָס פעלצל איז אים אָנגעטאָן קאָפּויער — מיטן פוטער אַרויף, אָן אַ היטל, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר און מיט דעם גרויסן ליולקע־ציבעק אין דער ברייטער באָרד.

יענער, גבריאל באָיאַר, איז דאָך שוין פון לאַנג אָרויס פון איר לעבן.

אַפילו פון איר זכרון. ער איז דער איינציקער פון די אַוועקגעגאַנגענע, וואָס קומט איר ניט צו חלום. אויך נחומקע קומט ניט! אָבער נחומקע, ווייסט זי, סטיסיע, איז אין דער מומע ליבעס פלאַקערנדיקער שטוב פאַרברענט געוואָרן. פון נחומקען איז איר פאַרבליבן נאָר דער שאָטן זײַנער. פאַרקוילטע ביינער קאָנען אַפילו צו חלום ניט גיין! איין מאָל, איין־און־איינציק מאָל, האָט ער זיך יאָ, גבריאל, צו איר באַוויזן: נאָכן ברענגען אים צו קבורה. טאָקע אין יענער ערשטער נאַכט פון זײַן חיבוט־הקבר, האָט ער זיך באַוויזן, גבריאל, אין דער טיר, מיט דעם ליולקע־ציבעק אין דער באָרד, און מיט דער אויפגעהויבענער האַק אין דער האַנט...

און דאָ דערהערט זי ווי דער טעלעפאָן קלינגט און יענער, גבריאל, וואָס איז נאָר וואָס בײַ איר צופוסנס געזעסן און מיט אַזאַ גאַל־פאַרביטערט־קייט און ייִאוש געזוכט אַן אָרט ווּהין צו שטעלן דעם שטיין, יענער, גבריאל, פרעגט שוין איבער אין טרײַבל מיט פרייד:

— אַ ייִנגל? מײַן דאָלי האָט געהאַט אַ ייִנגל? פיר קילאָ מיט צוויי הונדערט צוואַנציק גראַם? בראַוואָ דאָלי, בראַוואָ, טאָכטער מײַנע, בראַ־וויסימאָ! ווי אַן אַלטער ייִדישער כּלי־זמר שפּיל איך איר אַ מזל־טוב! און ווי פילט זי זיך, די געווינערין? נו, אַ דאַנק דעם גרויסן פאָטער פון די פעלקער... וואָס, זי וויל מ׳זאָל איר צוטראָגן דעם טעלעפאָן? זי וויל רעדן מיט דניאלן? ממ...ממ... ניין, דאָס רעדט ניט דאַני, ניין, ניט דניאל, ניין... דניאלן האָט מען שוין אויך געשטעלט אונטער דער אַלפאַרבאַנדישער חופּה. וואָס זשע, איליאַ איליטש, איר האָט שוין גאָרניט דערקענט מײַן קול? ס׳רעדט דאָך מיט אײַך עקיבא! יאָ, יאָ, עקיבא! האַל־לאָ! האַל־לאָ! איליאַ איליטש, האַל־לאָ! ווער רעדט עס מיט מיר, אַ שוועסטער? און ווו איז דער פּראָפעסאָר רמז? האַ? וואָס? דרײַ מאַקינטאָשן... האַללאָ! האַל־לאָ! הללו־יה! הללויה... יהללוך סלה! אשרי העם שככה לו... דרײַ מאַקינטאָשן... אַ דאָמינע אין איינע צוויי הענט, די שפּיל איז מיר באַקענט!

עקיבא לייגט אַוועק דאָס טרײַבל און נעמט, ווי דער טאַטע זײַנער, קלאַפּן מיט דעם ליולקע־ציבעק אין טיש: — האָט מען שוין, הייסט עס, צוגענומען אויך אים, איליאַ איליטשן? — פרעגט ער בײַ סטיסיען, וואָס הייבט זיך אויף פון דער ערד. — אָבער וואָס איז זיך דאָ פאַראַן צו חידושן? אין סמערדיאַ־

קאָווס קיניגרײַך וועט אין גיכן גאָר ניט בלײַבן קיין חידוש... אַלץ וואָס ס׳וועט דאָ פּאַרקומען וועט ווערן געוויינטלעכס, אַפילו וואָכעדיק.

— זע איך אַז דער שניי וועט שוין שיטן און שיטן, — רעדט עקיבא ווײַטער צו סטיסיען, ווי ער וואָלט מאַריך־זײַן אַן איבערגעשלאָגענעם שמועס. — האָב איך געזאָגט אַבושן, און אויך מײַנע מתים, אַ גוטע נאַכט, איבערגע־קערט מײַן פּעלצל מיטן פוטער אַרויף, און זיך געלאָזט גיין אונטערן שניי צו דאָלין. אויב כ׳האָב ניט פאַרלוירן אינעם שניי די וואַלינקעס, איז עס טאַקע נאָר אַ נס מן השמים. דאָרטן, אין די הימלען, האָב איך גרויסע זכות־אָבות, דערפאַר האָב איך דאָ, אויף דער ערד, אַ פּאַספּאָרט ווו איך בין צוגעשריבן צום טהרה־שטיבל.

סטיסיע שטייט צווישן דעם אָנגעוואַלגערטן און צעוואָרפנס און שלאָגט אים ניט איבער: אין עקיבאס קול הערט זי גרויסע פרייד, — די טאָכטער האָט בשלום געהאַט, דערצו נאָך אַ יינגל. ער, עקיבא, איז געוואָרן אַ זיידע, אָבער אין זײַן קול הערט זיך נאָך אַ גרעסערער טרויער, שוין פּשוט אַ יאוש: ער זעט דאָך, עקיבא, לויט דער איבערגעקערטער שטוב, אַז זײַן איידעם, דניאל, איז שוין ניטאָ.

— אָבער פריִער, פאַרן גיין צו דאָלין, האָב איך אַראָפּגעקערעוועט צו איוועס. עפּעס האָט מיך אַ טראָג געטאָן אַהין־צו. איוועס טיר האָב איך געטראָפן פאַרגאָסן מיט טריוואָקס און פאַרשטעמפּלט מיטן הייליקן סערפּ און האַמער... בײַ דער זײַט איז אויף די קני געשטאַנען די מאַנאַשקע מיט אַזאַ רויטן פּנים, ווי די גאַנצע חרפּה פון דער וועלט וואָלט אין איר אַרײַן. זי האָט געוואָרפן אויף מיר נאָר איין בליק און ווײַטער געצלמט גיך־גיך דעם סערפּ און האַמער, ווי געוואָלט פאַרטרײַבן דעם שׂטן... דערפאַר האָב איך דאָ געטראָפן די טיר ניט פאַרשלאָסן. איך גיי אַרײַן און אין שטוב איז ליכטיק פון דער לבנה, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין דעם איבערגעקערטן סלוי מיט פאַרבן. איך האָב נאָך אויף מײַן לעבן ניט געזען אַזאַ וווּנדערלעכע, אַזאַ פאַנטאַסטישע שפּיל פון קאָלירן... אַ סימפאָניע פון קאָלירן! בעטהאָווענס דריטע סימפאָניע אין קאָ־לירן. און אין שטוב איז אַלץ צעוואָרפן און צעקידעט, ווי אין גן־עדן נאָכן אַרויסטרײַבן די בעלי־בתּים, אָדמען און חוהן. ווייס איך שוין וואָס דאָס הייסט. אַ דאָמינע אין איינע צוויי הענט, די שפּיל איז מיר באַקענט! סמער־

דיאַקאָוו דער צווייטער האָט שוין אויסגעגראָבן אַזאַ גרוב, אַז וויפל מ׳זאָל אין איר ניט וואַרפן, וועט מען זי ניט קאָנען אָנפילן. אויף צו פאַרפולן סמערדיאַקאָווס גרוב וועט מען דאַרפן אַהין אַרײַנוואַרפן גאַנצע פעלקער... לויפט דער פערד, ציטערט די ערד און פון די אויגן שפּריצט בײַ אַלעמען פונקען פחד! מיט די פאַרבן מאָלט די לבנה, און דעם קינסטלער דרייט מען דאָרטן אויס, אין קעלער, די פינגער פון די הענט.

— לאַנג בין איך געלעגן אין אָט דעם נאַרישן חלשות? — שלאָגט זי אים דאָ שוין איבער, — כ׳מיין, אַז ניט מער ווי אַ האַלבע שעה. צוליב וואָס האָט איר זיך פאַרלאָזט די באָרד? אַז כ׳האָב געעפנט די אויגן און אײַך דערזען בײַ מײַן צופוסנס...

— האָט איר געמיינט אַז איר זײַט רות די מואבעריין און איך בין פון אלימלכס משפּחה, אײַער שוויגערס ווײַטער און רײַכער קרוב בועז?

— אַז איך האָב אײַך דערזען אין אָט דער־אָ באָרד בײַ דער, ווי איר זאָגט, פאַנטאַסטישער שײַן, האָב איך געוואָלט אָנהייבן שרײַען פון שרעק: נו, גבריאל באַיאָר איז געקומען פון יענער וועלט... האָט אײַער דאָלי געהאַט אַ יינגל? ווי אַזוי גיט מען עס צו וויסן דניאלן? וואָס, פרעג איך, האָבן פּלוצלינג אײַערע אויגן אָנגעהויבן גלאַנצן אויף מיר, ווי אָט די פאַרבן אויפן פּאָל? ניט אײַער דאָלי איז דאָ שולדיק געווען... מײַנע יאָרן! דער אונטערשייד צווישן מײַנע און דניאלקעס יאָרן איז דאָך מיט דער צײַט ניט קלענער געוואָרן. נאָר מיינט ניט, אַז דניאל איז חלילה אַוועק פון מיר, ווײַל כ׳בין געווען עלטער פון אים אויף אַכצן יאָר... ניין! כ׳ווייס, אַז ניין! ניט דערפאַר... ער האָט פריִער גאָר אָפּגעלאָכט פון אײַער דאָלין. איר טאַנצן אין „לעבעדי־נאָיע אָזיעראָ" האָט אים אויף אַ האָר ניט פאַרפּישופט, פאַרקערט. אָבער שפּעטער, אין צוויי יאָר אַרום, האָט ער זיך אין איר פאַרליבט, אין אײַער דאָלין... און דניאל קאָן ליב האָבן. פאַר זײַן ליבע קאָן דאָני גיין אויפן טויט! שוין בײַ דרײַצן יאָר איז ער געלאָפן צו מיר קיין מאָהילני; געלאָפן אין יענער נאַכט, נאָכן פּאָגראָם. דעמאָלט איז אויך געפאַלן אַזאַ געדיכטער שניי. ער איז געלאָפן אינעם נעסט פון די באַנדיטן, צו זיראַ־זירקאָן און צו אַלעס לעוואַדאַ... אַז כ׳האָב דערזען ווי די באַנדיטן פירן אים אַרײַן, דניאלקען, האָב איך שוין דעמאָלטן און שוין דאָרטן דערפילט, שוין אַפילו געוווּסט אויף זיכער...

און דאָ קערט זי אָפּ איר פּנים פון עקיבאס פאַרחידושט־בליאַסקענדיקע אויגן, און אויך דרייט זי זיך אָפּ פון דער לבנה־ליכט, און זאָגט ווי פאַר זיך אַליין:

— אַ זעמדעלע פונעם ים קאָן מען ניט אַרויסשלעפּן, אָבער אַ סוד פון דער נשמה קריכט אַליין אַרויס!

דערנאָך דרייט זי זיך ווידער אויס צו עקיבאן:

— וואָס זיצט איר ווי אַ פויגל אָן פליגל? דער אַלטער יצחק באַיאַר פאַרעט זיך דאָרטן מיט אַזאַ מין פויגל. איר זייַט שוין טאַקע קיין עין־הרע געוואָרן אַ זיידע, נאָר צינדט אָן די שייַן און לאָמיר זיך נעמען צונויפשטעלן און צונויפפלייגן די זאַכן. ווי פלעג זאָגן די מומע ליבע: אַז דער הימל דינט דיר פאַר אַ דאַך, איז שוין דער רעגן ניט שרעקלעך.

— איך זיץ און טראַכט, וואָס וועט איצטער זייַן מיט מייַן דאַלין און מיטן קינד?

— וואָס דאַרף דען זייַן מיט דאַלין און מיטן קינד? — צינדט זי אַליין אָן די שייַן. — איך וועל צונעמען דאַלין מיטן קינד צו זיך, אין דאָרף אַרייַן!

ט

סטיסיע איז אָבער אַהיימגעפאָרן אָן דאָלין, נאָר מיטן קינד, מיטן קימפּעט־עופּעלע, ווײַל יענע, די געווינערין, וואָס האָט זיך אויף די פיס ניט געקאָנט שטעלן, נאָך אין פיבער, נאָך אין פאַרטראָגנקייט געוועזן, זי, דאָלין, האָט מען אויך אין מיטן דער נאַכט פון שפּיטאָל צוגענומען — אויף אַ נאָסילקע אַרויס־געטראָגן. אַוודאי וואָלט מען אויך דאָס קינד, ווי אַ פאַרדאָרבעניש און ווי אַ נאָכווייעניש גענומען צוזאַמען מיט דער מאַמען און ס׳וואָלט אומגעקומען נאָך אויפן וועג צום קאָנצלאַגער, נאָר דאָ איז פאַרן קינד געשען אַ נס. באַלד נאָכן האָבן, טאַקע אין יענעם פרימאָרגן, נאָך פאַר עקיבאס און סטיסיעס קומען, וואָס האָבן געוואָלט מיט אַלע מיטלען אויסבאַהאַלטן און ניט דערלאָזן צו דער קימפּעטאָרין די וויסטע בשׂורה, אָבער נאָך פאַר זייער קומען, האָט שוין דאָלי געוווּסט, אַז בעת זי איז דאָ געגאַנגען צו קינד, האָט מען דאָרטן איר מאַן, איר דאַנין אַרעסטירט... און שוין צו פאַר נאַכט־צו איז זי געלעגן, דאָלי, אַ פאַרטראָגענע, די מילך אין ברוסט איז איר איבערגעברענט און אויסגעטריקנט געוואָרן — האָט מען באַדאַרפט אָנהייבן האָדעווען דאָס קינד פונעם פלעשעלע מיט פרעמדער מילך. האָבן זיי, עקיבא מיט סטיסיען, שוין געמוזט צונעמען דאָס ברעקעלע פונעם שפּיטאָל און דערמיט, דורך אָט דעם אומגליק־נס, איז דאָס קינד געראַטעוועט געוואָרן פון אומקום.

און נאָר זי, סטיסיע באַיאַר, וואָס אַלץ גייט איר אין נצחון, און דאָס קומט בײַ איר ניט פון עקשנות, ניט פון אײַנגעשפּאַרטקייט, ניט פון וועלן זיך אויספּײַנען און אַרויסשטעלן, נאָר דאָס גייט בײַ איר פון דאַרפן אויספילן איר חוב ביזן סוף, ביזן לעצטן און מינדסטן פּינטל, — טאַקע נאָר זי, סטיסיע, האָט געקאָנט שטעלן און נעמען אויף זיך אַזאַ אַחריות: אין יענע שנייפאַלן לאָזן זיך מיטן קימפּעט־עופּעלע אין וועג אַרײַן. דערצו איז דאָס קינד געווען נאָך ניט מיט אַלעמען. אָבער פאַרהאַלטן זיך דאָרטן, אין שטאָט, וואָלט שוין

געהייסן שפּרינגען פון פלאַם אין פײַער אַרײַן. מ׳האָט באַדאַרפט וואָס גיכער אַרויספירן און דערווײַטערן דאָס קינד פון פרעמדע און פון נײַגעריקע אויגן. און אויסגעשעפּט איז זי שוין געווען, סטיסיע, ווי אַ ברונעם נאָך אַ שׂרפה, און מיד איז זי געווען ביז צום אומפאַלן — אפילו אַ פויגל האָט דאָך מאַזאָליעס אונטער די פליגל!

זי האָט בײַ צײַטנס אויסגעריכט, באַזאָרגט און שוין גרייט געווען צו לאָזן זיך מיטן עופעלע אין וועג אַרײַן אָן פּחד, הגם שוין פאַרן פאַרן צו דניאלן האָט די ערד אויך געבראָכן אונטער אירע פיס: שוין געוווּסט, אַז די גרויע גאַבאַרדין־מאַקינטאָשן האָבן זי אין אַ שוואַרצן רעמל אַרײַנגעשטעלט. חרות, די טראָצקיסטקע, האָט דאָך איר, סטיסיען, געגעבן אַ מאָל די רעקאָמענדאַציע אין דער פּאַרטיי. דערצו נאָך, האָט זי, סטיסיע, דער פּאָרזיצער פון דאָרפס־ראָט, זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן און צו גאַסט אַוועקגעפאָרן. און ס׳איז ערב דעם פרילינגדיקן אַקער, פאַרן פאַרזיי. אין איר דאָרף איז מען נאָך ניט גרייט אין פעלד אַרויסגיין. די שנייפאַלן זײַנען וואַרעמע, פײַכטע און טײַען אויף דער זון — די ווערבעס שפּרייטן שוין זייערע באַזילבערטע צווײַגן איבער די ערשטע לעבעדיקע וואַסערן, אין די וועלדער הערט זיך שוין דער שאָרך פון די זאַפטן אונטער דער קאָרע און צווישן די בערעזעס מורמלען די טעטרע־הענער און פינטלען מיט די העל־רויטע ברעמען אויף דער זון, צו דער גרויסער האַרעפּאַשניצע פון דער וועלט, וואָס קלעטערט אַלץ העכער אין די הימלען אַרויף און גיסט פון דאָרטן מיט יעדן טאָג פון איר גאָלדענעם קרוג אַלץ מער און מער שײַן און חיות אויף דער ערד.

און די בריק איז דאָרטן, אין איר דאָרף, אויך ניט פאַרשטעלט און באַוואָרנט: בײַם טײַך־עפענען־זיך קאָנען די ערשטע קריעס אים אומוואַל־גערן און אַראָפּטראָגן, און דאָס קאָן דאָך איר, סטיסיען באַיאַר, שוין אַרײַנ־געשטעלט ווערן אין יענעם שוואַרצן רעמל ווי שעדיקערײַ און קאָנטער־רעוואָלוציע, דאָ וועט שוין אויך צולייגן זײַן האַנט דער נײַער, דער ערשט אָנגעקומענער סעקרעטאַר, דער געפאַלענער פון די הויכע פענצטער פאַר איבערכאַפּן די מאָס, פאַר צו פיל תּאוות־עולם־הזה, פאַר צו פיל להוטקייט, פאַר צו פיל השׂגות און דער עיקר, פאַר שוין גאָר פאַרגעסן דעם לא תחמוד אשת רעך... ער, אָט דער נײַער, דער שטיל־ריידנדיקער, דער בנימוסער,

מיטן אייביקן שמייכל אין די פּוכקע בלאָנדע וואָנצעס, וועלנדיק זיך אויסקויפֿן און פֿאַרגלעטן, האָט שוין צוגעזאָגט „אַרויספֿירן" דעם ראַיאָן אין די „פֿאָר־געשריטנסטע"; פֿאַרזיכערט, אַז בײַ אים וועט מען ניט נאָר אויספֿילן און איבערפֿילן, נאָר אויך דעריאָגן און „שלאָגן רעקאָרדן". ער וועט דאָ — טאָקע לויט זײַנע שטילע רייד — אַלעמען און אַלץ אויסלופֿטערן, אויסקלאָפּן און אויסטרייסלען, ווײַל דער גרויסער סטאַלין לערנט: וואָס נעענטער צום קאָ־מוניזם, אַלץ פֿאַרביסענער ווערט דער קלאַסנקאַמף... — סטיסיע האָט זיך בײַ יענעם, בײַ דעם נײַעם סעקרעטאַר, קוים אָפּגעבעטן אויף איינע דרײַ טעג, און דאָ, ווי אויף צו־להכעיס, — יעדער שעה האָט זיך איר געשטעלט ווי אַ וואַלד־גזלן אויפֿן וועג, האָט זי געמוזט זיך פֿאַרהאַלטן אין שטאָט אויף קנאַפּע צוויי וואָכן.

און אַלץ, וואָס ס'האָט מיט איר און אַרום איר אין יענע טעג געטראָפֿן, איז פֿאַר איר ווי אַ בייזער חלום געווען. שוין פֿריִער, נאָך איידער סמער־דיאַקאָוו דעם צווייטנס נאָכטלײַט האָבן אויף דער נאָסילקע אַרויסגעטראָגן די אין היץ־פֿאַרטראָגענע געווינערין, נאָך פֿריִער, שוין אין יענעם טאָג, טאָקע באַלד ווי מ'האָט געבראַכט דאָס קימפּעט־עופּעלע, און אפֿשר נאָך פֿריִער, שוין אויפֿן וועג פֿונעם שפּיטאָל אַהיים, טראָגנדיק דאָס קינד צווישן די נאָך ניט אָפּגעראַמטע הורבעס שניי אויף די גאַסן, שוין דאָרטן און דעמאָלט האָט זי דערפֿילט, סטיסיע, אַז עפּעס וויל עקיבא זיך פֿון איר דערשלאָגן.

אין שטוב שוין, נאָר וואָס אַוועקגעלייגט דאָס קינד אויפֿן בעט, בלײַבט ער מיט אַ מאָל שטיין, עקיבא, פֿאַרן לײַוונט ווו ס'איז אָנגעמאָלט זי, סטיסיע, בײַם אָפֿענעם אָרון־קודש, אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פֿאַר די טירלעך און אַ רויכיק־רויטלעכע שײַן פֿון די דרײַ ליכט אויפֿן שטענדער פֿאַלט אויפֿן קינדס פֿאַרבלוטיקטן פּנים צווישן די צוויי ספֿר־תּורות.

— סטיסיע, — טוט ער זי פּלוצלינג אַ פֿרעג, — סטיסיע, האָט איר טאָקע דענצמאָל געגלייבט אַז דער וואָס לעבט אייביק וועט אײַך מחיה־מתים זײַן אײַער געהרגעט קינד?

— יאָ! כ'האָב געגלייבט מיטן גאַנצן האַרצן! וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט עס דען געקאָנט האָבן פֿאַרן באַשעפֿער פֿון דער וועלט? וועלטן, גאַנצע וועלטן מיט אַזוי פֿיל לעבן האָט ער יאָ געקאָנט באַשאַפֿן, און מײַן געהרגעט קינד...

— אָבער דערנאָך, שוין דערנאָך, סטיסיע, שוין נאָכן אָרון־קודש, נאָך דעם ? — כאַפּט ער זי אָן פאַרן אָרבל — נאָכן אָרון־קודש האָט איר נאָך אויך געגלייבט אין גאָט ?

— אַז כ׳האָב געטראָגן זרחלען פון אָרון־קודש דורך די פינצטערע געסלעך מיט די אויסגעקלאַפּטע פענצטער ? אַז כ׳האָב געטראָגן מײַן קינד אַרײַנלייגן אין קבר לעם זײַן טאַטנס פאַרקוילטע ביינער ?

— יאָ, סטיסיע, דעמאָלטן, גראַד דענסטמאָל !

— דענסטמאָל ? אַז יצחק האָט מיך געפרעגט : „סטיסיע, די טירלעך פון אָרון־קודש האָסטו פאַרמאַכט ?" דענסטמאָל האָב איך אים געענטפערט : ניטאָ דאָרטן, ר׳ יצחק, וואָס צו פאַרמאַכן. דאָרטן איז פוסט !

— און דערפאַר, סטיסיע, דערפאַר זײַט איר אַרײַנגעטראָטן אין דער פאַרטיי ? — ציט ער זי אין אַ מאָדנער אויפגערעגטקייט פאַרן אָרבל. — דערפאַר טאַקע וואָס דאָרטן איז פוסט ? דערפאַר טאַקע ?

— אין דער פאַרטיי בין איך אַרײַן איבער זיראַ־זירקאָן און דערעיקרשט איבער אים, איבערן לײַטישן קאַליקע, איבער אַלעס לעוואַדען, וואָס האָט מיך אָפּגעלאָזן מיט די ווערטער : „זאָל זי גיין, זי וועט פון אונדז ניט אַוועקגיין". אָט דער גזר־דין האָט מיר געטריבן צו דער פאַרטיי. אין דער פאַרטיי האָב איך געזען אַ שטיינערנע וואַנט קעגן פּאָגראָמען, קעגן וויסטעניש און אַכזריות, קעגן זשיד־כאַלאַמיד, קעגן יידישער עלנטקייט און אָפּגעפרעמדטקייט. מיט איין וואָרט, קעגן דער ביטערער יידן־שינאה פונעם צאַרישן רוסלאַנד. איך האָב געוואָלט, אויב שוין ניט מיט מײַן קינד...

— אָבער אין גאָט, — שלאָגט ער איר ווידער איבער און טוט זיך אַ וואָרף צום אייניקל, צום קימפעטקינד, וואָס האָט אָנגעהויבן וויינען. — אין גאָט, סטי־סיע, אין גאָט האָט איר שוין מער ניט געגלייבט? אָט וואָס כ׳וויל פון אײַך הערן!

זי קאָן ניט אויפכאַפּן, סטיסיע, דעם גאַנצן תּמצית, דעם יאָדער, דעם קליאָק פון עקיבאס אויפגערעגטקייט. אין אַזאַ צושטאַנד זעט זי אים צום ערשטן מאָל דאָ. ער נעמט דאָס וויינענדיקע קינד מיט דעם קישן אויף די הענט, האָפּסלט פון וואַנט צו וואַנט און פרעגט בײַ איר נאָך אַ מאָל :

— אָבער אין גאָט, וויל איך וויסן, האָט איר שוין מער ניט געגלייבט ? אָט וואָס איך וויל פון אײַך הערן !

— אייגנטלעך, — פרעגט זי אים שוין מיט פאַרדראָס, — אייגנטלעך, זאָגט מיר, וואָס גייט עס אײַך אָזוי אין דער גאַל אַרײַן, צי איך גלייב יאָ, צי איך גלייב ניט? איר זײַט דאָך ניט דער גלח און איך בין ניט פּאַראַסקאָ, וואָס בין געקומען אין קלויסטער זיך מתוודה־זײַן פאַר אײַך? לייגט אַוועק דאָס קינד, העצקעט עס ניט. מ׳דאַרף עס איבערוויקלען. פאַרקאַכט בעסער אַ קאַסטרולקע וואַסער, מ׳דאַרף אָנוואַרעמען אַ פלעשעלע מילך. שוין צײַט האָדעווען דאָס קינד. וואָס שטייט איר?

נאָר ער שטייט און קוקט אויף איר שאַרף פון אונטער די ברעמען. פון זײַן האַלטן דאָס וויינענדיקע אייניקל אין איינעם מיט דעם גרויסן קישן אויף די אויסגעשטרעקטע הענט, פון זײַן שאַרן מיטן רעכטן פוס איבערן דיל, ווי דער טאַטע זײַנער, גבריאל באָיאַר, דער עיקר פון זײַן וואַרפן אַרויף און אַראָפּ מיט די וואַלדברעמען, ווערט איר קענטיק, סטיסיען, און פאַרן אויג אָפן: עפּעס וויל ער פון איר, עקיבא, און עפּעס אָזוינס, וואָס גייט אים אין לעבן אַרײַן. ער ווייסט אָבער ניט ווי אָזוי, מיט וועלכע ווערטער און פון אַ וועלכער זײַט צוטרעטן צו איר.

קאָן זי בשום־אופן ניט דערטראַכטן זיך און אָנשטויסן, וואָס אָזוינס קאָן ער, עקיבא, נאָך וועלן און נאָך דאַרפן פון איר? אַז זי נעמט אויף דער ערשטער צײַט צו זיך דאָלין מיטן קינד, וועגן דעם האָט זי דאָך אים שוין געזאָגט. אַוודאי, וואָלט דאָלי געהאַט אַ מאַמע... אָבער אָזוי, אין אָט דער שווערער לאַגע, אין אָט דער ווינסטער צײַט, ווי קאָן זי, סטיסיע, וואַרפן די קימפּעטאָרן מיטן עופעלע אויף עקיבאן, אויף דעם אַרויסגעשלאָגענעם און אָפּגעזונדערטן, אויף אָט דעם כּלי־זמר, וואָס לעבט אין דעם אַמאָליקן טהרה־שטיבל און שפּילט אין די נעכט „פריילעכסן" פאַר די מתים. נעמט זי פון קישן דאָס שרײַענדיקע קינד, הייבט עס אָן איבערוויקלען, און זאָגט צו אים:

— עקיבא, איך קאָן ניט פאַרשטיין אײַערע אָנגעשטעלטע אויגן. זאָגט מיר, כ׳בעט אײַך, פּשוט, אָן צערעמאָניעס, וואָס נאָך ווילט איר פון מיר?

— סטיסיע, — רעדט ער קוים אַרויס. — סטיסיע, מ׳דאַרף ייִדישן דאָס קינד, מ׳דאַרף עס מל־זײַן...

— פאַר וואָס, — גלייכט זי זיך אויס און בלײַבט אַ פאַרוווּנדערטע שטיין

מיטן וויקלשנור אין האַנט. — פאַר וואָס זאָגט איר עס מיר? דאָס קינד האָט אַ מאַמע. זאָגט עס דאָלין!

— דאָלי איז אַ פאַרברענטע קאַמסאַמאָלקע.

— איך בין אויך אַ פּאַרטייערין!

— אָבער אייַער קינד האָט איר דאָך געמלעט?

— ניט איך, נאָר דניאל מיט מײַן טאַטן און יצחק. איך בין גאָר אין דער היים ניט געווען.

— אָבער, סטיסיע, דניאל איז דאָך איצטער אין טורמע? סטיסיע...

— רעדט וועגן דעם מיט דאָלין. ס'איז איר קינד... זאָגט איר, אַז דאָס איז געווען דניאלס ווילן. אפשר גאָר זײַן צוואה. איך קאָן אויף זיך ניט נעמען. טאָמער וואָס מיטן קינד, וועט דאָלי...

— סטיסיע, איר מיינט אַז מײַן טאָכטער, מײַן דאָלי, קאָן גיין זיך קלאָגן?

— איך מיין גאָרנישט ניט, עקיבא.

— וועל איך אַליין... ס'איז מײַן אייניקל! מײַן אייניקל! וועל איך אַליין! — און ער ווערט אַנטשוויגן. און אויך זי איז אַנטשוויגן געוואָרן ביז אויף מאָרגן אין דער פרי, ביז עקיבא האָט זיך אומגעקערט פון קימפּעטאָרין־שפּיטאָל און זיך אַ וואַלגער געטאָן אויפן שטול. פון אונטער די אַראָפּגערוקטע וואָלדבערעמען זײַנען אים געלאָפן גרויסע טרערן.

— עקיבא, וואָס האָט געטראָפן?

— ניטאָ, ניטאָ!.. ניטאָ שוין אויך דאָלי!

— וואָס הייסט עס ניטאָ? רעדט, זאָגט, געשטאָרבן?

— ניין, מ'האָט זי בײַ נאַכט... אַרעסטירט... דאָלין.

— ווי איז עס מעגלעך? אַ קימפּעטאָרין? אַ קראַנקע?.. רעדט, רעדט, רעדט!

— מ'האָט זי אַ פאַרטראָגענע, אינעם גרויסן פיבער אַרויסגעטראָגן אויף אַ נאָסילקע... סטיסיע, זיי קאָנען קומען נאָכן קינד אויך!

— גייט שוין גייט, נאָך אַ קימפּעט־עופעלע?

— סטיסיע, איר זײַט נאָך אַלץ בלינד, צי איר פאַרשטעלט זיך אומישנע די אויגן? — ווערט ער אויפגעקאָכט און די וואָלדבערעמען הייבן זיך און פאַלן

אים איבער די פון צאָרן אויסגעטריקנטע אויגן. — איר זעט דען ניט אַז ביי סמערדיאַקאָוון איז אַלץ מעגלעך? פאַר סמערדיאַקאָוון איז דאָך גאָר ניטאָ קיין גרענעץ! סמערדיאַקאָוו גייט דאָך אין שטיוול און קאָן גיין איבער טייַכן בלוט און איבער בערג מיט ביינער. איוועס אייניקל, שמואליקס און טאַמאַרעס דרייַצן־יאָריקע טאָכטער, האָט ער דאָך געשאָסן! געשאָסן, צי ער האָט ניט געשאָסן? ענטפערט מיר, סטיסיע! סמערדיאַקאָוו האָט געשאָסן דעם טאַטן, דעם רויטן קאָמאַנדיר, די מאַמע, דעם קאָמיסאַר פונעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, און זייער וווּנדערקינד... און ווו איז שוין איווע? און ווו איז חרות און אַברהם און דער מומע ליבעס קינדער, שיפרה און דניאל? סטיסיע, ס׳איז דאָך שוין ניטאָ קיין שטוב ווו ס׳זאָל ניט זייַן קיין אַרעסטירטער... שונאים פון פאָלק! קלאַסנקאַמף! סמערדיאַקאָוו גייט דאָך מיט אַן אידעע. און ווו איז מייַן טאָכטער, ווו איז מייַן דאָלי? מ׳האָט זי אַרויסגעטראָגן אויף דער נאָסילקע! אַ פאַרטראָגענע אין דער גרויסער היץ... וואָס איז דאָרטן מיט איר? ווייסט זי שוין ווו זי געפינט זיך?

— עקיבאַ, איך נעם שוין דאָס קינד — זאָגט סטיסיע אַ ביז גאָר אויפֿגערעגטע, ממש די הויט ציטערט אויף איר. — כ׳נעם דאָס קינד און פיר עס שוין אַוועק פון דאַנען.

— ניין, — שפרינגט אויף עקיבא פון בענקל. — ניין! פריִער דאַרף איך אים פאַרבינדן מיטן שטאַם פון אַברהם אָבינו. מייַן אייניקל און דאָס אייניקל פון דער מומע ליבע, וואָס איז באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט אין וואַלד, דאַרף דאָ געייִדישט ווערן! דאָס איז ניט נאָר מייַן, נאָר אויך דניאלס ווילן, זייַן צוואה. אייַער קינד, סטיסיע, האָט איר דאָך דעמאָלטן געמלעט?

— דאָס איז דאָך געווען דעמאָלטן, אַנומלטן... אין גאָר אַנדערע יאָרן! דאָס איז נאָך געווען, עקיבא טייַערער, מייַלן ווייַט פונעם זיבן און דרייַסיקסטן. ס׳איז דעמאָלט געווען דאָס אַכט און צוואַנציקסטע!

— פאַר וועמען ס׳איז געווען מייַלן ווייַט, און פאַר וועמען ס׳איז געווען גאָר נאָענט. ממש פאַר די אויגן! דאָס זיבן און דרייַסיקסטע יאָר, סטיסיע, האָט זיך אָנגעהויבן דעם זיבעטן אָקטאָבער טויזנט נייַן הונדערט זיבעצן. אָט גראָד דעמאָלטן, אין יענעם טאָג! און אָנגעהויבן האָט דאָס זיבן און דרייַסיקסטע יאָר ניט קיין אַנדערער ווי ער אַליין, סמערדיאַקאָוו דער ערשטער...

— מער וויל איך אײַך, עקיבא, ניט הערן. איך נעם דאָס קינד און פאָר אַוועק. צי אפשר ווילט איר מיר גאָר ניט געבן דאָס קינד?

— סטיסיע, נאָר אײַך איינער קאָן איך פאַרגלייבן דאָליס קינד. נאָר פריִער וועל איך דאָס קינד פאַרבינדן מיטן ייִדישן שטאַם! די סמערדיאַקאָווס האָבן פאַרגרייט פאַרן ייִדישן פאָלק גאָר אַ באַזונדערע האַק... זיי ווילן ניט נאָר פאַרטריקענען די צווײַגן, נאָר זיי ווילן אַרויסרײַסן דעם גײַסטיקן בוים מיטן וואָרצל. איך וועל ניט דערלאָזן אַז מײַן צווײַג זאָל אָפּגעבראָכן ווערן!

און דאָ, נאָך זײַנע רייד, אַז ער, עקיבא, וועט ניט לאָזן אָפּברעכן דעם צווײַג פון בוים, ווערט זי שוין גאָר אומרויִק, שוין פּשוט אויפגעציטערט: די אייגענע ווערטער האָט דאָך איר געזאָגט אויך ער, דער עלטער־זיידע, זרחל. אַזוי פיל יאָרן, אַריבער צען יאָר, האָט ער זיך צו איר ניט באַוויזן, און פלוצלינג, נאָך אַ שטאַרק אָנגעהאָרעוועט־וואָכעדיקן טאָג, שוין געפאַלן פון די פיס אין בעט אַרײַן, אָבער נאָך די ליכט ניט אויסגעלאָשן, קומט ער אַרײַן, דער זקן, אין אַ שפּאָגל נײַער קאַפּאָטע, דער דאַשיק פונעם שבתדיקן קאַשקעט אויף דער זײַט: מ׳זעט אַז דער אַלטינקער איז אונטער אַ גלעזל, קומט פון אַ בר־מיצווה, אָדער פון אַ ברית־מילה אין דער משפּחה; ער לייגט אַוועק דעם שטעקן אויפן טיש — אויך דער שטעקן איז בײַ אים אַ נײַער, שמעקט מיט דעמב, און אויף חידושים אויסגעטאָקט און אויסגעשניצט. ער גייט צו, דער זקן, און שפּאַרט זיך אָן אין דעם ווענטל פון איר בעט. פאַר די צען יאָר, וואָס ער איז צו איר ניט געקומען, איז ער שטאַרק געעלטערט, די אויגן זײַנען אים טרויעריקער געוואָרן, אָבער דאָס פּנים שײַנט אים, פון דער ווײַסער באָרד שלאָגט אים אַזאַ העלקייט, עפּעס אַזאַ באַזילבערטע שײַן, אַז ס׳פאַרשלאָגט איר די ראיה. און ער זאָגט צו איר: „פאָר, סטיסיע, צו דער מומע ליבעס זון, צו דניאלן. פאַרבייג, סטיסיע, דײַנע ביטערע פאַרדראָסן, דײַנע ערגערנישן און פאָר צום טאַטן פון דײַן קינד. פאָר אַהין צו דניאלן, ווײַל דאָרטן, סטיסיע, קאָן אָפּגעבראָכן ווערן אַ צווײַג"... — האָט זי זיך אויפן בעט אויפגעזעצט און אים געוואָלט פרעגן: „זיידעניו, שיקסטו מיך ניט ווידער אויף עפּעס אַן אומגליק?" — אָבער ער איז שוין פון שטוב אַרויסגעגאַנגען. זי האָט נאָר געהערט ווי זײַן סוקעוואַטער שטעקן האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין דער אָפּן געבליבענער טיר.

און אַז עקיבאס קול הייבט אָן ווידער אַ מאָל דערגייין צו איר — ביז אַהער איז זי געווען דאָרטן, אין איר חלום, צו אירע אויערן זײַנען ניט קיין ווערטער, נאָר קלאַנגען אָנגעקומען, איצט הערט זי ווי עקיבא רעדט צו איר מיט אַ צאַרן פון אַ בעל־יסורים, פון אַ געיאָגטן און געפּלאָגטן; אַז זי מאַכט צו די אויגן, הערט זי אויך דעם אַלטנס, יצחק באַיאַרס, אויפגע־טרייסלטן קול.

אויך ער, עקיבא, רעדט צו איר וועגן דעם דרײַצנטן שבט, וועגן די באַיאַרס, וואָס ווערן צעשפּאָלטן און צעפּאַלן. אין דעם באַיאַרס נשמה, זאָגט ער, האָט זיך אויך אַרײַנגעכאַפּט דער פּחד... און באַלד רעדט ער שוין, עקיבא, פון וועגן דעם מצב פונעם יידישן פאָלק אין דער וועלט, פון סמערדיאַקאָוון דעם דריטן — פון היטלערן, וואָס מאַכט שוין פּשוט פּאָגראָמען, ברענט אין מיטן די שטעט ביכער אויף פײַער־שײַטערס, און אַלע, פון גרויס ביז קליין, זינגען דאָרטן פאַרשיכּורט, אַז פונעם מעסער דאַרף רינען דאָס בלוט פונעם „יודע". און מיט אַ מאָל, גאָר אומגעריכט, נעמט ער דערציילן ווי אין דעם פערצנטן יאָר, בײַם אָנהייב פון דער וועלט־מלחמה, האָט מען אַרויסבאַגלייט די צוויי סאָלדאַטן, שמריהן מיט אברהמען, אויף דער הריגה:

— מיר זײַנען געזעסן אויף דער ערד. דער קלויסטער האָט געקלונגען אויף אַלע גלעקער. די האַרמאָשקעס האָבן געשפּילט, די באַלאַלײַקעס האָבן געצימבלט, די שיקסעס האָבן געכליפּעט בײַ די נאָוואָבראַנצעס אויף די אַקסלען, די ווײַבער האָבן געוויינט אויף אַ קול... יצחק האָט אַראָפּגענומען פון וואָגן דאָס סיטשקע־קעסטל, דער „שטילער זומער" האָט עס פאַרשפּרייט מיט אַ ווײַסן סערוועטל, אַרויסגעשטעלט פון קאָשיק געקאָכטס און געבראָטנס. איך האָב געעפנט דאָס שקאַליקל, צעגאָסן אין די בעכערלעך און מ'האָט געגומען צווישנשעווען שמריהן מיט אברהמען, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן לעבעדיקע און געזונטע צו טאַטע־מאַמע, צו ווײַב און קינדער און... דאָ האָבן

זיך פלוצלינג דערהערט פון אַלע זײַטן אויסגעפּלאַצטע געלעכטערס, פּײַפּע־רײַען, אַ הו־ליו־ליוקערײַ אויף טויב צו ווערן. מיר קוקן זיך אום: איבערן שטעטל יאָגט ווילדערהייט אַ חזיר! איך האָב נאָך ביז דעמאָלטן גאָר ניט געזען אַזאַ שוואַרצן חזיר, אַזאַ אויסגעמאָגערטן, אויף אַזעלכע הויכע פיס און מיט אַזאַ לאַנגער מאָרדע. און שטעלט זיך פאָר, סטיסיע, אַז נאָך אָט דעם־אָ חזיר, האַלטנדיק זיך פאַרן ווידל, שפּרינגט פאַרשײַט, מיט ברענענדיקע אויגן, דניאלקע: אַז שמריה, עליו־השלום, האָט דערזען ווי זײַן קינד האַלט זיך פאַרן חזירשן עק און יאָגט מיט אַזאַ פרייד איבער דער גאַס, פאַרבײַ די בתי־מדרשים, איז ער שיִער אין דער ערד ניט אַרײַן. אין שמריהן האָבן אויפגעקאָכט אַלע זײַנע בלוטן און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן דורס־זײַן דניאלקען. אַ גליק וואָס די מומע ליבע, זכרונה לברכה, איז אים בײַ צײַטנס פאַרלאָפן דעם וועג און אָפּגעריסן דאָס קינד פונעם חזיר. די מומע ליבע איז נאָך געווען מערער דערשראָקן פון שמריהן. זי האָט גאָר ניט געקאָנט פאַרשטיין, פון וואַנען קומט דאָס קינד צום חזיר? דניאלקע האָט דאָך מורא אַרויס אין דרויסן אַז אַ חזיר דרייט זיך אַרום נאָענט בײַ דער שטוב. ניט אַנדערש, האָט זי געפּרוּווט עס דערקלערן, אַז דאָס קינד האָט זיך טועה געווען, אַז דניאלקע האָט ניט דערקענט דעם חזיר. עמעצער האָט אָנגעטאָן דעם חזיר אַ גרויסן קראַנץ קווייטן אויפן האַלדז...

— עקיבא, — שלאָגט אים איבער סטיסיע, וואָס שטייט בײַם פענצטער און קוקט ווי אין דרויסן פאַלט ווידער אַ שניי. — איר גלייבט אין גורל?

— ניין, סטיסיע, ניין, כ׳גלייב ניט! דו טו, ראַנגל זיך, קריך אויפן לייטער, וואָס קאָן אין יעדער רגע אומפאַלן, און גאָט וועט דיר העלפן. ניט מיטן גורל לעבט דער ייִד, נאָר מיט זײַן פײַערדיקן גלויבן. דער ייִד איז אויסגעקנאָטן פון ערד און פון הימל. און דאָ דאַרף מען זוכן דעם סוד פון זײַן אייביקייט. קיינער אין דער וועלט האָט ניט אַזוי ליב דאָס לעבן ווי דער ייִד, אָבער קיינער קאָן ניט גיין אַזוי אויף קידוש־השם ווי ער, דער גלות־ייִד. קידוש־השם און קידוש־העם איז בײַ ייִדן איינס, געקניפּט און געבונדן! הירש לעקערט איז אויך קידוש־השם! קידוש־השם, סטיסיע, איז ניט יִאוש, ניט שוואַכקייט, נאָר גאָר, גאָר גרויסע גבורה! נאָר מענטשן מיט גרויסע נשמות קאָנען גיין אויף קידוש־העם, און די, מיט מיזערנע נשמהלעך, פאַלן

אויף די קני. סטיסיע, — נעמט ער זי אַן ביים עלנבויגן ווי אַלע באַיאַרס ווען זיי ווילן עמעצן זאָגן דאָס סאַמע וויכטיקסטע; דאָס קול הייבט זיך אים און פאַלט ווי זיינע וואַלדברעמען איבער די אַנגעצונדענע אויגן. — סטיסיע, דער קראַנץ קוויטן אויפן הזירשן האַלדז איז שוין פון לאַנג פאַרטריקנט און צעשאָטן געוואָרן. אַ קינד קאָן דאָך שוין זען דעם נאַקעטן ווילדן חזיר מיט די שפּיציקע קליקעס!

— איך וועל אייך דאָ ניט שטערן. איך וועל זיך באַדיי פאַרהאַלטן נאָך אויף עטלעכע טעג.

— דאָס האָב איך געוווּסט. נאָך פריער געוווּסט.

— וואָס דען ווילט איר נאָך פון מיר?

— איך דאַרף אַז איר זאָלט מיר העלפן.

— עקיבא, איך האָב אויך אַ קינד. אויך איין צווייג!

און דאָ האָט מען אָנגעקלונגען — אַ לאַנגער חוצפּהדיקער קלונג. סטיסיע, שוין גאָר אַ ווייס געוואָרענע, טוט זיך פונעם פענצטער אַ וואָרף צום בעט און נעמט דאָס קינד אויף די הענט: איר טויט וועט דאָ זיין, נאָר דאָס קימפּעט-עופּעלע וועט זי ניט געבן. זי איז גרייט געווען גיין אויף די שווערסטע יסורים, אויף די פייערדיקסטע גיהנומער, ווי אין יענער נאַכט, אין דער אָנהייב-ווינטערדיקער, אין דער זאַווערוכעדיקער, ווען דניאלקע איז געקומען צו לויפן צו איר, שוין נאָך איר שיסן אין דעם אַטאַמאַן, שוין נאָך דעם ווי די בלאָנדע, זיראַ-זירקאָס שוועסטער-ווייב, האָט זיך מתוודה געווען פאַרן גלח, פאַרן קאַליקע, אַלעס לעוואַדאַ, און פאַר אַלע באַנדיטן — זי וועט ניט דערלאָזן, סטיסיע, אַז אויך איצט זאָל דאָ אָפּגעבראָכן ווערן אַ צווייג. צוליב דעם האָט דאָך זי דער עלטער-זיידע אַהער צו געשיקט. און ניט נאָר דערפאַר ווייל זי האָט דעם חלום געזען, נאָר דער עיקר שוין צוליב דאַלין, וואָס וועט זיך דאָרטן, אין טורמע אויפכאַפּן פון איר פיבער-פאַרטראָגנקייט און דער ערשטער געדאַנק אירער וועט זיין וועגן דעם קינד.

אין שטוב זיינען אַריין צוויי מאַנצבלעך און אַ פרוי — אַלע דריי טרייס-לען, ווי בעלי-בתּים, דעם שני פון זיך ביי דער טיר. זי האָט שוין ניט געהערט, סטיסיע, צי די ניט-געבעטענע האָבן זיך יאָ, צי ניט געגריסט, ווייל אין די אויערן שטעלט זיך איר גלייך, ווי נאָר יענע זיינען דעם שוועל

אַריבערגעטראָטן, דאָליס אַ געשריי פון דער טורמע: זי הערט דאָ, סטיסיע, ווי דאָלי שרײַט דאָרטן: ווו בין איך? ווו איז מײַן קינד? — און זי איז שוין גרייט, און זי שטייט שוין און וואַרט, סטיסיע, אַז אָט וועט מען איר הייסן אָפּגעבן דאָס קינד דער פרוי, דער ענקאַוועדיסטקע, מיט די אַראָפּגעלאָזטע אויגן, וואָס די לאַנגע ווי:עס ציטערן איר, און אויפן יונגן און מילדן פּנים בײַטן זיך איר די פאַרבן. לויט די שוין אָפּשטייענדיקע פּאָלעס פון דעם טונקל־ברוינעם פוטערפּעלץ — פון דער דאַכאַ, איז צו זען, אַז די פרוי איז אין די חדשים. ווערט איר נאָך שרעקלעכער סטיסיען: ווי קאָן גאָר אַ פרוי, דערצו נאָך אַ מעוברתע, אַרויסרייסן אַ קינד פונעם לעבן? „אָבער וואָס חידוש איך זיך אַזוי, — טוט איר אַ שניט אין האַרצן. — בײַ מיר אין דאָרף איז בעסער? קומט מען דען ניט, אויב אַ פּויערטע, אַן אַלמנה, אַ פולע כאַטע מיט קינדער, קומט מען דען ניט צו אַזאַ אַלמנה, אויב זי גייט ניט אַרויס אַלע טאָג אין קאָלכאָז אויף אַרבעט און פּילט ניט אויס די נאָרמע אויף די בוריקעס, קומט מען דען ניט און מ׳נעמט דען ניט צו בײַ איר דעם גאָרטן? און ניט נאָר מ׳נעמט צו בײַ איר דאָס שטיקעלע ערד, נאָר מ׳צעאַקערט איר פאַרזייטן גאָרטן און מ׳לאָזט זיי איבער, די אַלמנה מיט די קינדער, אויף הונגערן”.

און סטיסיע וויל, ביז ס׳איז נאָך ניט שפּעט, ביז עקיבא פאַרשטעלט זי מיט דער פּלייצע, אַרויסגנבענען זיך פון שטוב דורך דער הינטערטיר, דורך די שוואַרצע טרעפּ, און דאָרטן, אין דרויסן, אין דעם שיטנדיקן שניי אַנטרונען ווערן מיטן קינד. אָבער דאָ דערזעט זי גאָר ווי די דרײַ גייען אַוועק און עקיבא באַגלייט זיי אַרויס רו:ק — די וואַלדברעמען שטייען אים אויפן אָרט, זיי שמייכלען אַפילו צו. ערשט ווען ער פאַרשליסט נאָך יענע דרײַ די טיר, זאָגט ער אויפגעבראַכט:

— זיך קוים אָפּגעבעטן אויף דרײַ טעג.

— אויף וואָסערע דרײַ טעג?

— אויף וואָסערע דרײַ טעג, פרעגט איר? אויף די געלי:ענע! אין סמער־דיאַקאָווס קיניגרײַך לעבט אַ מענטש אויף אויסגעבעטלטע טעג. יעדער טאָג ווערט דיר געשענקט. אַ קאָמוניסטישער חסד־של־אמת... און פאַר וועמען קאָן מען זיך דאָ גיין קלאָגן, אַז אויף שריט און טריט זײַנען צוגעקלאַפּט, ווי

מזוזות בײַ אַמאָליקע ייִדישע טירן, סמערדיאַקאָװס פּאָרטרעט מיטן אויפֿשריפֿט: „אוטראַ נאַשיי ראַדיני!" סמערדיאַקאָװ איז, הייסט עס, דער פּריימאָרגן פֿון אונדזער היימלאַנד! אַנו, גיי זיך דאָ קלאָגן אויף אַזאַ גליקלעכן פֿרימאָרגן װען מ'טראָגט אַרויס אויף אַ נאָסילקע דײַן טאָכטער, די געװוינערין, װאָס ליגט אין היץ און װייסט ניט אויף װעלכער װעלט זי געפֿינט זיך, אַנו, פּרוּװ זיך גאָר גיין קלאָגן?

— װער זײַנען עס געװען די דרײַ? — לייגט זי צוריק דאָס קינד אויפֿן בעט, גיט דעם אַ לעפּעלע צוגעזיסטע װאַסער און שטעלט זיך װידער בײַם פֿענצטער מיטן פּנים צום פֿאַלנדיקן שניי בכדי ניט צו זען עקיבאס פּנים. — װער זײַנען זיי?

נאָר עקיבא שטייט שוין אָנגעבויגן איבערן קינד און רעדט צו זיך אַליין: יצחק האָט אַ נאָמען געגעבן זײַן טאָכטער חרות, איך האָב אַ נאָמען געגעבן מײַן טאָכטער דאַלי. דאַליע, דאַליע. מײַן דאַליע און איר דאַליע און דעם קינדס דאַליע און אונדזער אַלעמענס חרותדיקע דאַליע. — ער גלײַכט זיך מיט אַ מאָל אויס: — װער זײַנען זיי געװען? פֿאַרשטעלטע מלאכים, סטיסיע, פֿאַרשטעלטע. מסתּמא טאָקע יענע דרײַ, װאָס זײַנען געקומען צו אַברהם אָבינו נאָכן עפּענען דאָס ערשטע בלעטל פֿון דער גרויסער ייִדישער געשיכטע. איר האָט דען ניט געהערט, װאָס פֿרעגט איר נאָך?

— כ'האָב ניט געהערט, עקיבא, זייער קול.

— װעמעס דען קול האָט איר דאָ נאָך געקאָנט הערן? — און זי דערפֿילט װי זײַנע אויגן ברי׳ען איר דעם נאַקן. — װעמעס דען קול האָט איר דאָ געקענט הערן?

— װער זײַנען עס געװען די דרײַ? — פֿרעגט זי אים נאָך אַ מאָל.

און נאָך אַ לאַנגן שװײַגן, װי צוהערנדיק זיך מיט די ברי׳ענדיקע אויגן צו איר שװערן אָטעמען, זאָגט ער: — דאָס פֿאַרפֿאָלק האָט שוין געבראַכט אַן אָרדער אויף דניאלס און דאָליס דירה. די משרתים דאַרף מען אונטערגעבן חשק. ס'דאַרף זיי אויך עפּעס־װאָס אַרײַנפֿאַלן. מיט דער היסטאָריע פֿון דער פּאַרטיע װעסטו זיי שטאַרק ניט אויפֿמונטערן. די אַרעסטן באַפֿרײַען דאָך פֿאַר די משרתים, פֿאַר די אונטערטראָגערס, דירות...

— עקיבא, ס'װעט זיך אויסלײַטערן, שפּעטער. ס'קאָן דאָך ניט זײַן.

— וואָס קאָן ניט זײַן? וואָס קאָן בײַ סמערדיאַקאָוון ניט זײַן? וועלכער שפּעטער? — רײַסט זיך פון אים אַרויס אַ געשריי. — וועלכער אויסלײַטערן? דאָס איז דאָך שוין דער רעגן־בויגן, סטיסיע, צו וועלכן מיר זײַנען געלאָפן נאָך די פּאָגראָמען מיט אַזאַ התלהבות, מיט אַזאַ אויסגעבענקטער און מיט אַזאַ פאַרבלוטיקטער נשמה. נו, גוט, סטיסיע, איר דאַרפט ניט מײַנע רייד. ס׳שרײַט אין אײַך געגנוג אָן מיר. כ׳וועל אײַך זאָגן ווער די דרײַ מלאכים זײַנען. דאָס פּאָרל האָט געבראַכט אַהער דער אופּראַוודאָם, דער ממונה איבער די הײַזער. ער פלעג אַלע זונטיק אין דער פרי, ווי אַ געדונגענער, קומען אויסרייכערן בײַ דניאלן אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און האַלטן זיך אין איין פּאַטשן אין די קני פון חידוש, וואָס מיט אַזאַ פּראָסט האַרבערשטעלע קאָן מען אויס־מאָלן אַן אמתן מענטשן און מיט אַזעלכע אַקוראַטנע אויגן!

— און ווער זײַנען יענע צוויי? איר האָט גערעדט צו זיי ווי מיט אַלטע באַקאַנטע.

— אין דעם ליגט דאָך די ראָזשינקע, דאָס סאַמע פּינטעלע. דאָס פּאָרפּאָלק, וואָס מיר דאַרפן אין דרײַ טעג אַרום אָפּגעבן די שליסלען פון דער שטובטיר, זײַנען דאָך געווען פון דניאלס און דאָליס פרײַנד... וואָס קוקט איר מיך אָן? כ׳רעד נאָך ניט פונעם בוידעם, איך טראַכט דאָ גאָרניט אויס און גיב דאָ גאָרנישט ניט צו. איר טאַטע איז אַ פּראָפעסאָר פון מאַרקס־לענינס תורה. די דיסערטאַציע האָבן אים געשריבן יענע, פון די אַנעקדאָטן, די ראַבינאָ־וויטשעס. ער האָט נאָר מיט זײַן האַנט אַרויפגעשריבן: מיקאָלאַ טאַראַסאָוויטש אָנופּריִענקאָ. קלאָר? וועלן מיר גיין ווײַטער! די טאָכטער האָט אויך געוואָלט ווערן אַ באַלערינע, נאָר צו דער בינע האָט זי ניט געקאָנט דערטאַנצן און איז געוואָרן אַ פּיאָניר־וואָזשאַטע אין שול. און דער מאַן אירער? לויטן פּאַספּאָרט איז ער סרול, נאָר ער הייסט זיך רופן מיכאַיִל. דעם טאַטנס נאָמען האָט ער אויך געביטן פון ברוך־בער אויף פּאַרפּען.

— ווי קומט ברוך־בער צו פּאַרפּענען?

— אָט זעט איר דאָך! — רעדט עקיבא מיט גאַל און ביטול. — מיכאַיִל פּאַרפּענאָוויטש! איר הערט כאָטש ווי ס׳קלינגט פאַרן צאַרטן אַנטיסעמיטישן אויער? ממש ווי פון גלינקעס אָפּערע „איוואַן סוסאַנין”. שווערער איז מיכאַיִל פּאַרפּענאָוויטשן אָנגעקומען מיט דער פאַמיליע: חסיד! אַ פאַמיליע וואָס

זאָגט גלײַך אויס פון חדר און קאָן נאָך דערצו אַרויסרופן חשד, אַז מ׳שטאַמט פון די חסידים.

— ווי אַזוי זשע האָט ער זיך דאָ אויסגעדרייט?

— פּאָרט אַ יידישער קאָפּ. צום „חסיד״ האָט ער צוגעשטעלט דעם ענקאָ און ס׳איז געוואָרן כאַסידענקאָ! דאַרווין אַליין וואָלט שוין דאָ ניט געקאָנט דערגיין פון וואַנען אַזאַ באַשעפעניש שטאַמט.

— און די אויגן? — טוט שוין סטיסיע אַפילו אַ שמייכל.

— אָט מיט די אויגן איז אים טאָקע שלעכט...

— איז ער כאָטש אַ גוטער מאָלער?

— ער איז, מיכאַיל פּאַרפענאָוויטש, דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פונעם קינסטלער־פאַראיין.

— דניאל איז דען אַרײַנגעטראָטן אין דער פּאַרטיי? — פרעגט סטיסיע ווי פאַרלוירן.

— גאָט באַהיט! נאָר דער פּאַסטעך דאַרף האַלטן זײַן סטאַדע אויפן אויג. ער פלעגט קומען, דער כ אַ ו ו ע ר כאַסידענקאָ, און זיך קרימען ביז חלשות פון דניאלס בתּי־מדרשים, פונעם געהרגעטן קינד צווישן די צוויי ספר־תּורות, פון די בית־עלמינס מיט די אײַנגעפאַלענע מצבות אינעם ווילדגראָז. ווײַט פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם! מ׳דאַרף מאָלן דעם קאָמוניסט, דעם פאַר־געשריטענעם מענטשן פון אונדזער ליכטיקער סאָוועטישער עפּאָכע! דער גרויסער סטאַלין לערנט...

— מיינט איר אַז מיכאַיל פּאַרפענאָוויטש האָט דאָ אַ האַנט אין דניאלס און דאָליס אַרעסטן?

— סטיסיע, איך דאַרף זיך דאָ נאָך גרונטעוועז און דערגראָבן? איך דאַרף דאָ נאָך גיין פאַלן אויפן סליד? אין סמערדיאַקאָווס קיניגרײַך האָט איטלעכער מורא פאַר זײַן אייגענעם שאָטן. איינער, שוין פונעם נײַעם מין, וואָס שטאַמט שוין אַפילו ניט פון דער מאַלפּע, נאָר פון דער סאַמע דעמאָ־קראַטישסטער קאָנסטיטוציע, אַזאַ איז די טעג געגאַנגען מסרן זײַן שאָטן, וואָס איז אַרײַן אין קלויסטער. אמת, נאָר מיטן קאָפּ, ווײַל די פיס זײַנען פאַרבליבן אויפן טראָטואַר... פון יענע, סטיסיע, וואָס האָבן געהאַט גרויסע, שטאַרקע נשמות, פון יענע זײַנען שוין פאַרבליבן גאָר גאָר ווינציק! דער שניי

פאַלט אונדז אויף מזל. וויקלט איַין דאָס קינד און קומט. מיר טאָרן זיך דאָ ניט פאַרהאַלטן אויף קיין איבעריקער רגע.

— טאָ ברענגט מיר נאָך אויף אַ מעת־לעת האָדאָוואַניע פאַרן קינד. איך פאָר מיט דעם שוין אַוועק.

— סטיסיע — טוען זיך אים אַ הייב אויף די וואָלדבערעמען און די אויגן ווערן אים מאָדנע גרוי־גרין. — סטיסיע, ווערט איר כאָטש ניט קיין פינצטערע כמאַרע פאַרן קינד. וואָס, איר ווילט אויך אַז דער צווייַג זאָל אָפּגעבראָכן ווערן?

פון זייַנע לעצטע ווערטער טוט זי ווידער אַ ציטער: פאַר די אויגן שטעלט זיך איר דער עלטער־זיידע אין דער נייַער קאַפּאָטע, דער דאַשיק אויפן זייַט. ער לייגט דעם נייַעם אויסגעשניצט־סוקעוואַטן שטעקן אויפן טיש. עפּעס אַזאַ דעמבענער שטעקן, אַז מ׳קאָן מיט אים דורברעכן אין מיטן ווינטער דעם אייַז אויפן טייַך.

— עקיבא, — טוט זי אים פּלוצלינג אַ פרעג. — עקיבא, קאָנט איר מיר דערלערן, וואָס איז אַזוינס אַ חלום?

— אַ חלום, סטיסיע, קאָן זייַן אַ רוף פון ווייַטע דורות, און ס׳קאָן אויך זייַן אַ געשריי פון דער אייגענער נשמה.

און מער פרעגט זי ניט און מער זאָגט זי אים שוין גאָרניט, טוט זיך אָן, וויקלט איבער, האָדעוועט אָן פונעם פלעשעלע און פאַרוויקלט גוט דאָס קינד, — קיין קעלט זאָל זיך אין וועג צו דעם ניט דערקלייַבן, נעמט עס אויף די הענט און ביידע, עקיבא מיטן רוקזאַק אויף דער פּלייצע, מיט סטיסיעס שווערן דאָרפישן קאָשיק אין איין האַנט, אונטער דער צווייטער דעם אָרום־געבונדענעם לייַוונט, ווו זי, סטיסיע, שטייט בייַ דער שייַן פון דרייַ ליכט פאַרן אָפענעם אָרון־קודש, און פאַרלאָזן די שטוב. זיי דערקלייַבן זיך אַהין, צו יענעם שטיבל, וואָס בייַם אַלטן, שוין בייַ דעם האַלב חרוב געוואָרענעם ייִדישן בית־עלמין, ערשט צום סוף טאָג, שוין טאַקע ערב צופאַלן פון דער נאַכט.

און דער וועג אַהין, צום טהרה־שטיבל, שוין הינטער דער שטאָט, שוין בײַם טיפן טאָל, איבער די שנייען, וואָס בײַ דער פּראָסטיקער שקיעה ווערן זיי אַרומגעכאַפּט מיט אַ פײַער־פינקלענדיקער קאָרע און ברעכן זיך מיט אַ קרישטאָלענעם, מיט אַן ערב־פּרילינגדיקן קלאַנג אונטער די טריט, אַט יענעם אַנגעשנייטן וועג צום ווײַטן בית־עלמין־שטיבל מיטן קימפּעט־עופּעלע אויף די הענט, בײַ די סוף־ווינטערדיק־יִיאושדיקע ווינטן, וואָס יאָגן פון יענער זײַט דניעפּער פון די פּאָלעסיער וועלדער, האָט געקאָנט בײַקומען נאָר זי, סטיסיע.

קיין הײַזער זעט מען שוין אויך ניט. אַ זיסלעכער ריח פון געווייקטער מאַקוכע טראָגט זיך אַדורך פאַרבײַ, און ערגעץ־ווו בילט אַ הונט פאַר נאַכט־צופאַלן. באַלד וועלן די ווינטן אויסלעשן די הימלען און מ׳וועט פאַרבלײַבן נאָר בײַ דער שײַן פון די שנייען.

עקיבא גייט אײַנגעבויגן און פרווּוט מיט די לעצטע כּוחות דורכשלאָגן פאַר סטיסיען מיטן קינד אַ שטעגל אין שניי. און זי, מיטן באַיאַרישן עקשנות, ניט נאָכלאָזן און ניט נאָכגעבן, קריכט ביז די קני אין די שנייען, דאָס קאָפּ־טיכל איז איר שוין פון לאַנג אַראָפּ צום נאַקן און די האָר ווערן באַדעקט מיט אַ געדיכטער ווײַסקייט, ווי זי וואָלט דאָ מיט אַ מאָל, אין איין שעה, אַלט געוואָרן.

זי גייט מיט אַ זײַט — פאַרשטעלט מיט זיך דאָס קינד פון די פעלדווינטן, און אין די אויגן דער זעלביקער צאָרן און טרויער, ווי אין יענער נאַכט ווען זי האָט איר געהרגעט קינד געטראָגן פונעם אָרון־קודש צום אָפענעם פאַר־שנייטן קבר, ווו ס׳זײַנען געלעגן די פאַרקוילטע ביינער פון איר גרויסן חלום.

נאָר איצטער טראָגט זי אויף אירע הענט איבער די שנייען צום הייליקן אָרט אַ לעבעדיק קינד. דער מומע ליבעס אייניקל וואָס זי, סטיסיע, מוז און

איז מחויב דאָ ניט נאָר פונעם פײַער אַרויסכאַפּן, נאָר זי דאַרף אויך דאָרטן, אין טהרה־שטיבל, ווערן בײַ עקיבאן אַ באַהעלפערין און אַ האַנט־איבער־נעמערין. אַזוי איז אויף איר גורל אויסגעפאַלן און אַזוי וויל איר מזל! וועט זי, סטיסיע, אין אָט דער געפערלעכער צײַט, ווו זי שטעלט אין קאָן ניט נאָר איר לעבן, נאָר אויך דאָס לעבן פון איר אייגן קינד, וואָס איז פאַרבליבן דאָרט אין דאָרף, איר חוב באַצאָלן.

זי, סטיסיע, וועט אין אָט דער דערנערדיקער שעה דעם שווערן עול פון זיך ניט אַראָפּוואַרפן. דערצו איז זי נאָך געבונדן מיט דער שליחות פונעם עלטער־זיידן: „פּאַר, סטיסיע, דאָרטן קאָן אָפּגעבראָכן ווערן אַ צווײַג״, וועט זי גיין, סטיסיע, מיטן קימפּעט־עופּעלע איבער יסורים ווי איבער אָט די שנייען, וואָס מ׳קאָן זיי ניט אויסמײַדן און ניט אַרומגיין.

— מיר האָבן שוין איבערגעלעבט ווייטעג, — דערהערט זי עקיבאס קול, וואָס האָט זיך דעם גאַנצן וועג ניט געלאָזט הערן. — מיר האָבן שוין איבערגעלעבט ווייטעג און ווייַ־חדשים און ווייַ־יאָרן און גאַנצע ווייַ־תקופות. מיר וועלן די־אָ צײַט אויך איבערלעבן!

— יאָ... אָבער פון יסורים קאָן מען פאַרווילדעוועט ווערן! ס׳איז נאָך ווײַט צו אײַער קיניגלעכן ווינטער־פּאַלאַץ?

— אָט גייען מיר פאַרבײַ יענעם אָרט ווו בייליס האָט כלומרשט דער־הרגעט אַנדריושקען און אָנגענומען פון אים בלוט אויף מצות. וועלן מיר שוין זײַן בײַם סוף פון וועג. — און ער גייט אָפּ פון איר אויף אַ פּאָר טריט, נעמט זיך ווידער שאַרן מיט די פאַרלאַטעטע פּוישטן דעם שניי ס׳זאָל איר זײַן גרינגער צו גיין, און זינגט דערבײַ צו:

יאַ דרוגאַי טאַקאָי סטראַני ניע זנאַיו,
גדיע טאַק וואָלנאַ דישעט טשעלאָוועק...*

און דאָ בלײַבט ער ווידער שטיין פאַר איר מיט דער פאַרפרוירענער באָרד, און די פאַרפרירטע ווײַקע וואָלדברעמען הענגען אים אַראָפּ איבער די צוגע־זשמורעטע אויגן:

* קיין אַנדער לאַנד אַזאַ איך ווייס ניט
ווו פרײַ אַזוי זאָל אָטעמען דער מענטש... (פון רוסיש).

— ער איז גערעכט, אַנרי באַרביוס, טויזנט מאָל גערעכט: סטאַלין — דאָס איז לעניין הייִנט! גאָלדענע ווערטער! מ׳דאַרף זיי מיט פייַער פאַר־שרייַבן אויף אַ שוואַרצן מאַרמאָרנעם שטיין פאַר דור־דורות... און אַז מאָרגן וועט הערשן אין נאָמען פונעם פראָלעטאַריאַט סמערדיאַקאָוו דער דריטער, וועט ער אויך זייַן — לעניין הייִנט! און סמערדיאַקאָוו דער פערטער וועט אויך זייַן — לעניין הייִנט! הוי, אַ דאָמינע אין איינע צוויי הענט, די שפּיל איז מיר באַקענט...

זי ענטפערט אים ניט, עקיבאַן, הגם פאַר אַנרירן לעינינס נאָמען איז זי נאָך גרייט צו שלאָגן זיך ביז בלוט. אָבער עקיבאס שטיין פאַר איר, ווי אַן אויסגעקלעפּטער פון שניי, נאָר די צוגעזשמורעטע אויגן ברענען אים, מיטן רוקזאַק אויף דער אייַנגעבויגענער פּלייצע, מיטן שווערן קאָשיק עסנוואַרג — געבאַקנס און געבראָטנס — וואָס זי האָט געבראַכט פאַר דניאלן און דאָלין... עקיבאס שטיין מיטן לייַוונט אונטער דער פּאַכווע — דער אַרומגעוויקלטער פּאַפּיר איז אויף די ווינטן צעריסן געוואָרן און זי זעט זיך, סטיסיע, פאַרן אָפּענעם אָרון־קודש, ווו ס׳איז געלעגן איר געהרגעט קינד, זרחל, בייַ די דרייַ ברענענדיקע ליכט און אויף דער ערד, אייַנגעקוטעט אין דער מומע ליבעס בורנעסל, זיצט דער דרייַצן־יאָריקער דניאלקע און קוקט אויף איר, אויף סטיסיען. ענטפערט זי אים ניט, עקיבאַן. דער לשון האָט איר אָפּגענומען: עקיבא איז דאָך הייַנט, אַחוץ דעם זקן, יצחק באַיאַר, דער גרעסטער בעל־נסיון אין דער משפחה. וואָס זאָל זי אים דאָ זאָגן אין אָט די שנייען ווו ס׳צינדן זיך די ערשטע שטערן; וואָס קאָן זי דאָ רעדן צו עקיבאַן אויף די אָפענע פעלדווינטן, אַז אויף אירע פאַרקליאָקנעטע הענט טראָגט זי דאָס ברעקעלע, דעם לעבעדיקן קימפּעט־יתומל, וואָס מ׳דאַרף עס פונעם טויט ראַטעווען, אויסבאַהאַלטן און פון אַ שלעכט אויג פאַרשטעלן. מיט אַוועלכע ווערטער קאָן זי דאָ איצטער קומען צו עקיבאַן, אַז זי, סטיסיע, דאַרף מיט אַזאַ מורא און פּחד טראָגן דאָס עופעלע צום בית־עלמין ווו מ׳וועט דאָרטן, אינעם טהרה־שטיבל, דאַרפן עס מלען, ווי דאָס האָבן געטאָן יידן פון דור־דורות, אין פאַרלויף פון זייער לאַנגער פאַרבלוטיקטער געשיכטע במשך פון פיר טויזנט יאָר.

און דערצו נאָך פאַרגעסט זי דאָ, סטיסיע, ניט נאָר אין עקיבאס רייד,

נאָר וועגן אַלץ און אַלעמען אין דער וועלט, ווײַל דאָס קינד, וואָס האָט ביז אַהער געוויגט זיך אויף אירע הענט איבער די שנייען, געקרימט די ליפּעלעך און נאָר פֿון מאָל צו מאָל געלאָזט זיך הערן, הייבט שוין אָן צו פֿאַרגיין זיך אין אַ געוויין — ס׳איז שוין פֿון לאַנג צײַט געבן דעם עופּעלע עסן און ס׳קער שוין געוויס אויך נאַס זײַן, — אויף אָט די טײַך־ און טאָל־ווינטן קאָן מען דאָס קינד צוקילן. מער פֿעלט ניט. טרעטן זיי שוין ווײַטער ביידע שווײַגנדיקע, אין דערשראָקענעם אײַלעניש, מיטן לעצטן אָטעם, מיטן איינעם געדאַנק און ווילן, וואָס גיכער אַרויס פֿון די ווינט־פּראָסטיקע ווײַסקייטן און אַרײַן צווישן פֿיר וואַרעמע ווענט און קאָנען איבערוויקלען און אָנקאַרמען דאָס קינד.

שפּעטער, שוין אין דעם אַמאָליקן טהרה־שטיבל מיט די צוויי לענגלעכע, אין דער וואַנט דורכגעהאַקטע, שמאָלע פֿענצטערלעך, וואָס איינס קוקט אַרויס צום הייליקן אָרט און דאָס צווייטע ווינקט צו דער לעבעדיקער וועלט; שוין דאָרטן, אין דעם אָנגעהייצטן שטיבל, ווו עקיבא לעבט אָפּגעזונדערט שוין באַלד דרײַ יאָר, נאָכן איבערלייגן און אָנהאָדעווען דאָס קינד, פֿאַלט זי אויך, סטיסיע, אויפֿן שמאָלן געלעגערל אויף דער געקווייטלט־ציצענער קאָלדרע.

נאָך אירע טעג דאָ אין שטאָט, נאָך יענעם חלשות פֿאַלן אַז מ׳האָט צוגענומען אים, דניאלקען, און נאָכן דערוויסן זיך, אַז מ׳האָט אויך דאַלין, די געווינערין, די פֿאַרטראָגענע אין היץ, פֿון קימפּעט־שפּיטאָל אויף אַ נאָסילקע אַרויסגעטראָגן, און איצטער, נאָכן לויפֿן מיטן קינד אַהער־צו איבער די שנייען, פֿאַלט זי, סטיסיע, אויפֿן שמאָלן געלעגערל און ווערט ניט אַזוי אײַנגעשלאָפֿן ווי אַרײַנגעוואָרפֿן אין פֿאַרגעסנקייט.

און דאָך, שוין אַרײַנפֿאַלנדיק אַהין, דערהערט זי ווי עמעצער גייט פֿון שטיבל אַרויס. ווערן איר מיט גוואַלד אויף אַ רגע די אויגן אויפֿגעריסן און אין אירע שוואַרצאַפּלען ווערט אין אָט דער רגע אָפּגעשפּיגלט יענע בלאָנדע, וואָס איז אין יענעם שניי־שיטנדיקן, ערב־ווינטערדיקן פֿאַרטאָג, אין מיטן שטוב, צווישן דעם קאַליקע, אָלעס לעוואַדען, און דעם גלח, אויף די קני געשטאַנען און זיך מתוודה געווען.

— ווער איז דאָ געווען? — טוט זי זיך אַ הייב פֿונעם שמאָלן געלעגערל און טוט זיך אַ וואָרף מיט צעשפּרייטע הענט צום רויק־שלאָפֿנדיקן קינד,

ווי מ׳וואָלט עס געדאַרפט פאַרשטעלן פון אַן אומדערוואַרטער סכּנה. — ווער איז דאָ געווען?

— גאָט איז מיט אײַך, סטיסיע, — פאַרשטייט ניט עקיבא איר אויפכאַפּן זיך מיט אַזאַ בהלהדיק־דערשראָקענעם פּנים. — דאָס איז איוועס אַ שכנה. אַ געוועזענע מאַנאַשקע. אין די נעכט שפּילט זי סקריאַבינען און בײַ טאָג האָדעוועט זי בײַם וולאַדימירער סאָבאָר די טויבן.

— און וואָס האָט זי דאָ געטאָן?

— איך האָב זי געבעטן קויפן פאַרן קינד אַ בלאָ־אַטלעסענע קאָלדרעלע. פאַר אַ ייִנגעלע, זאָגט מען, פּאַסט בעסער אַ בלאָער קאָליר. אָט וועלן מיר באַלד אַ קוק געבן! — נאָר בײַם צעוויקלען פאַלט אַרויס נאָך אַ צונויפגעצ־ראָלעט פּעקל. — זעט נאָר, דאָס איז דאָך די אַלטע רויטע בהמה מיטן אָפּגעבראָכענעם האָרן און... אויך יענעמס, אַדריאַנס, פּײַערדיקע רינגען. די מאַנאַשקע האָט פּשוט אײַנגעשטעלט איר לעבן. זי האָט געעפנט די פאַר־קלאַפּטע טיר וואָס פירט פון איר קאַמער אין איוועס צימער. בײַ הײַנטיקן טאָג איז עס שוין מסירת־נפש! זי האָט אַרויסגענומען די צוויי בילדער און זיי געבראַכט אַהער. אַזעלכעס קאָן אין סמערדיאַקאָווס קינִיגרײַך פאַרעכנט ווערן ווי דער אַכטער וווּנדער אין דער וועלט. מ׳דאַרף נאָר די בילדער גלײַך פאַרשטעקן אויפן בית־החיים. כ׳וועל זיי גוט אײַנוויקלען און זיי אַרײַנלייגן אין נתן לאַנדעס ז״ל האַלב־אײַנגעפאַלענעם אוהל. כ׳וועל אַהין גיין פון אַן אַנדער זײַט, פונעם יאַר, ס׳זאָל פון דאַנען ניט פירן אַהין קיין סליד איבערן שניי.

נאָך עקיבאס אַוועקגיין מיט די פאַרוויקלט־צונויפגעראָלעטע בילדער צום בית־עלמין, באַשטאַטן זיי דאָרטן אינעם אוהל פונעם קדוש, פונעם דיין נתן לאַנדע, וואָס איז געהרגעט געוואָרן אינעם טלית בעתן רעדן פונעם וואָגן צו די באָיאַרס, וואָס זײַנען געשטאַנען דעמאָלטן ווי אַ שוואַרצע כמאַרע פאַר די ווענט פון ניקאָלײַ דעם צווייטנס תּפיסה... נאָך עקיבאס אַרויסגיין, הגם אויף קיין האָר ניט באַרויִקט געוואָרן פון די רייד וועגן דער מאַנאַשקע, גייט זי פאַרט אָפּ, סטיסיע, פון דעם רויִק־שלאָפנדיקן קינד, לייגט זיך צוריק אויף דער געקווייטלט־ציצענער קאָלדרע און פאַרשטעלט זיך מיט די הענט די אויגן פונעם לעבעדיק־טראַסקענדיקן פײַער אין דער הרובע: האָט זיך איר

יענע, די בלאָנדע, פּלוצלינג דאָ געחלומט, צי זי איז טאַקע נאָר וואָס געווען דאָ זיראַ־זירקאָס שוועסטער־ווײַב, וואָס האָט אויך געשאָסן אין איר ברודער־מאַן, אינעם אַטאַמאַן, וואָס האָט מיט צוויעכעס צוגעקלאַפּט דעם אַלטן רב בײַ די שׂרפֿה־פֿײַערן צום לינדנבוים. און פֿאַר וואָס האָט זיך איר, סטיסיען, ביז אַהער קיין איין מאָל ניט געחלומט יענע בלאָנדע, וואָס האָט געהאַט פֿון איר ברודער אַ קינד און באַלד נאָכן האָבן אַליין עס אַוועקגעפֿירט אין ווינטערדיקן וואַלד אַרײַן און עס אַרויסגעוואָרפֿן דאָרטן פֿאַר די וועלף?

יב

און דאָ דערפילט זי, סטיסיע, מיט אַ מאָל אַ קעלט — אַ ווינט איז אין שטיבל אַרײַן. אַ פּנים אַז עקיבא האָט זיך שוין אומגעקערט, שוין באַשטאַט דאָרטן אויפֿן הייליקן אָרט די צוויי לײַוונטן, וואָס די מאָנאַשקע האָט אַהער געבראַכט צו טראָגן. ער טרייסלט דעם שניי פֿון זיך און וואַרפֿט אויפֿן פֿײַער די סאָסנאָווע קאָרטשעס, וואָס ליגן בײַ דער הרובע — הייבט אָן נאָך שטאַרקער צו שמעקן מיט דעם געמישטן זיס־ביטערן ריח פֿון סטעלניק מיט סמאָלע.

אפשר גאָר זיך אויפֿהייבן, — פֿאַרמאַכט זי נאָך שטאַרקער די אויגן פֿונעם גרעסערן פֿײַער, וואָס כאַפּט אַרום די גאָלדפֿאַרביקע וואָרצלען. — אפשר נעמען דאָס קימפּעט־עופֿעלע, און שוין אַוועקפֿאָרן אַהיים. דאָרטן איז דאָך אויך דניאלס קינד, איר קינד, איר טרייסט, איר האָפֿענונג, איר טרויער. זי טאָר גאָר ניט, סטיסיע, אין אַ צײַט ווען די ערד שפּאַלט זיך אונטער די פֿיס, לאָזן זיך גיין איבער אַ דראָט! אַוודאי האָט יענע בלאָנדע ניט געקאָנט קומען אַהער אין דעם געשטאַלט פֿון אַ מאָנאַשקע, יענע איז שוין פֿון לאַנג ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. יענע בלאָנדע האָט דער קאַליקע, אָלעס לעוואַדע, געוויס דעמאָלט דעריאָגט און דעם רעטער אירן, וואָס אין דעם ווײַסן פֿעלץ, אין דער גרוי־קאַראַקולנער פּאַפּאַכע מיטן רויטן ווערך, אויפֿן אָרט געשאָסן און זי, די בלאָנדע, האָט ער געוויס געהייסן, אָלעס לעוואַדע, צום קלויסטער ברענגען, אויף די קני זי אַוועקשטעלן, זאָל זי זיך צלמען, און דערנאָך אין פֿעלד זי אַרויסגעפֿירט און בײַ די טאָלן, ווו די וועלף ווויען, אין די שנייען, זײַן, אָלעס לעוואַדעס, פּסק־דין אויסגעפֿילט.

אַוודאי האָט יענע בלאָנדע, אין דעם געשטאַלט פֿון אַ מאָנאַשקע, שוין ניט געקאָנט קומען אַהער, אָבער פֿאַר וואָס האָט זי גראָד איצט, בײַם בית־עלמין, פֿאַר מל־זײַן דאָס קינד, זיך איר דאָ פּלוצעם, סטיסיען, געחלומט?

— האַסטו גאָר ניט מורא, ייִדענע, שטעלן זיך דיר גאָר ניט די האָר קאַפּויער? דו ליגסט דאָך אויף דער מיטה, וואָס מ׳פּלעגט מיט איר טראָגן מתים! פֿון אָט דער מיטה, ייִדענע, גייט נאָר איין וועג, און נאָר פֿון דאַנען אַהין־צו, ווו די וועלט ווערט פֿאַרשלאָסן, ווו בלע המוות לנצח. ביי אָט דער שוואַרצער מיטה, ייִדענע, פֿלעג איך דאָך מאַכן מלאס, אָפּזאָגן די מתים פֿון זייערע ערטער, פֿאַרווערן זיי קומען צווישן די לעבעדיקע... אַ מאָל, ייִדענע, אַ מאָל, פֿון קדמונים אָן, פֿלעגן מתים קומען זוכן אַ דעך וואַרעמקייט, אַ ברעקל ניגון צווישן די לעבעדיקע, און היינט, ייִדענע, לויפֿט איר זוכן אַ דעך וואַרעמקייט, אַ ברעקל לעבן אויפֿן בית־עולם, צו די מתים. אַ בראָך צו אייערע יאָרן!

— און צו אייערע? — הייבט זיך נאָך סטיסיע אַלץ ניט אויף פֿון דעם שמאָלן געלעגערל. — און אויף אייערע יאָרן?

— אַ בראָך אויך צו מיינע. אַ בייזע מהומה אויך אויף מיינע יאָרן. שוין גוט? אָבער דאָס איז, ייִדענע, מיין געלעגער, אין אָט דער מיטה שלאָף איך, ס׳איז מיין אָרט. פֿאַרן אַנטשלאָפֿן ווערן שיק איך אַ קללה דער וועלט. דערנאָך זאָג איך נאָך זיך אַליין קדיש און פֿיל ווי די מיטה הייבט זיך אויף מיט מיר אויף וואַסערן און טראָגט מיך אַוועק איבער שווער־כוואַליענדיקע ימען, איבער ריזלדיקע טיפֿענישן, אַהין־צו ווו ס׳איז נאָך קיין הימלען ניטאָ, ווו האָט געוווינט גאָט פֿאַר מעשׂה־בראשית, ווו האָט ער געוווינט, שדי, אַז קיין הימלען זיינען נאָך ניט געווען? גאָט דאַרף מען זוכן ניט אין די הימלען, ניט אויף דעם כּסא־הכּבוד, ניט צווישן מלאכים מיט ווייסע פֿליגלען, נאָר אינעם תּוהו־ובֿוהו... אינעם תּוהו־ובֿוהו. אָט דאָרטן דאַרף מען זוכן דעם וואָס לעבט אייביק. דאָרטן אינעם...

שפּרינגט זי אויף, סטיסיע, און פֿרעגט ביי אים, ביי אַבֿושן, וואָס זי האָט אַ מאָל דאָרטן, ביי די ווענט פֿון דער תּפֿיסה, פֿאַר זיין זידלען און שעלטן די באַיאָרס, אָנגעטאָן אים אַ זאַק אויפֿן קאָפּ און דערלאַנגט אַ פּאָר גוטע בוכענצעס אונטער דער זיבעטער ריפּ:

— און איר, — פֿרעגט זי אים מיט כּעס. — און איר, און איר האָט ניט געהאָלפֿן מאַכן אָט דעם תּוהו־ובֿוהו? איר זייט דאָך אינעם צוואַנציקסטן יאָר געגאַנגען צווישן די ייִנגלעך מיטן ברענענדיקן פֿאַקל אין דער נאַכט

און זיי געהאָלפן פֿאַרמאַכן בתּי־מדרשים. איר, אַבוש, דער חריף, דעם רבס זון, איר האָט דאָך דעמאָלט געהאַלטן דרשות קעגן אַלע ייִדישע יום־טובים, קעגן פּסח, קעגן שבֿועות, קעגן ראש־השנה און יום־כּיפּור, קעגן מילה.

— הע, ייִדענע, — שלאָגט ער איר איבער, דרייט זיך אויס מיטן רוקן צו דער ברענענדיקער הרובע און די ווײַסע רייפֿעלעך אַרום זײַנע שוואַרצ־אַפּלען נעמען בליצן אויף איר. — הע, ייִדענע, דאָ פֿאַרשטייסטו שוין גאָרניט, כאָטש דו ביסט אַ וואָזשנע און דו האָסט געדאַוונט פֿונעם מאַרקסיסטישן און לעניניסטישן סידור דרײַ מאָל אַ טאָג און געשפּרונגען קדוש... קריך ניט אין די רייד אַרײַן! הער, ייִדענע, הער, איך האָב דורך זינד, דורך כּולו־חייבֿ, געוואָלט ברענגען די וועלט צו קדושה. איך האָב זי געוואָלט דורך זינד אומקערן צוריק צו די יסודי־התּורה, צו גערעכטיקייט, צו חיבֿת־הקודש, איין מענטש דעם צווייטן זאָל קאָנען קוקן גלײַך אין די אויגן אַרײַן. איך האָב געוואָלט דורך זינד אַראָפּברענגען משיחן!.. אָבער ניט דורך בלוט און טרערן! פֿון אַזוי פֿיל בלוט און טרערן האָט נאָך ביז הײַנט די וועלט ניט געוווּסט. אַנטקעגן אָט דער ממשלת זדון, איז שוין דער צאַריזם געווען אַ ווײַס שעפּעלע. אויף ניקאָלײַ דעם צווייטנס טראָן זיצט שוין אַזאַ מערדער. און אָט דער מערדער געבערט נײַע מערדערס. יאָ, יאָ, ייִדענע, היטלער איז אַ כּשרער זונדל פֿון אַײַער אָפּגאָטל, פֿון דעם, פֿאַר וועלכן איר פֿאַלט כּורעים און זינגט שבֿחים ותשבחות. וואַרט אַ ווײַלע, ייִדענע, נאָך איין וואָרט.

— אַ־האַ — פֿאַלט זי אים אַרײַן מיט אַ פֿאַרביסנקייט אין די רייד. — איר האָט זיך פֿאַר אַײַער כּולו־חייבֿ אַליין דערשראָקן! און איר וואָלט זיך דאָך באַדאַרפֿט גאָר פֿרייען! די וועלט איז דאָך שוין...

— ייִדענע, — שרײַט ער אויס און די ווײַסע רייפֿעלעך נעמען זיך אים ווילד דרייען אַרום זײַנע שוואַרצאַפּלען. — ייִדענע, מײַן כּולו־חייבֿ האָט גאָרניט צו טאָן מיט אומברענגען מענטשן, מיט פֿאַרגיסן בלוט. מײַן כּולו־חייבֿ איז פֿון דעם ווײַט, ווי הימל פֿון דער ערד! מײַן כּולו־חייבֿ, ייִדענע, האָט צו טאָן נאָר מיט זינד: מיט פֿאַרבײַגיין אַ ברכה, מיט אויסלעשן אַ ליכט אום שבת און נו, נו, מיט אַ ביס געבן אַ ברעקל בשׂר־קוויטש... אָבער מיט בלוט און טרערן? גאָט באַהיט מיך! משיח וועט קאָנען קומען אין אַ וועלט פֿון זינד, אָבער ניט אין אַ וועלט פֿון סדום. אין אַ וועלט פֿון רישעות קאָן ער ניט

קומען, ווײַל דאָס וואָלט געהייסן אַז דער אל־מלא־רחמים ווערט אַ שותּף צו די מעשׂים־תּעתּועים, צו דער גזלעוואַיסטווע, צו דער הפקרות. משיח וועט קיין מאָל ניט קומען אין אַ פאַרבלוטיקטער וועלט. קיין מאָל ניט! און אויב אַ פאַלשער משיח וועט קומען און וועט יאָ אויפשטעלן אויף דעם בלוט און ביינער אַ נײַעם גן־עדן אונטער דער זון, וועט אַזאַ קיניגרײַך קיין תּקומה ניט האָבן. אַזאַ קיניגרײַך פון צופרידענע און זאַטע וועט גיך צעבראָכן ווערן און אײַנפאַלן ווי די מויערן פון יריחו אויף אייביק. שווײַג יידענע, שטיל אײַן דײַן מענה־לשון! משיח איז ביז אַהער ניט געקומען ניט דערפאַר ווײַל די חוה האָט דאָרטן אַ ביס געטאָן פונעם עץ־הדעת, טיפּשות, אָט די מעשׂה איז פאַרטראָגן געוואָרן אין חומש פון דער פרעמד, פון די וואָס האַלטן דעם עץ־הדעת פאַר אַ חטא און די מעשׂה־קין האַלטן זיי פאַר אַ מיצווה. גאָט האָט לכתּחילה באַשאַפן דעם מענטשן מיט בינה און מיט דעת, בצלם־אלוקים האָט ער אים באַשאַפן דעם מענטשן. ניט דער עפּל איז דער חטא־הקדמון, טיפּשות. דער חטא־הקדמון איז קינס מאָרד! יידענע, כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז מײַן כּולו־חייב האָט צו טאָן מיט זינד, אָבער ניט מיט בלוט! דײַנע זינד, למשל, קאָנען יאָ העלפן אַראָפּברענגען משיחן. דײַנע זינד.

— וועלכע זינד מײַנע, — קאָכט זי אויף — וואָס בלינצלט איר אַזוי אויף מיר מיט אײַערע צעגליטע רייפּעלעך? וואָס, איר ווילט מיך מאַכן פאַר אַ שותּפטע?

— אַ גוזמא, יידענע, אַ גוזמא. דו קאָנסט ניט זײַן בײַ מיר קיין שותּפטע. דו קאָנסט ניט!

— פאַר וואָס?

— ווײַל איך, יידענע, זינדיק ניט צוליב זיך, נאָר צוליב דער טובה פון פאָלק ישׂראל, און דו זינדיקסט צוליב זיך. דו גיסט נאָך דײַנע תּאוות. דו האָסט דאָך געזינדיקט מיט דער מומע ליבעס יינגל ניט צוליבן פאָלק ישׂראל! דו האָסט דאָך געהאַט פון אים אַ קינד צוליב זיך... וואָס שווײַגסטו, פאַר וואָס האָט דיר ראַפּטעם דאָס לשון אָפּגענומען?

— אַלץ וואָס איר זאָגט, — רעדט זי קוים אַרויס — אַלץ וואָס איר טראַכט איצט וועגן מיר, ביטערער מענטש איינער, אַלצדינג איז פאַלש און ליגן! איר הערט?

— אַוודאי הער איך, — נעמט ער זיך רײַבן צופרידן די הענט. — אָבער אַ ברעקעלע אמת איז אפשר פאָרט פאַראַן אין מײַנע רייד? איך וועל ניט זאָגן, חלילה־וחס, אַז ס'גייט בײַ דיר פונעם קאַלטן שׂכל, ניין, ניין, אַזעלכס וועל איך ניט זאָגן, גאָט באַהיט! כ'וועל ניט זאָגן אַז דו נעמסט צו זיך דניאלס און דאָליס קינד... אָבער זײַ זיך מודה, אַז ערגעץ דאָרטן, טיף אין האַרצן... נו, גענוג אויף הײַנט!

— נו, ניין! — זאָגט זי צו אים שוין גאָר שטיל, נאָר מיט אַזאַ צאָרן, אַז ער פאַררוקט זיך פון דערשרעק אינעם ווינקל. — רעדט קלאָר, ניט פאַרשטעלט, אָן רעגן־בויגנס איבערן טײַך! זאָגט אָפן, אַז איך, די אַכט־און דרײַסיק־יאָריקע, די אויסגעלאַסענע, האָב אים דעמאָלטן פאַרפירט, דעם איין־און־צוואַנציק־יאָריקן, דניאלקען, אַז כ'האָב אים דעם קאָפּ פאַרדרייט, פאַרשיכּורט, אײַנגעשלעפּערט לעם זיך, און געהאַט פון אים אַ ממזר — איר קול ווערט אַלע מאָל איבערגעריסן און ס'ציטערן איר די הענט. — זאָגט, אַז סוף־כּל־סוף האָט זיך דניאלקע געכאַפּט, מיך אַוועקגעוואָרפן און חתונה געהאַט מיט עקיבאס טאָכטער, מיט דאָלין. — אויך די ליפּן ווערן איר שוין ווײַס: — זאָגט, ביטערער מענטש, זאָגט אַז איך בין אַפילו צופרידן וואָס מ'האָט צוגענומען דניאלן. ניט מיר, ניט דיר! אַזוי, האַ? זאָגט זשע אַז ערגעץ דאָרטן, טיף אין מײַן האַרצן, אויפן סאַמע דנאָ, ווערט געשטילט סטיסיע, די באַליידיקטע פרוי!

— הע, הע, ייִדענע, — פאַרשטעלט ער זיך פון איר מיט ביידע הענט און די ביז אַהער זיך דרייענדיקע ווײַסע רייפעלעך אַרום די שוואַרצאַפּלען בלײַבן שטיין. — אַ גוזמא, אַ גוזמא. זאָל מיך גאָט שטראָפן אויב איך טראַכט אַזוי.

— אויף בלוט און ביינער, — שפּאַרט זי זיך אויך אַרײַן אַהין, אינעם ווינקל. — אויף בלוט און ביינער, זאָגט איר, קאָן משיח ניט קומען, נו, און אויף זינד, אויף פאַרדאָרבנקייט, אויף זנות, אויף געמײנקייט און בלאָטע, זאָגט מיר, קאָן ער יאָ קומען אײַער משיח?

און דאָ אַז זי האָט אים, אַבושן, ניט געקוקט אויף זײַן טיפן עלטער, פונעם טונקעלן ווינקל פאַר די הענט אַרויסגעשלעפּט, אים אַוועקגעשטעלט פאַרן פײַער פון דער הרובע, וואָס שלאָגט מיט די האָניק־ און פעך־שמעקנדיקע

יאָדלע־וואָרצלען, געוואָלט אים ווי דעמאָלט אָנטאָן אַ זאַק אויפן קאָפּ — און אַ זאַק איז פֿאַר אירע אויגן אונטער דער מיטה געלעגן — דאָ האָט זי דערפֿילט ווי מ׳טרייסלט זי פֿאַר די אַקסלען:

— געפֿונען אַ צײַט? סטיסיע, דאָס קינד וויינט דאָך. דאָס קינד! איך בין פֿון דער קעלט און קאָן צו דעם ניט צוגיין. און ס׳איז שוין אויך צײַט זיך נעמען צוגרייטן.

— צו וואָס און צו וועמען זיך גרייטן?

— דאָס קינד דאַרף מען צוגרייטן!

— אויף ווען?

— אויף הײַנט, אויף באַלד!

— אויף באַלד, בײַ נאַכט?

— יאָ, סטיסיע, בײַ נאַכט, בײַ נאַכט! און פֿאַר דרײַ ייִדן! נאָר פֿאַר דרײַ ייִדן. אַברהם אָבינו האָט אויף זײַן ברית קיין דרײַ ייִדן ניט געהאָט. אויף מײַן אייניקלס ברית וועלן דאָ באַלד זײַן אַלע אַכצן מיליאָן לעבעדיקע ייִדן פֿון דער גאָרער וועלט. חי! סטיסיע, חי מיליאָן ייִדן און אויך אַלע פֿאַרגאַנגענע דורות. פֿון אַזאַ ברית, סטיסיע, האָט נאָך די וועלט ניט געוווּסט. אַ ברית אָן דעם לעבעדיקן טאַטן און אָן דער לעבעדיקער מאַמען... סטיסיע, גרייט צו דאָס קינד און איך וועל דעקן דעם טיש. מירן פֿראַווען אַזאַ סעודהלע...

אָבער ווײַטער הערט זי שוין ניט וואָס עקיבא רעדט צו איר, וואָס ער הייבט אָן רעדן מיט אַבושן פֿון וועגן דינים און מינהגים, זי לאָזט איבער דאָס קינד שרײַען און לויפֿט, אַפֿילו אָן אַ פֿאַטשיילע אויפֿן קאָפּ, אין דרויסן אַרויס.

און פֿון דאָרטן, פֿונעם שטיבל, איבער די פֿריש־אָנגעשאָטענע ערב־פֿרילינגדיקע אויסגעשטערנטע שנייען, אויף די סוף־ווינטערדיק־ייִאָושדיקע ווינטן, וואָס טראָגן פֿון די נאַכטיקע וועלדער אַ ווילד־אומרויִקן פֿילין־געשריי, בײַ דער אויפֿגייענדיקער רויטער לבנה, לויפֿט זי, סטיסיע, אויפֿן אַלטן בית־עלמין אַרויף, פֿאַלט צו צו דער ערשטער מצבה און ברעכט אויס אין אַ ביטערן געוויין, — אָבער אַ געוויין אָן אַ קול.

שוין יאָרן לאַנג ווי זי האָט אַזוי ניט געוויינט, סטיסיע באַיאַר. סײַדן

דעמאָלטן, ווען זי האָט געשאַרט מיט די הענט פונעם הייסן אַש פון דער מומע ליבעס אָפּגעבערענטער כאַטע די פּאַרקוילטע ביינער פון איר גרויסן חלום, און שפּעטער ביַים אָפּענעם אָרון־קודש, ווּהין זי האָט אַריַינגעלייגט איר געהרגעט קינד. און נאָך איין מאָל, נאָך פריִער, האָט זי אַזוי געוויינט, ווען מ׳האָט שימחהן געבראַכט אויף דער פור, שוין אַ האַלב טויטן, און ער האָט זיך נאָך אויפגעשטעלט, געוואָלט ביַי איר מחילה־בעטן, אָבער געקאָנט אַרויסריידן נאָר: „סטי־סיע!..״ פונעם אויסגעשלאָגענעם אויג האָבן אים גענומען טריפן גרויסע קנַילעכדיק־בלוטיקע טרערן און ער איז געפאַלן.

זי האָט איצט אויך געוויינט, סטיסיע באַיאַר, אָן אַ קול און אָן ווערטער. זי האָט זיך פאַר קיינעם ניט געקלאָגט, ביַי קיינעם גאָרנישט ניט געבעטן — איר געוויין פאַלט אין די שאָטנס, וואָס די לבנה צעוואָרפט צווישן די מצבה־שטיינער, צווישן די נאַקעטע בערעזעס, וואָס רוישן אויף די ערב־פרילינג־דיקע ווינטן.

זי וויינט, סטיסיע, אויף איר אייגענעם גורל, אויפן גורל פונעם קימפּעט־קינד, אויפן גורל פון דאַנין מיט דאָלין, אויפן גורל פון עקיבאן, אויף חרותעס און איזועס גורל, אויפן טרויער וואָס שטייט אין דער משפחה נאָך די אַרויס־געריסענע פונעם לעבן. זי האָט אויך געוויינט אויפן גורל פונעם טיפן זקן, פון יצחק באַיאַר, וואָס גייט אין די פאַרנאַכטן אין וואַלד אַריַין דאַוונען מינחה־מעריב און שריַיט דאָרטן צו די הימלען: „לא תרצח! דו הערסט, רבונו־של־עולם, וואָס איך, יצחק באַיאַר, זאָג דיר דאָ: לא תרצח! דו זאָלסט ניט הרגענען! גענוג, גענוג דיר!״ און אויך פאַלט אירע אַ טרער אויפן גורל פונעם פאַרביטערטן אַלטן אַבושן, וואָס ביַים לייגן זיך שלאָפן שיקט ער דער וועלט אַ קללה, הייבט זיך דערנאָך אויף מיט דער מיטה און טראָגט זיך מיט איר איבער צעשטורעמטע וואַסערן אינעם תוהו־ובוהו זוכן אַ גאָט...

עקיבא איז שוין צוויי מאָל אַרויס, פאַר דער טיר זיך אַרומגעדרייט, — ער האָט יאָ געהערט סטיסיעס געוויין און געטראַכט, אַז אויך אָט דער געוויין, ווי מלכּהס קלאָג אויף יענעם בית־עולם, דאַרף פאַרשריבן ווערן אינעם באַיאַר־פּינקס אויף דורות. ער האָט געוואָלט גיין, עקיבא, און צונעמען סטיסיען מיט גוואַלד פונעם קבר, אַרויספירן זי פונעם הייליקן אָרט, פון יענעם רויכיק־רויטן שיַין־געוויטער, וואָס שלאָגט פון דער לבנה, נאָר ער

איז ניט געגאַנגען, ווײַל ער האָט געוווּסט: דער געווײן פון אַ באָיאַר מוז אויסגעווײנט ווערן. ס׳איז ניט אָפּצושטעלן, ווי ס׳איז ניט אָפּצושטעלן דעם שלאַקסרעגן נאָך אַ פּאַרטריקעניש. און עקיבא גייט מיט צענומענע הענט צוריק אין טהרה־שטיבל אַרײַן.

נאָר אַז ער גייט שוין צום דריטן מאָל אַרויס — אַ שטילקייט שטייט איבערן בית־החיים, אָפּילו די ווינטן וויגן זיך פּאַרטײַעט־שווײַגנדיק אויף די בערעזעס, אויך דעם נאַכטגעשריי פון יענעם וואַלדפויגל איז שוין ניט צו הערן, נאָר פון די שנייען שפּריצן שטאַרקער פּאַרפלאָמטע פונקען צו די שוואַרצע הייכן, דעמאָלטן לאָזט ער זיך צום בית־עלמין לויפן: סטיסיען דאַרף מען בײַ יענע קברים זוכן... ווי האָט ער גאָר געקאָנט אַזוי לאַנג זי לאָזן דאָרטן איינע אַליין אין די שנייען? אין אַזאַ נאַכט, אין דעם איינעם קאַפּטל, אָן אַ טיכל אויפן קאָפּ איז דאָך גרינג צו פּאַרפרוירן ווערן. גראָד אויפן בית־עלמין ציט דאָך אַזוי אַהין, צו דער רו־שטילקייט, צו דער ווײַסער אייביקייט.

— וווּהין טראָגט עס אײַך? — שטעלט זי אים אָפּ בײַם טויער.

— ס׳איז שוין אַלצדינג גרייט, סטיסיע, מיר וואַרטן נאָר אויף אײַך.

— און אַ נאָמען פּאַרן קינד האָט איר שוין?

— ער וועט טראָגן דעם נאָמען פונעם ערשטן באָיאַר, וואָס האָט זיך באַזעצט אין די פּאָלעסיער וועלדער. ער וועט אויך הייסן עזרא!

— איז דאָס עקיבא, המשך צי גאָר אַ נײַ בלעטל? אַ נײַער עזרא אָבינו? און וואָס זאָגט אַבוש?

— אַבוש שווײַגט, כ׳האָב אים געבעטן דרײַ טעג שווײַגן.

— און דעם לײַוונט האָט איר צעשניטן? וויפל פּעלישקעס זײַנען אַרויס?

— צוויי טוץ גרויסע און צוויי טוץ קליינע.

— און וויפל האָבן מיר וואַרעמע?

— אויך צוויי טוץ. און צוועלף וויקלשנורן.

— גרייט מיר צו דעם אײַזן, וועל איך אַלצדינג באַלד אויספּרעסן. — אין איר קול וואָלט שוין גאָר קיינער ניט געקאָנט דערקענען אַז עפּעס־וואָס איז מיט איר דאָ נאָר־וואָס אויפן בית־עלמין פּאַרגעקומען. הגם אַ דורכגע־פרוירענע ביזן ביין, גייט זי צום שטיבל פּאַוואָליע, טראָט בײַ טראָט, אָן

אויסגעגלײַכטע, דעם קאָפּ נאָר אַ ביסל אָנגעבויגן, ווי שוין ווידער אינעם גורל־יאָך אַרײַן, שוין גרייט ווײַטער צו שלעפּן דעם אַקער און צו אַקערן דאָס לעבן, — שוין ניט פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר זיי, פֿאַר די צוויי קינדער, פֿאַר אירס און פֿאַר דאָליס.

זי שפּאַנט שווער, סטיסיע, ווי באַרג־אַרויף, פֿאַרטראַכט, הייבט אַלע מאָל דעם קאָפּ, ווי געוואָלט דעם סוף פֿונעם ווײַטוועג דערזען, און ניט נאָר די טרוקן־האַרטע, די מיט ליסקע־פֿינקלענדיקע שנייען קרעכצן, נאָר אויך די פֿאַרפֿרוירענע ערד רופֿט זיך דאָרטן אָפּ אונטער אירע באַיאָר־עקשנותדיקע טריט.

די נאַכטשאָטנס ווערן געדיכטער, דער רויך־פֿלאַמיקער שײַן־געוויטער ווערט שטיל און שטילער, — די שקיעה פֿון דער זון דערגוססט אויף דער לבנה. און באַלד פֿאַלט זי, די נאַכטוואָגלעריין, שוין אַ ווײַסע, אויפֿן דנאָ פֿון אַ בלוי־גרינלעכער סאַזשלקע. עקיבא פֿאַרמאַכט אויף די צוויי שמאָלע פֿענצטערלעך די דרויסנדיקע לאָדנס און גייט נאָך סטיסיען אין טהרה־שטיבל אַרײַן, — פּראַווען דאָרטן דעם ברית־מילה פֿון זײַן דאָליס קינד, פֿון זײַן אייניקל.

און שפּעטער, אין יענער נאַכט בײַם אַלטן אָנגעשנייטן בית־עלמין, ווו אין דעם טהרה־שטיבל הינטער די פֿאַרמאַכטע לאָדנס, בײַ זיבן ברענענדיקע ליכט, האָט מען אַרײַנגעבראַכט עקיבאס און דער מומע ליבעס אייניקל אינעם ברית פֿון אַברהם אָבינו, געגעבן דעם נאָמען עזרא, נאָך יענעם ווײַטן זיידן, נאָך יענעם חידושימדיקן גאָלדשמיד, וואָס איז פֿאַר צײַטנס איבער אַ בלוט־בילבול אַנטלאָפֿן מיטן ווײַב, מיט דער קלוג־שיינער בת־שבען, פֿון די דײַטשלענדער, פֿאַרוואָגלט און פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן אַהער־צו, אין די פּאָ־לעסיער וועלדער, זיך באַזעצט דאָ און געוואָרן דער פֿאָטער פֿונעם גרויסן שבט באָיאַר, — אין יענער נאַכט, ווען דער ברית איז געגאַנגען בײַ אַ מזומן ייִדן, מיטן „ואמר לך בדמיך חיי" האָט דעמאָלטן דאָרטן אין טורמע דעם קינדס טאַטע, דער מומע ליבעס זון, נאָכן נהרג־און צעממיתט ווערן, נאָך זיבן קײַלעכדיקע מעת־לעת ניט צומאַכן אויף אַ רגע קיין אויג, זיך סוף־כּל־סוף מודה געווען און אונטערגעשריבן אַז ער, דניאל באָיאַר, האָט געמאָלט די ייִדישע הילצערנע שטעטלעך מיט די שטרוי־און שינדל־דעכער, די בתּי־מדרשים, די הייליקע־ערטער, די פּאָגראָמען, די שׂרפֿות, די אויפֿגעשניטענע פּערענעס, און די פֿרום־בערדיקע פֿויערים, וואָס האָבן באַגראָבן זײַן, דניאל־קעס מאַמע, אַ לעבעדיקע, אינעם ערב־ווינטערדיקן פֿאַרטאָגיקן וואַלד... יאָ, האָט ער זיך מודה געווען, דניאל באָיאַר, אָט די אַלע בילדער האָט ער געמאָלט אויף דער באַשטעלונג פֿון די צוויי אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן נחמן בראַצלאַווער און ישׂראל סאַלאַנטער... — אין יענער נאַכט בײַם ווײַסן בית־הקברות, סטיסיע האָט שוין אויף אירע הענט אײַנגעשטילט און פֿאַרוויגט דאָס קינד; ר׳ אַבוש זיצט אויף דער מיטה און פֿאַרענדיקט דאָרטן אַליין דאָס פֿלעשל בראָנפֿן, ער פֿאַרבײַסט נאָך אַלץ ניט, די ווײַסע רייפֿעלעך אַרום זײַנע שוואַרצאַפּלען ווערן אים וואָס ווײַטער רויטלעכער און זיי נעמען גיין אין אַ ראָד, — די אויגן גייען אים אַוועק אין אַ טאַנץ אַליין, אָן אים, אָן אַבושן.

דער ייִד, דער מוהל, שרעקט נאָך אַלץ און חידושט זי, סטיסיען, מיט זײַן אויסזען: סײַ זײַן וווּקס, סײַ זײַן ליכטיק־ווײַסע באָרד, דער עיקר זײַנע אויגן, וואָס דערמאָנען אַזוי אָן יענע, אין דער מומע ליבעס אויגן, וואָס האָבן אין אָן עת־צרה געטראָגן טרייסט און האָפענונג, געלינדערט און פאַרגרינגערט, מיטן שטאַרקן וואָרט אונטערגעהאַלטן און ניט געלאָזט פאַלן. אָט דער ייִד, דער מוהל, איז דאָך אויך אַזוי מסוכּן ענלעך אויף איר עלטער־זיידן, אויף זרחלען, וואָס האָט זי פאַראַכטאָגן געשיקט אין שטאָט אַרײַן. אָט דער ייִד איז אויך אין אַ נײַער קאַפּאָטע און דער קאַשקעט, נאָכן טרינקען לחיים, איז בײַ אים אויף דער זײַט. און הגם זי ווייסט שוין, עקיבא האָט איר שוין דרײַ מאָל געזאָגט, אַז דער ייִד אַרבעט הינטער דער שטאָט אין אַ מיל, דאָך... דער ייִד זיצט פאַרנייגט דעם קאָפּ צום רעכטן אַקסל, ווי יצחק באָיאַר ווען ער הערט זיך צו צי ס׳גייט נאָך ניט קיין נײַע גזירה. דערנאָך זעט זי אים, דעם ייִדן, האַלטן די ליכטיקע באָרד אין האַנט און זיך צוהערן מיט שמייכ־לענדיקע אויגן צו עקיבאס שפּילן אויפן פידל. ער שפּילט, עקיבא, שטיל, קוים וואָס ער רירט אָן די סטרונעס — דער ניגון גייט פון זייער ווײַט. און דאָ דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין לאָדן.

— ווער קאָן דאָס זײַן? — פרעגט סטיסיע בײַ עקיבאן מיט אַ פאַר־כמאַרעט געוואָרענעם פּנים ניט פון שרעק נאָר פון זאָרג. — ווען קאָן עס אין אַזאַ האַלבער נאַכט פאַרטראָגן אַהער?

— ווער קאָן גיין אין אַזאַ שפּעטער שעה צום בית־עולם קלאַפּן אין לאָדן אויב ניט זיי, סמערדיאַקאָווס אָפּריטשניקעס? — און עקיבא לעשט אויס די זיבן ליכט, פאַררוקט זיי אונטער דער מיטה, און מ׳פאַרבלײַבט בײַ דער שײַן פונעם נאָפּטלעמפּל. — דאָס גייען זיי, סטיסיע, נאָך מײַן נשמה. שוין געקומען אויך מײַן צײַט. אַ לעבעדיקער דערלעבט זיך צו אַלץ. צווישן סמערדיאַקאָווס פינגער וועט אָפילו קיין פלוי ניט דורכשפּרינגען. — ער ראַמט אויף גיך פון טיש, פאַרשאַרט אין האַנט אַרײַן און וואַרפט די לעצטע סימנים פונעם ברית־מילה אויפן פײַער פונעם הרובקעלע, פאַרמאַכט גוט דאָס טירל אַז די פריילעך־באַגילדטע פײַערן פון די פּעכיקע יאָדלע־וואָרצלען זאָלן ניט שלאָגן איבערן שטיבל. — סטיסיע, ביז דאָס קינד וועט איבער־ווייטיקן דעם חיתוך, וועט איר איבערזײַן בײַ ר׳ מלך — ווײַזט איר עקיבא

אויפֿן מוהל. — דאָרטן, בײַ ר׳ מלך וועט אײַך גאָרנישט פֿעלן. מ׳וועט אײַך מיט אַלצדינג באַזאָרגן און העלפֿן פֿאַרפֿאָרן מיטן קינד אַהיים. דאָס קינד, סטיסיע, בלײַבט שוין איבער נאָר אויף אײַערע הענט. עפּעס אַ מאָדנע קלאַפּן! — און ער גייט עפֿענען די טיר.

נאָך עקיבאס אַרויסגיין, ווערט שוין סטיסיע גאָר צעטומלט. נאָך פֿריִער, שוין באַלד ווי מ׳האָט אָנגעקלאַפּט אין לאָדן, האָט זיך דער מוהל געגומען פֿאַר אירע אויגן בײַטן און זיך ענדערן. און איצטער, שוין בײַ דער שײַן פֿונעם לעמפּל, דערפֿילט זי ווי עפּעס קומט פֿאָר מיט איר ראיה: דעם ייִדן, דעם ר׳ מלך, אויף וועמען עקיבא ענטפֿערט זי דאָ איבער מיטן קינד, און צו וועמען זי וויל זיך ווענדן מיט אַ וואָרט, יענעם ייִדן מיט דער ליכטיק־ווײַסער באָרד ווי פֿון לבנה אויסגעשפּינט, יענעם ייִדן זעט זי שוין מער ניט. יענער ייִד, וואָס איז אַזוי ענלעך געווען אויף איר עלטער־זיידן, אויפֿן הונדערט־דרײַצן־יאָריקן זרחלען באָיאַר, יענעם ייִדן מיט דער מומע ליבעס אויגן, וואָס טראָגן טרייסט און האָפֿענונג, יענעם ייִדן אין דער נײַער קאַפּאָטע, מיטן קאַשקעט אויף דער זײַט, וואָס האָט געהאַלטן פֿאַרנייגט דעם קאָפּ צום רעכטן אַקסל, ווי יצחק באָיאַר, יענעם ייִדן מיטן מלאכדיקן פּנים, מיט די גוטע שמייכלענדיק־אָפֿענע גרויסע אויגן, וואָס האָבן זיך פֿריִער צוגעהערט צו עקיבאס שפּילן אויפֿן פֿידל, יענער ייִד, איז שוין מער ניטאָ פֿאַר אירע אויגן. אַנטקעגן איר אויף דער באַנק, זיצט אַ טאָג־טעגלעכער, אַ געוויינטלעכער ייִד מיט אַ צעקנייטשטער געלער באָרד — די געלע באָרד האָט סטיסיען גאָר געפּלעפּט — אין אַ וואָכעדיק רעקל, אַרומגעבונדן מיט אַ געקניפּט שטריקל, די כאַלעוועס פֿון די שטיוול פֿאַרמעליקט, און די אויגן זײַנען בײַ אָט דעם ר׳ מלכן גאָר קליינינקע. האָט זי שפּעטער זיך געפּרוווט וועגן דעם אַ רעד טאָן מיט עקיבאן, נאָר יענער האָט אויף אירע רייד געקנייטשט מיט די אַקסלען:

— אַ ליכטיק־ווײַסע באָרד, זאָגט איר? ניין, סטיסיע, ס׳האָט זיך אײַך אויסגעוויזן. בײַ ר׳ מלכן, וויפֿל איך קען אים, שוין באַלד צוויי יאָר, איז אַ געלע באָרד. און ער איז געווען, זאָגט איר, אָנגעטאָן אין אַ נײַער קאַפּאָטע? ניין, סטיסיע, אין אָט דעם הילוך איז ער געקומען אַהער. איר זײַט מיד, סטיסיע, איר דאַרפֿט זיך אויסרוען.

האָט זי זיך מיט עקיבאן ניט געשטעלט שפּאַרן. זיך אַפילו פאַרשעמט פאַר אירע אויסדאַכטעענישן, דאָך, אַז אַבוש האָט זיך פון דער מיטה אויפגעהויבן און צווישן הרובע און דער וואַנט דאָס אויסגעלײדיקטע בראָנפן־פלעשל אַרײַנגעשטעלט, האָט זי אויך בײַ אים פון וועגן דעם מוהל געפרעגט. האָט אויך ער, אַבוש, אַן ערך איר געזאָגט דאָס זעלביקע, וואָס פריִער האָט איר געזאָגט עקיבא. אַקוראַט ווייסט ער ניט, אַבוש, ווער דער געלער מלך איז, ער קאָן איר אויך ניט זאָגן ווען און פון וואַנען ער קומט אויף דער מיל, נאָר אַרבעטן אַרבעט ער דאָרטן שווער בײַ די מילשטיינער. און אַבוש האָט נאָך צוגעגעבן:

— דער געלער מלך איז אַ פּראָסטער ייִד. אַ הדיוט!

און ווײַטער איז שוין גאָר געווען ניט צו באַנעמען, ניט צו פאַרשטיין און ניט צו פאַרשטעלן זיך: אין טהרה־שטיבל איז אַרײַן איינער אין פּענסנע, אין ווײַס־פּילצענע פּוישטן מיט גלאַנציקע קאַלאָשן אויף רויטן אונטערשלאַק, אין אַ מאַנטל מיט אַ פוטערנעם שאַלקאַלנער, אין אַ פוטערנעם לאַפּנהיטל, — אַלץ איז אויף אים געווען צו גרויס, ווי פון פרעמדע אַקסל.

דער אַרײַנגעקומענער איז בײַם שוועל געבליבן שטיין, ווײַל ווי נאָר פון דער קעלט אין דער וואַרעמקייט אַרײַן, אַזוי זײַנען בײַ אים די פירקאַנטיקע גראָבע גלעזלעך פאַרשוויצט געוואָרן און דער מענטש האָט שוין ווײַטער ניט געזען וווהין צו שטעלן אַ טראָט. האָט ער די פּענסנע געוואָלט אויסווישן, זײַנען זיי אים גאָר אַראָפּגעפאַלן און אויפן שוואַרצן שנירל געבליבן הענגען.

אָן די פּענסנע ווערט דעם אַרײַנגעקומענעמס פּנים נאָך לענגלעכער, נאָך דערשראָקענער, נאָך אויסגעמאָגערטער. ער שטייט מיט די אַראָפּהענגענדיקע פּענסנע אויפן שוואַרצן שנירל בײַם שוועל, לייגט איבער פון איין האַנט אין דער צווייטער דעם שווערן יאַמשן־שטעקן, וואָס הערט ניט אויף צו ציטערן און צו טרייסלען זיך אין זײַנע הענט. זאָגט צו אים עקיבא:

— טוט זיך אויס, איליאַ איליטש, און לאָמיר הערן פון אײַך אַ קלאָרן, אַ לעבעדיקן וואָרט. ניין, ס׳איז אומגלייבלעך, ס׳איז טאַקע פּשוט ניט אויסצומאָלן זיך. גאַנצע דרײַ מינוט האָב איך אײַך ניט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס זײַט איר!

ערשט אַצינד, דערהערט דעם נאָמען פון יענעם, וואָס שטייט בײַ דער

טיר, מיט די פאַרלוירן־פינטלענדיקע אויגן, מיט דעם זיך טרייסלענדיקן שטעקן אין די הענט, הייבט זי דאָ אָן, סטיסיע, צו אָנשטויסן זיך, אַז אין טהרה־שטיבל געפינט זיך אויך דער פּראָפעסאָר רמז. דורך אַוועלכע וועגן און דורך אַוועלכע גאָטס נסים ונפלאות האָט ער, דער פּראָפעסאָר רמז, וואָס איז פאַראַכטאָגן אַרעסטירט געוואָרן, זיך געקאָנט פּלוצלינג אַהער־צו אַרײַנ־שטעלן? ס׳איז נאָך קיין איין מאָל ניט געשען, קיין איין מאָל האָט נאָך ניט געטראָפן, אַז עמעצער, סײַ אַ לעבעדיקער, סײַ אַ טויטער, זאָל זיך פון דאָרטן אומקערן... אָבער יענער שטייט דאָך פאָרט פאַר אירע אויגן בײַ דער שוועל.

איר, סטיסיען, האָט זיך אפשר פריִער געקאָנט אויסווײַזן און אויסדאַכטן אַז דער מיליײִד ר׳ מלך טראָגט אַ ליכטיק־ווײַסע באָרד, פאַרמאָגט דער מומע ליבעס גוטע און טרויעריקע אויגן, אַז ער פאַרנייגט דעם קאָפּ צום אַקסל ווי יצחק באַיאַר און אַז ער, ר׳ מלך, איז ווי צוויי טראָפּן וואַסער געראָטן אין איר עלטער־זיידן, ר׳ זרחלען. גוט, זאָל זײַן אַז פריִער האָבן זיך די פאַרבן און קאָלירן געמישט און געפלאָנטערט אין אירע אויגן; זאָל זײַן אַז דאָ, בײַם בית־עלמין, אינעם טהרה־שטיבל, האָבן זיך אַרומגעדרייט פאַר איר אויך די אומגעקומענע און געשטאָרבענע באַיאַרס. אָבער איצטער? נאָך איידער עקיבא האָט אָנגערופן דעם אַרײַנגעקומענעם בײַם נאָמען האָט זיך איר אויסגעדאַכט אַז בײַם שוועל שטייט יענער, וואָס איז אַ מאָל געפאַלן איווען צו די פיס, געשוווירן מיט טרערן אין די אויגן, אַז ער איז גרייט צו גיין פאַר איר אין אַלע פײַערן, נאָר אַז ס׳האָט געשלאָגן איר נסיונדיקע שעה, האָט ער זי, איווען, איבערגעלאָזט איינע אַליין מיט די אויסגעצויגענע הענט אין דער לופטן... שוין באַלד בײַ זײַן אַרײַנגיין, שוין לויט די קורץ־ראיהדיקע רעטעניש־אויגן, באַזונדערס לויט די אַראָפּהענגענדיקע פּענסנע אויפן שוואַרצן שנירל, האָט ער איר אויסגעזען צו זײַן ביז גאָר קענטלעך. דאָך און פאָרט, ווען עקיבא רופט אים ניט אָן בײַם נאָמען, וואָלט זי אים קיין מאָל אין לעבן ניט דערקענט, — אָן יענער שיינער שוואַרצער באָרד איז אים, רמזן גאָר ניט צו דערקענען: אָט דער איינער, וואָס שטייט איצט אין טהרה־שטיבל בײַ דער שוועל, איז ניט מער ווי אַ געשפּענסט, ווי אַ שאָטן פון יענעם רמזן — מ׳קאָן זיך קוים אָנשטויסן.

און אַז דער פּראָפעסאָר רמז האָט פון זיך דעם טונקל־מאַרענגע מאַנטל

מיטן פוטערנעם שאַלקאַלנער אַראָפּגעגנומען און פֿאַרבליבן אינעם אומעטיק־שעוויאַטענעם קאָסטיום, האָט עקיבא שוין פֿון שרעק און ווייטיק אונטער־געהויבן די אַקסלען:

— אָט דאָס מאַכן זיי פֿון אַ מענטשן פֿאַר איינע אַכט טאָג? אַלצדינג הענגט דאָך אויף אײַך. אוי, אָט די סמערדיאַקאָווטשינע, — כאַפּט ער זיך אָן פֿאַרן קאָפּ. — אָט די סמערדיאַקאָווטשינע איז אַ גרויסער גזר! די סמערדיאַקאָווטשינע איז אַ פּאַטאַלאָגישער צייכן פֿון אונדזער צײַט. דער סמערדיאַקאָוויזם כאַפּט שוין אַרום די גרעסטע טייל פֿון דער מענטשהייט אין דער גאַנצער וועלט. און ער וואַקסט, דער סמערדיאַקאָוויזם, פֿון טאָג צו טאָג, פֿון שעה צו שעה! ווער איז דען היטלער, וואָס איז אַזוינס נאַציזם? אַ ניט פֿאַרשטעלטער באָלשעוויזם! יאָ, יאָ, סטיסיע, קוקט ניט אויף מיר מיט אַזעלכע אויגן, גייט ניט אַרויס פֿון די האַלאַבליעס! דער נאַציזם איז אַ ניט פֿאַרשטעלטער באָלשעוויזם! דער נאַציזם איז אַ באָלשעוויזם שוין אָן אַ ברעקל פֿײַגנבלעטל... גוט, סטיסיע, גוט, מער רעד איך וועגן דעם ניט. זעצט אײַך, איליאַ איליטש, לעם ר׳ אַבושן. אין מײַנע דעפּאַרטאַמענטן איז אַ ביסעלע ענגלעך. נאָר ווי פֿלעג זאָגן די מומע ליבע: אין ענגשאַפֿט אַבי אין ליבשאַפֿט. אָט גיב איך אײַך שוין אַ הייסע גלאָז טיי מיט צובײַסן, און דער־קלערט אונדז, איליאַ איליטש, ווי אַזוי איז עס געשען, וואָס זיי האָבן אײַך אַרויסגעלאָזט? ס׳לייגט זיך גאָרניט אויפֿן שׂכל! ווען איך דערזע ווי אַ מת קריכט פֿון אונטער דער מצבה פֿון קבר אַרויס, וואָלט עס מיך אַ סך ווינציקער איבערראַשט.

און בײַ אים, בײַם חריף, בײַ אַבושן, צעבלינצלען זיך די רייפּעלעך אויף רמזעס פּנים, וואָס אָן דער באָרד, — יענע רײַכע באָרד האָט אים, אַבושן, אַלע יאָר אויפגעבראַכט, אויפגערייצט און דער עיקר געוועקט אין אים יענעם אין דער טיף פאַרטריבענעם געפיל פון קלענערקייט, פון פאַר־שאָטנטקייט. איצט איז בײַ אים, בײַ רמזן, אַ נאַקעטער פּנים, אַן אויסגע־צויגענער און מיט אַזאַ דינער הויט, אַז אויב ער זאָל אַפילו אין זײַן ווײַטער־דיקן לעבן קיין איין וואָרט ניט אַרויסברענגען, וועט מען שוין סײַ ווי קאָנען צווישן די קנייטשעלעך אַרײַנקוקן און זען די נשמה זײַנע. אָבער אָן שאָדנ־פרייד, אַפילו מיט גרויס מיטגעפיל און מיט אמתן באַדויער אויפן גרויסן היזק וואָס יענעמס פּנים האָט געליטן, רוקט ער זיך אָפּ, אַבוש, און מאַכט פאַר רמזן אָן אָרט לעם זיך אויף דער מיטה. און אַז יענער נעמט אַראָפּ פונעם קאָפּ דעם פוטערנעם יאַלעם און בלײַבט מיטן אָפּגעשוירענעם קײַ־לעכדיקן שאַרבן אונטערן שײַן פון דעם לעמפּל, טוט ער אַפילו, אַבוש, אַ שווערן קרעכץ. ס׳הייבט אים שוין אויך אָן צו אַרן למאַי ער האָט צוריק מיט אַ האַלב יאָר, בײַ איוון אין שטוב, אין אַ חילוקי־דעות, אין אַן אַמפּערניש, שאַרף אָנגערירט רמזעס כּבוד. אייגנטלעך האָט דאָך דעמאָלט יענער אַרויס־געזאָגט זײַנע, אַבושעס פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען. צום שטאַרקסטן האָבן אים, אַבושן, גראָד אויפגעבראַכט די רייד, אַז שבתי צבי איז געווען גרויס דערמיט, וואָס ער האָט זיך אָפּגעשמדט. ניט פון שרעק פאַר יאַרן תּפיסה, — האָט דער פּראָפעסאָר רמז דעמאָלט אײַנגעטענהט מיט אים, מיט אַבושן, — ניט פון פּחד אַז מ׳וועט אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ. אַ מענטש, וואָס האָט געקאָנט אויפרודערן אַ פאָלק, די אָנגעזעענסטע רבנים זײַנען גרייט געווען גיין נאָך אים, נאָך שבתי צבי, זיי האָבן נאָר געוואַרט אויף זײַנעם אַ ווונק. אַזאַ מענטש ווי שבתי צבי האָט ניט מורא פאַרן טויט. ניט די מורא פאַרן טויט האָט אים געבראַכט

צום איסלאַם. אַ ניין, ר׳ אַבוש, מיט זײַן שמדן זיך האָט שבתי צבי געזאָגט צום ייִדישן פֿאָלק: געגנוג צו לעבן אין חלומות, גענוג צו וויגן זיך אויפֿן גאולה־שפּינוועבס...

אין טהרה־שטיבל שטייט באמת אַ טויטע שטילקייט, — ס׳הערט זיך נאָר ווי דאָס געמלעטע קינד טוט פֿון מאָל צו מאָל אין שלאָף ניט קיין כליפּע, נאָר אַ זיפֿץ פֿון אַ דערוואַקסענעם. קיינער טוט זיך ניט קיין ריר. פֿון דער ווײַטנס וואָלט מען געקאָנט מיינען אַז ניט קיין לעבעדיקע, נאָר טויט־פֿאַרגליווערטע זיצן דאָ בײַם פֿאַרשנייטן אַלטן בית־עלמין אין דער שפּעטער שעה פֿון דער נאַכט. מיט אָנגעשטעלטע אויערן און אָפֿענע מײַלער, מיט שאַרפֿער אומרויִקייט און מיט אָנגעגליטער אומגעדולדיקייט, שוין ביז גאָר אויפֿגערעגט, שוין מיט איבערגעטריקנטע גאָרגלען, שוין מיט אָפּגעשטעלטן אָטעם וואַרטן זיי אַלע, וואָס וועט דאָ דער נאַקעט־אַרומגעשווירענער פּראָ־פֿעסאָר רמז פֿון וועגן דעם בייז־ווונדער, פֿון וועגן זײַן יציאת־ענקאַוועדע דאָ דערציילן.

אָבער יענער פֿאַרעט זיך נאָך אַלץ מיטן אַנזאָטלען די פֿענסנע אויף די אויגן, וואָס זײַנען אים געוואָרן דאָ מיט אַ מאָל נאָך קורץ־ראיהדיקער און נאָך רעטעניש־פֿאַרשטעלטער. דערנאָך האָלט ער אין איין אונטערציִען און פֿאַר־ריכטן דעם געשפּרענקלטן שניפּס אונטערן ווײַסן קאָלנער און ווען סוף־כּל־סוף ער הייבט שוין יאָ אָן צו רעדן, קאָן מען פֿון זײַנע צעשאָטענע, צעבראָכן־געבראָקטע ווערטער, קוים אויפֿכאַפּן: שוין נאָך דעם ווי מ׳האָט אים, דעם פּראָפֿעסאָר רמז, אַראָפּגענומען די באָרד, אָפּגעשוירן דעם קאָפּ האָר, שוין געהאַלטן אים בײַם פֿאַרשיקן, נאָר פּלוצעם, בײַ נאַכט, שטייענדיק אויג־אויף־אויג מיט דניאלן, האָט מען אים פֿון דאָרט אַרויסגעפֿירט, אומגעקערט די זאַכן און די דאָקומענטן, זיך פֿאַר אים שטאַרק אַנטשולדיקט און אים גלײַך אָפּגעפֿירט אין קליניק אַרײַן, ווו איינעם פֿון די גדולים האָט מען באַדאַרפֿט מאַכן אַ ביז גאָר קאָמפּליצירטע אָפּעראַציע אויפֿן מאָגן. ערשט דעמאָלטן, ווען רמז דערמאָנט דניאלס נאָמען, צאַפּלט סטיסיע אויף:

— איר האָט דאָרט געזען דניאלקען?

— די ערשטע צוויי נעכט זײַנען מיר געווען מיט אים אין איין קאַמער.

— אין איין קאַמער? — דערפֿרייט זיך סטיסיע.

— אין דער קאַמער וווּ ס'קאָנען אַרײַן זעקס מענטשן, האָט מען אַרײַנגעשפּאַרט צוויי און צוואַנציק. דערצו נאָך איז די קאַמער אַזוי אָנגעהייצט, אַז מ'ווערט דאָרט אָפּגעגאָסן מיט אַ גערדיכטן שוויס, וואָס צעפּרעסט דאָס לײַב. דער געזאַלצענער שוויס שטייט אין די אויגן. דו ווערסט באַדעקט מיט בלאָטערלעך. די פּאַראַשע איז כּסדר פאַרנומען און פונעם ריח קערט די גאַל.

— אָבער וואָס האָט ער אײַך דאָרטן, דניאַלקע, געזאָגט? — וויל סטיסיע וואָס גיכער וויסן.

— איידער מ'האָט אים גענומען אויפן פאַרהער האָט ער געטאַנצט און געזונגען. מ'האָט געמיינט אַז ער איז אַראָפּ פונעם זינען.

— איר האָט אים געזאָגט אַז דאַלי האָט געהאַט? — מישט זיך דאָ אַרײַן עקיבא.

— יאָ, ווען ער האָט זיך דערוווּסט פון מיר אַז דאַלי האָט בשלום געהאַט אַ ייִנגל, האָט ער פון פרייד ניט געקאָנט זיך געפינען קיין אָרט.

— איך שטעל מיר עס פאָר! — נעמט אויף עקיבא אַרומלויפן איבערן שטיבל.

— און ווײַטער? — פרעגט סטיסיע.

— נאָר באַלד האָט מען אים גענומען צום אויספאָרשער. אויפן ערשטן פאַרהער.

— נו, און וואָס האָט אײַך דניאַלקע דערציילט פונעם פאַרהער? — מאָנט און פאָדערט סטיסיע בײַ רמזן, וואָס ווערט ווידער אַנטשוויגן. — וואָס האָבן זיי פון אים דאָרטן געוואָלט, אין וואָס באַשולדיקן זיי אים?

— ער האָט גאָרנישט ניט דערציילט. מ'האָט אים פאַרטאָג אַרײַנגעוואָרפן אין קאַמער אַ צעבלוטיקטן, אַ האַלב לעבעדיקן.

— און אויף דער צווייטער נאַכט? — האַלט סטיסיע קוים אײַן איר ווייגעשריי — וואָס איז דאָרטן געווען מיט דניאַלקען אויף דער צווייטער נאַכט?

— אויף דער צווייטער נאַכט האָט מען אים אַרײַנגעוואָרפן אין קאַמער נאָך אין אַן ערגערן צושטאַנד.

— האָט ער אײַך טאַקע קיין איין וואָרט ניט געזאָגט? — שטייט צו סטיסיע.

— פאַר וואָס ? נאָך דעם ווי איך האָב אים געבראַכט צו־זיך, האָט ער מיר דערציילט, אַז פאַר ניט וועלן אונטערשרײַבן האָט מען אים מיט גוואַלד אַנגעטאָן אַ משוגעים־העמדל, וואָס האָט אים צונויפגעקוועטשט אַזוי, אַז ער האָט געמיינט אַז אָט ווערן אים צעבראָכן די ביינער. און אַז דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן, האָט דער אויספאָרשער פלוצלינג אויפגעעפנט אַ טיר און ער האָט דערהערט דאָליס געשריי.

— דאָליס געשריי ? — בלײַבט עקיבא שטיין. — דאָליס געשריי ? — כאַפּט ער אַרויס זײַן טאַטנס, גבריאלס, ליולקע־ציבעק, וואָס דינט אים ווי אַ סגולה פון ניט אַרײַנפאַלן אין אַ שוואַרצן יִיאוש, קלאַפּט אָן מיט טוטין, וויל פאַררייכערן, נאָר דערמאָנט זיך אין דעם ברעקעלע, אינעם פאַריתומט געוואָרענעם אייניקל, וואָס זיפּצט פון שלאָף ווי אַ דערוואַקסענער, בײַסט ער, עקיבא, דעם האָרנביין: — און ווען, איליאַ איליטש, האָט איר זיך צום דריטן מאָל געזען מיט דניאלקען ?

— צום דריטן מאָל ? — נעמט רמז זיך ווידער פאַרען מיטן געשפּרענקלטן שניפּס.

קוקט אים עקיבא שאַרף אָן, דעם אַרומגעשוירענעם פּראָפעסאָר: — איר האָט דאָך געזאָגט אַז מ׳האָט אײַך געשטעלט אויג־אויף־אויג מיט דניאל־קען, וואָס האָט איר דאַרטן באַדאַרפט עדות זאָגן ? מ׳האָט דאָך אײַך געפירט צופּאָטאָקעווען און צובאַמקען. פאַר וואָס שווײַגט איר, איליאַ איליטש ? און מיט איווען האָט מען אײַך אויך געשטעלט אויג־אויף־אויג ? און מיט חרותן ? און מיט מײַן דאָלין האָט מען אײַך אויך געשטעלט אויג־אויף־אויג ?

— אַל תדון את חברך עד שתגיע למקומו ! — דערהערט זיך, ענדלעך, אין דער טויט־געוואָרענער שטילקייט, רמזעס קול.

— אַ־האַ, — ווערט דער באַיאַר, עקיבא, אַנגעצונדן און אויפגעבראַכט. — אַל תדין את חברך, אַ־האַ, די מאָראַל פון באַדינגונגען ? איצט פאַרשטיי איך צוליב וואָס איר האָט אַזוי פּרעציז און אַקוראַטנע און מיט אַלע פּליטער־לעך אויסדערציילט פון דער אַנגעהייצטער און אַנגעפּראָפּטער קאַמער, פון דער פּאַראַשע, וואָס קערט איבער די גאַל, פון דעם געזאַלצענעם שווייס וואָס צעפרעסט די אויגן און באַדעקט דאָס לײַב מיט בלאָטערן. געדאַרפט נאָך, איליאַ איליטש, צוגעבן, אַז מ׳האָט ניט געלאָזט שלאָפן, אַז מ׳האָט

געהאָדעוועט מיט הערינג און ניט געגעבן טרינקען. אַ־האַ, די מאָראַל פון באַדינגונגען! ס׳שטייט דאָך אָבער אויך אַל תעמד על דם רעך! דו זאָלסט זיך ניט שטעלן אויפן בלוט פון אַ מענטשן.

און דאָ שלאָגט סטיסיע איבער עקיבאן און זאָגט צום פּראָפעסאָר, צו רמזן, און דווקא שטיל:

— גאָרניט וועט אײַך ניט קאָנען ריינוואַשן און פאַרענטפערן. גראָד אין שווערע צײַטן, ווען ס׳ליגט דיר דער חלף אויפן האַלדז, טאָר מען ניט פאַרלירן אין זיך דעם מענטשן, פאַרקערט, גראָד אין ביטערע צײַטן דאַרף מען געפינען אין זיך דעם מענטש... אין שטילע צײַטן, פּראָפעסאָר, קאָן מען זיך אַרומדרייען איבערן לעבן אָן דעם מענטשן אין זיך. מ׳קאָן זיך אַרומ־דרייען אַ פאַרשטעלטער, אַ לײַטישער, אַ גוטער און נאָך האָבן דערפאַר אַ פולע טאָרבע כבוד... אין אונדזער משפחה האָבן מיר ניט געהאַט קיין פּראָפעסאָרן. מיר האָבן געהאַט דעם שנײַדעריונג, דעם פערד־גנב, יאָנטלען, וואָס האָט זיך געלאָזט לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין קעלער און איז ניט אײַנגעגאַנגען אויפן שמד. און יאָנטל האָט באַדאַרפט זיך נאָר אָפּטובלען, מער גאָרניט. וואָלט ער דאָך אויסגעמיטן דעם שרעקלעכן טויט. ער וואָלט פון אָפּטובלען זיך באַקומען דעם פריצעס שיינע טאָכטער פאַר אַ ווײַב, און ער וואָלט געוואָרן דער הערשער איבער מאַיאָנטקעס, איבער פעלדער און וועלדער. און מיר האָבן אויך געהאַט דעם אַרענדאַר, — רעדט ווײַטער סטיסיע שטיל — לוי־איסרן, וואָס האָט פרײַטיק־צו־נאַכטס ניט געוואָלט טאַנצן פאַרן פריץ, און דער פאַן באָגושעווסקי האָט געהייסן אונטערצינדן די שטוב, די שטאַל... און לוי־איסר איז געשטאַנען מיט ווײַב און קינדער אויפן פּראָסט און געקוקט ווי זײַן האָב־און־גוטס גייט אַוועק אין דער נאַכט מיט פײַער. און גבריאל האָט געגעבן פערד־און־וואָגן פאַר חרותן, דערנאָך איז ער פאַר דעם געגאַנגען אין טורמע, זײַן הויף איז חרוב געוואָרן און אַליין איז ער געפאַלן. און די מומע ליבע האָט פאַרשטעלט מיט איר לײַב מײַן לעבן...

און דאָ דערהערט זיך:

— לכן בעל הרחמים יסתירם בסתר כנפיו לעולמים ויצרר בצרור החיים נשמותיהם.

און אויך דערזעט זי דאָ, סטיסיע, ווי ער, דער מיליד, ר׳ מלך, וואָס

זיצט די גאַנצע צײַט פאַררוקט דאָרטן אינעם ווינקל צווישן דער הרובע און וואַנט, מיטן סידורל אין די הענט, ווי אַ זײַטיקער, ווי אַ פרעמדער, וואָס האָט שוין מער גאָרניט צו טאָן און צו זאָגן, דאָ דערזעט זי, סטיסיע, ווי יענער ייִד האָט זיך מיט אַ מאָל ווידער געענדערט: פונעם ווינקל לויכט אַרויס אַ ווײַס-שײַנענדיקע באָרד און ס׳קוקן אויף איר ווידער יענע טרייסטנ־דיקע אויגן, און אויך זעט זי קלאָר ווי דער גאַנצער ווינקל, פון דער ערד ביז דער סטעליע, ווערט אָנגעפילט מיט אַ בלענדנדיק ליכט. — עקיבא, — שרײַט זי אויס, — עקיבא, איר זעט? — ווײַזט זי אים מיט בײדע הענט אויפן ווינקל.

— וואָס זע איך? — פרעגט בײַ איר עקיבא. — ר׳ מלך זיצט בײַ דער הרובע און זאָגט תהילים. — און ער דרייט זיך אויס צו רמזן, — אויב מירן זיך שטיצן, איליאַ איליטש, אויף דער מאָראַל פון באַדינגונגען, דעמאָלט קאָן מען שוין ניט מישפטן די סמערדיאַקאָווס און זייערע משרתים, דעמאָלט קאָנען זיי דאָך אויך זאָגן אַל תדון את חברך. פאַר זיי האָט דאָך קיין שום ווערט ניט דער אַל תעמד על דם רעך! און וואָס ווערט זײַן מיטן מענטש? און וואָס ווערט זײַן, איליאַ איליטש, מיטן ותחסרהו מעט מאלהים? וואָס ווערט דעמאָלטן ווערן, פּראָפעסאָר, פונעם מענטשן? אויב מ׳זאָל אים לאָזן זיך אָנכאַפּן פאַר די הערנער פונעם נײַעם מזבח, פאַר דער מאָראַל פון די באַדינ־גונגען, הא? דעמאָלט ווערט דער מענטש פאַרלירן אין זיך דאָס געטלעכע און מגולגל ווערן אין אַ סמערדיאַקאָוו! אין אַ גרעסערן צי אין אַ קלענערן, דאָס איז שוין קיין חילוק ניט. זײַנען מיר טאַקע צוליב דעם געגאַנגען מיט אײַך, איליאַ איליטש, איבער אַזוי פיל פײַערן, איבער אַזוי פיל פאָלקס־אומגליקן, איבער אַזוי פיל וועגן מיט טרויער, אַז מיר זאָלן מיט אַ מאָל, צוליבן אייגן פעלעכל, אַרײַן אין דער ווילדער וועלט? הא? און וואָס פאַר אַ ווערט קאָן האָבן דאָס נעבעכדיקע לעבנדל אין דער סמערדיאַקאָוו־וועלט? הא?

און דאָ האָט זיך דער פּראָפעסאָר רמז אויפגעהויבן פון דער מיטה, זײַן לענגלעך־בלאָוולעכער, זײַן נאַקעטער פנים, איז מיט אַ מאָל אָנגעגאָסן געוואָרן מיט אַ כעסדיקן פײַער, צוויי מאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיטן קולעק איבערן טיש, אַרויפגערוקט אויפן קײַלעכדיקן קאָפּ דעם יאַלעם, געכאַפּט דעם מאַנטל מיטן פוטערנעם שאַלקאַלנער און אַרויסגעלאָפן פון טהרה־שטיבל.

און שוין גאָר אומדערוואַרט פאַר סטיסיען, איז אויך דער ייִד, ר׳ מלך, ווי מורא געהאַט צו איבערלאָזן דעם פּראָפעסאָר רמז איינעם אַליין אין דעם ווײַסן קאַלטן פאַרטאָג, אַרויס נאָך אים מיט אַ שווערן קרעכץ.

שטעלט זיך שוין אין שטיבל יענע געדיכטע טרויער־שטילקייט פון שיבעה־זיצן, ווו מ׳דאַרף שוין גאָר שווײַגן, ווײַל אַלע רייד ווען נאָר טרעטן אויפן ווייטיק פון דער נשמה. אַבוש וואַרפט פון זיך אַראָפּ די קאַפּאָטע, די שטיוול, פאַרקריכט אונטערן שוואַרצן צודעק און ציט זיך אויס אויף דער מיטה אין זײַן גאַנצער לענג.

— אַ סך, אַ סך יאָרן — דערהערט זיך פּלוצעם, אין אָט דער שיבעה־שטילקייט, אַבושעס טרוקענער קול. — פון זינט כ׳בין צו מײַן אייגענעם שׂכל געקומען, האָב איך געהאַלטן אין איין צוקוקן ווי אין דער וועלט גייט אַ בלוטיקער געראַנגל צווישן גאָט און דעם שׂטן.

— נו, — שלאָגט אים איבער סטיסיע, — און דער שׂטן האָט געזיגט. איצט קאָנט איר זיך פרייען. איז אָוועלכן משיח וועט איר מיר אַראָפּברענגען אויפן אייזעלע? דעם משיח בן־יוסף, צי דעם משיח בן־דוד?

ענטפערט ער ניט, אַבוש, אויף אירע רייד און רעדט זיך ווײַטער:

— האָב איך געגלייבט ניט נאָר מיטן שׂכל, נאָר זיך אויך סומך געווען אויפן האַרצן, וואָס איז פול מיט תּמימות, מיט פּשטנות, ווי אַ בטלן פון אונטערן אויוון. איך האָב געגלייבט, ווי מ׳גלייבט אין דער שײַן פון די אויגן, אין דעם ליכטיקן טאָג, אַז דער בורא־עולם וועט מנצח זײַן דעם שׂטן, וואָרעם ווי קאָן דאָס גאָר אַנדערש זײַן? האָב איך, אַברהם־אַבוש, דער מיזערנער, דער קוצו של יוד, דער שפּליטער פונעם קליינשטעטלדיקן רב, דעם בעל „ליקוטי תּחנונים״, געהאָפּט און געוואַרט, געגלייבט צו דערלעבן דעם טאָג און זען ווי דער שׂטן וועט פאַלן אין בור תּחתיות, אין גיא צלמוות. און דער בורא־עולם וועט אַרויסטראָגן די זון פון גערעכטיקייט אין דער וועלט, און זי וועט לויכטן און שײַנען און שוין מער ניט פאַרגיין. ס׳וועט שוין מער ניט זײַן קיין נאַכט פאַרן מענטשן, קיין חשכות, קיין געדיכטע פינצטערניש, וואָס מ׳זאָל זי קאָנען אָנטאַפּן מיט די הענט. אָבער איצט זע איך, אַז דער בורא־עולם איז אין דעם געראַנגל מיטן שׂטן געפאַלן און די ממשלה פונעם שׂטן צעשפּרייט זיך אַלץ ווײַטער און טיפער. ס׳שטעלט זיך אין דער וועלט

די אייביקע נאַכט. דער אייביקער פּחד. דער מענטש פאַלט אויף די קני! פונעם מענטשן ווערט אַ מענטשעלע. אַ שטיק ליים! און ס'ועט שוין אַזוי גיין! דאָס מענטשעלע וועט שוין אַזוי אויף די קני קריכן ביזקל דעם גרויסן חורבן...

— גענוג צו סקוליען, — שלאָגט אים סטיסיע ווידער איבער. — מאַכט צו די אויגן און הייבט זיך אויף מיט איינער מיטה אויף די מוטנע וואַסערן, אינעם תּוהו־ובוהו, און זוכט דאָרטן...

— יאָ, יאָ, ייִדענע, — לאָזט ער זי ניט דעררעדן, — נאָר דאָרטן אינעם קדמונישן תּוהו־ובוהו דאַרף מען זוכן דעם אין־סוף. נאָר דאָרטן! ווײַל דאָ, ייִדענע, אין אָט דעם פאַרשטונקן וועלטל, האָט זיך שוין דער סמך־מם מזווג געווען, זיך שוין צונויפגעשלאָפן מיט דער שטיינערנער אישה און זי האָט שוין געבוירן ניט קיין איינעם, נאָר צוויי אַרמילוסן... אויך פון דאָרטן, פון מערב, קומען אָן וויסטע און פינצטערע איוב־בשׂורות. יענער אַרמילוס, דער דײַטש, האָט זיך גאָר אויפגעהויבן צו פאַרשנײַדן און צו פאַרטיליקן דאָס ייִדישע פאָלק. ער גייט, יענער אַרמילוס...

— גענוג! — שרײַט אויס סטיסיע. — גענוג אײַך צו וואַרפן שוואַרצע נבואות!

און אַבוש ווערט אַנטשוויגן. סטיסיע שפּאַרט זיך צו לעם קינד און וויל כאַפּן אַ דרימל, ס'קרייען שוין די דריטע הענער. עקיבא נעמט דאָס לעמפּל פון אונטער דער סטעליע, שטעלט עס אַוועק אויף דער טאַבורעטקע, וואָס צווישן דער הרובע און וואַנט, נעמט זיך דאָרטן פאַרלאַטען די פּוישטן און זינגט דערבײַ צו:

הוי, אַן אַ סוף, הוי, אַן אַ ברעג
שפּאַנט דער ייִד פון וועג צו וועג,
הוי, הוי! זיך אַנגעוואַנדערט,
הוי, הוי, זיך אַנגעוואַגלט!

הוי, ניט געשלאָפן, הוי, ניט גערוט,
דאָס האַרץ אין שטויב, די פיס אין בלוט,
הוי, הוי, דאָליע מײַנע, ווו ביסטו?
הוי, מזל מײַנער, ווו ביסטו?..

טו

נאָך יענער נאַכט בײַם אַלטן בית־עלמין, ווו די זון־שקיעה האָט ביז אין דער ווײַטער שעה געגאָסן אויף דער לבנה מיטן אָפּגעשלאָגענעם ראַנד, געוואָרפן פון דאָרטן פאַרפלאָמט־רויכיקע שאָטנס אויף דער ווײַסער ערד און זי, סטיסיע, האָט בײַ דעם אָנגעבויגן־פאַרווייעטן מצבה־שטיין אויסגעוויינט איר גרויסן געוויין אויף דורות — יענע עלנט־טרערן, וואָס זײַנען איר יאָרן געלעגן פאַרשטיינערט אויפן האַרצן, האָבן מיט אַ מאָל אין דעם משונהדיקן שײַן־געפּלאָנטער אויפגעזאָטן; נאָכן גרויסן געוויין בײַ דעם ווילד־אומרויִקן געשריי פונעם פּילין אין וואַלד, ווו מאָרגן וועלן פון די שניי־פאַרשאָטענע יאָדלעס אָנהייבן פאַלן לענגלעך־פינקלענדיקע טראָפּנס אינעם פרימאָרגן פונעם יאָר, — אין פרילינג אַרײַן; נאָך יענער ברית־נאַכט אין דעם טהרה־שטיבל, איז זי אַרויסגעפאָרן, סטיסיע, מיטן קינד און מיט אַ צעגליטער נשמה פון דער שטאָט צו זיך אין דאָרף אַרײַן.

קיין אָרט אינעם שלאָפוואַגאָן פונעם פאַרבײַפאָרנדיקן אָוונטיקן באַן, האָט מען בשום־אופן ניט געקאָנט קריגן. עקיבא איז געווען אויסער זיך, ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַר וואָס די באַנען זײַנען תמיד אַזוי איבערגעפולט, ווי גאַנץ רוסלאַנד וואָלט זיך געפונען אין וועג... וואָס לויפן זיי פון איין אָרט אויפן צווייטן? איטלעכער ווייסט דאָך, אַז ס'איז ניטאָ ווו צו אויסבאַהאַלטן זיך און וווהין צו אַנטרינען ווערן: אַלע זײַנען דאָך דאָ פאַרמישפּטע, און בײַ סמערדיאַקאָוון איז ניטאָ אַזאַ מזבח, ווו מ'זאָל זיך קאָנען אָנכאַפּן פאַר די הערנער. און פאָרט לויפט מען פון די אײַנגעזעסענע ערטער, באַזונדערס זיי, די פּויערים, די קאָלכאָזניקעס, זיי לויפן קיין סיביר, אין דער טײַגע. — האָט עקיבא געוואָלט מיטפאָרן מיט איר: ער קאָן זי איינע אַליין ניט לאָזן פאָרן! זי וועט דאָך דאַרפן די גאַנצע נאַכט האַלטן דאָס קינד אויף די הענט, ניט האָבן ווו צו איבערוויקלען און אָנקאָרמען. נאָר סטיסיע האָט אים אָפּ־

גערעדט: אַוודאי, איז זי מספּים געוואָרן, וואָלט איר מיט עקיבאַן גרינגער געווען אין וועג, ווען וואָס איז דאָ צו רעדן, אָבער ווי אַזוי קאָן ער, עקיבא, איצטער אַוועקפאָרן און איבערלאָזן דאָ די אַסירים: דאָלין, דניאלקען און איוועז, אויף אַבושן, וואָס קוקט שוין אויף דער וועלט, ווי אויף אַן אַנגע־שפּאָלטענער שיף, וועלכע דאַרף הײַנט־מאָרגן אָנהייבן זינקען אינעם ים פון תוהו־ובוהו. ער, אַבוש, גלייבט דאָך שוין אַפילו ניט, אַז אין אָט דער אַכזריותדיקער וועלט וועט קאָנען קומען משיח. ניין, עקיבא טאָר ניט איבער־לאָזן דאָ די אַסירים אויף אַבושן. זי, סטיסיע, וועט זיך אַליין אויך אַן עצה געבן מיטן קינד. צווישן מענטשן ווערט מען ניט פאַרפאַלן.

אָבער עקיבא האָט אויף בײַנאַכטיקער וואָגאַן־לײַטישקייט, אויף שלע־פּערדיקער המון־גוטסקייט, אויף אפשר־ און טאָמער־נסים ניט געוואָלט אויסשטעלן, און שוין נאָכן דריטן קלונג, שוין בײַם באַן־ריירן זיך פון אָרט, — אַלע לויפן צו די פענצטער און מאַכן מיט די הענט און שיקן פינגער־ און חנדל־קושן, דאָ האָט ער, עקיבא, הינטן־אַרום, אַרײַנגעלייגט דער קאָנדוק־טערשע צוויי דרײַערלעך אין האַנט אַרײַן און געבעטן זי געפינען פּאַר דער פרוי מיטן קינד אַן אָרט.

און דעמאָלטן, ווען סטיסיע איז אויפן שמאָלן דורכגאַנג מיטן קינד אויף די הענט געשטאַנען און געזוכט מיט די אויגן אין דעם מאַכאַרקע־פאַררייי־כערטן לאַמטערן־ליכט, ווו זיך צו קאָנען צוטוליען, — פון אונטן ביז אַרויף איז פול מיט מענטשן און מיט ריחות פון געזשאַווערטן הערינג, נאַסן וווּרשט, פון האַרטע אייער, פון בראָנפן און צעפּרײַעטע האָניטשעס; דעמאָלטן ווען די געכטיקע בית־עלמין־לבנה, די פאַרפלאָמטע, יאָגט איר נאָך פון יענער זײַט פענצטער נאָכן באַן, קיינער קוקט זיך ניט אום אויף איר, אויף סטיסיען מיטן קינד, — מ׳שלאָפט אויסגעצויגן אויף די אייבערשטע פּאָלקעס, און אויף די אונטערשטע זיצנדיק, אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויף אַ נאָענטן אַקסל, און די נעזער פּײַפן צו, און די ליפּן בלאָזן ווי אויף אָקרעפּ, און עמעצער רעדט פון שלאָף, — קיינער וויל זיך ניט אַ רוק טאָן, און קיינער וויל ניט אָפּטרעטן אַ ברעקל אָרט. דעמאָלטן, אַז זי האָט שוין געוואָלט מיטן קינד אויף דער ערד זיך אַוועקזעצן, האָט די קאָנדוקטערשע זי מיטן קינד צו זיך אין קופּע אַרײַנגעפירט, ווו ס׳איז געווען אַ ריינע, ווייכע שטילן, און נאָר

איין מענטש איז אין ווינקל געזעסן, דעם קאָפּ אין וועגטל אָנגעשפּאַרט און שטיל געשלאָפֿן. ער האָט אויף איר אַרייַנגיין, הגם דאָס קינד האָט אַ וויין געטאָן, אַפּילו די אויגן ניט געעפֿנט.

און די קאָנדוקטערשע, די הויכוווקסיקע, די פּולליַיביקע, מיט די רוסיאַווע האָר און בלויע קאָרנבלימלדיקע אויגן, מיטן ביז גאָר אָנגעשטרענגטן לענגלעכן פּנים, וואָס איז אַזוי ענלעך אויפֿן פּנים פֿון יענעם מענטשן, וואָס שלאָפֿט אינעם אַנטקעגנדיקן ווינקל מיט אַזאַ זיס־שטילן שלאָף, — די ענלעכקייט צווישן אָט די צוויי האָט סטיסיע גלײַך אויפֿגעכאַפּט. זי, די קאָנדוקטערשע, ווי נאָר באַוויזן פֿאַרן קינד אַן אָרט אויף דער באַנק מיטן געשטרײַפּטן מאַטראַץ, אויך אַ ווונק געטאָן אויפֿן טשייַניק: אויב מ׳וויל, הייסט עס, קאָן מען טרינקען טיי, אַזוי איז זי באַלד שטילינקערהייט, פֿון קופּע אַרויס. האָט סטיסיע פֿאַרשטאַנען, אַז די קאָנדוקטערשע האָט פֿאַרן קינד איר אָרט אָפּגעטראָטן.

נאָר וועגן יענער, וועגן דער קאָנדוקטערשע, וואָס האָט איר אָרט אָפּגעטראָטן, טראַכט זי שוין מער ניט, סטיסיע. יענערס רוסיאַוועער קאָפּ האָר, באַזונדערס אירע קאָרנבלימלדיקע אויגן, האָבן זי, סטיסיען, ווי נאָר די שוועל דאָ איבערגעטראָטן, קוים באַוויזן דאָס קינד אויפֿן מאַטראַץ אַוועקלייגן, גלײַך פֿאַרטראָגן זי און אַרײַנגעוואָרפֿן אַהין, אין יענעם אָנהייב־ווינטערדיקן ווייעגדיקן דאָרף, אין מאָהילני, אין דער ליכטיקער גרויסער שטוב, ווו אויף די צונויפֿגערוקטע טישן שטייען אָנגעשטעלט מאַקיטרעס און ווײַסע פּאָלומעסקעס מיט געקאָכטס און געבראָטנס — שאָפּנס און רינדערנס, גענדזנס און חזיר־פֿליישן; און דאָס אַלץ ווערט געלייגט אויף די מזלות־געמאָלטע פּסחדיקע טעלער און שיסלען. אין די אויגן שנײַדן די פֿלעשער און בוטלען בראָנפֿנס און ווישניאַקן, די פֿאַרביקע כּוסות און קידוש־בעכערס, דער טונקל־ברוינער, כּמעט שוואַרצער ביר אינעם גרויסן אליהו הנביאס כּוס. און אַרום די טישן בונט־אויסגענייטע העמדער, געקווייטלט־טערנאָווע כוסטקעס און ברענענדיקע לאַמפּאַדעס אונטער באַגילדטע און באַזילבערטע איקאָנעס, און אויפֿן פֿינקלענדיקן ניקל־וועגעלע זיצט דער קאַליקע, דער באַטקאָ אָלעס לעוואַדאַ, מיט די פֿולע אויגן שוואַרצן טרויער און ביטערן ביטול, און אין דער זייט, מיט דער זילבערנער שווערד, דער אַטאַמאַן זיראַ־זירקאָ, וואָס

האָט בײַ דער שׂרפֿה־שײַן צוגעקלאַפּט מיט צוועכיעס צום לינדנבוים דעם זקן, דעם צוויי־און אַכציק־יאָריקן רב... און אויבן אָן, מיטן ווײַסן צלם אויף דער שוואַרצער ריאַסע, רעדט צו די רוצחים־לײַט דער גלח מיט די פּאָר־בונדענע רוסיאַווע האָר אין אַ קובליק אויפֿן נאַקן, מיט די בלויע, קאָרנ־בלימלדיקע אויגן, מיט דעם ניט־גרויסן, אויך ליכטיקן בערדל, ווי בײַ יעזוסן, וואָס קוקט אַראָפּ פֿון דער איקאָנע.

האָט זי שוין אויף קיין איין רגע ניט געקאָנט, סטיסיע, קווענקלען און זיך ספקן, אַז אין ווינקל, אין די אָפּגעטראָגענע מלבושים, אין די אַלטע שיך אויף די הילצערנע פּאָדעשוועס, שלאָפֿט יענער, דער מאָהילנער גלח. די האָר זײַנען אים איצט קורץ געשוירן, אָבער נאָך אַלץ רוסיאַווע, לעבעדיקע, נאָר יענץ פּאַרטאָגיק יעזוס־בערדל איז זיך אים אין אַ פֿויערשער באָרד צעוואַקסן און שוין מיט אַ היפּשער סיווער זילבערקייט אַרומגעכאַפּט.

פֿון אָט דער אומגעריכט־פּלוצעמדיקער, אוממעגלעך און ניט געמאָלטער באַגעגעניש, ווערט סטיסיע שוין פּשוט נשתּומם און גאָר דערשראָקן: מיטן מאָהילנער גלח האָט זי געוואָלט נאָך צוריק מיט יאָרן זיך טרעפֿן, געפֿאָרן צוליב דעם אַהין, אין יענעם דאָרף אַרײַן, אָבער די גרויסע שטוב שוין דאָרטן ניט געטראָפֿן — געבליבן נאָר דאָס אָרט, מיט לאָפּוך און ווילדן רעטעך פֿאַרוואַקסן און אין דער זײַט האָבן דרײַ מאַלוועס געבליט. און אויך דער קלויסטער מיט די אָפּגעבליאָקעוועט־גרינלעכע קופּאָלן־ציבעלעס איז גע־שטאַנען אַ גרוי־פֿאַרשטויבטער, אַ פֿאַרשטומטער, אָן גלעקער און אָן צלמער. פֿון וועגן דעם גלח האָט מען איר געזאָגט:

— וואָס דאַרפֿסטו אים? געקומען זיך מתוודה זײַן? גיי אין דאָרפֿסראַט!

און נאָר איינער, אַן אַלטיטשקער, וואָס איז געבליבן מיט איר אויפֿן וועג, האָט אויף גיך דערציילט:

— מ׳האָט אים צוגענומען, בײַ נאַכט. און ער איז שוין ניטאָ, געשטאָרבן איז אונדזער פּאַטערל אויף סאָלאָווקי. אויף די אינדזלען פֿונעם ווײַסן ים. אין אַ סקיטע פֿונעם אַמאָליקן אַלטן מאָנאַסטיר. — און וועגן דעם גלחס משפּחה, פֿון זײַן ווײַב און קינדער, האָט שוין קיינער ניט געוווּסט וווהין זיי זײַנען אַהינגעקומען.

דאָ עפּענען זיך אויף בײַם גלח די אויגן און סטיסיע דערפֿילט מיט

אַ מאָל ווי אַ ווײַסע קעלט נעמט איר שלאָגן איבערן גאַנצן לײַב. די קעלט גייט אויף איר פונעם גלחס אויגן, — ווײַסע, ווי אין שניי, און מיטן שאָטן פון דער יאָגנדיק־פאַרפלאָמטער לבנה הינטערן פענצטער; און דערצו נאָך, אין אָט די צוויי ווײַסע אויגן מיטן בלוטיקן שאָטן, דערזעט זי אויך צוויי מענטשעלעך, מיט די קעפּ אַראָפּ, און דערקענט זיי ביידן, — זיראַ־זירקאַ און די שוועסטער־ווײַב זײַנע.

— פאָטערל, — פאַלט כּמעט סטיסיע צו לעם אים אויף דער באַנק און פרעגט מיט אַ פאַרשטיקט קול. — פאָטערל, וואָס איז מיט דײַנע אויגן?

פונעם אַרויפּלייגן אירע הענט אויף זײַנע, טוט דער גלח אַ ציטער:

— ווער ביסטו?

— איך בין יענע, פאָטערל, וואָס האָט געשאָסן אינעם באַנדיט, אינעם אַטאַמאַן.

— נאַטאַליאַ? — און ער הייבט אויף די האַנט צו איבערצלמען זי.

— ניין, פאָטערל, — שטעלט זי אָפּ זײַן האַנט, — ניט יענע, נאָר די צווייטע.

— די ייִדישקע? — עפּענען זיך אים נאָך ברייטער די ווײַסע אויגן און סטיסיע דערזעט אין זיי ווי דער אַטאַמאַן, דעם פריץ באָגושעווסקיס ממזר־זון, וואָס האָט געשריִען, אַז די שינאה פון דער וועלט צו ייִדן איז ניט פאַר יודאַן, נאָר פאַר יעזוסן, אַז די וועלט קאָן זיי ניט מוחל זײַן, די ייִדן, וואָס שוין צוויי טויזנט יאָר קניט מען זיך פאַרן גלילער זשיד... יענער, זיראַ־זירקאַ, ליגט שוין בײַם גלח אין רעכטן ווײַסן אויג אַ טויטער, און אין דעם לינקן אויג שטייט אויף די קני די בלאָנדע און איז זיך מתוודה.

— יאָ, יאָ, פאָטערל, יענע, די זשידאָווקע! אָבער וואָס איז מיט דײַנע אויגן?

— כ׳בין געבענטשט געוואָרן פון גאָט מיט בלינדקייט. דאָרטן, בײַם ווײַסן ים. די ווײַסקייטן פון יענע שנייען זײַנען אַרײַן אין מײַנע אויגן.

— און דו זעסט טאַקע, פאָטערל, גאָרניט?

— פאַרקערט. איך האָב נאָך קיין מאָל אַזוי ניט געזען די וועלט ווי איך זע זי אין די לעצטע פינף יאָר.

— שוין פינף יאָר ווי דו ביסט בלינד?

— שוין פינף יאָר ווי איך זע דעם שטראָם פון לעבעדיקער וואַסער, לויטערער פון קרישטאָל, וואָס גייט אַרויס פון אונטער גאָטס שטול. די אמונה וואָס דו האָסט זאָלסטו האָבן צווישן דיר און גאָט. מיר וואָס זײַנען שטאַרק דאַרפן טראָגן די שוואַכקייטן פון די שוואַכע.

— באַטיושקאַ, פון וואַנען פאַרסטו איצט?

— פון דאַרטן. זיי האָבן מיך אָפּגעלאָזן פאָרן צו דער טאָכטער שטאַרבן. נאָך איין טאָג, אפשר נאָך צוויי, און איך וועל אַרײַן אין יענעם לויטער־קרישטאָלענעם אייביק ליכטיקן שטראָם.

— פּאָטערל, געדענקסטו יענע נאַכט?

— לאָמיר מער ניט מישפּטן איינער דעם אַנדערן. לאָמיר ניט מאַכן קיין מיכשול אויף דעם ברודערס וועג, לאָמיר אים ניט מאַכן פאַלן.

— פּאָטערל, האָט דער באַטקאָ אַלעס לעוואָדאַ דעמאָלטן דעריאָגט די אַטאַמאַנשע?

— ניין, ניט דעריאָגט.

פונעם „ניין, ניט דעריאָגט", אַנטפאַלט בײַ איר דאָס האַרץ און זי טוט זיך אַ קער צום קינד, אַ בלייך געוואָרענע, ווי מיט אַ מאָל דערפילט, אַז דאָ ניט ווײַט לאָקערט אויף דעם אַ פאַרטײַעטע סכנה. הייסט עס, אַז יענע, די בלאָנדע, איז לעבן געבליבן, אַז דאָרטן, ליגנדיק אויף אַבושעס מיטה־גע־לעגערל, האָט זיך איר, סטיסיען, גאָרנישט ניט אויסגעדאַכט און ניט אויס־געוויזן: פון טהרה־שטיבל איז טאָקע אַרויסגעגאַנגען יענע, די בלאָנדע. אַלעס לעוואָדאַ האָט זי דעמאָלטן ניט דעריאָגט, די אַטאַמאַנשע, וואָס קאָן פון איר אייגענעם ברודער האָבן אַ קינד און דערנאָך עס אין בײַנאַכטיקן, אין ווינטער־דיקן וואַלד אַוועקפירן, און עס דאָרטן אַ לעבעדיקס אין שניי אַרײַנוואַרפן.

— ניט דעריאָגט? — פרעגט איבער סטיסיע מיט שרעק דעם גלח, וואָס זיצט שוין שטיל, מיט פאַרמאַכטע אויגן, און דער אָנגעשפּאַרטער קאָפּ אין ווענטל וויגט זיך אים ניט אַזוי פונעם גייענדיקן באַן, ווי פון די אייגענע געדאַנקען.

— שוין די מפּלה אין יענער מלחמה, מיט יאַפּאַניע... יענע מפּלה איז שוין געווען גאָטס שטראָף אויף רוסלאַנד, — רעדט דער גלח מיטן זיך־וויגנדיקן רוסיאַוון קאָפּ צו עמעצן. — דער אַלהעכסטער האָט געשטראָפט

רוסלאַנד פאַר די ייִדישע מעשׂים וואָס די רוסן האָבן אָפּגעטאָן מיט די עטלעכע טויזנט כינעזער אין דער שטאָט בלאַגאָווּעשטשינסק אויפן טייַך אַמור... די רוסן האָבן אַרויסגעגנאַרט די כינעזער פון שטאָט, פאַרטריבן זיי אין טייַך אַרײַן, ווו אַלע זײַנען אומגעקומען. דערנאָך ראַספּוטין. און נאָך ראַספּוטינען קאָנען שוין קומען אויף דער הייליקער רוס אַלע שדים און רוחות...

— פאַר די כינעזער, זאָגסטו, פאָטערל, פאַר ראַספּוטינען. און אפשר אויך פאַר די ייִדישע פּאָגראָמען? אפשר אויך, פאָטערל, פאַרן אַרויסטרײַבן צוויי הונדערט טויזנט ייִדן פון די בײַפראָנט־שטעטלעך, ווו מ'האָט געצונדן און געברענט. און אפשר, פאָטערל, ווערט רוסלאַנד אויך געשטראָפט פאַר די פּאָגראָמען אינעם טויזנט אַכט הונדערט צוויי און אַכציקסטן, און פאַרן קישינעווער פּאָגראָם, ווו מ'האָט געקלאַפּט ייִדן צווישעכעס אין קאָפּ אַרײַן, פאַרגוואַלדיקט פרויען פאַר די אויגן פון זייערע מענער, און טעכטער פאַר די אויגן פון זייערע טאַטעס... און אפשר, פאָטערל, שטראָפט גאָט רוסלאַנד אויך פאַר די פּעטליורישע און דעניקינס פּאָגראָמען און פאַר די פּאָגראָמען פון די זיראַ־זירקאָס, האַ, פאָטערל?

— האָב איך דען דעמאָלט, ווי דו געדענקסט, זיך ניט אײַנגעשטעלט, ניט געוואָלט זיי אָפּשטעלן?

— געוואָלט אָפּשטעלן? שוין נאָך דעם, פאָטערל, ווי דאָס שטעטל איז געלעגן אין פײַער און אין בלוט? דו האָסט זיך ניט אָוועקגעשטעלט, פאָטערל, אויף זייער וועג מיטן צלם און זיי ניט געזאָגט: איבער מײַן קערפּער און איבערן צלם וועט איר אַריבערגיין. דו האָסט געערעדט, פאָטערל, צו די רוצחים שוין נאָך דער שחיטה. און דו האָסט געערעדט, פאָטערל, ניט פאַר זיי, נאָר פאַר זיך, צוליב ראַטעווען דעם קלויסטער. און אפשר, פאָטערל, שטראָפט ער אײַך גאָר ניט, דער אַלהעכסטער, פאַר ייִדיש בלוט? האַ־פאָטערל? ייִדן זײַנען דאָך שולדיק אינעם טויט פון אײַער אויסלייזער. פון וואָס, פאָטערל, האָט ער אײַך באַפרײַט און אויסגעלייזט? פון וואָס, פרעג איך?

און דאָ עפנט ער ווידער אויף די אויגן, וואָס זײַנען אים נאָך ווײַסער געוואָרן, — יענער שאָטן איז פון זיי אויך פאַרשוווּנדן, ווײַל די פאַרפלאָמטע לבנה איז ערגעץ־ווו אין וועג אָפּגעשטאָנען פונעם באַן, און זיי, אָט די צוויי גרעסער און קײַלעכדיק געוואָרענע אויגן, לייגן זיך איר שוין גאָר אויף

דער נשמה. זי וויל אים אַפילו בעטן: „פּאַטערל, רעד צו מיר מיט פאַרמאַכטע אויגן!" — נאָר פּלוצעם הייבט ער אָן דערציילן פון וועגן דעם קאַליקע, אַלעס לעוואַדען, און פון יענער, דער אַטאַמאַנשע. און אַזעלכס, אַז זי אַליין, סטיסיע, נעמט שוין אַרײַנקוקן אין דעם גלחס שרעקלעכער בלינדער ווײַס־קייט.

— צוויי מעת־לעת האָט זיך דער קאַליקע געיאָגט נאָך איר אויף דער טאַטשאַנקע אין דער מיאַטעליצע. די פערד האָבן שוין אָנגעהויבן אין די שלייעס פאַלן. און אויך ער אַליין, לעוואַדאַ, איז שוין געווען פאַרמאַטערט אַזוי, אַז דער טײַוול האָט אים געוויגט ווי אַ שיכּורן. אַ פליג האָט אים שוין געקאָנט מיט אַ פליגל אומוואַלגערן. האָט ער צעשיקט מענטשן איבער אַלע וועגן און אָנגעזאָגט: אין דרײַ טעג אַרום זאָל מען זי אים ברענגען אַ לעבע־דיקע אָדער אַ טויטע! אָן איר זאָל מען זיך גאָר פאַר זײַנע אויגן ניט באַווײַזן. ווער ס'וועט קומען אָן דער אַטאַמאַנשע, פון דעם וועט ער לעבעדיקערהייט די הויט אַראָפּשינדן. און אים אַליין, אַלעסן, האָט מען אין אַ שטוב אַראָפּ־געטראָגן אַ צערייצטן ווי אַ ווילדע חיה. פון כּעס איז ער שוואַרץ געוואָרן. ער האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז סאַמאַהאָן־פערוואַק, און איז גלײַך ווי אַ געהרגעטער אויף זײַן וועגעלע אַנטשלאָפן געוואָרן.

פאַר טאָג האָט זיך אים געחלומט, אַלעסן, דעם סטאַראָסטעס טאָכטער, די שיינע קאַטערינאַ, וואָס פאַרן גיין אויף דער מלחמה האָט ער מיט איר חתונה געהאַט און אָפּגעלעבט מיט איר צוויי וואָכן. דערנאָך האָט ער זיך דערזען, אַלעס, שוין ליגן אונטער די איקאָנעס אין דער אויסגעגייטער העמד, אָן אויסגעוואַשענער און צוגעקעמטער, די הענט אויפן האַרצן צונויפגעלייגט און דער טאַטע זײַנער, דער מילנער, קניט פאַרן הייליקן מיקאָלאַ און צלמט זיך. און זי, קאַטערינאַ, פאַרריכט אים, דעם קאַליקע, די קישנס צוקאָפּנס, און בײַם אָנבייגן פאַלן אים אירע בריסטן אויפן פּנים. און ער קושט זיי שטיל דורך דער וואַרעמער לײַוונטענער העמד. — און די ווײַסע אויגן בײַם גלח פאַרמאַכן זיך, ווי ער וואָלט זיך געכאַפּט אַז ער רעדט ניט צו זיך, נאָר צו עמעצן, וואָס הערט אים.

— פּאַטערל, — פרעגט אים סטיסיע, — פון וואַנען, פּאַטערל, ווייסטו עס אַזוי פּינקטלעך, און מיט אַלע אַזוינע פּיקאַנטקייטן?

— ער אַליין האָט עס מיר דערציילט אין דער סקיטע פונעם פאַרשוועכטן מאָנאַסטיר.

— אָלעס לעוואַדאַ איז דען געווען מיט דיר אויף סאָלאָווקי?

— געווען. איך האָב אים שוין דאָרטן געטראָפן.

— ניין, פּאָטערל, פריִער דערצייל מיר וועגן דער אַטאַמאַנשע.

— גוט, — זאָגט ער, און ס׳עפּענען זיך אים ווידער אויף די אויגן, די טויט־ווײַסע, וואָס וואַרפן אָן אויף סטיסיען אַזאַ ווילדע אומרו׳קייט. — זעט ער זיך, אָלעס, ליגן אונטער די ברענענדיקע לאַמפּאַדעס, דער טאַטע קניט און צלמט זיך פאַר מיקאָלען דעם בעל־מופת, קאַטערינאַ פאַרריכט אים, דעם קאַליקע, די קישן צוקאָפּנס און די מאַמע, אַן אײַנגעפאַלענע, אַן אײַנגעדאַרטע, קוקט אויפן מאַן און אויף דער שנור מיט רויטע אויגן. און פון דער מאַמעס רויטן קוק האָט ער, דער קאַליקע, מיט אַ מאָל אַלץ פאַרשטאַנען! דער מענטש איז זינדיק. לאָמיר ניט מישפּטן איינער דעם אַנדערן...

— און ווײַטער, פּאָטערל, וואָס ווײַטער?

— ווײַטער חלומט זיך אים ווי ער קריכט אויף אַלע פיר אין דער שפּעטאָסיענדיקער נאַכט, אונטער די ווינטיקע קאָסע רעגנס, צו דער מיל, ווי ער קלעטערט אַהין אַרײַן און טרעפט דאָרטן קאַטערינען מיט זײַן טאַטן שלאָפן אונטער איין פעלץ. האַקט ער זיי ביידע מיט דער האַק, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך צוגעבונדן צום רוקן. און בראָקנדיק קאַטערינען מיטן טאַטן אויף שטיקער, כאַפּט ער זיך אויף, אָלעס, פונעם חלום.

— פּאָטערל, — האַלט סטיסיע מער ניט אויס, — אויב דו קאָנסט, רעד צו מיר מיט פאַרמאַכטע אויגן.

— מיט פאַרמאַכטע אויגן רעד איך נאָר צו גאָט.

— וועגן דעם, פּאָטערל, אַז אָלעס לעוואַדאַ האָט צעהאַקט זײַן ווײַב מיטן טאַטן אויף שטיקער, האָב איך שוין געהערט נאָך פריִער.

— האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אָלעס, פון זײַן אייביקן שוואַרצן חלום, — רעדט ער ווײַטער צו איר מיט זײַן געמאָסטן פרעפלדיקן באַסאָוון גלח־קול, ווי ער וואָלט אָפּגעריכט אַ תּפילה, און די ווײַסע אויגן ווערן אים ווידער פאַרשאָטנט פון דער לבנה, וואָס האָט נאָך אַ מאָל אָנגעיאָגט דעם באַן אין פאַרשנייטן פעלד. — האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אָלעס, און זעט בײַ דער

פאַרטאָגיקער שײַן ווי פאַר זײַנע אויגן אויפן טיש, ליגט אַ האַק. פאָרט ער צו מיטן וועגעלע נעענטער, נעמט די האַק אין האַנט אַרײַן, און ס׳באַגיסט אים אַ קאַלטער שווייס: די האַק איז אין בלוט! אין פרישן בלוט! וויל ער רופן זײַנע מענטשן, האָט אים די צונג אָפּגענומען. ס׳טרייסלט אים אַ קדחת. נעמט ער מיטן וועגעלע פאָרן צו דער טיר, און דאָ דערזעט ער זיצן אויף דער באַנק אונטער די ברענענדיקע לאַמפּאַדעס זי, די אַטאַמאַנשע! האָט ער געוואָלט פון אונטער זײַן צוקאָפּנס אויפן וועגעלע אַרויסכאַפּן דעם רעוואָלווער, נאָר דער צוקאָפּנס איז געווען ליידיק. און זי, די אַטאַמאַנשע, נאָך וועלכער ער האָט זיך געיאָגט צוויי מעת־לעת, זי געוואָלט אָניאָגן, זי אַוועקשטעלן אויף די קני אין שניי, זי לאָזן זיך איבערצלמען און דערנאָך דאָרטן אויפן אָרט שיסן, זי, די אַטאַמאַנשע, לייגט אַוועק זײַן רעוואָלווער מיטן זילבערנעם הענטל אויפן טיש, און אויך נעמט זי אַרויס פונעם הילצערנעם שיידל איר מאַוזער און לייגט אים אויך אַוועק לעם דער האַק.

— דו ביסט שוין לאַנג דאָ? — קומט ער קוים צום לשון.

— איך ווייס ניט ווי לאַנג איך זיץ דאָ בײַ דײַן צוקאָפּנס. אָבער כ׳האָב געהאַט גענוג צײַט אויף צו אָפּראָמען דיך פון מײַן וועג.

— אי צע פּראַוודאָ, און דאָס איז אמת, — זאָגט ער, — איך האָב גאָרניט געהערט ווי אַזוי און ווען דו האָסט מײַן נאַגאַן פון אונטערן קישן אַרויסגעשלעפּט. און דו האָסט גאָר מײַן נאַגאַן ניט באַדאַרפט האָבן, דו האָסט געהאַט דײַן מאַוזער, און אויך די האַק. ס׳איז דײַן האַק? זי איז דאָך אין בלוט!

— אין בלוט, — רירט זי זיך ניט פונעם אָרט, אַפילו דעמאָלט, ווען ער פאָרט צו מיטן וועגעלע, נעמט פונעם טיש די צוויי רעוואָלווערן און פאַררוקט זיי צו זיך הינטערן רימען. — ס׳איז קאַרפּאָ קאַריס בלוט. אָן־אַ ליגט אויך זײַן ווײַסער פּעלץ און די גרוי־קאַראַקולנע פּאַפּאַכע מיטן מאַלינאָווען ווערך.

— ער האָט דאָך אײַך דעמאָלט געראַטעוועט פונעם זיכערן טויט!

— אמת, פון אַ זיכערן טויט. אָבער, אַלעס טערענטיטש, ער האָט געוואָלט ראַטעווען פאַר זיך מײַן לײַב און ניט פאַר גאָט מײַן נשמה. ער האָט מיך צוריק גענומען שטויסן אויף יענעם פינצטערן וועג. און די ערדישע זינד, באַטקאָ, זײַנען דאָך אַזוי זיס און פאַרשיכּורנדיק! נאָך אַ טאָג און איך וואָלט

ווידער אַרײַנגעפאַלן אַהין. האָב איך זיך געבעטן בײַ אים: קאַרפּאָ, לאָז מיך אָפּ. לאָז מיך גיין אין די לאַוורעס אויסקויפּן מײַנע זינד. כ׳וועל דאָרטן אויך פאַר דײַן נשמה תּפילה טאָן. כ׳וועל אַוועק אונטער דער ערד, אַרײַן אין קעליע, אָנטאָן אויפן הוילן לײַב אַ גראָבן זאַק, זיך צובינדן מיט אַ קייט, עסן איין מאָל אין טאָג אַ שוואַרץ שטיקל ברויט און פאַרטרינקען מיט קאַלטער וואַסער. האָט ער פון מײַנע רייד געקוואָליעט און געצוווּנגען מיך אַרײַנגיין צוריק אין יענע זינד, און אין נאָך ערגערע ווי אין יענע.

— האָסטו צוליב ראַטעווען דײַן נשמה, אים געהרגעט? אים פאַרשיכּורט מיט דײַן לײַב, און טרראַך מיט דער האַק איבערן קאָפּ! שטיל, אָן טומל. האַרנאָ, פּאַני, האַרנאָ, שיין, פּאַני, שיין... און נאָך וואָס ביסטו געקומען צו מיר? דו האָסט דאָך געקאָנט אַוועקגיין אין די פּעטשערסקע לאַוורעס.

— כ׳האָב געקאָנט, נאָר ניט געוואָלט, דו וואָלסט מיך אויפן וועג געכאַפּט און אויפן אָרט דערשאָסן.

— דאָס האָט זייער געקאָנט זײַן. איצטער, הייסט עס, דאַרפן מיר שוין זײַן מיט אײַך קוויט! איר האָט מיר געשענקט דאָס לעבן, איצטער דאַרף איך אײַך שענקען דאָס לעבן... נו, — און אויב איך וועל אויף אָט דער שפּיל ניט אײַנגיין און איך וועל הייסן דיך אויפהענגען אויף אָט יענעם־אָ טאָפּאָל?

— דו קאָנסט עס, אַלעס טערענטיטש, טאָן. דו ביסט איצט אויפן פערד. דו האָסט ביידע רעוואָלווערן און אויך די האַק. זי איז סײַ ווי סײַ אין בלוט. איך וועל ניט שרײַען און ניט רופן! אָבער דער טויט קויפט ניט אויס קיין פאַרברעכנס. וואָלט דער טויט אויסגעקויפט פאַרברעכנס, וואָלט דאָך דאָרטן ניט געווען קיין גיהנום, נאָר איין גן־עדן.

— וואָרט צו, נאַטאַליאַ אַדאַמאָוונאַ, מײַן פויערישער קאָפּ דאַרף עס נאָך פריִער איבערמאָלן. דאַכט זיך אַז עפּעס אַן אמת ליגט יאָ אין דײַנע רייד. וואָרט נאָר צו...

— כ׳וויל פריִער אַרײַן אין די לאַוורעס אונטער דער ערד, אָנטאָן אויף דרײַ יאָר אַ גראָבן זאַק אויפן הוילן לײַב, זיך נעמען אויף אַ קייט, עסן אויף בײַ נאַכט אַ שטיקל סקאָרינקע מיט וואַסער, און לעבן בײַ דער שײַן פון דער הייליקער לאַמפּאַדע. כ׳בין אַנטלאָפן פון דיר מיט קאַרפּאָן ניט דערפאַר

וואָס איך האָב זיך דערשראָקן פאַרן טויט, דער טויט שרעקט מיך ניט. כ׳בין אַנטלאָפן דערפאַר, וואָס דער שווערסטער טויט קאָן ניט אויסקויפן מייַנע פאַרברעכנס קעגן גאָט און קעגן מענטשן. — און דעם גלחס פּנים לייַטערט זיך דאָ אויס, די אויגן ווערן אים נאָך וויַסער, מיט עפּעס אַ מין בלענד, און ער נעמט זיך ברייט צלמען: — אין דייַן שטראָם לעבעדיקער וואַסער, גאָט איינציקער, וואָס איז לויטערער פון קרישטאָל, רייניקסטו די הערצער פון דייַנע פאַרבלאָנדזשעטע און פאַרזינדיקטע קינדער!

און זי, סטיסיע, קוקט מיט אַ פאַרשטאַרבן האַרץ ווי אין זייַנע וויַסע אויגן, בייַ דער שייַן פון אַן אונטערשפּרינגענדיקן לאָמפּאָדע־פּייַערל, שווימט אַרום אין לופט אַ האַק. ווייסט זי, סטיסיע, אויף קלאָר: די האַק קאָן דאָך אַפילו אין געדיכטסטן בלוט ניט אַרומשווימען, זי מוז אַראָפּ אויפן דנאָ. אָבער אָט די האַק אין די וויַסע אויגן פאַלט ניט אַראָפּ, זי שווימט אַרום... וואַרפט זי אַ דערשראָקן־פאַרצווייפלטן בליק אויפן קינד, וואָס שלאָפט רויִק אייַנ־געוויקלט אינעם בלויען קאָלדרעלע, און פרעגט מיט פאַרקילטע בלוטן אין די אָדערן:

— פאָטערל, ער האָט זי אַרויסגעלאָזט?

— יאָ! דער אַלהעכסטער האָט זיך אויף זיי ביידן דערבאַרעמט...

— האָב איך זי טאָקע געזען... ס׳האָט זיך מיר גאַרנישט ניט אויסגעדאַכט. איך האָב זי אָפן געזען.

— ווען און ווו האָסטו זי געזען?

— צוריק מיט דרייַ טעג. בייַם ייִדישן צווינטער, בייַם טיפן טאָל. און וואָס איז געוואָרן, פאָטערל, מיט אים, מיט אַלעסן, מיטן קאַליקע. איז ער נאָך אַלץ דאָרטן אויף סאָלאָוקי?

— שוין לאַנג דאָרטן ניטאָ. מיטן חסד פון׳עם אַלהעכסטן.

— ווהין האָט מען אים אַריבערגעפירט?

— אין ערגעץ ניט. ער איז מיט גאָטס הילף אַנטלאָפן געוואָרן פון דאָרטן.

— ווי אַזוי האָט ער, דער קאַליקע, געקאָנט פון דאָרטן אויפן וועגעלע לויפן?

— ניט אויפן וועגעלע איז אַלעס, אַלעקסיי, גאָטס קינד, געלאָפן, נאָר אויף זייַנע אייגענע פיס.

— וואָס זשע, — פרעגט סטיסיע דערשטוינט, — אַ נס איז מיט אים דאָרטן געשען אויף סאָלאָווקי, אין דעם אַמאָליקן מאָנאַסטיר?

— אַ גרויסער נס. אַן אַלטער מאָנאַך, פון די לעצטע זקנים... דעמאָלטן האָבן נאָך דאָרטן געלעבט די לעצטע מאָנאַכן אויף דער פרײַ. מ׳האָט דאָך באַדאַרפט האָבן ווער ס׳זאָל באַווײַזן און לערנען ווי אַזוי צו פירן די בעל־הבתּישקייט. דער מאָנאַסטיר האָט דאָך געהאַט גרויסע ערדן, וועלדער. האָבן די אַלטע מאָנאַכן געלערנט ווען און ווו און צו אַקערן און צו זייען, ווי אַזוי צו פירן די גערטנער, כאַפּן פיש, פאַרגרייטן יאַגדעס, קרײַטעכצער, וואָרצלען... דעמאָלטן נאָך האָט אַן אַלטער מאָנאַך, פון די לעצטע הייליקע זקנים, צעבראָכן אַלעסןביידע צעקרימטע פיס און זיי אַרײַנגענומען אין בערעזעווע קלעצלעך.

— אַן אַ שלאָפּגעטראַנק?

— אַן אַ שום שלאָפּגעטראַנק! עפּעס אַ נאַסטאָיקע האָט אים דער הייליקער זקן יאָ געגעבן אויסטרינקען, נאָר שטאַרק האָט עס אַ פּנים ניט געהאָלפן, ווײַל אַלעס האָט זיך בעת דער אָפּעראַציע אָנגעשלאָגן דעם מויל מיטן מאָנאַכס ריאַסע. ער איז געלעגן צוויי חדשים אין די בערעזענע קלעצלעך, און ווען דער סטאַרעץ האָט פון אים אַראָפּגענומען די קלעצלעך, האָט ער זיך געשטעלט אויף זײַנע פיס און איז אַוועק...

און סטיסיע בלײַבט זיצן ווי נאָך אַ שוואַרצער בשׂורה. זי האָט ניט נאָר געהערט, נאָר אויך געזען אינעם גלחס ווײַסע אויגן ווי יענער, אַלעס לעוואַדאַ, לויפט אויף ביידע פיס איבער די פאַרשנייטע פעלדער. שוין איבער די פאַלעסיער! ער לויפט צו איר קינד, צו זרחלען, וואָס איז געבליבן כּמעט איינער אַליין און וואַרט און בענקט דאָרטן נאָך דער מאַמען; דער באַטקאָ אַלעס לעוואַדאַ האָט דאָך זי, סטיסיען, פאַרמישפּט צו לעבן אין אייביקער עלנטקייט, אָן אַ קינד, אָן אַ טרייסט, אָן אַ טרוים און דער עיקר, אָן אַ האָפענונג אויף מאָרגן...

מער האָט זי אים שוין ניט וואָס צו פרעגן, דעם גלח, וואָס אַזוי פיל יאָרן האָט זי אים געזוכט, געוואָלט דערוויסן זיך בײַ אים פון וועגן יענע צוויי, פון אַלעס לעוואַדאַ און פון דער אַטאַמאַנשע, דער טאָכטער פונעם פּריץ, אַדאַם באַגושעווסקי, וואָס יידן האָבן זיך באַזעצט אויף זײַנע ערדן, בעיקר איר משפּחה, די באַיאַרס... איצטער, נאָך אָט דער אומגעריכטער באַגעגעניש

דאָ, אין דעם בײַנאַכטיקן באַן, בײַ דער נאָכיאָגנדיקער פֿאַרפֿלאָמטער לבֿנה אין פֿענצטער, ווייסט זי שוין, סטיסיע: ביידע לעבן זיי! און יענע, די בלאָנדע, האָט זי טאַקע געזען אַרויסגיין פֿון טהרה־שטיבל.

— פֿאַרמאַך, פֿאָטערל, די אויגן, — בעט זי אים נאָך אַ מאָל. — כאַפּ אַ דרימל, ס׳איז שוין באַלד טאָג.

און ער פֿאָלגט זי. די ווײַעס פֿאַלן אים אַראָפּ, דער קאָפּ נעמט זיך אים ווידער וויגן אין דער בלוילעכער לאָמטערן־שײַן צום קלאַפּן פֿון די רעדער אויף די רעלסן, און ער מאָליעט זיך דערבײַ: — אין דעם שטראָם פֿון לעבעדיקער וואַסער, וואָס איז לויטערער פֿון קרישטאָל, זאָלסטו זיי אויך ווײַטער רייניקן און לײַטערן, דײַנע פֿאַרבלאָנדזשעטע און זינדיקע קינדער...

און סטיסיע, ניט צומאַכנדיק קיין אויג, — יענע האָק אין בלוט פֿאַלט אַלץ אויפֿן דנאָ ניט אַראָפּ, זי טראָגט זיך איבער די גרינלעכע שנייען צווישן די שוואַרצעביימער אין דער אויסגעלבנהטער נאַכט; זי, סטיסיע, ווי נאָר דערוואַרט זיך אויף דער קאָנדוקטערשעס אַרײַנגיין און אויף איר אָנזאָגן: „איר דאַרפֿט אויף דער קומענדיקער סטאַנציע אַראָפּגיין!" — אַזוי נעמט זי זיך, סטיסיע, מיט עפּעס אַ מין פֿרייד, ווי פֿון אַ סכּנה אַרויס, צונויפֿלייגן און צוגרייטן, אָנוואַרעמען אַ פֿלעשל מילך, — פֿאַרן אַראָפּגיין דאַרף מען אָנקאָרמען און איבערוויקלען דאָס קינד, וואָס פּירט זיך די גאַנצע נאַכט שטיל, ווי ס׳וואָלט פֿאַרשטאַנען אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט ס׳איז געקומען, און קרימט נאָר מיט די ליפּעלעך... און אויך שפּעטער, שוין אין שליטן, שוין אויפֿן וואַלד־ און פֿעלד־וועג אין דאָרף אַרײַן, האָט דאָס קינד ניט געלאָזט זיך הערן. דער טאָג איז געווען אַזאַ געבענטשטער, אַז יענע האָק, און אויך דעם גלחס ווײַסע אויגן, האָבן אָנגעהויבן זינקען און פֿאַרגיין. די זון, די גרויסע האַרעפּאַשניצע פֿון דער וועלט, איז איר געשטאַנען, סטיסיען, פֿון אין דער פֿרי אָן אויף מזל. די קופּערנע סאָסנע־שטאַמען האָבן געלויכטן מיט אַ הייסער ליכט, אויף די ליימיקע שיפּועים האָבן שוין גע־פֿינקלט די גאָלדענע רייפֿעלעך פֿון די ערשטע פֿרילינג־קווייטן — פֿון דער שטיפֿמוטערל; די שנייען אַרום האָבן געברענט מיט אַלערליי קאָלירן, ס׳האָט געשמעקט מיט די ערשטע וואַסערן, די זאַטקראָען האָבן זיך געדרייט מיט

געפילדער און געשלעג אונטער די צאַרט־אויסגעבלויטע הימלען, זיך געטיילט דאָרטן אויף פּאָרלעך, געפאַלן פון פרייד צו דער ערד און געטראָגן אין די פאַרשיכּורטע שנאָבלען די אַראָפּגעפאַלענע צווייַגלעך, — אויפשטעלן אויף די אַלטע יאַסינע־ביימער די פאַראַיאָריקע האַלב־צעשטערטע נעסטן זייערע.

טז

דער דרײַ־יאָריקער בולאַנער אָגער מיט דער לאַנגער פוקס־קאָליריקער גריווע, צעוואָרפן איבער בײדע זײַטן האַלדז, יאָגט מיטן אויפגעהויבענעם קאָפּ איבערן וואַלד, צווישן קופּערנע סאָסנע־שטאַמען, וואָס גילדן זיך אונטער די יונגע קרוינגרינקייטן אין דער הייסער ליכט; איבער די שנייען רייטלען זיך די אָלכע־אוירינגלעך, די אָסיקעס זילבערן זיך אינעם ליכטשפּיל און פון זייערע צווײַגן פאַלן בלאָווע שאָטנס אויפן קראָפּיווע־באַבעלע, וואָס פלאַטערט שוין איבער אַ שנייגלעקל; דער פּיקהאָלץ קלאַפּט אויס פאַר דער וועלט זײַן אויפגעברויזט־פרילינגדיקע ליבעליד און זי, סטיסיע, מיטן קינד אויף די הענט, אינעם שליטן, נאָך דער נאַכט מיטן גלחס ווײַסע אויגן, אָטעמט מיט שטילער פרייד די ביטערלעכע ריחות פון די מיט קנאָספּן־אָנגעבראָקנעטע צווײַגן, און דער וואַרעמער ווינט רוישט ניט נאָר אין די צעצוויטעטע ווערבע־קוסטעס, נאָר אויך אין אירע ביינער, אין איר נשמה.

און דערבײַ טאַקע, זעט זי פּאָרט, פאַרלירט אויף קיין רגע ניט פון אויג, ווי פון דער לינקער זײַט שליטן, דאָרטן ווו די יאָדלעקרוינעז ווערן ענגער און געדיכטער — די שײַן שלאָגט קנאַפּ אַהין אַרײַן, דאָרטן איבער די מאַטע שנייען, לויפט י ע נ ע מ ס שאָטן. יענער, נחומקע, איר גרויסער חלום, איז טאַקע דעמאָלטן פאַרברענט געוואָרן אין דער מומע ליבעס כאַטע, אָבער זײַן שאָטן האָט ער איבערגעלאָזט. און יענעמס שאָטן, שוין אַזוי פיל יאָרן, טרעט פון איר ניט אָפּ. אַפילו אין אירע אַכט וווּנדערלעכע יאָרן מיט דניאלקען, אַפילו אויך דעמאָלטן, איז יענער שאָטן פון איר ניט אָפּגעגאַנגען. אָפּט, אין די פאַרטאָגן, האָט זי אים געזען, יענעמס שאָטן, אויף דער וואַנט, מיטן אײַנגעבויגענעם קאָפּ אויף די אונטערגעהויבענע קני.

אויך דאָרטן, בײַ עקיבאס טהרה־שטיבל, אויפן אַלטן האַלב־חרובן הייליקן אָרט, אונטער דער פאַרפלאַמט־רויכיקער לבנה, בײַ דעם ווילד־

אומרו:קן געשריי פונעם פילין, דאָרטן, ווו זי האָט איַינגעהאַלטן־שטיל אויס־געקלאָגט ביַי דער פאַרווייעטער מצבה אירע פאַרשטיינערטע טרערן, וואָס זיַינען איר יאָרן לאַנג געלעגן אויפן האַרצן און האָבן מיט אַ מאָל דאָרטן אויפגעקאָכט און אויפגעזאָטן; אויך דאָרטן אויפן בית־עלמין, האָט זי געזען אויפן שניי יענעמס שאָטן מיטן איַינגעבויגענעם קאָפּ אויף די אונטער־געהויבענע קני. ס'האָט זיך איר אַפילו אין איין רגע אויסגעדאַכט אַז זי הערט אים, דעם שאָטן, וויינען אויף אַ קול; דעם לעבעדיקן האָט זי קיין מאָל ניט געזען און ניט געהערט וויינען.

און דאָ, פאַרטראָגן און פאַרנומען מיט יענעמס שאָטן, דערזעט זי פלוצ־לינג ווי פון דער וויַיט לויפט איבער די טונקל־געוואָרענע שליטן־קאָל:עס נאָך איין שאָטן. און אויך דעם שאָטן דערקענט זי באַלד. באַפאַלט זי עפּעס אַ גרויסע אימה. דעמאָלטן, נאָכן אַרויספירן אים, דניאלקען, פון שטוב, פאַר איר חלשות פאַלן, איז זי איַינגעבויגענערהייט געלאָפן פון פענצטער צו פענצטער, געוואָלט אינעם ניט־פאַרפרוירענעם ווינקל־טאָפליע כאָטש נאָך איין מאָל זען דניאלקעס שאָטן אויף דער ערד, אָבער פון יענער זיַיט פענצטער־וועלט האָבן זיך אין די רויטלעכע לאַמטערן־שיַינען געוויכערט שנייען, ווי פריש־פאַרבלוטיקטע פעדערן. און דאָ, פלוצלינג, זעט זי אים, דניאלקעס שאָטן, לויפן אַהער צו איר. ווען פון היַינט אָן איר נאָכגיין שוין צוויי שאָטנס? און דאָ דערהערט זי יצחקס קול:

— האָסטו טאַקע דאָרטן פון חרותן מיט אַברהמען גאָרנישט ניט גע־הערט? האַ, סטיסיע, האָסטו טאַקע פון זיי גאָרנישט ניט געהערט? — דער אַלטער באָיאַר־דעמב, דער ניט געקריינטער נשׂיא פונעם דריַיצנטן שבט ביַי יידן, דער, וואָס איז מיט איר אַ מאָל געשטאַנען ביַים אָפענעם אָרון־קודש, ווו זי האָט צווישן די צוויי גאַנץ־געבליבענע ספר־תורות אַריַינגעלייגט איר געהרגעטע קינד, ער, יצחק באָיאַר, פאָדערט פון איר ווידער, און מאָנט שוין ביַי איר ניט נאָר מיט די אויגן, נאָר שוין אויפן קול, שוין מיט אַ געשריי איבערן גאַנצן וואַלד.

די לעצטע וואָכן, ווייסט מען אין דער משפחה, גייט ער, דער זקן, אַלע פאַרנאַכט אין ווינטערדיקן וואַלד אַריַין, דאַוונט דאָרטן צווישן די דריַי בערעזעס, ווו ער האָט אַ מאָל ביַי נאַכט, פאַרנדיק מיט דער מומע ליבע,

געטראָפן זײַן אַברהמען, וואָס איז ווידער געשפּרונגען אויף די מיליצעס, שוין פון דער וועלט־מלחמה, און נאָך אַ מאָל אַ שווער פאַרוווּנדיקטער אין דעם לינקן פוס; דאָרטן, צווישן די דרײַ בערעזעס, דאַוונט ער, יצחק באַיאַר, מיט גרויס כוונה, קלאַפּט מיט ביידע הענט אין די פאַרפרוירענע בערעזעס: תּקע בשופר גדול לחרותנו!.. — און דערנאָך, שוין נאָכן מעריב־דאַוונען שרײַט ער צו די נאַכט־ווערנדיקע הימלען: — לא תרצח! דו הערסט, בורא־עולם, לא תרצח! דאָס זאָג איך דיר דאָ, יצחק באַיאַר, אין די שנייען פון די פּאָלעסיער וועלדער! אויך דו, דו, רבונו־של־עולם, דאַרפסט מקיים זײַן דעם גרעסטן לאוו פון די עשׂרת הדיברות, וואָס דו האָסט געגעבן דער וועלט אויפן באַרג סיני!..

בײַם אַראָפּגיין פון באַן מיטן קינד און מיט די זאַכן — די קאָנדוקטערשע האָט זיי אָן אַ וואָרט צו זאָגן אויף דער ערד אַראָפּגעשטעלט, שוין בײַם טאָג ווערן, — יענע פאַרפלאָמט־רויכיקע לבנה פונעם בית־עלמין, וואָס האָט די גאַנצע נאַכט אַרײַנגעשײַנט אין דעם גלחס ווײַסע אויגן, האָט געצאַנקט אויף אַ פאַרטוייַקטן טאָפּאָל, און אַנטקעגן איר איז פון אונטער דער ערד, איבער די צוגעפרוירענע בעז־פאַרביקע שנייען, אויפגעגאַנגען אַ פײַערדיקע זון; דאָרטן, שוין אויך אומגעריכט, באַגעגנט זי גראָד ער, יצחק באַיאַר. ער גיט איר אָפּ פון אַלעמען גרוסן, דער עיקר פון איר זון, פון זרחלען, וואָס האָט אויך געוואָלט פאָרן באַגעגענען די מאַמע מיטן ברודערל. ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין דער משפחה ווייסט מען שוין וואָס אין שטאָט האָט מיט איוון, מיט דניאלקען און אויך מיט דאָלין געטראָפן. מ׳ווייסט אויך אַז זי, סטיסיע, האָט גענומען דאָליס קינד צו זיך.

דער אַלטער יצחק באַיאַר, אינעם וואַטאָוון לײַביק, אונטערגעגאַרטלט מיטן געקניפּטן שטריקל, גיט איבער די גרוסן און קוקט דערבײַ אויף איר, אויף סטיסיען, מיט זײַנע וואַרעמע גרינלעך־גרויע, ניט געעלטערטע אויגן און וואַרט פון איר כאָטש איין וואָרט וועגן זײַנע לעצטע צוויי קינדער, וועגן חרותן מיט אַברהמען. זי האָט אים אָבער ניט וואָס צו זאָגן. וויפל עקיבא איז ניט אַרומגעלאָפן און ניט אָפּגעקלאַפּט דאָרטן די שוועלן, האָט אים קיין איינער פון די גרויסע מאַקינטאַשן, אַחוץ אַ קרומען שמייכל, מיט קיין וואָרט ניט מזכּה געווען.

פון סטיסיעס שווײַגן טוט זיך דער אַלטער באָיאַר אַ וויג אויפן ווינט, וואָס גייט פונעם זונאויפגאַנג, און לאָזט זיך באַלד אויף גיך מיט די צוויי קאָשיקעס צום שליטן. נאָר ווען דאָס קינד צעוויינט זיך אויף סטיסיעס הענט, בלײַבט ער שטיין, זײַן פּנים הייבט אָן צו שאַרײַען אויף פרייד און ער זאָגט שטיל:

— וויין, מײַן קינד, שרײַ! דײַן קול מוז דאָך דער־וואָס־לעבט־אייביק דערהערן! פאַר מײַן קול זײַנען אַלע הימלען פאַרשלאָסן. — און מיט אַ מאָל צו סטיסיען: — דו האָסט געראַטעוועט די משפּחה פון יאוש! גוט וואָס עקיבא האָט אַ נאָמען געגעבן דעם קינד נאָך אונדזער עזראָ הראשון, נאָך אונדזער עזראָ אָבינו! גוט!

ער זיצט, דער אַלטער באָיאַר, ווי תּמיד, אויף דעם סיטשקע־קעסטל מיט אַ זײַט, די פיס, וואָס אין די פישאַייל אויסגעשמירטע שטיוול, איבערן אָכרע־געפאַרבטן „פאַרנייטן" * שליטל; אין די הענט האַלט ער ניט קיין ווישקעס און ניט קיין בײַטש, — געלאָזט דעם פאַרשײַטן אָגער אויף זײַן אייגענעם באַראָט. און דער בולאַנער מיט דער לאַנגער פוקס־קאָליריקער גריווע אויפן ווינט, צווישן די צוויי אויסגעבויגענע רויטע דישלען, אינעם שוואַרצן כאָמעט מיט די גלאַנציקע שטיפטן, — פון אונטער דער דוהע לאָזט זיך דאָס ניקלענע גלעקל הערן אויף ווײַטקייטן; ער, דער בולאַנער, טראָגט זיך איבערן וואַלד מיט אַ צעלאָזטן הירזשערײַ און אַלע אַנטקעגן פאָרנדיקע קערעווען דערשראָקן פון וועג אַראָפּ, ווײַל אַלע אינעם אַרום ווייסן: דאָס פאָרט דער אַלטער באָיאַר פונעם יידישן קאָלווירט „דער שליאַך צום קאָ־מוניזם" מיט זײַן ניט־געצוימטן אָגער. קאָן קיינער גאָר ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי פאָרט מען עס מיט אַזאַ חיה אָן ווישקעס און אָן אַ צײַמל? מיט אַזאַ פאָרן קאָן מען זיך אומברענגען, — דער אָגער קאָן צעטומלט ווערן און צעטראָגן.

נאָר יצחק באָיאַר, דעם קאָפּ פאַרנייגט צום רעכטן אַקסל, נאָך אַלץ אין דעם סויבלענעם ירושה־היטל, וואָס איז מיט יאָרן אײַנגעשרומפּן געוואָרן אַזוי, אַז ס׳קריכט שוין אויפן קאָפּ ניט אַרויף, האַלט אין דער לינקער האַנט

---

* פון אַלע פיר זײַטן פאַרמאַכט.

די שמאָלע, נאָך אַלץ גערדיכטע זילבערבאָרד, דער הויכער שטערן אין טיפֿע קאַרבן — ס׳דאַכט אַז דער זקן זעט ניט און הערט ניט וואָס אַרום אים טוט זיך דאָ, אָבער ווען דער אָגער נעמט גיין אין גאַלאָפּ, דרייט ער אויס, יצחק, דעם קאָפּ און זאָגט מיט פֿאַראיבל:

— נו, בולאָנער, נו, ספּאָקאָינער... קסאָבי!

און דער אָגער, וואָס קיינער קאָן אים ניט אײַנשפּאַנען און קיינער קאָן מיט אים ניט פֿאָרן, טוט אַ קאָסע מיטן פֿײַערדיקן קלוגן אויג צום אַלטן באָיאַר, ווי געזאָגט: „זײַ רויִק!“ פֿאַרנעמט צוריק אויף דער קאָליִע און גייט אַוועק שטילער, וואַרפֿט ווײַטער מיט די פֿעדערשטע פֿיס, ווי געלייגט קלאַפּטער, און שווימט איבער פֿרי־פֿרילינגדיקן זוניקן טאָג, איבער די ערשטע וואַסערן, וואָס יאָגן פֿון אונטער די בליציקע שנייען אַרויס.

הגם שטאַרק באַאומרויִקט און פֿאַרנומען מיטן קינד, וואָס הייבט שוין אָן מיט געוויין מאָנען עס אָנקאָרמען און איבערוויקלען, און אפֿשר, טראַכט זי, סטיסיע, קומט דער געוויין בײַם עופֿעלע פֿון שוין מער ניט קאָנען איבערטראָגן די בענקשאַפֿט נאָך דער מאַמען? און אפֿשר גראָד דאָ, אין שליטן, בײַ איר אויף די הענט, האָט דאָס קינד מיט אַ מאָל דערפֿילט זײַן עלנטקייט? און זי איז אויך פֿאַרטאָן, סטיסיע, מיט יענע צוויי שאָטנס וואָס באַגלייטן זי איבערן וואַלד און בלײַבן, ווי ס׳דאַכט זיך איר, אָפּט שטיין צווישן די פֿאַר־מאָכיקטע יאָדלעס און פֿאַרפֿירן צווישן זיך אַ קריג. דאָך! הגם פֿאַרנומען און פֿאַרטאָן מיטן קינד און מיט יענע צוויי שאָטנס, קוועלט זי דערבײַ אָן פֿונעם זקנס פֿאָרן אָן ווישקעס און אָן אַ צײַמל, ווי די אַנטקעגן פֿאָרנדיקע פּויערים טרעטן דערשראָקן אָפּ דעם וועג און ווי אַפֿילו די יונגע צלמען זיך. זי ווייסט, סטיסיע, אַז דער בולאָנער, ווי אַזוי די בלוטן זאָלן אין אים ניט יוירן און שפּילן, ווי האָפּן, וועט ער ניט צעטראָגן און ניט מזיקן. ער פֿילט, דער אָגער, דעם זקנס יעדער קער און ווענד. אויך דער „שפּאַק“ האָט געפֿילט איר איטלעכן פֿינטל מיטן אויג. אָבער בײַ יענעם, בײַ איר שפּאַק, וואָס איז אין יענער נאַכט, בײַם ברענגען זי און דניאַלקען פֿון די באַנדיטן צוריק אין שטעטל אַרײַן, געפֿאַלן בײַ דער שטוב מיט אויסגעשטשירעטע ציינער, ווי אויסגעגאַנגען מיט אַ שמייכל, אַ צופֿרידענער, וואָס ער האָט פֿאַר איר, פֿאַר סטיסיען, געקאָנט אָפּגעבן אַלע, ביז די סאַמע לעצטע, כּוחות — בײַ יענעם

אָבער, בײַ דעם שפּאָק, איז דאָס פּילן איר איטלעכן פּינטל מיטן אויג געקומען פון דאַנקבאַרקייט פאַרן אויסהײלן אים, פאַרן ראַטעווען אים פונעם טויט, פאַרן אָפּטרײַבן פון זײַן צעיאַטערטן פּוס די זלידנע גרינע פליגן, וואָס האָבן אים געמאַטערט און געגעסן לעבעדיקערהייט; און בײַ דעם, בײַם בולאַנעם, קומט עס אַלץ פון געוווינטשאַפט. דעם האָט יצחק פון דער האַנט געפּיטערט און געפּויעט פון קליינערהייט, פונעם ערשטן טאָג אָן. דעם בולאַנעם האָט דאָך יצחק געכאַוועט און געפּעסטעט, מושטרירט און געגרייט פאַרן אייניק, פאַר שמואליקן, פאַרן קאָמאַנדיר פון דער רויטער אַרמיי... האָט מען שמו־אליקן, און טאָמאַרען, און אויך זייער דרײַצן־יאָריקע טאָכטער, דאָס אור־אייניקל, וואָס ער, דער אַלטער יצחק, האָט זיך אין איר געשפּיגלט, אויך זי, דניאלהן, האָבן זיי אומגעבראַכט.

— אַלע דרײַ פונעם לעבן אַרויסגעריסן, — דערהערט דאָ סטיסיע דאָס צאַרנדיקע קול, וואָס רײַסט זיך פונעם אַלטן באַיאַר, ווי ער וואָלט מיטן פאַרנייגטן אויער צום אַקסל אונטערגעהערט אירע געדאַנקען. — אַלע דרײַ אַרויסגעריסן... אין סאַמע בלי פון לעבן אַרויסגעריסן און פאַרשניטן. אַ קוואַל פון מײַן זרעא חיי קיימא חרוב געמאַכט אויף אייביקע צײַטן. וואָס ווילן זיי פאַרזייען אויפן בלוט? האַ, סטיסיע? אויף בלוט וואַקסט ניט קיין קאָרן. און אויב ס'וועט אַפילו יאָ אויסוואַקסן, וועט דאָס ברויט זיך שטעלן אין גאָרגל. דאָס פאַרגאָסענע בלוט וועט שרײַען אינעם ברויט אין אַלע, אין אַלע, אין אַלע קומענדיקע דורות... האַ, סטיסיע, וואָס שווײַגסטו?

און דאָ דערזעט זי ווי דער אַלטער באַיאַר, וואָס אַלע ביינער גייען אים ממש אַרום אונטערן וואַטאָווען גרויען לײַביק, שלעפּט פון אויפגעבראַכטקייט אַרויס פון דער שטרוי אין שליטן אַן אויסגעשניצטן דעמבענעם שטעקן און אַקוראַט אַזאַ מין מיט וועלכן איר עלטער־זיידע, זרחל, איז פאַר צוויי וואָכן, פאַר איר פאָרן אין שטאָט אַרײַן, געקומען צו איר צו חלום.

— פון וואַנען, — פרעגט סטיסיע אַ מבולבל געוואָרענע, — פון וואַנען קומט צו אײַך אָט דער־אָ שטעקן?

נאָר ער ענטפערט איר אויף דעם ניט, לייגט דעם שטעקן צו זיך אויף די קני, און רעדט זיך ווײַטער:

— פון עקיבאס פאַרשטעלטע רייד אינעם טעלעפאָן האָבן מיר דאָ

פאַרשטאַנען אַז איווע איז שוין ווידער אין זייערע הענט, אַז אויף דניאלקעס האַלדז האָבן זיי שוין אויך אַרויפגעוואָרפן אַ פעטליע און אַז די קימפעטאָרין האָט מען אַרויסגעטראָגן אויף אַ נאָסילקע. דו שווײַגסט, סטיסיע, דו שווײַגסט? די האַק גייט אַרום איבערן וואַלד, דיביימער ציטערן און שווײַגן! איך האָב איבערגעלעבט ניקאָלײַען דעם ערשטן, אַלעקסאַנדערן דעם צווייטן, אַלעקסאַנדערן דעם דריטן, ניקאָלײַען דעם צווייטן, דעם בלוטיקן. וויסטע און פינצטערע צײַטן, שרעקלעכע פּאָגראָמען. עלילותן דם. געטריבן פון די דער־פער. נאָר דאָס וואָס ס׳קומט פאַר איצטער, דאָס קאָן שוין פאַרשטיין נאָר אַ משוגענער. די האַק, סטיסיע, גייט דאָ אַליין אַרום איבערן וואַלד. אַליין, אַליין, אַליין גייט דאָ אַרום די האַק! אַ מאָל האָב איך דאָ אין וואַלד געשריִען: גר אנוכי בארץ, אַ פרעמדער בין איך דאָ אינעם לאַנד און הײַנט שרײַ איך: גר אנוכי בעולם, אַ פרעמדער בין איך אין דער גאַרער וועלט — און ער הייבט אויף דעם שטעקן צום הימל.

— פון וואַנען, פון וואַנען, — פרעגט זי אים נאָך אַ מאָל איבער — פון וואַנען, ר׳ יצחק, קומט צו אײַך אָט דער־אַ שטעקן?

— חרות האָט געטראָגן דער וועלט נײַע לוחות... לעבט זי נאָך? אין יענער נאַכט, ווען זי איז געלאָפן מיט איוון און מיטן מסור, האָב איך איר אויפן שוועל פון דער אַלטער קרעטשמע געזאָגט: כ׳וויל גאָרניט אַז דו זאָלסט זיך אָפּשטעלן, אַז דו זאָלסט אין מיטן וועג וואַרפן דײַנע לוחות. גיי דיר מיט דײַן וועג, האָב איך איר געזאָגט, זאָל זיך עקיבא פאָרן אויף זײַן כּישוף־וועגעלע, זאָל זיך שיפרה גיין מיט איר וועג, איך וועל מיר גיין מיט מײַן וועג. ערגעץ אויף אָט די וועגן דאַרף דאָך געלייזט ווערן אונדזער גורל! און ווהין, סטיסיע, וווהין זײַנען מיר אַלע פאַרגאַנגען? מיר שטייען דאָך אַלע בײַם אָפּגרונט! אַ מאָל האָט מיר אויף די רייד געענטפערט די מומע ליבע, זכרונה לברכה, אַז פון יענער זײַט אָפּגרונט גייט דער וועג ווײַטער. אפשר, אפשר, אָבער ווו נעמט מען דעם משה רבינו, וואָס זאָל אונדז אַריבער־פירן, ווו איז דער משה וואָס זאָל קאָנען שפּאַלטן דעם אָפּגרונט? — און אַלץ מיטן אויפגעהויבענעם שטעקן צום הימל: — בורא־עולם, אָט ליגט פאַר דיר אין שליטן אַ לעבעדיק קינד, העלף אים, דעם קינד, העלף אים, דעם עופעלע! קער אום אים זײַן טאַטע־מאַמע, נעם זיי אַרויס פונעם תּלינס

הענט! הער זײַן געוויין... רבונו־של־עולם, הײַנט איז דאָך פּורים בײַ ייִדן אויף דער וועלט!

ערשט אַצינד, בײַ אָט די ווערטער, דערמאָנט זיך סטיסיע, און ס׳ווערט איר דאָ קלאָר, פֿאַר וואָס זי האָט, אַחוץ אַלעמען, אַזוי געאײַלט און זיך אַזוי געריסן אַהיים: הײַנטיקן פּורים ווערט דאָך דעם ניט־געקרוינטן נשׂיא פונעם שבט באַיאַר, יצחקן, הונדערט יאָר! דאָך, און פֿאַרט, באַגריסט זי אים אַפילו ניט און פֿרעגט אים ווידער, שוין צום דריטן מאָל, אַ מבולבל־דערשראָקענע:

— פֿון וואַנען, ר׳ יצחק, קומט צו אײַך אָט דער־אָ שטעקן?

— אויף מאָרגן, נאָך דײַן אַוועקפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן, האָט זיך דײַן זרחל געגליטשט מיט די שקצימלעך איבערן טײַך און זיי האָבן אים אַראָפּ־געשטופּט אין דער פּאָלאָנקע.

— זרחלען?

— נאָר מ׳האָט אים באַלד אַרויסגעשלעפּט.

— ער איז שוין געווען אונטערן אײַז?

— חלילה־וחס? ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פֿאַרן שטעקן, וואָס איז געלעגן פּאָפּערעק איבער דער פּאָלאָנקע.

— פֿון וואַנען האָט זיך גענומען אָט דער שטעקן איבער דער פּאָלאָנקע?

— דאָס ווייס איך ניט.

— און זרחל ווייסט?

— ניין. ער ווייסט ניט.

— ווער האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס קינד פֿון דער פּאָלאָנקע?

— דאָס ווייסט מען אויך ניט. זרחל איז געקומען צו לויפֿן אַ פּיטש־נאַסער פֿונעם טײַך מיטן שטעקן אין די הענט. מ׳האָט זרחלען גלײַך אײַנ־געריבן מיט ספּירט און גאָט צו דאַנקען. ער הוסט נאָך אונטער, אָבער פֿון דער סכּנה איז ער שוין אַרויס.

— ר׳ יצחק, גלייבט איר אין נסים?

— איך גלייב אין דער העכערער השגחה. ישועת השם כהרף עין. גייען ייִדן איבער אויף אייגענע הענט, שטייען זיי בײַם אָפּגרונט... נו, בולאָנער! עטיאַ! דאָס קינד שלאָפֿט? אַ שטיל קינד, ניט קיין פּלאַקסיוועֿ. אײַ, אײַ, אײַ אל רחום וחנון! סטיסיע, וואָס זוכסטו דאָרטן די גאַנצע צײַט אין וואַלד,

וואָס האַלטסטו די גאַנצע צײַט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף לינקס, וואָס זעסטו דאָרטן?

— מײַנע שאָטנס...

— אויף דיר גייען נאָך שאָטנס? אַבי כ׳האָב געמיינט אַז נאָר מיר גייען זיי נאָך... איך בין רײַך מיט שאָטנס! מײַנע הונדערט יאָר זײַנען אַרומגע־רינגלט מיט שאָטנס. דער שרעקלעכסטער שאָטן איז אָבער דער שאָטן אויפן שוועל פון דער אָפענער טיר. מײַן רחלס שאָטן. און די דרײַ קליינע קינדער טאָרען און וועקן די געהרגעטע מאַמע. אוי, אָט דער שאָטן מיט דער אָפענער טיר! און דניאלס שאָטן מיט דער געלאָטעטער קאָלדרע אויף די אַקסלען, און דער שאָטן פון מײַן „שטילן זומער" מיט די שרײַענדיקע אויגן! הוי, סטיסיע, יענע שרײַענדיקע אויגן... און דער מומע ליבעס שאָטן... עטיאָ, בולאַנער, שלאָג זיך ניט אַראָפּ פונעם וועג! אָט פאָרן מיר אַדורך גבריאלס בערעזעווון וועלדל, וועלן מיר, בעזרת־השם, שוין זײַן אין דער היים.

און דאָך האָבן די באָיאַרס אין יענער פרי־פרילינגדיקער פּורים־נאַכט מיט די גרין־אָנגעשטערנטע הימלען, — אין די אַרומיקע וועלדער וואַלגערן זיך שוין פון די ברייטע יאָדלע־צווייַגן די שנייען צו דער ערד, און דער טויבער וואַלדהאָן לאָזט זיך שוין אויך הערן; אין יענער נאַכט האָבן די באָיאַרס געוואָלט יום־טובן יצחקס הונדערט יאָר — יאָרן מיט טראָפּנס פרייד און מיט עמערס יסורים.

אויפן גאַנצן לענג פונעם אַלטן דעמבענעם טיש האָט דאָבציע, ניט געקוקט אויף איר פאַרטרויערט־ און דערצאָרנטקייט, אַוועקגעלייגט דעם פריש־געבאַקענעם, דעם געפלאָכטן־פאַרברוינטן פּורים־קוילעטש, און די איבעריקע באָיאַריכעס האָבן אָנגעטראָגן המן־טאַשן, האָניק און אייער־קוכנס, קאָרן־ און צוקער־לעקעכער, פלאָדנס און מאַנדל־בייגעלעך; און שאַרפע צובייַסנס, און עסיקפליישן און קאַרטאָפליע־טייגעכצן, און בראָנפנס און ספּירטאָווע ווישניאַקס האָבן אויך ניט געפעלט, אָבער די באָיאַרס האָבן ניט געקאָנט זיך אויפמונטערן און אויפגעפלאַמט ווערן, ניט געקאָנט זיך צעיום־טובן און אַרייַן אין פאַרגעסנקייט.

אין אַזאַ בהלה ווי אין יענעם יאָר, האָבן זיך די באָיאַרס נאָך קיין מאָל ניט געפונען. דער ביסן שטעלט זיך אין האַלדז און דער שלאָף רוט ניט אויס די ביינער נאָכן טאָג האָרעוואַניע. נאַכט נאָך נאַכט, — און ס'קומט גאָר צו דעם קיין סוף ניט, — הייבט מען אויף מענטשן פון די גלעגערס, מ'נעמט פרויען וואָס זייַנען שוין אויף דער צייַט, מ'נעמט אַפילו קימפעטאָרינס. האָט מען דאָך זי, דאָלין, וואָס האָט זיך געפונען אין קימפּעט־היץ, אויף אַ נאָסילקע אַרויסגעטראָגן.

אויף אַזוינס האָט מען זיך שוין גאָרניט געקאָנט ריכטן. נאָך יענע גרויליקע יאָרן, נאָכן צונעמען בייַם פויער די ערד, נאָכן פאַרטרייַבן אים מיט

פערד און וואָגן אין קאָלכאָז אַרײַן, — האַלבע דערפער פויערים, די „קולאַ־קעס", האָט מען אין די שניי־געוויטערס געטריבן אין די טורמעס, צו די קנעכטלאַגערן און דערנאָך שוין זייערע ווײַבער און קינדער, די זקנים און זקנות, פון די כאַטעס אַרויסגעיאָגט און אין רויטע אַלטע פּיוואַגאָנעס קיין סיביר געפירט.

אויך דעמאָלטן, אין יענע טעג, זײַנען זיי, דער טאַטע מיטן זון, וועלוול מיט אריהן, די צוויי באַיאַרס, וואָס האָבן זיך צו גבריאלס הויף, צום בערעזניאַק, צו דער קרעניצע מיט די דרײַ אָנגעבויגענע אַלכעס אומגעקערט, אויף זייער ירושה־ערד אַרויף, פאַרן אַקער זיך גענומען און אויפגעשטעלט אַזאַ באַלעבאַטישקייט, אַז מ'האָט וועגן זיי אין די בלעטער געשריבן און ווי אַ מוסטער פאַר אַנדערע אַרויסגעשטעלט... זיי, די צוויי באַיאַרס, זײַנען אויך אין יענע טעג אומגעקומען: אַריה האָט ניט געוואָלט אָפּגעבן און איבערלאָזן זײַן האָרעוואַניע. ער האָט אין מיטן טאָג אונטערגעצונדן דעם הויף פון אַלע פיר זײַטן און איז דאָרטן געפאַלן. און ער, וועלוול, גבריאלס בכור, איז אויפן וועג צו דער טורמע אין דער שניי־וויוגע ביז ווערסנע געבליבן ליגן, — דער אַלטער יצחק באַיאַר האָט די צוויי טויטע גופים שפּעטער געפונען, אויפן אַלטן בית־עולם זיי מקבר געווען, און אַ קדיש געזאָגט.

האָט מען געמיינט, אַז דערמיט וועט זיך די ערד פאַרמאַכן און אַז אויף דעם וועט זיך שוין די גזירה ענדיקן: די „קולאַקעס", די שונאים פון פאָלק, זײַנען דאָך שוין מיטן וואָרצל אַרויסגעריסן, די אָרעמקייט איז שוין פאַר־טריבן געוואָרן אין די קאָלכאָזן, וועט מען איצט זיך נעמען בויען דאָס גליקלעך־שפּעדיקן לעבן... און מיט אַ מאָל האָט מען בײַ אָט דער אָרעמקייט דאָס לעצטע מעסטל תבואה פון דער שטרויענער כאַטע אַרויסגעפירט, די לעצטע סקאָרינקע פון מויל אַרויסגעריסן און ס'האָט זיך באַלד אַ מוראדיקער הונגער געשטעלט. מתים האָבן זיך ניט נאָר אין די דערפער, נאָר שוין אויך אין די גרויסע שטעט אויף די גאַסן געוואַלגערט און געשוואָלענע מאַמעס, וואָס האָבן שוין קיין כוחות ניט געהאַט צו דער שטאָט זיך דערקלײַבן, האָבן זייערע טויטע קינדער אויף די וועגן געגעסן!

און דער אַלטער יצחק באַיאַר האָט אין יענע טעג זיך ווידער געקריגט מיט גאָט און געשריִען אין וואַלד:

— לא תרצח!

און איצטער, נאָך יענע יאָרן, נאָכן קומען אַ קאַפּ צו־זיך, נאָכן צודעקן אַ ביסל די נאַקעטקייט, נאָכן אײַנשטילן קוים מיט ווייטיקן דעם הונגער, ווידער און אָבער אַ מאָל אין אַ טויטשרעק פאַריאָגט, אין אַ פינצטערניש אַזאַ פאַרטריבן, אַז מ׳זעט שוין גאָר ניט די מאָרגנשײַן, מ׳זעט שוין גאָר ניט אויף אַוועלכער וועלט מ׳גייט דאָ אַרום, מ׳איז שוין גליקלעך נאָר דערפון, וואָס מ׳טרעפט זיך נאָך דער נאַכט, אין די היימישע פיר ווענט.

דערצו נאָך, אין יענער פּורים־נאַכט, — די פײַערן פון די צוויי נאַפט־לאָמפּן פאַלן שוין אין דרויסן אויף די דינע אײַזפענצטער פון דער צוגע־פרוירענער ערד, און זי, סטיסיע, איז נאָך אַלץ ניטאָ, זיך נאָך אַלץ ניט אומגעקערט פון דאָרטן, פונעם פאַרטיי־קאָמיטעט, וווהין זי איז אַרויסגערופן געוואָרן טאַקע באַלד, טאַקע ווי נאָר זי איז מיטן עופּעלע פון שטאָט געקומען, זי האָט נאָך ניט באַוויזן, סטיסיע, זיך אָנטישען מיט איר קינד, מיט זרחלען, וואָס די שקצימלעך האָבן בעת איר ניט זײַן דאָ, אין דער פאָלאָנקע אַראָפּ־געשטופּט, און נאָר על־פּי נס איז איר קינד ניצול געוואָרן, ניט פאַרטראָגן געוואָרן אונטערן אײַז — מ׳וואָלט דאָך דאָס טויטע קינד אירס געקאָנט געפינען ערשט דעמאָלטן ווען דער טײַך וואָלט זיך אויפגעעפנט, ערגעץ ווו אויף אַ פאַרוואָרפענעם ברעג.

האָבן אַלע געמיינט, און אַפילו זיכער געווען, אַז סטיסיע, וואָס איז ערשט פון שליטן אַראָפּ, אַ מידע, האַלט זיך קוים אויף די פיס, וועט דאָס באַקומענע פּאַפּירל אָפּשאַרן אויף מאָרגן: ס׳ברענט ניט, מ׳וועט דאָרטן גאָרנישט ניט פאַרשפּעטיקן, די גאָלדענע בערג זייערע וועלן אין ערגעץ ניט אַנטלויפן; מ׳האָט זיך גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז סטיסיע וועט באַלד איבערלאָזן זרחלען, וואָס ליגט נאָך צום בעט מיט די פאַרקילטע לונגען און לאָזט זי, די מאַמע, אויף קיין טראָט פון זיך ניט אָפּגיין; ער האַלט אין איין פרעגן בײַ איר און איבערפרעגן, ער וויל וויסן זרחל: פאַר וואָס האָט די מאַמע אַזוי לאַנג זיך געהײַעט אין שטאָט? און צי וועט ער, דער טאַטע זײַנער, אויך קומען אַהער, אָדער ער וועט שוין פאַרבלײַבן דאָרטן אין שטאָט אויף תּמיד? — און אויך וויל ער, זרחל, הערן פון איר, פון דער מאַמען: איז טאַקע אַן אמת אַז דאָס קלייניקע קינד, וואָס זי האָט געבראַכט צו פירן,

איז זייַנס אַ ברודערל? און פֿאַר וואָס איז עס זייַנס אַ ברודערל? און דער עיקר: פֿאַר וואָס האָט מען דאָס קליינינקע קינד געדאַרפֿט ברענגען אַהער? פֿאַר וואָס איז עס ניט פֿאַרבליבן מיט זײַן מאַמע דאָרטן אין שטאָט? זי, סטיסיע, איז דאָך ניט דעם קינדס מאַמע?!

פֿון אירע ענטפֿערס דעם קראַנקן קינד, זרחלען, זײַנען אַלע באַיאַרס איבערראַשט געוואָרן. זי האָט גאָרניט געפּרוווט, סטיסיע, צו פֿאַרטושן און פֿאַרשלייערן. זי האָט אים, איר נייַן־יאָריקן קינד געזאָגט אָפֿן און פּשוט:

— דו, זרחל, און אָט דאָס קינד, עזראלע, איר ביידע האָט איין טאַטן. אָבער מאַמעס האָט איר אַנדערע. איך בין דײַן מאַמע, און עזראלעס מאַמע איז דאָלי, דעם פּעטער עקיבאס טאָכטער. און פֿאַר וואָס כ׳האָב דאָס קינד געבראַכט אַהער? זייַן מאַמע, דאָלי, איז זייער קראַנק געוואָרן.

— און ווו איז אונדזער טאַטע? ער וויל שוין צו מיר מער ניט קומען?

— אײַער טאַטע איז אַוועקגעפֿאָרן ווײַט, ווייַט!

— און ווען וועט ער זיך אומקערן?

— דאָס ווייס איך ניט, מײַן קינד, דאָס ווייס איך ניט. עזראלע וועט זייַן ביי אונדז. דו וועסט אים ליב האָבן. ער איז דײַן ברודערל.

און דאָ וואַרפֿט זרחל די קאָלדרע פֿון זיך, שפּרינגט פֿלוצלינג, אינעם איינעם העמדל, פֿון בעט אַראָפּ און לויפֿט צו צום קינד, וואָס שלאָפֿט שוין אין אַ וויגעלע אויף רעדלעך, בייגט זיך צו דעם אָן און נעמט קוקן אויף זײַן אומגעריכט־געבראַכטן ברודערל מיט עפּעס אַ מין ניט קלאָרער שרעק, מיט עפּעס אַ מין צער פֿון אַ שווערער באַליידיקונג... און באַלד לויפֿט ער אָפּ, און אויך מיט אַ מאָל, און נאָך מיט אַ גרעסערן אימפּעט, און פֿאַלט קריק אין בעט אַרײַן, פֿאַרוויקלט זיך איבערן קאָפּ און צעוויינט זיך אויף אַ קול מיטן פּנים אין דער וואַנט אַרײַן.

סטיסיע בלײַבט עטלעכע רגעס שטיין איבער איר קינד, איבער זרחלען, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, פֿרעגט בײַ אים גאָרניט, פּרוווט זיך ניט צו באַרויִקן אים, אויך איר פּנים ווערט דאָ ווײַסער פֿון שניי, ווי אויך זי וואָלט דאָ פֿלוצלינג עפּעס זייער שרעקלעכס דערפֿילט און דערזען... נאָר באַלד וואַרפֿט זי אויף זיך אַרויף דעם אַלטן שוואַרץ־פּליושענעם סאַקל, לויפֿט פֿון שטוב אַרויס, כאַפּט זיך אַרויף אויפֿן בולאַנעם, וואָס איז שוין פֿון שליטן אויסגע־

שפּאַנט, פּונקט ווי זי האָט זיך אַ מאָל אויף איר „שפּאַק" אַרויפגעכאַפּט, און אויך אָן אַ ציַימל, און אויך ווי דעמאָלטן, ווען זי האָט געיאָגט אין דעם אָנהייב־ווינטערדיקן פּאַרטאָג, איבערן ערשטן שניי, צו דעם רוצחים־נעסט, צום אַטאַמאַן זיראַ־זירקאָ... אַזוי אויך איצט טראָגט זי זיך אַוועק אויפן בולאַנעם, אָבער שוין איבער די פרי־פרילינגדיקע וואַסערן, וואָס בליאַסקען אין די אויגן אויף דער שוין הייסער זון, איבער די נאָך אַנגעשנייטע פעלדער, דורך די זיך־דורכלויכטנדיקע וועלדער אַהין, אין שטעטל אַריַין, צום פּאַרטיי־קאָמיטעט...

און די צווייטע הענער הייבן שוין אָן צו איבעררופן זיך אין דער נאַכט, און די שפּעטע לבנה וואַרפט שוין איר רויטלעכע שיַין אויף די פרירטוויזקע טאַפּאָלן בײַם וועג און זי, סטיסיע, איז נאָך אַלץ ניטאָ. דער טאַטע אירער, מאַטעס דער קאָוואַל, און אירע צוויי ברידער, עזריאל מיט אָשרן, ווילן זיך לאָזן אין שטעטל אַריַין, — האָט מען זי דאָרטן, חלילה, ניט אַרעסטירט? אַזאַ גאַנג האָבן זיי שוין אויך: מ'רופט כּלומרשט אַרויס אין ריַיקאָם, צי אָן אַנדער אָרט... און ווען מ'קומט אַהין וואַרטן שוין דאָרטן אויף דיר יענע, די פיר אותיות...

פון דעם געדעקטן און געגרייטן טיש שלאָגט מיט צעוויַיטיקטקייטן פאַרן נעכטן און מיט אומרו פאַרן מאָרגן. נאָר די שנייגלעקלעך אין דעם ליימענעם קריגעלע גאָלדיקן זיך צווישן די ווישניאַק־פלעשער און וויַיען מיט דער ערשטער פרייד פון די סוף־ווינטערדיקע וועלדער.

פאַר אַ יאָרן אין דער ציַיט, צו יצחקס ווערן אַ ניַין־און־נײַנציקער, — אויף דורך און דורך אַ ספּירטאָוונער באָיאַר, נאָך בײַ אַלע חושים, נאָך אַלע טאָג, פון פרי־יאָר ביז שפּעט אין אָסיען אַריַין, מיט דער זעג און האַק, מיט דער הראַבליע און זאַסטופּ אין סאָד, אויף די פּאַרניקעס, אויפן גאָרטן, בײַם היי שאָרן, בײַ די סנאָפּעס בינדן, און אַפילו מיט דער ווילע בײַם צונויפלייגן די קאָפּניעס און בײַם אויפשטעלן די סקירדעס... פאַר אַ יאָרן האָט בײַ אָט דעם לאַנגן דעמבענעם טיש — אַ ירושה פון גבריאלן — די פרייד שיר ניט צעשפּאַרט און אומגעוואַלגערט די ווענט, — מ'האָט צעעפנט אַלע פענצטער און טירן, און דער ערב־פרילינגדיקער שנייפאַל איז פאַרטראָגן געוואָרן אין שטוב אַריַין און געקילט די אויפגעפלאַמטע פּנימער.

פאַר אַ יאָרן איז נאָך אַברהם באָיאַר, דער העלד פון סאָציאַליסטישער מי, דער פאָרזיצער פונעם יידישן קאָלווירט „דער שליאַך צום קאָמוניזם״, געווען אין דער היים, און אַלע אייניקלעך זײַנען געקומען פון די גאָענטע און ווײַטע שטעט: די אינזשענירן און דאָקטוירים, די דאָצענטן און פּראָפּעסאָרן, די אָנגעזעענע פּאַרטײַ־ און מלוכה־טוער, און אויך זי, איווע, און אויך חרות איז געקומען פון מאָסקווע, פונעם קרעמל, צום טאַטן, און געטאַנצט מיט אים אַ „פריילעכס״, און מיט אַ פּאַטשיילע...

פאַר אַ יאָרן האָט דער נשיא פונעם שבט באָיאַר, שוין נאָכן „האָפּאַק״ מיט עקיבאָן, שוין נאָך אַלע אויסגעטאַנצטע און אויסגעפּליעסקעטע באָיאַר־ניגונים, אַרויסגענומען פון דעם ראָד דעם רויטן קאָמאַנדיר מיט די דרײַ שפּאַלעס אויף די פּעטליצעס, דעם אייניקל, שמואליקן, און אויך דאָס אוראייניקל, די דרײַצן־יאָריקע דניאלהן, די שוין אויסגעשטאַלטיקטע, די שוואַרצאויגיקע מיט די קופּער־רויטע געלאָקנטע האָר — דעם פּריש־אויפּגייענדיקן פײַער אין דער מישפּחה, און איז אַוועק מיט זיי אַ באָיאַרישס... און ערשט דערנאָך אַרויס אַליין, איינער אַליין, און באַוויזן זיי, די היַינטיקע, ווי אַזוי אַ באָיאַר קאָן אַרײַן אין התלהבות, ווי אַזוי די פרייד קאָן שלאָגן בײַ אַ באָיאַר פונעם האַרצן, פון דער נשמה.

און דערנאָך, נאָך יענעם טאַנץ, האָט דער זקן אָנגענומען פון דער געגלייזטער שיסל אַ זשמעניע קאַלטע און זויערע קליוקווע־יאַגדעס, זיך דערקוויקט און אָפּגעקילט, פאַרנייגט דעם קאָפּ צום לינקן אַקסל, ווי געוואָלט מיטן רעכטן האָריקן אויער דערהערן עפּעס אַ ווײַטן און שווערן גאַנג פון אַ נײַער גזירה, דערנאָכדעם צוריק אין ראָד אַרײַן, מיט די יונגע אויגן אַ פיר געטאָן איבער אַלעמענס פּנימער, און מיט אַ גרויסן טרויער אין קול, ווי געפילט אַז מיט זיי, מיט זײַנע קינדער, מיט זײַנע אייניקלעך און אוראייניקלעך וועט ער זיך שוין מער ניט זען, געזאָגט פאַר זיי זײַן לעצטן וואָרט:

— אין מיר, קינדער, רעדט ניט די עקשנות פון עלנט און פון אַלטקייט. מיינט ניט אַז איך בין שוין אין יאָרן פון כּלות הנפש און שׂריפת הגוף... די זאָרג פאַר אײַך אין אַ צײַט פון הפקרות טרײַבט מיך צו זאָגן און צו וואָרענען אײַך! איר פאַרטאַכלעוועט אונדזערע נשמה־אוצרות, איר ווערט אָן די אוצרות פון דורות, פון גרויסע דורות! יענע דורות זײַנען אַ קוואַל

פון לעבעדיקן וואַסער, אָבער קיינער פון אײַך וויל ניט טרינקען פון אים. דער אֵש־תּמיד ווערט אין אײַך אויסגעלאָשן, דער אייביק ייִדישער פײַער ווערט אין אײַך פאַרוויסט. איז וואָס וועלן זײַן אײַערע חלומות און די חלומות פון אײַערע קינדער און קינדסקינדער? פון וואָס וועלן זיי חלומען און נאָך וואָס וועלן זיי בענקען? און איר, אײַער דור, אײַער גאַנצער דור! אויך יענע... איך האָב צוריק מיט עטלעכע יאָר דאָ גערעדט מיט דער מומע ליבעס עלטערן זון, מיט דודן, וואָס האָט זיך בשתיקה אַרײַנגעכאַפּט אַהער פון ארץ־ישׂראל, פון זײַנע פאַרשטעלטע רייד האָט מיר אָפּגענומען דער לשון... ער האָט פײַנט געהאַט זײַן טאַטן, שמריהן, און אָט די שׂינאה האָט ער אַריבערגעטראָגן אויך אויף מיר... יענע זעען נאָר דעם פאַרשטויבטן ייִדן פונעם יאַריד! זיי האָבן ניט דערזען איבערן שטויב דעם ייִדנס גרויסע נשמה. און אָנהייבן דאַרף מען פון דעם ייִדנס נשמה. מיר זײַנען טאַקע געווען אײַנגעבויגן! מיר זײַנען געווען אײַנגעבויגן, ווײַל מיר האָבן געטראָגן אויף זיך די ירושה פון אָבות־אָבותינו, דעם שווערן עול פונעם גלות, דעם צער און צאָרן פון דורות! מיר האָבן אָבער אויך געטראָגן אין אונדזערע הערצער דעם גרויסן גלייבן אינעם ליכטיקן אחרית־הימים. דער ייִד האָט זיך דאָ אין גלות, אַפילו אין די סאַמע ביטערסטע און בלוטיקסטע צײַטן, קיין מאָל ניט געשטעלט אויף די קני פאַר זײַן גורל. אַ גאַנצן לעבן, קינדער מײַנע, שלאָג איך זיך מיטן רבונו־של־עולם... און איר, מײַנע קינדער, איר האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַלץ און אַלעמען און איר באַרימט זיך מיט די אויסגעגלײַכטע רוקנס! אַוודאי, אַז מ׳וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם טאַטן, דעם זיידן, דעם עלטער־זיידן, קאָן מען אַרומגיין מיט אויסגעגלײַכטע רוקנס... אָבער מיט וואָס און בײַ וואָס זענט איר, קינדער מײַנע, געבליבן? אָן וואָרצלען ווערט מען פאַרטראָגן פונעם ווינט... איר האָט דאָ מקבל געווען באהבה אַלע אמתן און די אני־מאמינס פון דער פרעמד! ס׳מיגלט און ס׳איבלט ווי אַזוי איר אַלע מעלה־גרהן איבער די רייד, וואָס זײַנען ניט מער ווי דאָס קאַלטע פײַער וואָס קונצן־מאַכערס ציִען פונעם מויל. זײַט מיר מוחל, קינדער מײַנע! אין אָסיען פאַלן די ווינטערדיקע עפּל שוין אַליין פונעם בוים. אָט די־אָ רייד, קינדער, ליגן מיר שוין יאָרן אויפן האַרצן... נו, און איצטער לאָמיר אָפּקלאַפּן דעם טריוואַקס און אָפּקאָרקעווען דעם בוטל פאַרספּירטעווען ווישניאַק,

וואָס כ'האָב באַגראָבן אין קעלער אונטער די טרעפּ ווען דניאלהלע איז געבוירן געוואָרן. כ'האָב געוואָלט דעם בוטל האַלטן ביז איר חתונה. נאָר גאָט ווייסט צי איך וועל צו יענער שׂימחה דערלעבן... לאָמיר אויסטרינקען פּאַר ישועות ונחומות אויף ייִדן, לאָמיר אויסטרינקען, אַז באַיאַרס זאָלן אויך אויף ווײַטער בלײַבן באַיאַרס...

און האַיאָר זיצן זיי שווער־פאַרביטערטע, מיט פאַראָבלטע הערצער, די באַיאַרס, וואָס האָבן זיך נאָך יענע פּעטליורא־פּאָגראָמען צונויפגענומען פון די אַרומיקע דערפער און כוטאָרס, אַרויף אויף די ערדן פונעם אַמאָליקן פריץ באָגושעווסקי, אַריבערגעפירט אַהין די גאַנץ־געבליבענע הײַזער, און אויך נײַע דאָ אויסגעבויט, די קוזניעס און סטאָליאַרנעס אויפגעשטעלט, די זומפן אַרום אויסגעטריקנט, דעם גרויסן עפּלסאָד איבערגעפלאַנצט און די שוין כמעט טויטע ביימער אויפגעלעבט, די שוין פאַרשוואַרצטע נאָכן גרויסן פײַער, וואָס די פּויערים האָבן אין זיבעצנטן יאָר אָנגעצונדן און ביז צו דער ערד פאַרברענט דעם גראַפס אײַנגעפונדעוועטע גיטער... האָבן די באַיאַרס אַלע הײַזער און שטאַלן, וואָס זײַנען אין שטויב און אין אַש געלעגן, מיט זייער עקשנות און גבורה, מיט האַק און האַמער, מיט זעג און זאַסטופּ, מיט דאָלאָטע און עקבער, מיט צוואַנג און הובל, מיט מעסער און שפּאַכטל, פון דער ערד אויפגעהויבן; אַפילו דעם שטיינערנעם פּאַרקן אויפגעשטעלט און נײַע דעמבענע מיט אײַזן־געקאָוועטע טויערן אויפגעהאָנגען; די פאַרשימלט־ און ווילד־פאַרוואָקסן געוואָרענע סאַזשלקעס אויסגערייניקט, מיט לעבעדיקע וואַסערן זיי אָנגעפולט און זילבערקאַרפּן אַהין פאַרפירט; בינשטאָק־שטיבלעך אויפגעשטעלט, אויפגעהאָדעוועט שאָף און רינדער, וואָס האָבן געשמט אַרי־בער דער געגנט, און אין די פאַרטאָגן, — די ראָסע זילבערט זיך קוים און די פייגלען אין סאָד שווײַגן נאָך, ס׳ווייעט מיט ליפּעצוויט, מיט פלאַמיקן מאָן, מיט זשאַסמין און מיט דופטיקן אַרבעס, טרײַבט מען שוין די אויס־געמאָלקענע בהמות אויף די פּאַשע־טאָליקעס; צום שניט גייט מען אַרויס מיט ווײַב און קינד, מ׳שטעלט דאָרטן אויף קורינעץ, מ׳זאָל אויף נאַכט ניט דאַרפן פאָרן פון פעלד אַהיים, ניט פאַרלירן קיין ברעקל צײַט, און פון זונאויפגאַנג ביז זון־זעצן־זיך קאָסעט מען די געדיכטע קאָרנס און ווייצן,

און נאָכן שווערן טאָג צוניפשאַרן און בינדן די סנאָפּעס, — די ביינער ברעכן און נאָיען, צינדן די ווייַבער און די טעכטער פּייַערן אויף צו קאָכן וועטשערע, און אונטער די אָפּגעקילטע הימלען, בייַ די שייַטערס, עסט מען מיט להוט־קייט, מ׳נעמט אויך צו גלעזלעך און דערנאָך, ביז האַלבער נאַכט, טראָגן זיך איבער די פעלדער און וועלדער די באָיאַרישע ניגונים.

אָבער פריִער, נאָך איידער געגומען זיך אויפשטעלן דעם נייַעם דאַך איבערן קאָפּ און איבערן לעבן, נאָך איידער מ׳האָט אָנגעהויבן אויפבויען אַ וואַנט, נאָך איידער מ׳האָט מיטן אַקער־לעמעך איבערגעקערט די ערשטע הליבע ערד פונעם נייַעם המשך און קיום, האָבן די באָיאַרס אָפּגעגראָבן יענעם קעלער ווו ס׳איז אַ מאָל לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן דער קדוש, יאָנטל באָיאַר, דער וווּנדער־שנייַדער, דער פערד־גנב, וואָס האָט ניט געוואָלט זיך שמדן, ניט געוואָלט נעמען פאַר אַ ווייַב דעם פריצס שיינע בת־יחידה, ניט געוואָלט פון יאָנטלען ווערן אַ יאָנוש און זייַן יורש און הערשער איבער דעם גראַף באָגושעווסקיס עשירותן, מוחל געווען אויף זייַן גרענדע־ און ווילטאָגן זיך... און ווי נישתומט זייַנען זיי געוואָרן, די באָיאַרס, אַז מ׳האָט ניט קיין ביינער, נאָר יאָנטלס גוף געפונען אַ גאַנצן, וואָס האָט שטאַרק געשמעקט מיט זשיוויצע, — יאָנטלס גוף איז געווען דורכגעזאַפּט מיט יאָדלעפּעך... האָט דעמאָלטן יצחק באָיאַר געפּסקנט: דער קדוש, יאָנטל־יום־טוב בן טודרעס, בלייַבט ליגן דאָ אין דעם קעלער אויך אויף ווייַטער! און מ׳האָט אויך אויף יענעם קבר־קעלער קיין געביי שוין ניט געבויט, נאָר אויפגעמויערט אַ שטיינערנעם אוהל אַלס זכר אויף דור־דורות. דערנאָך שוין האָבן די באָיאַרס זיך גענומען אויפשטעלן אויף דעם גראָפּס ערדן, — און זיי האָבן געגלייבט, ווי באָיאַרס קענען גלייבן, מיטן גאַנצן האַרצן, ביזן דנאָ פון דער נשמה, אַז נאָך אַזוי פיל דורות־ליידן האָבן זיי שוין זייער מנוחה און קיום געפונען.

פאַר אַ יאָרן האָט מען נאָך געיום־טובט יצחקס נייַן און נייַנציקסטן יאָר אויפגעלייגט און אויפגערוימט, מיט רחבותדיקער האַנט, און הייַיאָר זיצן זיי, די באָיאַרס, אַרום דעם לאַנגן אָנגעשטעלטן טיש מיט פאַרקלעמטע, מיט ווייַס־איבערגעטריקנטע ליפּן, ווי מ׳וואָלט זיי אין די נשמות אָנגעוואָרפן אָנגעגליטע שטיינער...

פֿאַר אַ יאָרן איז אין יצחקס רעכטער זײַט געזעסן דער זון, אַברהם, שוין אויך אין די יאָרן, מיט דער לאַנגער סיװוער באָרד, און אין דער לינקער האַנט איז געזעסן די טאָכטער, חרות, וואָס פֿלעג זיך פֿון צײַט צו צײַט פֿלוצלינג אַראָפּכאַפּן אויף אַ טאָג צום אַלטן טאַטן; אויך בײַ איר, בײַ חרותן, איז שוין דער געדיכטער קאָפּ האָר באַזילבערט געװאָרן, און ס'האָט געדאַכט, אַז דער צו גרויסער, דער צו שווערער קובליק אויפֿן נאַקן, בייגט איר אַלע מאָל דעם קאָפּ אַראָפּ; הײַיאָר זײַנען זיי שוין ביידע, אי אַברהם, אי חרות, אין טורמע, — שׂונאים פֿון פֿאָלק... און דער אייניקל, שמואליק, דער רויטער קאָמאַנדיר, און די שנור, טאַמאַראַ, די געוועזענע קאָמיסאַרשע פֿון דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, און דאָס אוראייניקל, דניאלה, דער דרײַצן־יאָריקער וווּנדער... יענע דרײַ זײַנען שוין גאָר אויף דער לעבעדיקער וועלט ניטאָ. און אויך מלכּה איז שוין ניטאָ. און איווע, און דניאלקע דער מומע ליבעס פֿעלן דאָ, און אויך עקיבא איז ניט געקומען, — ניטאָ ווער ס'זאָל אויסשפּילן די באָיאַרישע פֿריילעכסן.

און די באָיאַרס זיצן אַרום דעם געגרייטן טיש, — די לבֿנה איז שוין פֿון יענער זײַט טײַך אַריבער, און סטיסיע האָט זיך נאָך אַלץ פֿון דאָרטן ניט אומגעקערט. די הענער אויף די נאַסידלעס, פֿון אונטער די דעכער אין די שטאַלן, רופֿן זיך ווידער איבער, גיבן צו וויסן דער וועלט:

— ס'איז שוין נאָך האַלבער נאַכט!

דער זקן, דער בעל־יובֿל, זיצט אויך הײַיאָר אין יענעם גרויסן צימער מיט די צוויי פֿענצטער אין סאָד אַרײַן, וואָס אַברהם האָט נאָך דער מאַמעס טויט צוגעבויט פֿאַרן טאַטן, ווען יענער האָט זיך סוף־כּל־סוף אָפּגעזאָגט פֿונעם געדאַנק אויפֿצושטעלן אויף ס'נײַ די אָפּגעברענטע קרעטשמע, נאָר מיטן תּנאַי, אַז אין דער סטעליע זאָלן אַרײַנגעבויט ווערן, פֿון יענער אַלטער קרעטשמע, צוויי שוואַרץ־פֿאַרקוילטע באַלקנס, וואָס וועלן קיין מאָל ניט געווײַסט ווערן... דאָרטן האָט דער זקן זײַן מנין שבת און יום־טובֿ, דאָרטן שטייט די רייניקייט, — די ירושה וואָס איז ביז אַהער געגאַנגען פֿון דור צו דור, דאָרטן, לעם יענעם אויף חידושים־געשניצטן אָרון־קודש, ווי גבֿריאל איז געפֿאַלן מיט דער האַק אין דער האַנט... דאָרטן שטייט אויך יענער אַלטמאָדישער בופֿעט, ווי ס'געפֿינען זיך אַלע משפּחה־הייליקייטן: אינעם

קופּערנעם קעסטל ליגט דער פֿאַרבלוטיקטער מחזור נאָך פֿון גאָנטעס שחיטה אין דער אַלטער קרעטשמע, און אויך שטייט דאָרטן דער טאָפּ פֿונעם ערשטן באָיאַר, פֿון עזרא אָבינו, וואָס איז איבער דעם עלילת־דם אַנטלאָפֿן פֿון די דײַטשלענדער, זיך באַזעצט דאָ, אין די פּאָלעסיער וועלדער, ניט געהאַט דאָ פֿאַר וועמען און פֿון וואָס צו שמידן און גאָלד גיסן, האָט ער זיך גענומען קלעפּן וווּנדערטעפּ פֿון היגן ליים; און אויך דאָרטן, אויף די אײַנגעבויגענע פּאָלקעס, שטייען די פֿאַרגרינט־זילבערנע בענטשלײַכטער, די כּלערליי מינים חנוכּה־לאָמפּן, בשׂמים־ביקסעלעך און טאַביק־פּושקעס, שיידלען מיט מגילות, גרויסע קידוש־בעכערס, פּסחדיקע כּערות, — אַלצדינג שיין און מיט טעם געקריצט און געשטריכלט; דאָרטן, אין יענעם אַלטמאָדישן בופֿעט ליגן די צוויי שופֿרות, דער לאַנגער און געדרייטער, וואָס גבריאל באָיאַר האָט אַ מאָל אָפּגעקויפֿט בײַ אַ פּאַסטעך אין די קאַרפּאַטן־בערג, און דער צווייטער, דער קורצינקער; דאָרטן ליגן אויך די געל־צעשאָטענע קו־הישרס, די חובת־הלבבותן, די קרבן־מנחות און מענה־לשונס, די סידורים און משניותן, די סליחות און קינות, און אויך טלתים־ און תּפֿילין־זעקלעך, וואָס די מאַמעס און באָבעס האָבן אַ מאָל אויסגענייט פֿאַר זייערע חתנים, — פֿון דעם גאַנצן יונגן דור באָיאַרס האָט אַהין אַרײַנגעקוקט און זיך מיט דעם פֿאַרנומען נאָר ער איינער, דניאלקע דער מומע ליבעס, וואָס האָט עס אַלץ געוואָלט מיט איילפֿאַרבן אויפֿן לײַוונט פֿאַרהיטן.

דאָרטן, אינעם גרויסן צימער מיט די צוויי פֿענצטער אין דעם שפּעט־לבנהדיקן סאָד אַרײַן, ווו פֿון די פּוכקע פּרירטויזיקע צווײַגן פֿאַלן בלאָווע פֿונקען אויף די ערב־פֿרילינגדיקע אײַז־טאַפּלעלעך, דאָרטן, — די מיטערנאַכט גייט שוין אין איר אַרום־און־אַרומיקער שטילקייט אַרײַן, זיצט דער הונדערט־יעריקער יצחק באָיאַר, מיט די אויגן אויפֿן בילד, וואָס דניאל דער מומע ליבעס, פֿאַר זײַן אַוועקגיין פֿון סטיסיען מיטן קינד צו עקיבאס טאָכטער, צו דאָלין, האָט אָנגעמאָלט, אין אַ נוסחאָלץ־ראַם אַרײַנגעשטעלט און אונטער די צוויי גלאַנציק־פֿאַרקוילטע באַלקנס, איבערן אָרון־קודש מיטן אָפּגעצוויטעטן גרין־סאַמעטענעם פּרוכת, אויפֿגעהאַנגען: בײַ אַ טונקל־בלוטיקער שקיעה, שיִער ניט שוואַרצע, אַראָפּ־צו נאָר, צו די וועלדער, פֿון אַ צעשפּאָלטענעם וואָלקן שלאָגט אַרויס אַ בלענדאָפּשײַן, און צווישן אָפּגעברענטע ווענט,

וואָס קנוילן זיך נאָך מיט גרוי־לילאָווע רויכן, ליגט אויף דער ערד „דער שטילער זומער", שאַרט מיטביידע הענט דעם אַש אַרום זיך און די גרויסע אויגן אירע שרייַען: „פאַר וואָס, פאַר וואָס, גאָטעניו, קומט עס מיר?"

דאָרטן, ביי דער שייַן פון די צוויי נאַפטלאָמפּן, ביים געגרייטן טיש, — ס'שמעקט מיט פאַרבראָטנס און צוגעדישעכצס, מיט געפעפערטע געפילטע העלדזולעך, וואָס כאַפּן אונטערן לעפעלע, מיט באַצימרינגטע געבעקסן, וואָס קיצלען דעם גומען, און מיט יענע ריחות פון דער ערב־פרילינגדיקער נאַכט, ווו גרויסע שטערן ברענען אין זייער אייגענער עלנטקייט... די באָיאַרס אַרום טיש, יום־טובדיק צוגעפּוצטע, די בערד צעקעמטע מיט די פינגער, שוין אַנטשוויגן געוואָרענע, דער זאַפרען־פאַררייטלטער פּורים־קוילעטש וויגט זיך אין זייערע מידע אויגן, ווי אַ פריש־געפאַרבט שיפל אָן ווערסלעס אויפן מיטן סטאַוו... זיי סמאַליען, די באָיאַרס, אָן אויפהער אין די גרויסע ליולקע־ציביקעס דעם היימישן שאַרפן גאָרטן־טאַביק אַזוי, אַז די פּיקוסן הייבן אָן געל ווערן; קאָנען די באָיאַריכעס שוין מער ניט איבערטראָגן דאָס פאַליען פון די ליולקע־ציביקס און עפענען אַלע מאָל אויף ביידע פענצטער אין דער נאַכט אַרייַן.

דער זקן, דער בעל־יובל, זיצט ווי פאַר אַ יאָרן אויבן אָן, אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע, אין דער הויכער שוואַרץ־זייַדענער יאַרמלקע און די בלענד־ווייַסע באָרד לויכט אים אַראָפּ מיט אַלע אירע הונדערט יאָר ייִדישער שיינקייט. די אויגן זייַנען אים אָבער פאַר די לעצטע חדשים געעלטערט געוואָרן, ס'איז אין זיי ניט נאָר פאַראַן אָבלות, נאָר שוין אויך ייִאוש... אויך פריִער, פון זינט מ'געדענקט אים, זייַנען די אויגן ביי אים פול געווען מיט טרויער און יסורים, אָבער דאָך און פאָרט, האָט תמיד, אַפילו אין דער גרעסטער נסיון־ און גזירה־צייַט, געשלאָגן פון זיי, ווי ביי דער מומע ליבע, פון ערגעץ וויַיט, פון דער טיפעניש אַרויס, עפּעס אַזאַ מין ליכט, וואָס האָט געשטאַרקט אַלעמען די הערצער מיט האָפענונג אויף בעסערע און אויף ליכטיקערע צייַטן. און דאָ, אין אָט דער אָנגערייכערטער, האַרט שווייַגנדיקער וואַרטעניש, דערהערט מען ווי פון דעם זקן רייַסט זיך אַרויס:

...טשי ניע באַטשיוו טי,
טשי ניע ווידעל טי,
מאַיעי אָווצי?

— מירן פאָרן! — זאָגט מאַטעס צו די זין און שטעלט זיך אויף די פיס.
— ניטאָ מער אויף וואָס צו וואַרטן. פונעם וואַרטן קילט שוין דאָס בלוט אין די אָדערן. אויב זיי האָבן מיר אַרעסטירט סטיסיען, וועל איך דאָרטן עמעצן פון זיי אָנכאַפּן פאַרן גאָרגל און אים דערוואַרגן אויפן אָרט... אונטערן האַרצן האָט זיך מיר שוין אָנגעקליבן אַזוי פיל, אַז כ׳האָב שוין ניט מיט וואָס צו דיכען. לאָמיר פאָרן, קינדער. מ׳דאַרף זען וואָס דאָרטן טוט זיך.
— וואָס וועסטו דאָרטן, טאַטע, זען אין מיטן דער נאַכט? אַרום און אַרום אַ פינצטערניש, נאָר אין די פענצטער פון די דרײַ אותיות איז ליכטיק. דאָרטן גייען די דאָפּראָסן... אַרום און אַרום הויכע אײַזערנע שטאַכעטן, טיר און טויער איז פאַרהאַקט. וואָס וועסטו דאָרטן, טאַטע, הערן? אַרום און אַרום איז שטיל. אַ טויטע שטילקייט. בײַ די אַרעסטירטע פאַרבינדט מען די מײַלער, מ׳זאָל ניט הערן זייערע געשרייען... טאַטע, דאָרטן איז שטיל. וועסט דאָרטן גאָרנישט ניט הערן, וועסט דאָרטן גאָרנישט ניט זען, אין דער נאַכט לײַכטן זיך נאָר די פענצטער פון דער עמוועדע.
— ניין, עזריאל, מירן פאָרן! ביזקל מיר וועלן אַהין דערפאָרן וועט אָנטאָגן. די וועסנע באַגעגנט זיך שוין צום צווייטן מאָל מיטן ווינטער, און די קאַיאָרן פיקן זיך אויס פרי... קומט, קינדער!
מיט אַ מאָל הייבט דאָ אויף יצחק באָיאַר זײַן האַנט, פאַרנייגט דעם קאָפּ צום לינקן אַקסל און נעמט זיך אײַנהערן מיטן רעכטן אויער צו דער נאַכט, וואָס איז שוין אַרײַן אין איר פולער שטילקייט:
— זי פאָרט! — זאָגט ער מיט אויפגעשײַנטע אויגן.
— פון וואַנען, ר׳ יצחק, נעמט איר דאָס אַרויס?
— פון דער גרויסער שטאָל. כ׳הער ווי ס׳הירזשעט דאָרטן די קאָרע לאָשיצע.
— נו, און אַז זי הירזשעט איז וואָס?

— די לאָשיצע איז פאַרקאָכט אינעם בולאַנעם. אַז זי דערהערט אים, שפּרינגט זי שיִער ניט אַרויס פון דער פעל. די קאָרע הערט זײַן גאַנג אויף מײַלן ווײַט.

און באַלד דערהערן שוין אַלע ווי די צוגעפּרוירענע ערד קלינגט אָפּ אין דער נאַכט אונטער דעם בולאַנעמס אונטערגעקאָוועטע קאָפּעטעס. דאָך רירט זיך קיינער פון אָרט ניט. מ׳לויפט ניט באַגעגענען, — נאָך די לאַנגע שעהען וואַרטן און אַרויסקוקן, נאָכן קנאַפּן מעת־לעת הענגען אין דער לופטן, איז מען ווי אָן אַלע כּוחות געבליבן. דערצו נאָך דער פּחד פון אָפּגעגנאַרט ווערן: דער בולאַנער קאָן דאָך אויך יאָגן צו דער שטאַל אַ ליידיקער, אָן סטיסיען... אָט די־אָ שרעק פון פאַרלירן די לעצטע האָפענונג, האָט אַלעמען געליימט. ערשט ווען זרחל, וואָס אַלע האָבן געמיינט אַז ער שלאָפט שוין פון לאַנג, לויפט פון בעט אינעם איינעם העמדל, אַ באָרוועסער, פון שטוב אין דרויסן אַרויס און מ׳דערהערט פון דאָרטן:

— מאַמע?

— יאָ, מײַן קינד!

דעמאָלטן טוט זיך נאָכן קינד אויך אַ וואָרף דער זקן, און נאָך אים שפּרינגען אויף מאַטעס מיט די זין, און נאָך זיי לויפן שוין איינער פאַרן אַנדערן די איבעריקע באַיאַרס. אָבער דאָרטן, אין דרויסן, בײַ דער קאָסער לבנה־שײַן, וואָס פאַלט אויפן אָגער דורך די פאַרטוייִקטע זילבער־טאָפּאָלן, שוין אַפילו נאָך דעם, ווי זי, סטיסיע, איז מיט זרחלען אויף די הענט אין שטוב אַרײַנגעלאָפן, אויך דעמאָלטן פאַרבלײַבן זיי נאָך, די באַיאַרס, אין הויף אַרום דעם בולאַנעם שטיין, ווײַל אַלעמען וואַרפט זיך אין די אויגן, און מ׳ווערט ביז גאָר פאַרוווּנדערט, וואָס אויפן אָגער איז פאַראַן אַ שלייע... פון וואַנען קומען אויפן פערד די נאַריטניקעס מיט די טראָלדן? אַז דער בולאַנער איז מיט גוואַלד אויסגעשפּאַנט געוואָרן, דאָס איז צו זען פון די אָפּגעשניטענע פּאָסטאָראָנקעס און פון דעם אָפּגעהאַקטן נאַשילניק...

ווער האָט עס דאָרטן דעם בולאַנעם געקאָנט אײַנשפּאַנען און געוואָלט זי, סטיסיען, אַהיים אָפּפירן? און ווו האָט עס סטיסיע די פּאָסטאָראָנקעס געשניטן, דעם נאַשילניק געהאַקט און פון יענעם באַגלייטער אַנטלאָפן גע־וואָרן? האָט דאָס מיט איר געטראָפן אין מיטן וועג, ערגעץ אין וואַלד?

און ווער האָט עס דאָרטן סטיסיעס וועג־באַגלייטער און איר נאַכט־שומר געוואָלט זײַן ?

האָט מען געמיינט, געווען אַפילו זיכער, אַז באַלד וועט מען פון דעם זיך דערוויסן פון איר אַליין. זי אַליין וועט באַלד די באַשייד־שליסלען אין האַנט אַרײַן געבן, — קיין פאַרבאָרגענע ווינקלען אין איר לעבן האָט זי קיין מאָל ניט געהאַט. אָבער פון סטיסיען האָט מען זיך איצט גאָרניט ניט געקאָנט דערוויסן. זי האָט נאָר געזאָגט :

— דעם פאַרטייביכל האָט מען בײַ מיר צוגענומען.

און די פאַררייטלטקייט פונעם פנים הייבט איר דאָ אָן אָפּגיין. שווער געווען צו וויסן, צי אָט די פאַרפאַליעטקייט איז איר געקומען פונעם גיכן פאָרן, צי פון דעם וואָס ס׳איז זיך מיט איר דאָרטן אויפן וועג פאַרלאָפן ? נאָך די שטיל־געזאָגטע פאָר ווערטער : „דעם ביכל האָט מען בײַ מיר צוגענומען”, נעמט זי ווערן בלייך און בלאַסער, און גייט דערנאָך אין אַן ערד־שוואַרצקייט אַרײַן, וואָס דערשרעקט אַלעמען. די אויגן אָבער שטילן זיך איר דאָ אײַן, און ס׳באַווײַזט זיך אין זיי אַ מין פריידיקע ליכט, ווי איר נשמה וואָלט זיך מיט אַ מאָל פון עפּעס־וואָס באַפרײַט, און פון אַזוינס, וואָס איז איר שוין אוממעגלעך געוואָרן ווײַטער צו טראָגן.

שפּעטער־צו, און אַלץ אין איר אייגענער און אין דער אַרומיקער שטיל־קייט, די באָיאַרס זיצן ווידער בײַ דעם געגרייטן טיש אונטער די צוויי לאָמפּן און פּאַמקען די פאַרלאָשענע ליולקע־ציבעקעס, באַלייגט זי, סטיסיע, זרחלען צוריק אין בעט אַרײַן, — שווער געווען צו זען וויביידע, די מאַמע מיטן קינד, קאָנען זיך מער איינער פונעם אַנדערן ניט אָפּטיילן, ווי זי, סטיסיע, טוליעט צו זיך זרחלען אַזוי, ווי עמעצער וואָלט אים געוואָלט פון אירע הענט אַרויסרײַסן און ווידער זי איבערלאָזן אַליין, און שוין אויף תמיד, און שוין אין אייביקער עלנטקייט, לויטן פּסק־דין, וואָס דער באַטקאָ אָלעס לעוואַדאַ האָט אויף איר אַרויסגעטראָגן אין יענעם אַנהייב־ווינטערדיקן פאַרטאָג נאָכן שיסן אין דעם אַטאַמאַן זיראַ־זירקאָ... דערנאָך, שוין נאָכן באַלייגן זרחלען שלאָפן, בלייבט זי שטיין איבערן וויגעלע פון דאָליס קינד, און ווידער מיט יענעם ערד־שוואַרצן פנים, מיט דעם פאַרזאָרגט־אומרויִקן, נעמט זי פונאַנדערפרעגן ווי אַזוי האָט זיך דאָ דאָס עופעלע אויפגעפירט,

האָט מען אַרום דעם עפּעס ניט פאַרזען און, חלילה, ניט דורכגעלאָזט?

און נאָך דעם, שוין נאָכן איבערטאָן און צוקעמען זיך, — איר פּנים איז ווידער אין זײַן מראה אַרײַן, די ליפּן נאָך שטאַרקער צונויפגעשלאָסן, ווי מורא געהאַט ס'זאָל זיך פון איר ניט אַרויסרײַסן דער געשריי... נעמט זי אָנצינדן די הונדערט און איין קאָלירטע ליכט, וואָס זײַנען אַרײַנגעשטעקט אין דעם ראָד־קיילעכדיקן לעקעך. זי צינדט יעדער ליכט ניט געאײַלט, מיט גרויס כּוונה און אָפּגעהיטקייט, ווי זי וואָלט געטאָן אַ לאַנג געגאַרטע הייליקע זאַך... און ווען אַלע הונדערט און איין בונט־קאָליריקע ליכט ווערן אָנגעצונדן און צעברענען זיך, אַזוי לעשט זי זיי תּיכּף אויס. איבער דער שטוב בלײַבט הענגען אַ באַזילבערטער שפּינוועבס, וואָס שמעקט מיט וואַקס, מיט פאַרוויאַנעטע גערטנער, מיט איבערגעטריקנטע ראָמאַשקעס, מיט זיך לעשנדיקע קאַלטע שײַטערס־קרוינגען פון ראַבינע־ביימער, מיט אויף די ווינטן זיך־דרייענדיקע געלע בערעזע־בלעטער, מיט טײַכוואַסער פאַר די שנייפאַלן און זאַווערוכעס... דערנאָך פאַרנעמט זי, סטיסיע, דעם פאַר איר פרײַ געבליבענעם אָרט, אינעם אויבנאָן, בײַ דעם בעל־יובלס האַנט, דאָרטן, ווי פאַר אַ יאָרן אין דער צײַט איז געזעסן זי, חרות; וואַרפט אַ בליק אויפן געגרייטן און אָנגעשטעלטן טיש, וואָס קיינער האָט זיך דאָ צו די מאכלים און געטראַנקען ניט צוגערירט, — מ'האָט אויף איר געוואַרט... נעמט מיט איין האַנט אַרום, אָן ווערטער, דעם זקן, וואָס האַלט דעם קאָפּ צום לינקן אַקסל פאַרנייגט, ווי ער וואָלט מיטן רעכטן אויער צו עפּעס־וואָס אין דער נאַכט זיך ווידער צוגעהערט... מיט דער צווייטער האַנט הייבט זי אויף דעם כּוס רויטן פאַרספּירטעוועטן ווישניאַק, און אַלע באַיאַרס שטעלן זיך דאָ אויך אויף און מ'טרינקט אויס די אָנגעפולטע בעכערס ביזן דנאָ.

און הגם אויסגעהונגערטע, נעמט מען זיך אָן קוראַזש פאַר די פאַרבײַסעכצנס — צו די געפילטע העלדזלעך, צו די געהאַקטע לעבערלעך מיט גריוון, דער אויף שטיקער צעריסענער פּורים־קוילעטש, וואָס טײַעט אין די הייסע עסיקפּליישן, בלײַבט שטעקן אין די גאָרגלען... אָבער די בעכערס ווערן אָנגעפולט און אויסגעליידיקט, — די באָיאַרס ווילן זייער פאַרביטערטקייט דערטרינקען אין די אָנגעספּירטעוועטע ווישניאַקעס, אין די בראָנפן־זובראָווקעס. זיי ווילן, די באָיאַרס, זיך אויפמונטערן, זיך לאָזן ווילגיין,

פאַרטרייַבן די געדאַנקען, וואָס וואַרפן אַרייַן אין אַ מורא־שחורה; דער פרומער נפתלי, דער איינציקער פון גבריאלס זין, וואָס איז דאָ בייַם לעבן פאַרבליבן, הייבט אָן זינגען שו־שנת־נת יע־נ־קב... פרוּוון די אַלטע באָיאַרס אים אונטערהעלפן, אים אונטערהאַלטן; זיי ווילן זיך צעזינגען, ווילן זיך צעבינדן און פאַרגעסן... נאָר דאָ הייבט זיך פלוצלינג אויף דער בעל־יובל, יצחק באָיאַר, און שלאָגט איבער:

— מאַטערט זיך ניט באָיאַרס! מאַטערט זיך ניט! יום־טובדיקע טישן קאָנען מיר נאָך גרייטן, נאָר קיין פרייד אויף זיי קאָנען מיר שוין ניט שטעלן... ניטאָ שוין אין אונדז די פרייד. ניטאָ! ניטאָ! און פרייד קאָן מען ניט אַרייַנשלעפן פאַר די הערנער אין שטוב אַרייַן. ניין, מ׳קאָן ניט! פרייד פון יי׳אוש איז געפאַלנקייט... מ׳דאַרף זיך ניט קרימען, מ׳דאַרף ניט מאַכן קאָזשלקעס אַז מ׳איז דערשלאָגן און צעבראָכן. אַוודאי קאָן מען טאַנצן פון יי׳אוש, מ׳קאָן... אָבער מ׳קאָן חס־וחלילה אַרייַנטאַנצן אין אַזאַ יי׳אוש, אַז מ׳זאָל שוין פון אים גאָרניט קאָנען אַרויסטאַנצן. לאָמיר איבערוואַרטן און איבערלעבן נאָך אַ פינצטערניש! די וועלט איז אַרייַן אין כולו חושך, ס׳שיטן שוואַרצע שנייען... מיר זייַנען געוואָרן ווי אַ פעלד נאָך אַ שווערן האָגל. פאַראַן, נאָך פאַראַן צווישן אונדז באָיאַרס מיט שטאַרקע הערצער, — הייבט ער אויף די מיט טרויער איבערגעפולטע אויגן אויף סטיסיען. — פאַראַן, נאָך פאַראַן... אָבער די אַמאָליקע באָיאַרס, יענע פייַערדיקע לוי־איסרס, יאָנטלס, גבריאלס, יענע יי׳דן זייַנען שוין מער ניטאָ! ניטאָ! ניטאָ שוין יענע פייַער־דיקע נשמות וואָס צרות און גזירות פלעגן אויף זיי איבערגעברענט ווערן! און וואָסערע יי׳דן זייַנען מיר? פינטעלעך יי׳דן... פינטעלעך... אַפילו ניט קיין פונקען. פון אַ פונק קאָן זיך נאָך עפּעס וואָס אָנכאַפּן, אָנצינדן, צעפלאַ־קערן... אָבער פון אַ פינטעלע וואָס? פינטעלעך, פינטעלעך וואָס קאָרטשען זיך אין יסורים, אין עגמת־נפש, אין ספקות, אין נאַרישע אַפּיקורסות! מיר לעבן אָן אַ גאָט, מיר לעבן אין שרעק, אין מורא... איך פאַרשטיי שוין ניט די וועלט וואָס אַרום מיר, און איך פאַרשטיי אויך ניט די וועלט וואָס איז אין מיר... נאַקעט און הויל זייַנען מיר געבליבן פאַר אַלע ווינטן. לאָמיר אויס־טרינקען ניט פון יי׳אוש, נאָר פון גלייבן, פון אמתן באָיאַרישן בטחון. לאָמיר אויסטרינקען פאַר ד׳עם טאָג פון ישועה און פון גרויסער גאולה!

דער הונדערט־יעריקער דעמב טרינקט אויס דעם פול־אָנגעגאָסענעם בעכער, וואַרט צו ביז די ווײַבער טרינקען אויך אויס ביזן דנאָ, דערנאָך שטעלט ער אַוועק זײַן בעכער אויפֿן טיש און זאָגט:

— און איצטער, קינדער, לאָזט מיך מיט מײַנע הונדערט יאָר אין וועג אַרײַן!

פֿאַרשטייט מען ניט וואָס ער מיינט און וואָס ער וויל מיט די לעצטע ווערטער זאָגן, נאָר ווען ער גייט אַרויס פֿון טיש, טוט אָן זײַן פּעלצל אויף דער שבתדיקער קאַפּאָטע, גאַרטלט זיך אונטער מיט דער גרינער קרײַקע, שלעפּט אַרויף אויף דער יאַרמלקע דעם אויסגעריבענעם סויבלענעם יאָלעם, נעמט פֿון ווינקל יענעם אויסגעשניצטן שטעקן, וואָס זרחל האָט פֿון טײַך געבראַכט, -- יענעם שטעקן וואָס איז איבער דער פּאָלאַנקע געלעגן און דאָס קינד פֿון טויט געראַטעוועט... דאָ פֿאַרשטעלט אים סטיסיע דעם וועג:

— וווהין גייט איר דאָס מיט אָט דעם שטעקן?

— איך גיי אַליין אַהין! פֿון אַברהמען מיט חרותן האָסטו מיר, סטיסיע, קיין איין וואָרט ניט געקאָנט זאָגן. דו שווײַגסט... דער אַכזר האָט מיר אויף דעם בריוו, וואָס כ׳האָב אים קריק מיט צוויי וואָכן אָוועקגעשיקט, אויך ניט געענטפֿערט, גיי איך אַליין... כ׳האָב אים געשריבן דעם משיח בן־יוסף אַז בשעת די פּעטליורישע פּאָגראָמען בין איך אין טלית און תּפֿילין געגאַנגען נאָכן אָבאָז פֿון די רויטע... און איצטער האָט ער זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף מיר ווי דער מאַרדער בײַ נאַכט אויפֿן וואַלדהאָן, וואָס זיצט אין די פֿאַרשנייטע יאָדלעס... דער וואַלדהאָן טוט זיך נאָך אַ הייב אויף איבערן וואַלד מיטן מאַרדער אויפֿן רוקן, נאָר דער מאַרדער בײַסט זיך אים אײַן מיט די ציינער אין האַלדז, און דער פֿייגל פֿאַלט אַ פֿאַרבלוטיקטער אין שניי אַרײַן...

— אַזוי האָט איר אים געשריבן?

— אַזוי האָב איך אים געשריבן. מיט אָט די קלאָרע ווערטער, סטיסיע, האָב איך אים געשריבן. און נאָך האָב איך אים געשריבן, אַז אויב ער וועט פֿאַרגיסן דאָס בלוט פֿון חרותן מיט אַברהמען, וועלן פֿאַלן אויף זײַן קאָפּ אַלע קללות פֿון דער תּוכחה. און איך האָב זיי אים אויסגערעכנט די אַלע קללות פֿון דער תּוכחה.

— מ׳וועט דאָך אײַך... זיי וועלן ניט קוקן אויף אײַער עלטער!

— מסתמא, סטיסיע, איז מיר באַשערט אַזאַ טויט. פאַר וואָס זאָל מיר קומען שטאַרבן אויפן בעט, קומען צו קבר־ישׂראל, און מײַן אייניקל, שמואַ־ליקן, און מײַן אייניקל דניאלהן, ניט? איז דאָס דרײַצן־יעריקע קינד געווען זינדיקער פון מיר? האַ, סטיסיע, מיט וואָס האָט דאָס קינד געקאָנט דער־צאָרענען דעם בורא־עולם?.. פאַרשטעל מיר ניט דעם וועג, סטיסיע! איך וויל גיין אין טורמע אַרײַן. איך בין שוין דאָרטן אַ מאָל געזעסן פאַר חרותן. פאַרשטעל מיר ניט דעם וועג, איך וויל גיין צו אַברהמען, צו חרותן, צו איזוען, צו דניאלן דער מומע ליבעס... מיר וועלן זיצן אַלע אין איינעם. דאָרטן, סטיסיע, איז איצט דער יושר און דער גלויבן אין דער וועלט, אין דעם אחרית־הימים... — און ער ווערט מיט אַ מאָל אַנטשוויגן. זײַן לאַנגע ווײַסע באָרד גייט אַרײַן אין אַ שאָטן, און ווי אַלע באַיאָרס ווען זיי ווערן אַרומגעכאַפּט מיט אַ פלאַם־צאָרן, טוט ער אַ שאַר מיטן רעכטן פוס איבער דער ערד, און לאָזט זיך פון שטוב אַרויס.

— איך גיי מיט אײַך, ר׳ יצחק! איך וועל אײַך איינעם אַליין ניט לאָזן אין וועג אַרײַן.

— סטיסיע, אין וועג וועל איך זײַן ניט אַליין, דער וואָס־לעבט־אייביק וועט זײַן מיט מיר. ער וועט מיך באַגלייטן! דאַרפסט בלײַבן אין דער היים. דו, סטיסיע, ביסט איצטער אַ מאַמע פון צוויי קינדער... מאַטעס, שפּאַן אײַן די בלינדע שקאַפּע און פיר מיך אָפּ צו דער סטאַנציע. מיר וועלן מיט דער בלינדער אויך באַוויזן אָנקומען צו דער באַן. ביז שאַריִען האָבן מיר נאָך גוטע צוויי שעה... אַ גוטע נאַכט, קינדער!

יט

און דער אַלטער באָיאַר איז מיט דער בלינדער הניאַדער שקאַפּע, וואָס מ׳אַקערט מיט איר שוין נאָר די גערטנער, אָנגעקומען צום פּאַרטאָגיקן באַן צו דער צײַט, הגם אין מיטן וואַלד זיך געמוזט פּאַרהאַלטן, ווײַל אַראָפּ־צו פון וועג האָט אַ צעבראָכענער קול געבעטן הילף... האָט דער זקן געהייסן מאַטעסן אָפּשטעלן די קאָבילע און זיך געלאָזט אַהין מיטן שטעקן לויפן: מיט אַ מענטשן האָט ערגעץ אַן אומגליק געטראָפן! אָבער ווי נאָר פון וועג אַראָפּ, און נאָך פון דער ווײַטנס, צווישן די ליכטיקע בערעזעס, אין די לבנה־שנייען דערזען די אָפּגעהאַקטע פּאָסטאָראָנקעס אויפן האָרטשיק פון דעם ברייטן שליטן און אויפן דישל דעם שטיקל לעדער פונעם אָפּגעשניטענעם נאַשילניק... האָט שוין דער זקן ווײַטער קיין טראָט ניט געמאַכט, אויפגע־ציטערט געוואָרן און אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן איבער אַ דערבײַיקן בוים. ער האָט ניט געוואָלט אַפילו וויסן ווער ס׳קאָרטשעט זיך דאָרטן אין שליטן אויף דער שטרוי אינעם שוואַרצן פעלץ, און געזאָגט צו מאַטעסן:

— אַ געזונט אין דײַן סטיסיעס ביינער! — דערנאָך אויפגעהויבן דעם פּנים צו די הייכן: אַ דאַנק דיר, רבונו־של־עולם! — און מ׳איז אַוועקגעפאָרן ווײַטער, ווו אין די ווײַס־בערעזעווע שטילקייטן, אין די פאַרבאָרגענע יאָדלע־שווײַגענישן, ווייעט מיט וואַרעם בלוט פון אַן אויף שטיקער צעריסענעם האָז; ווו פון מאָל צו מאָל, און דאָך ווי אומדערוואַרט, און ווי פּלוצלינג, דערהערט זיך דער רויב־גרויליקער ווי־געשריי פון דעם פּילין... און די קאָסע באַזיל־בערטע לבנהדיקייט בויטעט ווײַטער די געדיכטע, די ערב־פּרילינגדיקע שוואַרצע וואַלדשאָטנס.

— ר׳ יצחק, — טוט אים מאַטעס אַ פרעג אין איינער שרעק. — ר׳ יצחק, איר גלייבט אין נסים? יענער, וואָס ליגט דאָרטן אין שליטן אַ צעבויקערטער, קאָן דאָך...

— איך גלייב, מאַטעס, אין דער העכערער השגחה! דער־וואָס־לעבט־אייביק וועט זײַן מיט איר. ווער ס׳פאַלט אויפן פנים פאַר דער בייזער שעה, ווער ס׳וויל ראַטעווען זײַן פעלעכל, דער מוז דערפאַר באַצאָלן מיט זײַן נשמה... סטיסיע וועט גיכער זיך לייגן אונטער די מילשטיינער, זיך לאָזן צעדריבלען און צעמאָלן זיך די ביינער, נאָר איר כבוד, איר ווערדע, איר נשמה וועט זי ניט פאַראומרייניקן... אָ, דאָס וועט זי קיין מאָל ניט טאָן! און אויב, מאַטעס, מ׳וועט זי חס־וחלילה צונעמען, מ׳וועט זי אַרויסרײַסן, סטיסיען, פון דער ערד, וועלן מיר דאָ אַלע ווערן די טאַטעס און די מאַמעס פון די צוויי קינדער... פאַר, מאַטעס, פאַר, די בלינדע שלאָגט זיך בײַ דיר אַראָפּ פונעם וועג. אַך דו, רבונו־של־עולם, סאַראַ פּורים־נאַכט דו האָסט אַראָפּגעוואָרפן אויף מײַנע הונדערט יאָר... פאַר, מאַטעס, פאַר, מיר קאָנען נאָך פאַרשפּעטיקן צום באַן.

און ער האָט ניט פאַרשפּעטיקט דער אַלטער באַיאַר. ער איז צום פאַרטאָגיקן באַן אַקוראַט און צו דער צײַט אָנגעקומען. און פאַרפאָרן איז ער אויך בשלום. און דאָרטן, אין דער אַרומיק־טומלדיקער, אין דער דערשראָקן־אויפגעהײַטערטער גרויסער שטאָט, נאָך האַלבן טאָג, — פון די אַרומגעשניטן־ברוינע קאַשטאַנען־ביימער האָבן זיך געשאָטן אויף די נאַסע פּירקאַנטיקע שאָסיי־שטיינער בליציקע טראָפּנס; דאָרטן, ווי נאָר פונעם באַנטרעפּל אַראָפּ מיטן געשניצטן שטעקן, מיט טלית און תפילין אונטערן אָרעם, — ניט פאַרגעסן פאַרן אַרויסגיין פון שטוב מיטנעמען, און אין וואַגאָן, צווישן דעם פרעמדן עולם, דעם טלית און תפילין אָנגעטאָן און מיטן פּנים צום זונאויפגאַנג זיך געשטעלט שחרית־דאַווענען און אויף אַ קול... דאָרטן, נאָך אויפן פּעראָן, גענומען פרעגן און איבערפרעגן, ווי אַזוי, מיט וואָסערע מיטלען און וועגן קאָן ער וואָס גיכער אַהין, צו דער טורמע זיך דערקלײַבן.

און ווען ער האָט זיך צו יענער תּפיסה, ווו ער איז אַ מאָל מיט גבריאלן, מיט דער מומע ליבע, מיט אַברהמען און מיט עקיבאַן העכער פינף חדשים אָפּגעזעסן פאַר זיי, פאַר חרותן מיט איוועָן... ווען זי, חרות, קומט דעמאָלט ניט אַליין, ווען זי ענטפערט זיך דעמאָלטן ניט איבער אין די הענט פון דער אָכראַנקע, וואָלטן זיי אַלע, אויך די טראַגעדיקע מומע ליבע, פאַרטריבן געוואָרן קיין סיביר אויף קאַטאָרגע; אַז ער האָט זיך שוין יאָ דערקליבן,

דער זקן, אַהין־צו, צו יענער תּפיסה, זײַנען שוין אַלע טיר־ און־טויערן געווען פֿאַר אים פֿאַרריגלט, פֿאַרקייטלט און אויף דרויסנדיקע הענגשלעסער גע־נומען. נאָר פֿון דער רויט־געמויערטער וואַנט דורך אַ פּירקאַנטיק טאַפּליעלע האָט געקוקט אויף אים, אויפֿן אַלטן באָיאַר, פֿון אונטער אַ בלויער אָקאָלישקע אַ קאַנאָפּליאַנע קודלע אויפֿגעשלאָגענע האָר. דעם אַלטנס לאַנגע ווײַסע באָרד איבערן פּעלצל מיט דער גרינער קרײַקע, די שוואַרץ־זײַדענע כאַלאַמידע, דאָס אָפּגעריבענע היטל אויף דער יאַרמלקע, דער הויכער געשניצטער שטעקן, דער עיקר אָבער דעם אַלטנס אויגן פֿון צווישן די כוואַליעס קנייטשן, האָבן יענעם ניט נאָר פֿאַרוווּנדערט, נאָר שטאַרק דערשראָקן:

— דיעד, — עפֿנט די קאַנאָפּליאַנע קודלע דאָס פּענצטערל, — ביסט אַ היגער?

— ניין, סינאָק, ניין. כ׳בין פֿון ווײַט. געפֿאָרן אַהער גאַנצע צוועלף שעה.

— הם... מ... און וועמען האָסטו דאָ?

— קינדער האָב איך דאָ, קינדער, סינאָק, צוויי קינדער.

— טאָקע דײַנע?

— מײַנע, סינאָק, מײַנע. טאָקע מײַנע. אייגענע.

— וויפֿל ביסטו אַלט?

— הונדערט, סינאָק, הונדערט. הײַנטיקע נאַכט האָט אויסגעקלאַפּט הונדערט.

— הײַנטיקע נאַכט, זאָגסטו?

— יאָ, סינאָק, הײַנטיקע נאַכט. הונדערט...

— ווי אַזוי זײַנען די פֿאַמיליעס פֿון דײַנע קינדער?

— באָיאַר, סינאָק, באָיאַר. פֿון דער פֿאַמיליע באָיאַר... כּײַרוס באָיאַר, אַווראָם באָיאַר, איווע באָיאַר, דאַניעל באָיאַר... אַלע באָיאַרס!

— העי, דיעד, פּלאָנטער ניט! דו האָסט דאָך נאָר וואָס געזאָגט, אַז דו האָסט דאָ נאָר צוויי?

— יענע, סינאָק, יענע צוויי זײַנען מיר אויך ווי אייגענע קינדער. ביידע, איווע און דאַניעל, ביידע, סינאָק, ביידע ווי פֿון מײַן קנאָכן אויסגעשניטן. סינאָק... סינאָק!

— וואַרט דאָ צו, דיעד, וואַרט דאָ צו... — און יענע קאַנאָפּליאַנע אויפֿגע־

שלאָגענע קודלע אונטער דער בלויער אָקאַלישקע, וואָס האָט זיך אָקערשט געוויגט פאַרן זקנס אומבאַהאָלפן־מאָגנענדיקע אויגן אין דעם סוף־טאָגיקן אָפּענעם פענצטערל, ווערט אין איין בליק פאַרשוווּנדן, און אין דעם פיר־קאַנטיקן טאָפּליעלע הוידעט זיך שוין אַ שפּערל אויף אַ צווייַגל. דער אַלטער באַיאַר טוט זיך אַ דריי אויס: אויפן נאַקעטן קאַשטאַנען־בוים הוידעט זיך טאַקע אויף אַ ברעקל צווייגל אַ וואָראָבעלע... פאַרמאַכט דער זקן די אויגן און שפּאַרט זיך אָן נאָך שטאַרקער אויפן שטעקן, וואָס האָט געראַטעוועט סטיסיעס ייִנגל פון אַרייַנפאַלן אין טייַך אַרײַן.

— רבונו־של־עולם, — נעמט זיך יצחק באַיאַר בעטן בייַם באַשעפער פון אַלע וועלטן, — פאַרלאָז מיך דאָ ניט, זייַ דאָ מיט מיר בייַ די טויערן פון דעם־אַ גיהנום. זע ס׳זאָל דאַרטן ניט פאַרהאַקט ווערן דאָס קרישקעלע פענצטערל פון רחמים בייַ דעם גוי אין האַרצן... מיט עפּעס שרעקן אים מייַנע הונדערט יאָר, מיט עפּעס שרעקט אים דער שטעקן, נאָר ווי מיר דאַכט, שרעקן אים באַזונדערס מייַנע אויגן... בעט איך דיך, גאָט אין הימל, זאָל דער טראָפּן געבענטשטער פּחד אין זייַן האַרצן ניט אויסגעטריקנט ווערן. זאָל דער לעצטער פונק מענטשלעכקייט אין אים ניט אויסגעלאָשן ווערן. — און דער אַלטער באַיאַר שפּאַרט זיך דערבייַ אָן מיט ביידע הענט, שוין מיט אַלע זייַנע כּוחות, אויף דעם שטעקן, ווי אויך ער, דער זקן, וואָלט פלוצלינג געבליבן הענגען איבער אַ פּאָלאָנקע, ווו די קרירה־וואַסערן דערגייען אים שוין ביז צו די אַקסלען.

און בייַ יצחקן, ווי תּמיד פאַרן וואַרטן אויף אַ שטאַרקן קלאַפּ פונעם גורל, נעמט זיך איינבויגן און אויסקייַלעכיקן דער רוקן... ער אָטעמט שווער און קוקט פון הינטער די ווייַעס זייער אָנגעשטרענגט, ממש מיט שרעק, אויף דער ווייַסער זון, אויף דער גרויסער האַרעפּאַשניצע פון דער וועלט, ווי זי נידערט אַ מידע איבער די שנייוואַסערן, וואָס ריזלען פון די בערג.

און דאָ, גראַד בייַ אָט דעם ליכט, בייַ אָט די יאָגנדיקע שפּיגל־וואַסערן, פאַלט ער אַרייַן, דער זקן, אין יענער ווייַטער נאַכט פון די פרייִאַריקע סטאַוו־וואַסערן, וואָס האָבן דערטרונקען די גערטענער, דעם שליאַך אַריבער, און צו דער אַלטער קרעטשמע אויפן בערגל זיך דערקליבן; אין יענער נאַכט,

נאָך עקיבאס פלוצעמדיקן אַרײַנקומען, האָט זיך אויך באַלד זי, חרות, אויפֿן שוועל באַוויזן... און ער, יצחק, האָט איר דאָרטן, דער טאָכטער, וואָס צען יאָר איר נאָמען ניט געוואָלט הערן, גלײַך טאַקע אויפֿן שוועל געזאָגט: איך וויל ניט. דו הערסט, איך וויל ניט אַז דו זאָלסט וואַרפֿן דײַנע לוחות... פֿון אַ תורה קאָן זיך אָפּזאָגן נאָר דער, וואָס האָט פֿאַר איר קיין בלוט ניט פֿאַרגאָסן. אָבער דיר קאָסט דײַן תורה אַ סך בלוט און אַ סך יסורים... איז גיי דיר מיט דײַן וועג ווײַטער, זאָל זיך עקיבא פֿאָרן אויף זײַן כּישוף־וועגעלע, זאָל זיך שיפרה גיין מיט איר וועג, און איך וועל מיר גיין מיט מײַן וועג. לאָמיר אַלע גיין! ערגעץ אויף די וועגן דאַרף דאָך און ס׳מוז דאָך געלייזט ווערן אונדזער גורל. און אויך דער גורל פֿון דער וועלט... זײַנען מיר אַלע געגאַנגען, און מיר זײַנען אַלע דערגאַנגען!...

דער זקן רײַסט אויף די וויִעס: די זון פֿאַלט מיט אַ שטראָם וואַסער פֿון אַ הויכן באַרגאָפּריס אין טיפֿן טאָל אַרײַן, און אין דער געדיכטער בלויקייט פֿון די הימלען פֿאַרבלײַבט אַ פֿײַערדיקער קנויל. אויפֿן שפּיץ צווײַגל וויגט זיך נאָך אַלץ דאָס וואָראָבעלע אין דעם פֿירעקעכדיקן טאָפּליעלע.

דער שטעקן קאָן אים שוין מער ניט אונטערהאַלטן, לאָזט ער זיך, דער זקן, פּשוט אַראָפּ אויף דער פֿײַכטער ערד, בײַ דער תּפֿיסה־וואַנט, דעם טלית־און־תּפֿילין אויף די קני, דעם שטעקן אָנגעשפּאַרט אין אַקסל, ווישט די שפּיצן פֿינגער אין דער קאַפּאָטע, און דאַוונט מינחה, זיצט שמונה־עשׂרה, ווײַל שוין ניט ביכולת פֿון דער ערד זיך אויפֿהויבן, און קוקט מיט גלויבן, און וואַרט מיט אַלע רמ״ח אברים, אַז אָט וועט זיך דאָס פֿענצטערל באַלד אויפֿעפֿענען.

און דאָס פֿענצטערל, שוין בײַם סאַמע טאָג־פֿאַרגיין, עפֿנט זיך טאַקע מיט אַ מאָל אויף, און די קודלע האָר, שוין אויך אַ טונקל געוואָרענע, רופֿט מיט אַ פֿינגער צו זיך... שפּרינגט ער אויף, דער אַלטער באַיאָר, ווי אַ יינגל, און לויפֿט צו מיט אָנגעשטעלטע אויערן.

— סינאָק, יאָ?

— ניין, דיעד, ניטאָ דאָ פֿון דײַנע שוין קיין איינער.

— שוין ניט?.. איז וווהין, סינאָק, זײַנען זיי אַהינגעקומען, וווהין, וווהין?

— דאָס, דיעד, ווייס איך ניט. כ׳האָב געפֿרעגט אין אַלע קאַמערן,

כאָטש דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן. נאָר וואָס איז עס בײַ דיר פאַר אַ שטעקן ?

— אַ דעמבענער, סינאָק, אַ דעמבענער. ניט מײַנער... האָט דאָרטן אפשר עמעצער אין די קאַמערן, סינאָק, מײַנע קינדער געזען ?

— פאַראַן דאָרטן איינע, וואָס איז געזעסן מיט דײַניקע, נאָר...

— סינאָק, כ׳וועל פאַר דיר ביזן סוף פון מײַנע טעג גאָט בעטן אַז ער זאָל דיר מוחל זײַן די זינד... און דו ביסט דאָך, סינאָק, שטאַרק פאַרזינדיקט פאַר גאָט און פאַר מענטשן.

— פון וואַנען ווייסטו עס, — פרעגט יענער שטאַמלענדיק פון באַפאַלענער שרעק. — ווער האָט עס דיר דאָ געקאָנט זאָגן ?

— קיינער, סינאָק, האָט מיר דאָ גאָרניט ניט געזאָגט... קיינער ניט... נאָר דאָ זײַנען די הענט בײַ אַלעמען אין בלוט... איך וועל פאַר דיר, סינאָק, גאָט בעטן... באַווײַז מיר, סינאָק, דעם מענטשן, וואָס האָט געזען מײַנע קינדער. אויב דו ווילסט וועל איך פאַר דיר אויף די קני פאַלן !...

— אַלטער, דו האָסט שוין אָפּגעלעבט הונדערט יאָר ! — רוקט זיך מיט אַ מאָל פון פענצטערל אַ האַלבער פנים, אַן אָנגעגאָסענער מיט רויטער רציחה, און שטאַמלט ווײַטער פון שרעק אַרויס. — ניט מיט מײַן גוטן ווילן, אַלטער, שיס איך דאָ מענטשן בײַ נאַכט און וואַש דערנאָך אָפּ זייער בלוט פונעם צעמענט... זע, אַלטער, קוק, איך בין שוין אין גאַנצן גרוי, און מיר איז ערשט זעקס און צוואַנציק יאָר... דיעד, שוין אַ יאָר ווי איך בין פאַרמישפּט צום טויט ! דו הערסט, דיעד ? אַז איך שיס יענע, לעב איך... יענע איז דאָך שוין אַלץ איינס ווער ס׳וועט זיי שיסן... דיעד, דו זעסט, מ׳האָט מיר אַפילו אָנגעטאָן אַן ענקאַוועדיסטסקע היטל ! קוק ניט אַזוי אויף מיר מיט דײַנע גרויע אויגן, קוק ניט אַזוי... דיעד, דיעד, איך וויל לעבן ! איך האָב מורא פאַרן טויט... — און דאָ ווערט דאָס פענצטערל פאַוואָלינקע, און אויך ווי שטאַמלענדיק־שטיל, פאַרמאַכט. אַ פּאָר רגעס זעט נאָך דער אַלטער באַיאַר אינעם טאַפּליעלע אַ שאָטן פון אַ מענטשן... און אויס ! אַן אויפגעטרייסלטער פון יענעמס רייד, פון יענעמס שרעקלעכער ווידוי, שפּאַרט זיך אַן יצחק באַיאַר אין דער וואַנט אויף ניט אומצופאַלן. נאָר דאָ, ווי פון דער ערד, קריכט אַרויס אַ שינעל מיט אַ ביקס און שטופּט אים, יצחקן, אין דער פּלייצע :

— פראָוואַליוויַי, סטאַרי כרען, פראָוואַליוויַי! פאַרנעם זיך פון דאַנען, אַלטער כריין, פאַרנעם זיך!

און דער אַלטער יצחק באָיאַר שפּאַנט וויַיטער מיטן טלית־און־תּפילין אונטערן רעכטן אָרעם, מיטן הויכן, מיט דעם אין סוד־פאַרהילטן, שטעקן אין דער לינקער האַנט, דער רוקן איז אים אויסגעגלייַכט, — דער קלאַפּ איז דאָך שוין נאָר וואָס דערלאַנגט געוואָרן מיטן גאַנצן אַכזריותדיקן כּוח:

— ניין, דיעד, ניטאָ דאָ פון דייַנע שוין קיין איינער!

און דער סוף־טאָג פאַרלאָזט אים, דעם זקן. דער ווינט לעשט אויס די לעצטע שקיעה־שייַנען אויף די בערג און די גראַקן שלאָגן זיך מיט געפילדער פאַר איטלעכן צווייַג אויף די אָסאָקאָר־ און יאַשינע־ביימער; און ערגעץ קלינגען די טראַמווייַען, און דער ראַדיאָ־הילכער שפּילט אויס אַ קאַמאַרינסקע. און די פּריַיאָריקע וואַסערן פאַלן מיט פאַרטומלעניש אין טאָל אַרייַן:

— ניין, דיעד, ניטאָ שוין דאָ פון דייַנע קיין איינער!

ס'שמעקט גוט מיט אָנגעיוירטע ווייַנשל־קנאָספּן, מיט נאַסער זילבער־ווערבע און מיט אָנגעווייקטן טייַך־קאַמיש... ניטאָ שוין דאָ! איז ווו זייַנען זיי? וווהין האָט מען זיי אַוועקגעפירט? לעבט זי נאָך מייַן טאָכטער, חרות? זי איז דאָך אַ מאָל געווען אין טראָצקיס סוויטע... נאָך וואָס האָט מען זי פון דאָרטן, פון מאָסקווע, אַהער־צו געפירט? און וואָס איז דאָ מיט מייַן זון, מיט אַברהמען, געוואָרן? און מיט גבריאלס טאָכטער, מיט איוועך, וואָס שוין אַריבער דרייַסיק יאָר האַלט זי אין איין צאָלן מיט איר לעבן? און וואָס איז דאָ געוואָרן מיט זיי, מיט דער מומע ליבעס קינדער, מיט דניאלן און שיפרהן? רבונו־של־עולם, ווער וועט מיר דאָ אויף דעם אַן ענטפער געבן? און אפשר האָט שוין אויף אַלע מייַנע שאלות צו דיר, רבונו־של־עולם, געגעבן דעם ענטפער יענער, פונעם פענצטערל?... האַ?

(סוף דריטער באַנד)